STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09756

SHLIAKH UN UMVEG

Yisrael Kaplan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל קאַפּלאַן

*

שליאַך און אומוועג

[illegible]

א מתנה צו מײַן [illegible]

[illegible]

ישראל קאַפּלאַן [illegible] 22.X.65

ישראל קאַפּלאַן

שליאַך און אומוועג

דערציילונגען

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
1964

ISRAEL KAPLAN

SHLIACH UN UMWEG

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str. Tel-Aviv, Israel

ישראל קאַפּלאַן / שליאַך און אומוועג

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל, תשכ"ד
Printed in Israel 1964

דפוס ,אורלי׳, ת"א טל. 32062

שליאך און אומוועג

✶

דערציילונגען

אָפּהילך

א.

שווער פּויזעט דאָס האַנטוועגל באַרג אַרויף. ביי יעדן ברוקשטיינדל טרייסלט זיך וואָס אַרונטער פון קויפּ קערבלעך, פון די צעקראָכענע טשעמאָ־דאַנעס און בינטלעך שמאַטעס. שווער אָטעמט דער איינגעשפּאַנטער וועגלניק קעגן שטייענדיקן באַרג און שוימט אויף דער ביטערער פּרנסה. נאָך שווערער פּרייכט דעם וועגל־אַנאָך מיט געפּענטעטע טריט און פאַרכאַפּטן הוסט דער באַלעבאָס פון די זאַכן אַליין. דאָס צעאַקערט־שרויפיקע געזיכט און זיין פאַרטייעטער בליק גליען מיט איינגעפּאַלענע שפּורן פון אַ רייך־פאַרגאַנגען לעבן און רייסן זיך צו פאַרטראָגן יעדן געניטן אויג אַזש צו דעם גרויסן אַלעקסאַנדער פּוקס, דעם אַמאָליקן שטערן פון יידישן טעאַטער. ווען און ווו, — איצט פּילט ער שוין אויף זיכער, דער פאַרגעסענער מייסטער: דאָ, מיטן פאַרקריכן אַהער, אין די אָפּגעלעגענע הינטער־געסעלעך, דערקייקלט זיך זיין לעבן באַרג־אַראָפּ!..

אויף אַראָפּ גייט עס אים, דעם אַלטן אַלעקסאַנדער — שלעכט, אַלץ אויף אַרונטער.

ער שפּאַנט קעגן באַרג, סאָפּעט קוים מיט טרייסלדיק טריבנע נאָזלעכער. זיינע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן ציען אין זיך מיט אומרו דעם גאַנצן אַרום. געציילטע מאָל איז ער דאָ, אין די באַרג־געסלעך, — אָבער ווי גוט אים זיינען אָט די מקומות באַקאַנט! אַ לעבן האָט ער אויסגעוואַנדערט מיט אַ וועלט טרופּעס, איז אים ניט איין מאָל אויסגעקומען צו זוכן מאַטעריאַל פאַר זיינע אַרטיסטישע ראָלעס, אָפּפרישן דאָס אויג מיט צאַפּלדיקן לעבנס־שטיי־גער, זען אַן אמתע סצענע. טאַקע אין אָט אַזוינע לעכער פלעגט ער דאָס מיט חברה לאָזן זיך אויף דערטאַפּן די גאָר געפאַלענע און אָפּגעלעבטע טיפּן,

אויפכאַפּן אַ פּאַרשייט בילדל. ער דערקענט זיי שוין די צעקרימטע געסעלעך מיט זייערע דומפּיקע ריחות און פאַרדעכטיקטן אַפּשיין. הונדערטער אַפּפאַל־מענטשן וואַרפן זיך דאָ אַדורך, און יעדער זוכט זיך אַ שטיקל אָרט.

היינט איז זיין ריי, די ריי פון גרויסן באַרימטן אַקטיאָר אַלעקסאַנדער פּוקס. אַ וועלט אַ גאַנצע פאַרהאַקט פאַר אים טיר און טויער. ער זאָל זיי ניט מאַטערן, בעטן זיך מענטשן ביי אים, זאָל ער שוין אַ מאָל אויפהערן מיטן פאָדערן איינזעעניש פאַר אַן אַלטן צעבראָכענעם מייסטער. אין אַ קהלשן הקדש־שפּיטאָל האָבן אים חשובע לייט געעצהט זיך אָפּלייגן „אויף וויפל נאָר ער וויל". זייער לייטזעליקייט איז שוין דערגאַנגען אויף אַריינשפּאַרן אים אין אַ מושב־־זקנים. אָבער ניין! פאַר זיין אַרטיסטיש לעבן האָט ער דורכגעוואָגלט מרחקים, שוין געוואָלגערט זיך אין בוידן, גענעכטיקט אין פעלדער און אויף פּאַרקבענק, — אָבער זעלבשטענדיק, פאַר זיך, פויגל־פריי. וואַרפט ער זיך שוין בעסער אַהער, אין די געפאַלענע געסעלעך פון דעם באַרג. וועלן אים נאָך מענטשן דאָ ווי שאַנעוועז ?

קיינעם דאָ גייט ניט אָן קיין נייער מענטש. ניט מער, די קרומאוויגיקע פאַרהאַוועטע יידענע פון קעלערל, וואָס ביי איר טיר האָט זיך דאָס האַנטוועגל געגומען אויסליידיקן און זי האָט עס לויטן אָפּרייד פאַר עטלעכע שעה צוריק געדאַרפט געבן אין איר דירה אַן אָרט פאַר דעם אַלטיטשקן מיט זיינע זאַכן, — זי האָט ביי אירע אַלע צען פאַרדרייעניש בפירוש ניט פאַרגעסן צו וואַרפן אַ בליק אויף די צעקנייטשטע צילינדערס, אַלטמאָדישע פראַקן און סתם שמאַטעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן לעבן איר נייעם קוואַרטיראַנט. ניין, עס זאָלן זיך ענדיקן די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט שוין איינגעצאָלט, איז נאָך דעם ניטאָ אויף וואָס זעענדיק צו איינהאַלטן פאַר דירה־געלט. טאָקע דערפאַר געפעלט איר באַלד ניט זיין שאַרן זיך מיט די בעבעכעס אַלץ טיפער אין שטוב, נענטער אויבן אָן. שאַדט ניט אָט די לייט באַצייטנס צו דערמאָנען :

— אַ שטייגער ווו מיינט עס אַ מענטש איז ער אַריינגעפאָרן, אַוודאי אין גרעסטן האָטעל ?...

— אָך לעבן זי וואָהל, גנעדיקע פראַו — פּרוווט זיך פייערלעך ווערן אַלעקסאַנדער פּוקס, אַרויסשטעלנדיק זיין סאַמעטן אָפּגעקראָכענעם וועסטל

און וואַרפנדיק לשון פון זיינע אַמאַליקע פאַרדייטשטע ראָלעס. — האָבע איך דאָך מיט איהנען געשפּראָכן. איך בין אַ קינסטלער, דאַרף אָפּט אַ גאַסט אויפנעמען, אונד עהרווירדיגע לייטע. איר פאַרשטייט, באַלעבאָסטע האַר־צעניו... דערצו קאָן איך לעבן טיר ניט שלאָפן, ווייל אַ מאָל אַ ווינט, אַ צוג. וויסן זי, פּילייכט ווערט גאָר קירצלעך איין בענעפיס לכבוד מיר איינגעאָרדנט ווערן. גאָט בעוואהרע, איך זאָל די שטים פאַרקילן!..

— היינט יעדער שלאַק מיט זיין אָנשטעל... געוויזן דאַכט שוין עטלעכע מאָל אַן אָרט. ווייסעך וואָס אַ מענטש פאַרדייטשעוועט מיר אַ קאָפּ!..

ביז אָונט בלייבט נאָך אָבער פוקס ניט געוווסט ווו געגעני זיין געלעגער קאָן דאָ אויסקומען אין אָט דעם ענג פאַרשטיקטן קעלערל מיט די אַזוי פיל אָנגעוואָרפענע זאַכן. ער וויס נאָר, אַז צו אים האָבן דאָ נאָך אַ סך אַן אָפּלע־גער. די ברייטע פּאָליצעס אין דער הייך פאַזע־אַרום די בלינדע ווענט ווינקען אים צו, אַז אַחוץ דעם אויסגעלייגטן דיל מיט מענטשן קומט ביינאַכט דאָ צו נאָך אַ נישקשהדיקע שלאָף־גאַלעריי. אַ יושר נאָך פון דער באַלעבאָסטע, וואָס הייסט אים ניט קלעטערן אויף דעם צעוויגטן לייטערל און זיך איינאָר־דענען דאָרט אויף די פּאָליצעס.

דערווייל־וואָס האָט זיך אַלעקסאַנדער אָנגעטאָן אַן אַלטן טערקישן כאַ־לאַט, אַ בונט־רייסיקן, און אַ פּאָר געבלימטע שטעקשיך צעטראָגענע. ביים זומערדיקן נאָכמיטאָג האָט ער זיך ברייטלעך באַזעצט אין געסל אויף דער לאַנגער באַנק פאַר דער שטוב און מיט אַ קאַמערטאָן זיך פאַרצויגן אַ ניגון. דאָס האָט שוין געמאַכט קערן אויגן צו אים. קינדער האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען קלייַבן באַלד האָט ער זיך געמיטלעך אַרויסגעטאָן באַגולטע פּענסנע און גענומען איבערקלייבן צעקראָכענע אויסשניטן פון אַלטע צייטונגען און זשורנאַלן. חברה קליינוואַרג האָט זיך געוואָרפן אויף די פאָטאָ־בילדער, וואָס זיינען געווען מיט אַזוינע פּאָזעס. אַנדערע האָבן אויך געקענט לייענען די גרויסע ווערטער: אַלעקסאַנדער פוקס.

— איר דערקענט דאָ דעם מענטש פון אָט דעם בילד?.. — פּרוּווט דער אַלטער אַ שמועס טאָן כאַטש מיט די. — דאָס איז פון אַ זשורנאַל אַזש פון אַמעריקע. האַ, געווען אַ מאָל דער גרויסער אַרטיסט? אַ גאַזשע געקראָגן ניט מער און ניט ווייניקער ווי פינעף הונדערט דאָלער אַן אָונט!..

זיך פֿאַררוט אַ ביסל, נעמט זיך אַלעקסאַנדער גרייטן צום אַרויסגיין ווידער איבער דער שטאָט. לאָזן אין גאַנצן שוין איינשלאָפֿן די בענעפּיס־ענינים — טאָר ער דאָך אויך ניט. קען אים גראָד היינט געלינגען אַ וועק צו טאָן כאָטש איינעם, אָט אַ וועלכן יחיד!.. ער ציט אַריבער אַ גראָבע באַגולטע זייגערקייט אויף זיין קאָלירטן סאַמעטן וועסטל; די איינצלנע האָר זיינע צעוואָרפֿט ער קונציק איבערן גאַנצן פֿליכעוואַטן קאָפּ. צו די העמד־אַרבל שפּילעט ער צו אַ פּאָר שמוציקע שטייפֿע מאַנזשעטן און טוט אָן אויף די פֿינגער משונהדיקע גראָבע רינגען. פֿון אויבן אויף זיך טוט ער אַרויף אַ פֿאַרשמאָלצן און צעקאָדערטן פּראַק און אַ צילינדער. דערביי פֿאַרגעסט ער ניט אַריינצושטאָפּן אין די קעשענעס פּעקלעך אָפּגעקליבענע צייטונגען. אין גאָס ווייזט ער זיך אויך מיט ברודיקע לייקענע הענטשקעס, אין מויל שפּרינגט אַרום אָן אַלט שטיקל ציגאַר, ניט אָנגעצונדן, און פֿאָרויס אַ שטעקן מיט אַ ברייטן מעטאַלענעם קאָפּ.

— וואָס קוקט איר מיר אָן, מאַדמואַזעל? — איז פּוקס שוין ביים אַרויס־גאַנג גרייט צו פֿאַרפֿירן אַ שמועס מיט מענטשן און ער נעמט אָנציען אַ טאָכטער אַ יונגע פֿון דער באַלעבאָסטע. — איר זעט, ליבעס קינד, דעם שטאָק מיט דעם ריינעם זילבערקאָפּ? איך פֿאַרקויף אים ניט פֿאַר הונדער־טער! אַ מתנה פֿון פֿאַרערערס צו מיינעם אַ יובליי־בענעפּיס. אַ לאָנדאָנער פּובליקום פֿאַרשטייט אַ ביסל בעסער צו אַכטן אַ קינסטלער!..

דער באַלעבאָסטע ווידער האָט ער באַזונדער וואָס צו זאָגן:

— הערט נאָר, מאַדאַמעניו, קומט מען פֿרעגן אויף מיר, זאָלט איר וויסן אויף אַלע מאָל, אַז מיין אויפֿנעם־שטונדע איז טעגלעך פֿון פֿיר ביז זעקס נאָכמיטאָגס.

— כל׳דאָס למען השם געדענקען... — באַגלייט זי אים אַרויס מיט אַ נאָכקרים פֿון הינטן און ווינקט זיך קלוגעטשקע איבער מיט די ווייבער וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט די נעזער צו דעם הילוך פֿון דעם פֿאַרשוין. אויף זייערע אַלע פֿראַגעס האָט זי נאָר דעם ענטפֿער:

— פֿאַר אַ וואָך פֿאָרויס האָט ער באַצאָלט.

ב.

שפּעט אין אָוונט שלעפּט זיך פוקס צוריק צו זיין רו. ער פילט זיך ווי יעדן מאָל נאָך זיינע אַרומבלאָנקעניש איבער די הויכע פענצטער — אויס־געמאַטערט, צעבראָכן, אויסגעשפּאָט און ביזן ביין באַליידיקט. אַבי מען האָט אים אין דער וועלט אַלץ צוגערעדט זיך לאָזן אין די מיזרח־אייראָפּעאישע שטעט, ווו מען קריגט איינזעעניש פאַר אַן אַלטן מייסטער! אַז ער האָלט זיך קוים אויף די פיס און שוין טעג ווי ער האָט כמעט ניט געהאַט אין מויל, — ווּעמען גייט עס אָן פון די גרויסע עסקנים, טעאַטראַלן און „קונסט־מעצע־נאַטן" !..

זיין גייער ווינאַרט זעט ביי דער נאַכט אויס שוין גאָר אַנדערש. די געסל־מענטשן קריכן צונויף צוריק פון אַלע עקן שטאָט. טיר און פענצטער זיינען צעעפּנט פאַרן זומערדיקן אָוונט. ביי די קאָרידאָרן און טרעפּ, אויף די הויפן און לעבן די הייזער לאַגערן כאָפּטעס מענטשן. אַ געפּילדער הייבט פון אַלע זייטן. אין אַ ווינקל גאַס פליען קאָרטן באַגלייט מיט מעסער־אַנשרעק. דערביי דאָרט קאָנען מאַרעוויכערס און חברה־בלאַט זיך ניט צעטיילן מיט זייערע שותפותדיקע פאַרדינסטלעך. אַ דינגעריי און בייטעניש פון סחורה גייט אָן צווישן טענדלערס און „האַנדעלעך" פון שמאַטעס און בראָכוואַרג. דאָ־ערגעץ אַמפּערן זיך שכנים און עס טראָגן זיך היימישע קללות. אין אַ צווייטער זייט געסל גייט אָן אַ ברייטע הוליאַנקע. חברה מאַכט אַ שנאַפּס און לאָזט זיך ווילגיין מיט געזאַנג און ווערטלעך. אויבן אָן האָט מען דערטאַפּט אָוועקצוזעצן אַן אַלטן און פאַרוואָגלטן מיליטער־מאַן אין אַ צעקאָדערטן מונדיר מיט ברייטע אויסגעהאַפּטע עפּאָלעטן. „זיין הויך וויל־געבוירן הער גענעראַל!" — קלאַפּן אים צו די בייזיצערס אַ כוסע און ציען אים אָן מיט באַרימערישע זיכרונות. אַ ביסל ווייטער גייט אָן אויף אַ פרייען פּלאַץ אַן איינלייגעניש און קולאַקעס־געשלעג צווישן די געסל־גיבו־רים. אין דעם גאַנצן אַרום רייסן איין הייזעריקע גראמאָפאָנעס, קאַטערינאָרן שטייען ניט אָפּ מיט זייער געצייג און קונצן־מאַכערס ווייזן אויך וואָס זיי קענען. די געסל־פראַנטן און קאָקעטעס פּאַרגלוסט זיך שוין אויך אַ טענצל. אַלעקסאַנדער דערקלייבט זיך קוים צו זיין קעלער־שטיבל, וואָס איז

שווין איצט באַלייגט מיט מענטשן. ער נעמט זיך איינאָרדענען דאָרט ווו די באַלעבאָסטע ווייזט אים געַנוי. ביים פאַרטיילן אַן אָרט אין איר שטוב, פּלייסט זיך די יידענע צו פעסטשטעלן דעם סאָרט קוואַרטיראַנט און אַוועקלייגן אים לעבן זיינעם אַ פּאַסיקן. האָט זי אַלעקסאַנדערן געגעבן אַ פּלאַץ לעבן אַ שלימזל אַ מאַטעמאַטיקער, וואָס נישטערט אַ לעבן אויף טעכנישע דערפינ־דונגען און זיינע קעשענעס זיינען אַלע מאָל אָנגעפּראָפּט מיט מאָדעלן־צייכע־נונגען. דורך בריוו רייסט ער זיך אויך אַרום מיט אַ וועלט וועגן פּאַטענטן און פאַרטוט ביז אַ לעצטער פּרוטה אויף פּאָסטמאַרקעס. פון דער צווייטער זייט איז זיין שכן אַ צעיאָגטער און קודלאַטער מענטשל. אַרומגעלייגט איז דער מיט צעפליקטע חקירה־ספרים און כתב־ידן. שטענדיק פאָרקעט ער זיך מיט וואָס אין מויל און האַלט האַרט ביי די צונטער־אויפגעלאָפענע אויגן אַ וועלכע שריפט. פוקס האָט זיך פאַרקאַנורעט צווישן זיינע זאַכן. הונגער און שוואַכקייטן דרייען אים צוזאַמען מיט קאַלטן שוידער אויף דער האַרטער דיל. קנאַפּ וואָס וואַרעמט אים אויך דער צודעק פון זיינע פראַקן און מייז־צעפרעסענע מאַנטלען. שווער גייט מיטן כאַפּן אַ דרעמל אויף דעם נייעם געלעגער. די פּאָר שכנים זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ וויכוח און מיט פלאַמיקן ברען ווילן זיי דווקא איינער דעם צווייטן פסלען. די באַוועגונג אין שטיבל און טומל פון דרויסן ראַצט אויך ביים מוח. גאָרניט העלפט דאָס נורען זיך טיפער און קנוילן זיך אַלץ מער אונטערן באַרג בגדים. פון גאַנצן יריד אַרום כאַפּט זיין אויער אויפשליגגען אַן אויסגעריבענע פלאַטע וואָס צעשפּילט זיך איבער דעם געסל. די אַלטוואַרג־ און שמאַטעס־הענדלער קוקן עס איבער און פרוּוון אַדורך זייערע איינגעהאַנדלטע סחורה פאַרן טאָג. אַלעקסאַנדערס אויפגעשפּיצטער געהער נעמט פלינק אויסשיילן דאָס האַרציקע לידל פונעם גאַנצן האַרמידער אַרויס:

ישראליקל דו יתומל,
ישראליקל מיין וויי,
יעדער רייסט דיך, יעדער צופּט —
און דאָך קיין האָן אַ קריי!

ווו איז דיין גרויסער ייחוס,
אַווו דיין זעלטן פּראַכט, —
אַז ווער אַ האַנט נאָר האָט,
דער גרייט דאָך דיר אַ שלאַכט!

אפהילך

נעמט דעם עולם די פלאַטע, און שוין ווערט זי איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט. דאָ שפּרינגט אַרויס דער זעלבער זינגער מיט אַ פּיפּיק האָפּקע־לידל, ממזריש באַגלייט פון צונג־ און פינגער־געקנאַק:

אוי ווײ, פּעשע,
אַ טרולאַ, טראַ־לאַ־לאַ,
ביסט דאָך מיר ליב ווי שטעשע!

אוי ווײ, ברײנע,
אַ טרולאַ, טראַ־לאַ־לאַ,
רייצסט דאָך מיך ווי טרײנע!

אוי ווײ, גנעשע,
אַ טרולאַ, טראַ־לאַ־לאַ,
לאַקסט דאָך מיך ווי ריינע!

אוי ווײ, סימע,
אַ טרולאַ, טראַ־לאַ־לאַ,
האלדזסט דאָך מיך ווי רימע, —
און איר אַלע זייט דאָך פרימע!..

פון דעם לידל איז עולם גאָר בגילופין. וואָס קאָן כּאַרן טאָג ניט אַריינפאַלן ביי אַ שמאַטניק אין זאַק! ווי רופן זיך אָט די ביידע לידלעך אויף דער פּלאַטע? ווער איז דער זינגער? די אויפגעקלערטסטע אויגן אין געזאַמל אַרום קענען עס ניט ארויסהאָבן. די פּלאַטע האָט שוין אַ רעכט ביסל יאָרן, ערטערווייז געשפּאָלטן, די אויפשריפטן אָפּגעקראָכן.

— איז טאַקע נאָך אַ מאָל — באַפוילט חברה — נאָך אַ מאָל אַוועקלאָזן אָט דאָס פריילעכע לידל!

— און איך זאָג: ניט!!! — רייסט זיך אַדורך מיט וויגעווודיקע פּלייצעס צווישן געדראַנג אַלעקסאַנדער פוקס, האַלב־נאַקעט, פיבער צע־שווידערט, מיט צעפלאַמטע אויגן. ער טוט געשווינד אַ כאַפּ די פּלאַטע, שטייפט זי אַצו צו זיך. ער פּרווט נאָך וואָס מורמלען, אָבער ער בלייבט צו קורץ מיט אָטעם.

די געסל־מענטשן באַווייזן קוים אָנקוקן דעם פּאַרשוין, פרעגן פון וואַנען ער האָט זיך דאָ גענומען, — ווי דער באַקומט שוין ווידער לשון:

— ניין, ניט שפּילן, צעברעכן!!.. אָט די שטים, די פריילעכע שטים פונם פּלאַטע־זינגער, וויל עסן!.. בלוט מיינס!.. אויף די ווערטער פון די לידער האָט געדאַרט אָט דער מוח; די מעלאָדיעס, ווידער מיינע; אַלץ מיינע! אַהאַ, פון אַלעמען פאַרלאָזן, אויסגעחוזקט, באַעוולט. אַפילו די מור־

זיק־געזעלשאַפטן, די שווינדלערס, האָבן מיר צעדרייט פּאַר פּלאַטן!.. ווערט אַלע געבראָכן!!!

אַ רציחותדיקער בראַזג שפּרינגט אָפּ פון די ברוקשטיינער. איבער די שערבלעך פון דער פּלאַטע ברעכט זיך באַלד גליווערדיק אַרונטער אַלעקסאַנדער פוקס. — —

שפּעטער אַ ווײַלע איז אַלעקסאַנדער געזעסן אַ דערמינטערטער מיט אַ קאַלך־פּנים און טויט־צעגלאָצטע אויגן צווישן די הוליאַנקע־לײַט אויבן אָן לעבן דעם אַלטן מיליטער־מאַן. עס נעמט ניט זײַן האַרץ קיין עסן. דאָס בראַנפן וואָס מענטשן האָבן אים געגאָסן אין האַלדז און פריער מיט דעם אויך געריבן די שלייפן, האָט אים אין גאַנצן פאַרפּלאָנטערט די חושים און געמאַכט אַפּהענטיק. אַלץ האָט זיך אים געקלייעט אין די אויגן, און ער האָט קוים געשפּירט די פרעמדע הענט וואָס האָבן אים אָפּגעפּירט צו זײַן געלעגער. לאַנג נאָך איז ער געלעגן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, אויס־געטאַרטשעטע צום חושכדיקן חלל. דאָס האַרץ, פילט ער, האַמערט נאָך, אָבער אַזוי לאַנגזאַם. אין געסל איז שוין שטילער; דער עולם צעגייט זיך אַ פּנים שלאָפן. זײַן מאַטער געהער נעמט שוין ווײַלעווײַז קלערער זאַפּן די קלאַנגען וואָס קומען פון לוילעכן דרויסן. טאַקע וועגן אים, אַלעקסאַנדערן, גייט עס איצט אין שפּעטער זומערנאַכט אַ ברייטער שמועס. דער טאָן אָבער אַ מער באַזעסענער. דאָ איז ער, ווייזט אויס, שוין אין די מײַלער פון די באַלעבאַטישע מענטשן. שטשערביק פאַרמעסט זיך אַ קול:

— די יאָרן די גוטע, רעכט ביי מיר, אַז דער גאַנצער האָקוס מיטן חלשן איז צוליבן טרונק בראַנפן!..

— אַ קינצלער איז ער, שוין אָבער אויסגעשפּילט... — קומט אָן אָפּקרעכץ — און היינט אַזוי עלנט...

— ניט איין ווײַב אַנטלויפט פון אָט די — סקריפּעט צניעותדיק צו אַ פּרויען־שטים, דאָס קולכל טאַקע פון דער קרומאויגיקער באַלעבאָסטע — און ניט ווייניקער מסתמא ווי אַ צענדליק האָט אַזאַ מין פאַרשוין געוואָרפן!..

— הער נאָר דיבורים, באַטראַכט מער ניט זײַנע מאָדנע טענות — קנאַלט אָפּ אַ ברייט קול און פּסקנט אַריין: — אַ שפּיי בעט פּאַר אַ לעבן אַזוינעמס!

ניטאָ שוין צו שפּייען אויף דעם לעבן פון אַלעקסאַנדער פוקס. דאָס

צאַפּל חיות זיינס איז כאַטש דאָס מאָל פאַרלאָפן די אַזוי ניט־פריינדלעכע באַגלייטקלאַנגען און מיט ראַשיקן געכאָרכל זיך אַרויסגעשפּיגן אין חושכ־דיקן קעלערשטיבל...

— — — — — — — — — — — — —

„דאָס יידישע טעאַטער וועט אייביק געדענקען זיין גרויסן פּיאָנער אַלעקסאַנדער פוקס" — איז געגאַנגען אַ קראַנץ פאָרויס דער לוויה. אַהינ־טערן ארון האָט זיך געצויגן אַן עולם, וואָס די צייטונגען האָבן צונויפ־געשלעפּט מיט זייערע וואַרעמע נעקראָלאָגן. דער אַמאָליקער וועלט־באַרו־פענער אַרטיסט וועט די רעדאַקציע־מענטשן שוין מער ניט ציען ביי דער פעדער נאָך אַ גוט וואָרט, הילפסרוף, איינזעעניש... ביסלעכוויז, מיטן לאַנגן וועג צום בית־עולם, איז דער עולם צעשוואומען. דעם שרייאיקן קראַנץ האָבן זיינע טרעגער, אַ פּאָר יונג־מאָדערנע אַרטיסטן, קונציק אָפּגעוואָרפן אויפן פאַרנדיקן ארון און אומבאַמערקט נעלם געוואָרן. ניט געקענט פטרן די צייט אויף נאָכגיין פוסטע לוויות, האָבן זיך אויך אַלץ פאַרלאַנגזאַמט די געמאָסטענע טריט פון חשובע לייט און מיושבדיקע קולטור־טוער — ביז דער ארון איז שוין געווען העט־ווייט.

— אַ ווייב, קינדער, ווי איז די מעשה, דאַכט יע געהאַט ?... — טיאַכקעט נאָך ביי די צוריקקערנדיקע עסקנים אַ ניט־זיכערקייט מיט דער אָפּגעפּאַלענער לאַסט.

— און אַז יע וועגן געהאַט, אָדער ווייס איך ווו — באַרואיקט ווער. — היינט מאַלע, אַן אַקטיאָר !

— נו, און אַזוי אַ נאָכבלייב, אַ זיכרון ? — גיט שוין דורך מענטשן אַ ווייע אַ ראָמאַנטיש ווינטל. — עפּעס געווען דאָך אַמאָליקע פּלאַטן פון אַלעקסאַנדער פוקס, אַזוי פיל פּאָפּולערע לידלעך ?..

— לאָזט געמאַך — כאַפּט שוין זיין בייזלעך אַ צווייטער — היינט מאַלע, אַ יידישער אַקטיאָר !..

קאַץ און מויז

דאָס האַלב־חרובע שטיבל האָט זיך שוין שעהן לאַנג געטונקט אין גרויסן טאָג. פון די בלוילעך־איבערגעבערענטע שויבן האָט אַ זייל שטויב זיך באַלכסונדיק צעלייגט איבער אַ וואַנט אַלטמאָדישע זייגערס און איבער אַנגעוואָרפענע קינדער־צאַצקעלעך אויפן אָפּגעקראַכענעם בופעט און האָט דאָ נאַקעט אויפגעריסן די אָפּגעלאָזנקייט, שימל און אָפּגעלעבטקייט. די זונשטראַלן האָבן ניט פאַרפעלט צו וואַרפן אַ שיין אויך אויף לאַנען, וואָס איז דאָ מיט איר צעקוואַרט הויט־און־ביינער פויל געלעגן אין דעם שמאָלן אייזערנעם בעט. אַפּהענטיק האָט זיך איר פון אַ בינטל געדאַנקען געדרייבלט מכוח אירע פופציק מיידלש־עלנטע יאָרן און ציטערדיק איינגעהאַלטן האָט זי אַלץ נאָכגעפּאָלגט דעם מייזל, וואָס שפרינגט אַרום אַזוי לוסטיק איבערן דיל, גריזשעט כסדר פון אירע צוגעוואָרפענע שטיקעלעך ברויט און פעטס און קוקט איר יעדע ווילע אָן מיט די לויפיקע אייגעלעך אַזוי דרייסט, אַזוי צוגעווינט...

לאַנע האָט פון דער זייט געוואָרפן בליקן צו דעם ליידיקן בעט אין צווייטן ווינקל שטוב. איר קוק פלעגט זיך דורך דער אָפענער טיר אָפּט אַ כאַפּ טאָן אין קיך אַריין. זיכער איז זי געווען, אַז איר ברודער זעליג איז שוין ניטאָ אין שטוב. ער איז שוין געוויס לאַנג אין גאַס, שפּרייזט דאָרט אַרום מיט זיינע לאַנגע פיס און אַלט־בחורישן צעשוומענעם פנים איבער די גאָלד־ און זייגער־געשעפטן, טראַגט אַהין אָפּ אַרבעט און נעמט אָן ווידער פון דאָרט זייגערלעך אויף אַהיים צו פאַרריכטן... ווי זי פאַרטראָגט זיך ניט מיט אַט דעם זעליגן, איר איינציקן ברודער. אין גאַנצן מיט דריי יאָר עלטער, האָט זי אים אַליין אויפגעהאָדעוועט. געבליבן זיינען זיי קיילעכדיקע יתומים אין אַט דעם ירושה־שטיבל, וואָס פוילט צוזאַמען מיט זייער לעבן. פון דער פריסטער יוגנט פלאָגן זיי זיך דאָ, גריזשענען זיך

אַוועק. יעדער איינער זעט אין צווייטן דעם אַנטראָגער פון זיין עלנט און ייאוש, אוןביידע פלייסן זיך רק צו אויסגעפינען און צוטראַכטן אַלערליי זאַכן אויף צו פאַררוישן זיך נאָר די וויסטע טעג, און פאַר איין וועגס טיף אַ ראַץ טאָן דעם צווייטנס אַ וווּנד...

ווייט צעפלאָנטערן זיך די געדאַנקען לאַנעס, כאָטש זי פאַרגעסט ניט, אַז היינט איז זי אַ רעכט ביסל אַריינגעשלאָפן. נעכטן טאַקע זייער שפּעט געלייגט זיך. דעם אָוונט האָט זי פאַרבראַכט אין אַ באַקאַנטער שטוב, וואָס פון דאָרט האָט זי דורך אַ פענצטער געקאָנט זיך צוקוקן צו אַ חתונה קעגן איבער אין אַ הויף. און נאָך האַלבער נאַכט, צוריק אַהיים, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ קריג מיט זעליגן, וואָס האָט ניט געקאָנט שלאָפן צוליב איר הילכיקן באַריכט... ס׳איז זיכער שוין שפּעט איצט. אָבער איר גייט ניט אָן צו וויסן גענוי די שעה. דאָס איז שוין ווידער אָן אויפטו פון איר טייערן ברודער. איר אויף להכעיס האָט ער שוין מיט יאָרן צוריק גענומען אויסלאָזן ביז דאָס לעצט געלט אויף זאַמלען וואָס עלטערע זייגערס. כמעט די גאַנצע וואַנט דאָ איז מיט זיי פאַרהאָנגען אָדער אַרומ־געשטעלט, און ער האַלט נאָך אַנאַנד אין פאַרשן זיי, רעפּאַרירן און צאַצ־קענען זיך מיט דעם זעלטענעם געווער... ער ווייס גאַנץ גוט, איר טייער האָדעוואַניקל, ווי דער אָנאויפהעריקער סקריפּיקער מאַרש פון זיין פאַר־זשאַווערטן פאָלק אַנטיקן לייגט זיך איר אויף די נערוון. נעכט שלאָפט זי ניט איין, און ניט איין מאָל זיך מיטן ברודער אַוועקגעמיתט. טעג גאַנצענע קאָנען פאַרבייגיין און זי זאָל ניט וויסן די ריכטיקע שעה. דער אויסזען אליין פון אַ ציפערבלאַט ברענגט זי אויף!..

זעליג דאַרף שוין גאָר גיך זיין צוריק פון גאַס. און באַלד ווי ער קומט, ווייס זי שוין, פאַלט ער עס אַריין מיט האַרמידער, נעמט זיך קאַפּ־ריזעווען אויף יעדע קלייניקייט און וואַרפן זיך מיטן צוגעגרייטן עסן. נאָך דעם צעלייגט ער זיך אויף אַ גאַנצן טאָג ביי דעם אַרבעטסטישל, און איבערן גאַנצן צימער, מיט די אָנגעבראַכטע זייגערלעך און מיט זיינע זייגערס די גרויסע... נאָך אַ מאָל האָט זי מיטן אויג אַרומגענומען די גאַנצע אומאָרדענונג אין שטוב. אַלץ אויך אָפּגעפּאָרן און חרוב. נאָר דאָס איין מייזל, וואָס שפּאַצירט נאָך דאָ אַרום אַזוי פריי איבערן דיל, שטראָמט

מיט פריש לעבן... לאַנע באַטראַכט עס פון גאַר נאָענט און דערזעט ווידער אַ מאָל — ווי פיין עס וואַקסט דאָ פאַר אירע אויגן, דאָס מייזל! זיין קעפּל ווערט אַלץ פאַרשפּיצטער, פון טאָג ווערט לענגער דאָס גרויע עקל און נעמט זיך פאַרטראָגן אויף שוואַרצלעך, און די שפּרינגעוודיק גלאַנציקע אייגעלעך — פּיַיער!.. דאַר, קליין און עקלדיק האָט דאָס באַשעפעניש אירס אויסגעזען מיט אַ געצויעם חודש צוריק. אין די זעלבע פרימאָרגן־שעהן האָט עס זיך דאָ צום ערשטן מאָל באַוויזן פון נאָרע־אַרויס, פון הינטער דעם גרויסן קוקאַווע־זייגער. די שטובקעסט באַקומט אים טאַקע גאָר ווויל. ווי גיך־גיך עס גריזשעט דאָס עסן מיט די שאַרפינקע ציין, שלינגט און וואַרפט עס אַריין אין זיך. דאָס קונדסל ציט זיך שוין ניט אויף צוריק כמעט ביי יעדן גריזש און ווייס אין שטוב יעדן ווינקעלע אַזוי קלוג. ווי דרייסט דאָס איז איצט. דאָס שרעטל האָט שוין פאַר איר, לאַנען, געוויס ניט קיין מורא!..

פון וואַנט איבער לאַנעס בעט איז זיך אַן אַלטער רעגוליאַטאָר פאַר־גאַנגען אין אַ הייזעריקן טאָן און טעמפּ אַרויסגעפּלאַצט מיט דער שעה. גליַיך נאָך אים האָבן זיך געכאַפּט די איבעריקע זייגערס פון שטוב. ווי אַ מחנה אונטערהעלפער האָבן די זיך פאַרדבקהט אויף כלערליי טענער און אויך אויסגעשלאָגן זייער עלף. מיטן שטיל ווערן פון דער קאַפּעלע האָט דאָס צעשראָקענע מייזל אַרויסגעשטעלט דאָס קעפּל פון דער נאָרע אַרויס. אין דער רגע האָט זיך אָבער ווו פון דער וואַנט גאָר אָפּגערופן אַ קול אַ פאַרשפּעטיקטער, און נאָך אים אַ צווייטער און אַ דריטער. אויפטועריש האָט יעדער באַזונדער געגומען פון דאָס ניי אויסקלינגען מיט גרויס קו־ראַזש די זעלבע שעה... לאַנע האָט גוט געקענט איר ברודערס באַציאונג צו די זייגערס. ער לאָזט זיי דאָך ניט אָפּ פון אויג, רעגולירט אָן אויפהער און באַשטייט מיט אַזאַ האַרבקייט, אַז אויסשלאָגן די שעה זאָלן זיי דווקא אַלע אין איינעם, פאַר אַ מאָל, אין אַן איינגעשטעלטן כאָר. איז איר איצט קלאָר, אַז אָט די אַזוי ניט־פּינקטלעכע קלינגעריי איז ניט אַנדערש ווי שוין ווידער אַ צוגעשפּיצט שטיקל אַרבעט פון אים. קאַפּאַבל איז ער דאָך רק צו ערגערן זי, און לעצטנס — אַפילו דאָס מייזל אירע!..

שווייגעוודיק און מיט אַן אָנשטויסערישן בליק האָט זי אים איבער־

גענומען, ווען ער איז צוגעפאָרן אויף אַ דראָזשקע און צוזאַמען מיטן פורמאַן גענומען טראָגן אין שטיבל אַרײַן אַ גרויסן אַלטמאָדישן זייגער אויף קייטן אין א שטיי־שאַף. די ערשטע מינוטן האָט זי זיך אַרויסגע־שאַרט אין קיך אַריין און פאַרביסן געשטיקט אין זיך דעם אויפגעבראַכטן כעס איבער דער נייער „מציאה". זי האָט אויך ניט געפרעגט, פאַר וואָס ער איז געקומען אָן פאָרטפעל, וואָס אין אים ברענגט ער יעדן מאָל די זייגערלעך צום פאַרריכטן. באַלד באַמערקט זי, אַז פאַר זיין ניי באַ־שעפעניש גייט ער גאָר מאַכן אַן אָרט דווקא צוקאָפּנס פון איר געלעגער. מיט איין דריי האָט ער פון דעם נאַכטטישל שוין אַרונטערגעשליידערט אירע אַלע אויסגעשטעלטע זאַכן. אויפן דיל האָבן זיך צעשאָטן אַ בלע־כן הענדל מיט פאַרביקע פעדערן. אַ קליין פייקעלע מיט גלעקעלעך אַרום, אַ רעדל מיידעלעך מיט ווייענדיקע קליידעלעך אין שווונגענדיקן קאַראַהאָד, אַ דריילינג פאַרפּוצטע פערדעלעך געשפּאַנט צו אַ שליטעלע און נאָך און נאָך ליבע זאַכן, וואָס קינדער שפּילן זיך מיט זיי אַזוי פיין!.. די באַהאַוונטקייט אין ברודער האָט אויף איר אַ שלאָג געטאָן מיט שרעק און נייגער צוזאַמען. זעליג זעט היינט אויס צו זיין גאָר ריכטיק אָנגע־דרוילן.

— ט׳זיך שוין ווידער אָנגעזעצט אויף מיין לעבן! — איז זי צוגע־שפּרונגען צום טישל.

— ווער אויף ווענס לעבן האָט זיך דאָס אָנגעזעצט און ווער אויף ווענס קאַרק ליגט? — האָט זעליג זיך געטאָן אַ שטעל קעגן זיין שוועסטער און גאַליק אויסגעשאָסן — כיי־כי, די צאַצעס אירע, פּיצל קינד!..

— ווערסט מיר דאָ ביים קאָפּ ניט אַוועקשטעלן די נייע פּגירה; איך צעשמעטער אָט דעם גאַנצן „געביי" אויף פּיץ־פּיצלעך!..

— אַ רעפּעטיר־זייגער אויף שטיינער און שטאָלענע האַקנס איז ביי איר אַ פּגירה! ווער עס רעדט, אַ פאַרלעגענע נבלה וואָס לאָבט זיך מיט קינדערשע שפּילצייג, אַ מחותנתטע דורך שפּאַרונעס ווו־נאָר אַ חתונה, און אַ לײַב־חברטע פון אַ מויז!..

— שוין דאָס מייזל!.. און אַן אַנדערע לעבעדיקע זאַך האָסטו יע ווען

דערלאָזן אין שטוב? אַפילו אַ בלום, אַ וואַזאָן, קיין מאָל ניט פאַרליטן. אַז דאָך אין איין טרייבן די פייגעלעך פון הויף און נאָך קיין מאָל ניט דערלאָזט אַ נעסט ביי די פענצטער... אַ מענטשן דאָס אויסגעהאָדעוועט!..

— אַ מענטשן? אַן אוממענטש מיך בכיוון געמאַכט! ניט דערלאָזט אַפילו ווערן אַ ריכטיקער זייגער־מעכאַניק. אין שווייץ געקאָנט זיין, האָבן אייגענע פּאַטענטן!.. פיר אַ וועלט, אַז אַזאַ בראָך דאַרף צו איר וויסטער פּוילקייט נאָך שטענדיק האָבן אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אַרומטאַנצן זאָל מען אַרום איר. איז עס אַ ברודער, אָדער גאָר אַ מייזל... — און פּלוצעם האָט זעליג גיפטיק אויפגעשיינט, טוט האַסטיק אַ שפּרייז צום פירהויז, אַז קוים ער באַוויזט דעם לאַנגן גוף צו איינבייגן, און באַלד איז ער צוריק מיט צעשויבערטע בליקן און מיט ביידע הענט ניאַנטשעט ער זיין פּאַרט־פעל, אַ טרייסלדיקן. — אַט־אַט, איך האָב זיך שוין יע באַדאַכט צו האַלטן אין שטוב אַ לעבעדיק באַשעפעניש!..

אַ קעצל האָט מיט אַ קוויטש אַ שפּרונג־אַרויס געטאָן פון צעעפנטן פּאַרטפעל און אויפגעריסן אַ פּאָר פאַרבלאָנדזשעט־צעשראָקענע אויגן... לאַנע, אַ צעמישטע, האָט גענומען שפּריצן מיט רויע בליקן פון קעצל צום ברודער און צו דער נאַרע פון איר מייזל.

— מלאך־המות!!.. — האָט זי אַ בריל געטאָן צו זעליגן און רציחות־דיק אַ כאַפּ געטאָן פון דער קיך אַ שייט האָלץ און פאַרהאַקט די שטובטיר — אַ מיטאָג פאַר דיר, אַט די קאַץ אין טאָפּ אַריין!..

דאָס קעצל האָט אַ ווילדן שפּרונג געטאָן צום פענצטער און מיט איין קאָפּשטויס אַדורכגעהאַקט אַ שויב און זיך געראַטעוועט אין דרויסן. לאַנע האָט זיך מיטן האָלץ נאָך ווייטער געלאָזן איבערן שטוב, אויפגעשפּרונגען מיט אַ פאַרמעסט אויפן ברודער און פּלוצעם אַ שמעטער געטאָן אין גלאָז־טיר פון ניי־געבראַכטן זייגער, וואָס איז ווי אַ פאַרזינדיקטער נאָך גע־שטאַנען אין מיטן צימער.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זעליג, נאָך אַ צעשראָקענער, זיך געבויגן איבער זיין שוועסטערס בעט, צוגעזען ווי זי שוידערט און צוקט מיט די אויסגעטאַרטשעטע אַקסלען. ענדלעך האָט ער געפּרוווט זאָגן עפּעס אַ וואָרט, וואָס איז ווייטער אַרויס ניט־נאָכגיביק און געפאַלן אַלץ בייסיק:

קאַץ און מויז

— שוין גוט... געשטילט דאָך דעם אָנפֿאַל, דיינס אָפּגעטאָן... איז ניט קיין קעצל... און די גלאָז־שפּליטערן וועלן צו ניץ קומען אויף פֿאַרשטאָפּן די נאָרע הינטערן קוקאַווע־זייגער...

אויפן טראַקט

נאָך נעכטן האָט דער זעכצן־יאָריקער מאָטל זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן פון שימחה ביים אויסשרייבן זײַן יינגערן ברודערל פון טיפוס־באַראַק. די נאָך־פּסחדיקע פּרילינגזון האָט אים אויך קיצלדיק אָנגעמוט. היינט אָבער האָט שוין דער גרויער הונגער אין גאַנצן אויסגעניכטערט, האָט צו די עלנטע יתומים אַ וווּנק געטאָן — צום וואַנדערשטאַק...

— מען גייט... — פּישטשעט פאַרשמאַכט דער קליינער נחום, לאָזט אָפּ לופט אויף לופט. אַז מען הונגערט, פאַלט שווער אַפילו דאָס האַלטן אויפגעהויבן אַ לופט.

אַז ווילנער יידן גייען שוין אויף די הינטערשטאָט־וועגן, — דאָס איז פאַר מאָטלען אַ נייס. געציילטע טעג ווי פּוילישע לעגיאָנערן האָבן דורך גאַסנשלאַכטן פאַרנומען די שטאָט, וואָס פאַר די עטלעכע חדשים זינט די דייטשן זיינען אַוועק האָלט זי ווידער אין אַריבערגיין פון האַנט צו האַנט. די יידן האַלטן דאָך נאָך אין צונויפקלייבן די הרוגים פון דעם פּאָגראָם וואָס די פּאָליאַקן האָבן דאָ געמאַכט. — ווי דעם נחומקען האָט שוין פאַרשמעקט מיט זאַטן ברויט פון אַ יענער זייט גרענעץ!..

— מ׳גייט, מאָטל, סט׳ניט געהערט? די וועגן, זאָגט מען, זיינען געדיכט מיט מענטשן... — יענטשעט ווידער דער יינגערער, האַלט נאָך אַ ווײַלע פאַרריסן זיינע גלאַנציקע ברעמען צום עלטערן, און אַז אויך דאָס פאַלט אים שווער, שליסן זיי זיך די אויגן פויל.

וואָס גיין, זיך לאָזן אין הונגער איבער פרעמדע ערטער, — ווייס מאָטל וואָס דאָס איז. די שלעכטע צייטן האַלטן שוין אָן ביי פינף יאָר, ווי די מלחמה האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן. זומער 1914 איז עס געוועזן. ער געדענקט אַפילו דעם טאָג — תשעה באָב. דער גרויסער הונגער איז אָבער געקומען מיט די דייטשן, ווען זיי האָבן העכער אַ יאָר אַרום פאַרנומען די

שטאָט. יום־כּיפּור איז געווען דער טאָג. מען האָט זיך דערציילט, אַז ווי נאָר אין דער אַלטער גרויסער שטאָטשול האָט דער חזן אויסגעשריען דעם „המלך" — זיינען די פּאַררייטער אַריבער די ווילִיע־בריק. מן השמיים טאַקע איז אין די גרענעצן פון ווילנע אָנגעקומען די נייע הערשאַפט פון קייזער ווילהעלם און אין דעם יום הקדוש והנורא איז עס אויף דעם מקום געחתמעט געוואָרן די מוראדיקע גזירה... צוזאַמען מיט נאָך מענטשן פלעגט ער, מאָטל, זיך גנבענען ווייט אין דער געגנט דורך שטעגעלעך און דורך פעלדער און וועלדער, אַוועקקריכן אין דערפער און שטעטלעך און ברענגען פון דאָרט אויף דער פּלייצע זעקעלעך מעל... און אַט האָט ווידער אַ מילחמה געבראַכט דאָ אין שטאָט גאָר אַ פּאָגראָם. רעדט מען פון דער אויפגעקומענער ליטע. אין דעם לאַנד, הערט מען, זיינען אַלע זאַט און עס איז דאָ אַפילו אַ יידישער מיניסטער. אויף אַהין וויס ער אָבער ניט די שטע־געלעך און בייוועגן.

מאָטל בלייבט נאָך זיצן אנטקעגן ברודערל. די העליש שטראַליקע אויגן צעגלאָצט און די ליפּן פאַרביסן. וויינען וועט ער אָבער ניט. אַן עלטערער ברודער וויינט ניט. און אַז שוין יאָ, — איז אונטער דער קאָל־דרע. אָדער ווען ער איז לכל־הפּחות זיכער, אַז נחומקע באַמערקט ניט. אַזוי האָט ער טאַקע געמאַכט פאַר אַ פּאָר וואָכן צוריק, אַז ער האָט אים ביים אָרעם געפירט, דאָרטן צו דער וואַסער־וואַלדיקער פאַרשטאָט, אין טיפוס־באַראַק אַריין. דעמאָלט האָט ער, מאָטל, אויפן גאַנצן וועג געהאלטן אין איין אומדרייען דעם קאָפּ און פלעגט געשווינד אָפּטרייסלען פון די ברעמען זיינע פייכטע קיילכעלעך...

פאַררייסט איצט דער יינגערער ווידער די אויגן מיטן מיין זיך צו דערוויסן, אויב מאָטל וויינט טאַקע באמת. דערזעט ער אים מיט די פיס אַרויסגעוואָרפן אויף דער באַנק, די הענט שטייף פארשטעקט אין די קע־שענעס, דער גוף האַלב רייפיק און די אויגן — ווי טיף זייער אָפּשיין בויערט זיך אין דער ערד אַריין... אַנטפּלעקט זיך ווידער פאַר נחומקען דער הונגער. ער דערמאָנט זיך ווידער אַ מאָל אַז פון די לעצטע באַראַק־זופּ נעכטן ביי טאָג האָט ער נאָך ניט געהאַט אין מויל. נעמט ער זיך גאָר מעשה קונדס און לאָזט פאַלן זיין ביינערדיק קעפּל אויפן ברודערס דיך

און פון צווישן זיינע פּיס קוקט ער מיט ברייט צעעפנטע אויגן אויך אויף אונטן. ער ווייס, אַז דעם פאַרהונגערטן מאָטלען פעלט ניט גרינג אָט דאָס אויסהאַלטן אים. ער ווייס אָבער אויך, אַז דער ברודער וואָלט היינט מרוצה געווען, דער באַלקן אַליין זאָל זיך אויף אים אָפּשפּאַרן, צודריקן... מאָטל איז טאַקע גאָר ווי צופרידן. פון דער קעשענע ציט ער אַרויס אַן אָפּגע־בליאַקעווטע קאַלטע האַנט און גלעט אַזוי טוליעוודיק איבערן פלאַמיקן גלאַנץ פונם ברודערלס גליטשיק פנימל.

— זאָגסטו, נחומקע, אַז מען גייט, מ׳טרעפט שוין יידן אויף די וועגן? האָסט דאָך גאָר פון קיינעם ניט געהערט!.. — דריקט מאָטל איין דאָס קלאַפּיקע האַרץ, ווערט איבערפולט מיט אחריות פאַרן ברודערלס לעבן מיט דעם באַשליסן זיך אויף יאָ, אויף יע גיין!

ווי קאָן מען אָבער, ווי אַזוי?... — הערט דעם עלטערן ניט אויף דעם מוח צו עקבערן. ער האָט דאָך ווידער היץ, נחום, — ווי הייס זיין שטערן איז!.. אַ קראַנקן נאָך האָבן זיי אים אַרויסגעיאָגט פון באַראַק, אָט די נייע בעלי־בתים פון שטאָט! איז זיין טיפּוס גאָר אַ מאָל נאָך פאַרן קריזיס?..

ב.

אויסקערעווען דאָס פנים מיטן ציל צו שטעלן אַ טראָט הינטער דער שטאָט, — שוין דער געדאַנק אַליין וואַרפט אָן אויף אַ יידן טויט־שרעק. די יידישע וועלט גרענעצט זיך דאָ שוין ביי אַ פּאָר וואָכן נאָר אין שטוב און אין די אייגענע גאַסן. עס בלאָנקען הונגער פאַרחלשטע מענ־טשן, ייאוש צעשראָקענע, מרה־שחורהדיקע; אַן אויסדוכט פון אַ צעפוילטן קאַרטאָפל הייבט אויף גאַסן, מאַכט לויפן מאַסן ווי ווייט. אַלץ אָבער ניט ווייטער פון די ראַגאַטקעס אין איין עק שטאָט און דעם יידישן בית־עלמין אין צווייטן עק. הינטער דער שטאָט מאָלט זיך אַ ייד דעם בלויזן שווערד פונעם בלוטדאָרשטיקן לעגיאָנער!

די צוויי ברידער מאָטל און נחום זיינען פון די ערשטע וואָס דער ווייסטער הונגער טרײַבט זיי גאָר ווייט. וואָס קאָנען דאָ גוטע מענטשן אין

שטאָט העלפן זיי היינט, די עלנטע יתומים? פאַרקערט, אין די גוטע עצות וואָס באַגלייטן זיי הערן די קינדער אַרויס גאָר א קינאה:

— נאָר פאַרזיכטיק זייט אין וועג... כאַפּט איר זיך בשלום אַריבער די גרענעץ, עסט איר מאכלים אַזוינע, וואָס איין גאָט ווייס צי מיר דאָ וועלן שוין אין חלום ווען אָנזען!..

— און כדי אייך זאָל גיין מזלדיק — לויפן ווידער געזעגן־אזהרות — טאָ זעט אויסצומיַידן דעם בלוטיקן ווינקל. מען לאָזט זיך ניט אין וועג פאַרביי אַזאַ שרעקלעכן אָרט!

„בלוטיקער ווינקל" — אַ גאָר צאַפּלדיק וואָרט. אַ טאָג נאָך ווי דער נאָמען איז דאָ אויפגעקומען פאַר דער צעוואָרפענער פאַרשטאָט ליפּוווקע, וואָס איז באַרימט מיט אירע וואַלדיקע בערגלעך און לאָנקעס. יאָרן ווי אָט די הערלעכע פלעצער פאַרבעטן די יידישע מאַסן אין די זומערדיקע שבתים צו קוויקן זיך אין זייער גרינעם שויס. איצט בליצט די גאַנצע געגנט אַרום מיט גרויל און ציטער. נעכטן האָט מען דאָ פון א מיסטגרוב ארויס־געהייבן צען יידן הרוגים, קדושים, צווישן זיי — פאָטער און זון.

— אַרום גייט, קינדערלעך, אַרום און אַרום. — פאַרהיט מען די ברידער פון אַלע זייטן — פאַרביי דעם בלוטיקן ווינקל, דאָס פאַרשאָל־טענע מיידט אויס!.. — — —

זיי זיינען נאָך פון שטאָט ניט אַרויס, די ברידער, זיי שטייגן נאָך מיט דער ברייט־ברוקירטער גאַס־אַרויף, — פון קלענערן קומט שוין אַן אָנ־צוהערעניש:

— אַ באַרג. ווי היינט אַזוי הויך, מאָטל...

וויל דער ברודער אָפּענטפּערן מיט אַ קרעכץ. ווערט ער באַלד געוווי־ער, אַז אויך דאָס פאָדערט אָנשטרענגונג. און מען איז דאָך אַזוי שוואַך, שוואַך. פאַרלירט זיך אָבער ניט ביי אים דאָס פּאַסיקע וואָרט — ווי אַן עלטערער ברודער:

— נחומקע, באַקלאָגסט זיך שוין? אַ לאַנגן וועג האָט'ן גיין...

מאָטל פאַרגעסט אָבער ניט אויף איין רגע, אַז אַחוץ אַן עלטערער ברודער איז ער אויך טאָטע־מאַמע. כאַפּט ער אַרונטער פון נחומס כראָמס־קענעם אַקסל דאָס טאָרבעלע מיט די אכילה־פּאַרציעס, וואָס ביַים אָפּגיין

האָבן זיי באַוויזן צו באַקומען בדרך נס פון אַ פּאַרטיילשטעל. דאָס טאָר־בעלע צעוויגט זיך מאָטלען אין האַנט, וויסלט זיך פון אינעווייניק אַדורך דעם שיטערן לייוונט און ווינקט:

— שניי ווייסע זעמל האָט אַמעריטשקע דער הונגערשטאָט צוגע־וואָרפן. פאַלט שוין יע צו אַ ביסן פונם נגידס טיש, איז עס אַ האָניק־טייגל...

האָט ווידער דער קליינער אָנגעהויבןריידן. רעדט ער פון היץ צי פון הונגער, — ער הערט ניט אויף בורטשען:

— מאָטל, זע, פון די אַלע פּאַרבייגייער דאָ זיינען מיר דאָך די שוואַכ־סטע, מסתמא אויך די עלנטסטע, איכ׳ל גאָר אַרונטערוואַרפן פון די פיס די זעלנער־שטיוול, די ברייטע, מיט די באַשמידטע פּאָדקעוועס זייערע. איך וועל זיך ניט פּאַרקילן. אַזוינע שווערע, איך פאַל אין זיי. מאָטל, איך אַליין וועל זיי אָבער אויפן קאַרק טראָגן. דיר איז דאָך אַזוי שווער. וועסט ניט אַרונטערכאַפּן פון מיר?.. איך בין שוין אויך פּאַרמאַטערט, מאָטל. וויפל קען זיין דער זייגער? דיין שוואַרצן זייגערל האָבן שקצים מיט ביקסן אַוועקגענומען... מיר זיינען דאָך שוין אויסן שטאָט, מאָטל, — לאָמיר זיך גאָר צוזעצן אויפן גראָז... מיר׳ן נאָך היינט נעמען צו שטיקלעך חלה, מאָטל?..

ג.

אויפן באַגראָזטן פעלד רעכענען די קינדער איבער זייער שותפותדיקן פּאַרמעגן. האָבן זיי טאַקע דאָס נייטיקסטע דאָ מיט זיך און אין שטאָט ניט איבערגעלאָזט וואָס וויכטיקס? דערמאָנען זיי זיך, אַז אַחוץ דעם גע־לעגער ביי דעם וויטן קרוב זייערן און אַחוץ דער שותפותדיקער וואַטע־קאָלדרע מיט נאָך אַ ביסל זאַכן ביי אַן עלטער־מומען, — האָבן זיי נאָך אויפן בית־עלמין א מאַמע־קבר. דער ערשטער כאַפּט זיך עס נחום. דעם געשטאָרבענעם טאַטן געדענקט מאָטל. א בוכהאַלטער איז ער געווען און געקענט זיין אויך א רב. מענטשן דערציילן פון זיין גרויס לומדות. די מאַמען אָבער דערמאָנט ער יעדן טאָג, נחום. אין אַ חודש אַרום מיט נאָך

אויפן טראַקט

דריי טעג איז איר צווייטער יאָרצייט. אויסגעגאַנגען איז זי פון הונגער. מען האָט עס גערופן וועלט־מילחמה... צעקריגט ער זיך מיט מאָטלען, ווערט ער אָפּט נעלם אויף שעהן גאַנצע. אָונט־צו באַווייזט ער זיך שוין אַ תּקיפער — אויפן בית־עלמין געווען. די מאַמען זעט ער תּמיד אַ הונגער אַרומבלאָנקענדיקע איבער דער שטוב מיט איר וואַקס אויפגעלאָפּענעם פּנים. די פּאַרציע זופּ וואָס ער ברענגט פון קינדערקיך ווערט זי זיך פון צו פאַרזוכן. זי שטרעקט צו אים איר פּאָר פאַרשוואָלענע הענט:

— זעסט דאָך, איך בין דיק...

ערשט ביים לאַנגן און שווער־עברידיקן קבורה־קדיש האָט נחום דערזען פאַר זיך אין סידור אַ טייטלדיקע האַנט, וואָס דערלאָזט ניט זײַנע פּייכטע אויגן אָוועקשווימען אין אַ צווייטע שורה. דאָס איז געווען מאָטלס האַנט. ער האָט אים גאָר ווייניק געקענט. מאָטל האָט זיך געהאָ־דעוועט אין אַ בית־יתומים און נאָך דעם געלערנט אין אַ ישיבה. בלויז שבת פלעגט ער דאָס היים באַזוכן. אָט די טייטלדיקע האַנט האָט אים דעמאָלט ביים מאַמע־קבר אָנגענומען און אים שוין געפירט. פון דער האַנט האָבן נחומען ניט געקאָנט אָוועקרייסן אַפילו די דייטשע סאָלדאַטן, אַז זיי האָבן דעם גרויסן ברודער געכאַפּט אויף צוואַנגס־אַרבעט.

איצט, דאָ אין פעלד, קליגט זיך אָט די האַנט מיט „אַרומזוימען" פאַר נחומקען די ברעגעס חלה. מאָטל וויל אַז דאָס ברודערל זאָל זיך פילן זאַט, און פון דער פּאַרציע־גרייס זאָל חלילה ניט געמינערט ווערן. — —

— אַז געגאַנגען זאָל זיין געגאַנגען, מאָטל!.. עס איז שוין שפּעט, פאַרשטייסט דאָך אויף דער זון.

געפעלט דווקא דעם עלטערן אָט די תּקיפות. משמעות דער האָט אַ ביסל יע פאַרטריבן דעם הונגער. פונדעסטוועגן מיינט מאָטל, אַז זיין חוב איז פאָרט דאָ צו וואָרענען:

— אַז קיין סימן פון אַ לעגיאָנער אויפן טראַקט, טאָ צו וואָס דאָס איילן?

— מען זעט דאָך סתּם ניט קיין לעבעדיקן נפש. דאָס איז פאַר אונדז גוט, מאָטל?..

וואָס קען דאָ מאָטל ענטפערן, באַרואיקן זיין ברודערל? ער וויס נאָר

אַז דער וועג איז לאַנג, לאַנג. ער זאָגט שוין איבער צום וויפלטן מאָל די קאַפּיטלעך תהילים וואָס ער געדענקט אויסווייניק. ניין, קיין געדיכטע דע־כער־געדראַפּעריי אַרום אַ פאַרריסענעם צלם־קופּאָל — זעט זיך נאָך אַלץ ניט. ווייט ווו אַ שטעטל... גייט נאָר דער וועג בשלום פאַרביי, ווערן ביי אים די לאַנג צעצויגענע מינוטן און האַרץ־צאַפּלדיקע סעקונדעס אויף אייביק פאַרהייליקט.

אויף אייביק!

ד.

אין זיין גיין איז מאָטל ווייט ניט פאַרטראַכט. די אויגן זיינע שליידערן זיך קאָנוולסיוו אויף אַלע זייטן, האַרץ און אויער איז וואַך צו יעדן שאָרך. דערשפּירט אָבער צו ערשט די סכנה האָט דווקא דער קליינער נחום. אייך צי דעם ברודער פאַר דער האַנט איז גענוג געווען אויף אויפצינדן אים דורך און דורך.

— מאָטל, זע, מען צילעוועט זיך דאָרט מיט אַ ביקס, פון אויבן, אויף אונדז, מאָטל!..

וויפל זיינע אויגן ברייטערן זיך ניט קען ער קיין סך מער ניט דערזען ווי דאָס ברודערל. אַ באַרג. ניין טאַקע, אַ באַרג אויף אַ באַרג, הויך און משופּעדיק. דאַכט אַ באַן־ליניע ציט זיך איבער זיין גלייכן רוקן, ציט זיך און פאַרשווינדט הינטער יענער זייט אייזערנער בריק, וואָס פלעכט זיך איבער אַ טיפן וואַסער־דורכשניט. נו, און אויבן, ביי דער ליניע, זאָל שטיין ניט איין מענטש... יע, פון דאָרט שפּיצט זיך טאַקע אַ ביקס צו זיי, אויף אים מיטן ברודערל געצילט. דאָס געווער האַלט איינער, און די איבעריקע פאַרפירן העוויות אויף אַלע זייערע גלידער:

— אַהער! אַרויף!!

פרוווט זיך נאָך מאָטל כאַפּן פאַר אַ לעצט מיטל:

— גיכער שפּרייזן, נחומקע, מיטן וועג גלייך! מיר באַמערקן גאָ־אָרניט...

און ווי די צוויי פון איין־שרעק־און־ווילן איילן ניט זייערע פוסטריט,

פאַרלויפט זײַ אַלץ מער און מערער זייער האַרצפּויק, טרייבט זיי אָן און הערט ניט וואָרענען: מען זעט, מען פאַרשטייט!.. און אָט גאָר — אַ טרו־קענער פּויק, אַ דרויסנדיקער: פּיף! פּוף!.. פאַרקערעוועט עס די ביידע — צום באַרג.

— פרענטקאָ!! — שטורעמט אַ באַפעל.

פאָלגט מאָטל און שטייגט גיך. נחומקע איז אָבער באַלד צוגעשטאַנען, און דער באַרג איז הויך, אַזוי משופּעדיק.

נחומקען טרייסלט מיט קעלט, עס קנאַקן אים די ציין, דאָס פּנים מאַט־רויט פאַרפלאַמט — און דער שטערן פייערט...

ווי אַזוי קומט עס מאָטל צו אַזאַ גבורה? ער כאַפּט דעם ברודערל, פאַרוואַרפט אים איבער דער פּלייצע און קלעטערט אויף אַלע פיר.

ווערט אָט די „פּאַזע" אָנגענומען ביי די באַרגער פאַר אַ קונצשטיק, עפּעס אַ „שפּאַס זשידאָווסקי". פּלאַצן זיי אָפּ מיט אַפּלאָדיסמענטן, באַגרי־סונגען... און אַז נחום הייבט אָן זיך רייסן פון ברודערס פּלייצע, שלײדערט זיך עקשנותדיק מיטן קעפּל, באַנעמען עס די אייבערשטע לייט ווי אַן אָפּדאַנק פאַר די באַגריסונגען. און ווידער רודערט אַוועק דער באַרג מיט אַ רווישיקער פאַטשעריי. אַפילו דער צילעוודיקער לעגיאָנער האָט שוין פאַרוואָרפן דעם „טייטל" אויף דער פּלייצע, געבליבן ביי פרייע הענט.

— בראַ־אַוואָ!!!

ה.

— רענצי דאָ גוזשי, זשידקי!

נאָך ניט באַוויזן צו אויספירן דעם באַפעל און אויפהייבן די הענט אין דער הייך, ווערן די ביידע „יידעלעך" פאַראָרדנט צו אויסשיטן זייערע „טאָרבעס געווער" און ווייזן דאָקומענטן. מאָטלס דייטשער אָקופּאַציע־פּאַס און נחומס געבורטס־מעטריקע קומען אַריין אין די הענט פון מייס־טער מיטן קאָקאַרדע־היטל. דער געלערנטער פּאַן זאָל אָקאָרשט דורכליי־ענען און „זען". דער לעגיאָנער וויגט דעם ביקס מיט דער האַנט און איז שוין מתרה:

— געפינט מען נאָר אויס, אַז ניט פון דעם קאַנט, אָדער עפּעס אַזוי ניט אין אָרדענונג, איז געוויס קאָמוניסטן. וואָט, פשאַקרעוו, טאַק דוי!!

מיט „אויפגאַב" זיינען די ברידער פאַרזאָרגט. אַ שווערער בענטש פון אַ טעמפּער זייט שווערד האָט זיך באַצייטנס אַריינגעזעצט אין מאַטלס פּלייצע. פאַרגעסן אַ פּנים ווו ער געפינט זיך, צעפּינטלט זיך נחומקע גע־דיכט מיט נאַסע ברעמען און גייט אַרויס מיט אַ פּישטש.

— העי־העי, באַלשעוויקל — צעכיכענען זיך די מענטשן — אַזוי גאָר. ווילסט אַ גרוב?..

פאַרטוליעט ער זיך גאָר צו מאַטלס בוזעם און פאַרשטעקט דעם קאַלטן נאָז אין זיין קאָכיק לייב. מיט די פרירעוודיקע הענטלעך נעמט ער אויך פּעסט אַרום דעם ברודערס פייערדיקע פּלייצע און פּאַפּעט הע־לישע ליפּן מיט זיין טרייסלדיק קנאַקעוודיקער מאָרדע... דעם ייִנגלס שרעק און זיין טוליען זיך צום ברודער נעמט גאָר אויס ביי דער פריילעכער קאָמפּאַניע, און איינער וואַרפט צו מאַטלען אין דער זייט אַריין אַ שטור־סאַק:

— באַבע, ביסט געקומען אַהער געלעגן ווערן?..

באַנעמט דאָס בחורל דעם בייזער ווי אַן אַנזאָג „אויף גוטן" און כאַפּט זיך צום צונויפּפּאַקן דאָס אַרויסגעשאָטענע. העלפט אים דאָ מיט אויך דער לעגיאָנער, וואָס לאַכט פון די „טראַנטעס אין מיסט" און לייגט אַ סך אָפּ פּאַר זיך אַן אַ זייט...

די פּאַפּירן ווערן פון מייסטער דערלאַנגט צוריק מיט אַ סך־הכל:

— איינער זעכצן, איינער ניין יאָר... וואָלט געווען עפּעס אַן ערטל דער־ביי צום „אָפּוואַרפן", אַ פאַרטיקע גרוב, איז ווזשוטש!.. איצט אָבער שוין שפּעטלעך.

רייסט אויף אַזאַ אָפּגליק די אויגן פון איינעם אַ געשטופּלטן און ער איז באַלד דאָ מיט א באַשמייכלטער מינע:

— שפּעטלעך, זאָגט דער פּאַן מייסטער, האַ?.. און ווי איז אַז אָט דער גרעסערער האָט אויף מיר מיט נאָך איינעם, אַ לעגיאָנער, געשאָסן?.. יאָ, פון אַ פענצטער געשאָסן, אין שטאָט דאָ, אויף דער גרויסער גאַס. אַהאַ!..

אויפן טראַקט

— איך אויף אייך געשאָסן ?! — ציטערט אויף מאָטל.

— „איך אויף אייך געשאָסן ?!" — קרימט נאָך דער אַרבעטער — אַנו, כאַ־כאַ־כאַ, איאָ, אַוודאי געשאָסן!..

— און וועלכער לעגיאָנער ?

— „וועלכער לעגיאָנער ?", וועלכער, אַ לעגיאָנער !..

— טאָ ווו איז ער ?

— „טאָ ווו איז ער ?"... הערט נאָר, ווו איז ער... ווו איז ער ? גע־שטאָרבן אויף אָן אָרט, פון דער קויל געפאַלן... יאָ, שוין באַגראָבן... אויף מאָרגן גלייך, מיטן באַערדיקונגס־פּאַראַד !..

— דער באַערדיקונגס־פּאַראַד איז דאָך געווען עטלעכע טעג נאָך דעם גאַסנקאַמף ?!

— עטלעכע טעג נאָך דעם... איז וואָס זשע ווילסטו ? שוין באַער־דיקט !.. איאָ, ער וויל מיך איינשמועסן אַז ניט !..

א טיף שמייכלדיקע שטילקייט.

פאַרציט אַ צווייטער אַרבעטער גרוי־פינטלדיקע אויגן צום הימל, נישטערט נאָך אַ סימן זון.

— וואָס פאַראַ רייד ? אַוודאי קאָן מען דאָ וואָס מאַכן... עס איז אָבער פאַרט שפּעט..

— זיכער שפּעט ! — כאַפּט זיך ווידער ביי זייניקע דער קאָקאַרדע־מאַן. — מען קאָן דאָך אָט די „איצקעס" ניט לאָזן ביז מאָרגן ליגן ביי דער ליניע. מיטן פאַרטאָגיקן צוג פאָרן דיר גאָר פאַרביי די „„זשידאָווסקי אַמעריקאַנצי", די קאָמיסיעס זייערע. איר פאַרשטייט עס ניט ?..

מאָטל הערט ניט אויף צו וואַרפן בקשה־בליקן צום לעגיאָנער, זיין „אייגענעם" מענטשן. דערוואַרט ער טאַקע אַן ענטפער :

— אין דער ריי, פשאַקרעוו !

הילכן געזעגן־הענט פון אַלע זייטן. נחומקע ראַטעוועט אָבער שנעל די מערכה, — ביי דעם ערשטן פאַטש איז ער באַדמט... ליידט עס ניט די קאָמפּאַניע.

— זיך אָפּטראָגן, פאַרכאַטי, שנעלער, אַנו !!

אָבער ווידער :

— סטאַטש! ווי מען גייט באַרג־אַראָפּ ווייסט איר, הינט?.. דער גרעסערער, די „באבע", מוז לויפן „מיט אַ שפּרונג" און דער קליינער קונצן־מאַכער, ער מאַכט דאָך אַן איינדרוק פון אַ קראַנקן, טאָ זאָל ער זיך נאָר אַרונטערקייקלען, „אויף ליגנדיק"...

קומט אָבער באַלד די קאמפּאַניע צום אויספיר, אַז אַן אַ קלאַפּ פאַר־שטייט דער יינגערער בכלל ניט וואָס ער האָט צו טאָן. באַקומט ער אָבער דעם „קיצל", — איז ווער צעזעצט לאַכנדיק פון זיין קייקלען זיך!.. דער גרעסערער אַרבעט גראַד פליסיק. דער באַרג איז טאַקע ביז גאַר משופּעדיק, אָבער ער שפּרינגט לויטן באַפעל. כאַפּט ביי אים אַ פעלער, — גיט מען אים פון אויבן דאָ אַ שטרענגע באַמערקונג: פּוף־פּוף!

דעם איינציקן שמייכל וואָס נחומקע מאַכט באמת, איז זיין אַנאויפ־העריקער נאָכשפּיר נאָך מאַטלס שפּרינגענדיקער פּלייצע. ער קייקלט זיך דווקא אויף דעם ברודערס זייט... דער גאַנצער אַרום דרייט זיך אים אין אַ שווינדל־קאַראַהאַד. אויף איין אָרט אָבער פעסט, אין גאַנצן אויסערן געשווינדל, שטייט ביי אים דאָס וועלדל וואָס ליגט ביים טראַקט־אָפּנייג און דער ברודער איז שוין דאָרט דערביי. אַהין דערגרייכן שוין געוויס ניט די אויגן פון באַרג. מיט מישעוודיקע אויגן טרעפט ער אין רעכטן קאָפּגעדריי טאַקע אַהין דערלויפן.

— מאָטל!..

ו.

שוין אַ מהלך פון דער איבערגעכאַפּטער גרענעץ שטויסן זיך אָן די ברידער אויף צוויי סאָלדאַטן פון דעם זאַטן לאַנד. די זיצן זיך אויפן גראָז מיט קאַנטשיקלעך אין די הענט און זייער אוניפאָרם שרעקט ניט אַזוי. אומהיימלעך ווערט נאָר די קינדער פון קנייטשנדיקע בליקן וואָס גיבן אַ פאַל אויף זיי און פון דעם אומבאַקאַנטן ליטוויש וואָס נעמט זיך באַלד וואַרפן. אַ שפּאַר גייט דאָ אַפּנים צווישן דיביידע, וואָס רופן זיך ביי די נעמען אַנטאַנאַס און קאַזיס. אַז די רייד גייט וועגן זיי, זאָגן די אַלץ שאַרפערע בליקן און דאָס וואָרט „זשידוקאַי", וואָס מיינט געוויס יידעלעך.

אויפן טראַקט

באַלד פאַרשטייען זיי נאָך ווערטער, וואָס שאַרפן זיך ארויס אין אַ באַפעל:
— סטאָוועקיט!.. קאָמאַנדאַנטאַן!
בלייבן די ברידער שטיין און מאָטל נעמט אויף זיין פויליש איינ־טענהן:
— פאַרוואָס צום קאָמענדאנט, פאַנאָווי?
— פּאַסאָס! — באַקומט ער אַן ענטפער ווידער אַ פאַרשטענדלעכן.
זײַנען זיי אָבער ווי ברוגז די סאָלדאַטן אויף דעם לענגלעך שפּיציקן שריפט פון דעם דייטשן אָקופּאַציע־פּאַס און קענען זיך אויך ניט פונאַנ־דערקלייבן אין דער רוסישער מעטריקע נחומס. נעמט זיך שוין ביי אַנ־טאַנאַסן דרייען די צונג אויף פויליש:
— טאָ פון וואַנען זייט איר און וווהין דאָס שלייכן?!
פאַרשטייט באַלד מאָטל וואָס צו ענטפערן:
— דערבייאַיקע, פּאַנאָווי, צו קרובים גייען מיר, אויך דערביי...
— און די טאָרבעס, האַ?.. פּאַפּיר דאָ אויך, פּראָקלאַמאַציעס, וואָס?!
פּאַלט אַנטאַנאַס׳ אויג אויף אַ פוילישן אויפשריפט פון אַ פאַרוויקלטן יידישן בלאַט. — פון יענער זייט גרענעץ אַ גאַזעט. וואָס שרייבט מען דאָ?
פאַרשטראַלט מאָטלס אויגן אַ שורה פעטע אותיות און צעשלייפט ראַשיק זיין צונג:
— די יידן דערביי איבער דער גרענעץ, און זיי אַלע פון דער גרויסער שטאָט, וואָס איז די אַלטע רעזידענץ פון ליטע... די יידן דאָרט לויבן זייער דאָס לאַנד דאָ און ווילן אויך די זעלבע אָרדענונג. ביי אייך האָבן יידן אַלע רעכט, און עס זיינען אויך דאָ יידישע מיניסטאָרן...
הערט צו אַנטאַנאַס שמאַקעוודיק. קאַזיס קראַצט זיך אָבער אין דער פּאַטילניצע, קנייטשט טיף זיין פויערישן שטערן און קוקט אַן די יידע־לעך מיט אַן אומגעדולד, ווי ער וואָלט זיי אין גאַנצן ניט געוואָלט האָבן פאַר די אויגן. האַקט ער איבער מיט זיין קאַנטשיקל:
— קאָמאַנדאַנטאַן!!
איז דאָ דער קליינער נחום באַלד דער מלאך־הגואל. פון שרעק האלט

ער זיך ניט אויף די פּיסלעך און ליגט שוין מיט שווערן אָטעם. די סאָל־דאַטן צעשמייכלען זיך:

— קיטראַס זשידוקאַס, כיטראַק...

גאָר אַ פעסטער מלאך־הגואל פּאַרט אָן אויף אַ פּאָר פערד. זיי וואַרטן עס דאָ טאַקע, די סאָלדאַטן, אויף דער פלאַקסן־קעפּיקער שיקסע מיטן גלאַנציק פּאַרריסענעם נעזל!.. די באַטראַכט אָבער אַ ווײַלע די יידישע קינדער און וויל ניט הערן פון אַרויפנעמען אויף איר וואָגן אַ וועלכע נאָך לעבעדיקע משא. מוזן זיך קאַזיס און אַנטאַנאַס באַנוגענען נאָר מיט די קאַנטשיקלעך:

— צום טײַוול! מיר'ן נאָך אייך טרעפן!!..

ווי פאַר'געסן אָן זײַן שלאָפּקייט, פאַרלאַנגט שוין ניט נחום מער קיין אָפּטע אָפּרוען. דאָס פרײַלאָזן פון די צוויי גויים, — ווי דאָס הערט אים ניט אויף צו אָנטרייבן. ער ברענט:

— מאָטל, לאָמיר גיין נאָך גיכער!

פרעגט ניט איינער א צווייטן. טראָט יאָגט טראָט.

לאַנג בלייבט ער אָבער ניט שטיל, נחום.

— מאָטל, און וואָס פאַר אַ לאַנד גייט נאָך דאַנען?

— דייטשלאַנד.

— טייטשן?.. אָט די וואָס זיינען ביי אונדז געווען; יענע סאָלדאַטן, האַ? יענע טאַקע!.. און, שאַ, וואָס נאָך זיי, מאָטל?

— ים.

— ים?... אַ וואַסער?!.. עפּעס אַ גרויסער וואַסער, מאָטל?.. גאָר אַ גרויסער, האַ?.. אַ גוואַלטיק ברייטער אויך, אַזוי!.. אַזוי... מיר פאַררוען זיך אפשר גאָר אַ ווײַלע, מאָטל? ברויט שטיקלעך האָבן מיר דאָך נאָך.

נאָכוווּקס

סאַנקע. ווער דאַרף אים? אַן איבעריקע זאַך סאַנע. א יאַט וואָס יאַ־קים, דער טאַטע אַליין, פּאַכעט איבער אים מיט אַ שטענדיק ניט־דערזאָג־טער מינע. אָפּט בראָקט ער אַריין אַ גאָר ניט־גלאַטע אַנצוהערעניש און זיין שאַרפער עלנבויגן גיט דעם יינגל אויך אַ שטויס פון זיך:

— עמיל!.. טראָג זיך פון די אויגן, עמיל!!

וואָס עמיל, ווען עמיל, דאַרף מען קיינעם אין געסל ניט פּאַרטייטשן. עס צאַפּלען זיך נאָך אָפּ גאַנץ פּריש אין די קעפּ ביי מענטשן די מילחמה־יאָרן. ניט אַזוי גיך לאָזן זיך דאָ פאַרגעסן די בלאָנדע דייטשע זעלנער פון קייזער ווילהעלם מיט זייער עמיל דעם וואַכמייסטער איבערן גאַנצן קוואַרטאַל. אוי געדענקט געסל עמילן מיט זיין בלויער פּאָליציייאישער פּע־לערינע! און אַפילו יאָקים אַליין, וואָס פּסול איז ביי אים איצט דער נאָמען פון אָט דעם וואַכמייסטער, — האָט ער דען ניט איין פּעטן ביינדל הינטער זיין רוקן אָפּגעלעקט?... היינט איז ער טאַקע אַ גאַנצער האָן אין געסל און גרויסער דעה־זאָגער אין גנבים־וועלטל. זיין הייזקע, ווידער, איז אַזוי איינגעצויגן און ווייס פון אלצדינג, אַז וועגן פאַרגעסן געבן דאָ אַ חלק פון אַן אָפּגעטאָגענער „אַרבעט" — דערפון קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין. און צעאַמפּערן זיך יינגערע גנבים און קאָנען אַן מעסערס צווישן זיך ניט מושווה ווערן, איז יאָקים דער מענטש וואָס זיין האַרב וואָרט גילט און הייליק איז זיין פּסק־דין. פרעגט אָבער: ווער האָט עס אים, יאָקימען, דער ערשטער אויף די פיס געשטעלט; ווער האָט אים רעליען פאַר אַ ווייב פּאַרשדכנט און געמאַכט פאַר אַ גאָר גרויסן מחותן מיט די „מענטעס" — אויף שטענדיקן געהאַלט און מיט אַ נאָך גרעסערער „זייטיקער פּרנסה" דערצו, — ווער אויב ניט עמיל דער דייטשער וואַכמייסטער? אַלץ

עמיל!.. נעמט זיך באמת ניט יאָקים די טירחה אויף אַ פּרווו טאָן צו פאַרלייקענען וואָס פון דעם. אויף זיינע טענות אָבער קומט ער אַרויף יעדן מאָל גאָר פון אַן אַנדער זייט:

— נו, גוט, איז דעריבער, אַז עמיל אַליין האָט מיר שוין יע צוגעזאָגט זיין רעליען, דאַרף איך דערפאַר הייסן אַ טאַטע פאַר זיינעם אַ יאַט, סאַנקען?.. וואָסי, איך ווייס ניט אַ פּנים וואָס ביי מיר אונטערן נאָז האָט זיך געטאָן? איך ווייס שוין גאָרניט פון אַ חשבון?!..

פרעגט אים אָבער, יאָקימען, אדרבה, פאַר וועמען באלאקעט ער דאָס אַלץ? ווער פון די אַלע קאַטערינאַרן, מאַרעוויכערס און ייִנגערע גבּבימלעך, וואָס קלייבן זיך אַרום אים אין די פאַרנאַכטן, ווער אָט פון די אַלע וועט עס וואָגן מיט איין וואָרט ארויסגיין קעגן רעליען, ווער? — רעליע געוועלטיקט דאָ אין הויף. און וויל מען די אמתע טובה, אַ גאָר וויכטיקע זאַך דורכפירן, דאַרף מען עס ריידן מיט איר, מיט רעליען, און ניט מיט קיין אַנדערן... טאַקע דערפאַר איז זי קנאַפּ וואָס צעקראַצט פון דעם מאַן אירן מיט די אַלע זיינע גאָר־גאָר קלאָץ־טענות. ניט זי, רעליע, וועט אויפשפּרינגען איבער יאָקימס א ליאַדן ווערטל!.. זי דאַרף זיך מיט אים אַפילו ניט אויספירן, און שטעקן אַ פינגער אין לייטישע מיילער — געוויס ניט. וואָסי, ער ווייס ניט אַ פּנים, יאָקים, ווער רעליע זיינע איז? ער איז ביי איר ניט פון די ערשטע. יע־יע, אַ מכה ווייס מען אויף ווי וויט זי טראָגט אים נאָך היינט אויף די פּלייצעס...

יאָקימען, ווידער, פאַרוואָלגערט זיך ניט קיין ברעקל מוט צו אָפּשרייען אַפילו אויף איין האָר פון רעליעס גדולה. אונטערטעניק באלעקט ער זיך פון איר צעוואַקסענעם גוף און דעם ברייט פאַררייסענעם הילוך. ער זאָל ווען וואגן איבערוואַרפן א קרומען בליק אויף אַ יאַט וואָס געפעלט נאָר זיין רעליען און האָט זיך דערדינט ביי איר דאָס ריכטיקע אויג! בראָטן וועט ער זיך אין זיין אייגן בלוט, יאָקים, און מיט גוטן פאַר אזוינעם אָפּטרעטן...

אין איין זאַך, ווייס אָבער געסל, שטילט אים דאָך ניט.

אין די וואָרעמע פאַרנאַכטן קערט זיך יאָקים אהיים אַ פאַרשמייעטער און זעצט זיך אָפּ ברייט אויף די צונויפגעשלעפּטע ברעטער אין דעם

הייפּל זיינעם צווישן גוטע חברים און אַזוי אייגענע מענטשן. באַלד גיבן זיך דאָ, ווי געוויינטלעך, אַ וואָרף צו אים עטלעכע קינדער און נעמען ציען פון אים די שווייסיקע בגדים און די שטיוול פון זיינע צעפּאַרעטע פיס. אין דעם בין־השמשות־שיין באַמבלען זיך ראַשיק די קליינע מיט זייערע פּנימלעך, האָר און אייגלעך פון פאַרשיידענע קאָלירן. — בורמלען זיך דעמאָלט אַרויס פון יאָקימען גאָר אָנגעשטרענגטע דיבורים:

— די קליינע מאַמזוקעס, פאַרשטייסטו מיך, כאַפּט זיי דער רוח ווען זיי געהערן. אָבער סאַנע, דער עלטסטער, אַזוי צו זאָגן, אַ בכור, רייד ניט, ברודערל, מיט אים האָב איך געדאַרפט זיין זיכער, אַז מיינער!..

ניט אַלע מאָל בלייבט יאָקים אָן אַן ענטפער. פאַר סאַנקעס אַ באַשי־צערין שטעלט זיך תמיד אַרויס רימע. די אַ גאַסנמויד לאָזט אַ שפּרענקל אויף דעם ייִנגלס יחוס ניט פאַלן. סאַנע — דאָס איז דער נאָמען נאָך איר פאַרשטאָרבענעם טאַטן! תהילים נאָך בכבודיקע מתים פלעגט דער ייִד צו דער עלטער זאָגן, דערציילט זי כסדר. אַ קדיש נאָכן טאַטן האָט רימע פאַר די לעצטע פּרוטות אירע אָנגעדונגען, און מיט ברייטע מתנות פאַר רעליעס ניי־געבוירענעם ייִנגל האָט זי אויך אַ נאָמען פאַרשאַפט — סאַנע... זי באַפאַלט עס יאָקימען מיט אַ מויל טענות:

— ווי האָט עס ניט אַ טאַטע גאָט אין האַרצן, אַן אייגן קינד פּסלע־נען!!..

קאָן דאָ יאָקים אויך ניט בלייבן קיין בעל־חוב. לאָזט ער זיך אַריין אין אַ לענגערן וויכוח מיט רימען. גלייך אויף אַן אָרט ציילט ער אַוועק די טורמעס און די אויסבאַהעלטענישן זיינע, אַוו נאָר ער איז פאַר די דייטשן ניט אויסגעוועזן. ער פאַררעכנט זיך מיט אַזוי פיל וואָכן און חדשים, אַז די אַלע פינגער פון זיינע הענט און ביידע באָרוועסע פיס ווערן אים אַ רעכן־מאַשין. אַט־אַט, און רימע איז שוין ביי אַ פאַרמאַכט מויל. ער צעטופּעט זיך אויף איר. יאָקים:

— וואָס־וואָס, אָבער פון אַ חשבון ווייס איך!..

ניט לאַנג אָבער האַלטן דאָ אָן יאָקימס ניצחונות.

— פילאָזאָף! — שניידט זיך אים אומגעריכט אַריין פון עק הייפּל

דער מושלדיקער פּיסק רעליעס: — אַהאַ, ער איז שוין אַ היגער, דער שטערנזעער!..

זי דערנענטערט זיך מיט אַזאַ שטאָלצער ברייטקייט, און מיט יעדן וואָרט אירן שלאָגט זיך אים אַרויס פון קאָפּ דער גאַנצער אויפהיץ. שוין גאָר ביים פּנים, טוט זי אים אַ פרעג:

— אַ מענטש קומט פון שטאָט; סט׳וואָס געבראַכט כאָטש פאַר זיי, אָט די קינדער?

די גוטע זאַכן שפּאַרן גלייך אויס די פּאַרטעך־קעשענעס רעליעס. מיט אויסטיילן אָבער האָט זי צייט. ס׳איז פאַר נאַכט, און עופות, צונויפ־געשלעפּטע פון אַלע העלן, קאַטשקעס, גענדז, אינדיקעס און הינער ניט־איינגעוווינטע צום שטוב, בלאָנדזשען אַרום טויט הונגעריקע איבערן געסלקע. ביי רעליען אין הייפל דרייט זיך אויך אַרום אַ מעלקעדיקע ציג, וואָס שדים ווייסן זיי די קינדער, פון וואַנען זי איז אַהער געקומען. אַ גאַנצער תושב איז אויך „עפּאָלעט״, דער געל געשפּריצטער קאָטער. און נאָך אים האַלט זיך אין איין אַרומיאָגן „פראַנצאָז״, דער וואָלפהונט, עמיל דער וואַכמייסטערס לעצטע מתנה פאַר יאָקימס געזינדל. אַ שטאַר־קער מקורב מיט געסל איז אָט דער כלב. ניט מער ווי פון דעם איין יאָקימען קריגט ער אַריין בריקעס ניט געציילטע, אַז נאָר רעליע איז ניט דערביי... ס׳איז פאַר נאַכט, דאַרף מען זיי אַלעמען אַקאָרשט אָנקוקן און ניט לאָזן לעבעדיקע זאַכן ביז מאָרגן הונגערן. רעליע אַליין נעמט זיך פאַר אָט דער מלאכה. זי שטעלט אָפּ איר פאַר גלאַנציקע פּיס און הייבט אָן אויף דער געמבע אירער צו שליידערן מיט רופערייען:

— ציפּ־ציפּ־ציפּ־ציפּינקאַ!.. פּוט־פּוט־פּוטינקא!.. פּוט־פּוטט!..

— האָלדער־האָלדער־האָלדער!..

— קאָט־קאָט־קאָטט!..

— טשו־טשו־טששו...

און אָנטאַפּנדיק מיט אַ האַנט ביי דער קעשענע, כאַפּט זי זיך נאָך וועמען צו דער סעודה רופן:

— טריפהנע העלדזעלעך, אַרומטרייבערס, טורמעניקעס!..

מיטן אויגנפּינטל גיט עס אַ בליץ אַרום איר מיט פלאַקערדיקע

איינלעך, גנבישע פּנימלעך מיט קריכיקע נעזלעך. די בייגעוודיקע הענט־לעך האַלטן זיך אין איין שטרעקן פאָרויס:

— מאַמע, גיב!

זי וועט געבן. געוויס וועט זי פאַר זיך ניט האַלטן. פריער דאַרף זי אָבער זיי דורכזיפּן אויף איר אויג, זען אויב אַלע זיינען דאָ פאַראַן — איר נאָכוווקס. אַ גאַנצן טאָג קריכן זיי ניט אויס אין אַלע העלן, דאָ טונקט זיך ווער אָפּ אין אַ ברונעם און דאָ קלעפּן זיך גאָר איינעמס פינגער־לעך ביי אַ זאַך אַ פרעמדער... וואָס מיט זיי זאָל אָבער ניט זיין, אָוונט צו זיינען זיי אַלע דאָ, אַלע! די קינדער זיינען ביי רעליען ניט קיין שרעקע־דיקע און אַנגעפּיילטע. מאַדאַמען און נגידים זאָלן איבערציטערן איבער די בן־יחידימלעך, זייערע „אויגן אין קאָפּ". ביי יענע, לאַכט זי אָפּט, אַז מ׳רעדט ערשט פון אַן איבערגאַנג אויף מאָזלען, ליגן שוין זייעריקע אויף סקאַרלאַטין... רעליע איז מיט איר בינטל „קאָפּ נאָך קאָפּ" זיכער. אָנגעקוקט איר כאַליאַסטרע און געטראָפן זיי אַלעמען גאַנצע, קומט זי צום כלל:

— פון אַ פאָלק רייסט זיך ניט אָפּ.

און לעבעדיק איז אָרום איר אין פאָלק. האַסטיק פאַרמעסטן זיך הענטלעך צום פאַרטעך, און בראש שפּאַרט זיך מיט זיינע צונטער־בריאיקע שטערן־און־אויגן אָט סאַנקע. ער פאַרגעסט גאָר פון די פולע הויפנס צוקערקעס וואָס פאַלן אים צו דורכן טאָג פון זיין „טאַנטע" רימע. דאָס נאַשט ער אויף באַלד. איצט האָט ער אַפילו קיין געדולד ניט אויף אָפּ־וואַרטן נאָך אַ רגע. די גליטשיקע פינגערלעך דערפאַרקענען זיך שוין אַליין ביי רעליעס קעשענע. זיין חלק פאַר אַזאַ מעשה באַקומט ער גלייך אויפן אָרט פון דער מאַמען — אַ שטורך מיט אַ יאָג פון זיך:

— ווו נאָר אַ קאָרעטע, איז ער מיט זיין שנוק, יוקשש!..

— אַ קאַלטע בראַנד דיר אין דיינע וואַרעמע קישקעלעך! — איז שוין מוסיף אויך יאָקים.

— איז וואָס? — שיסט אַריין סאַנקע אַ ממזרישן שמייכעלע דער מאַמען — וועסטו מיר אפשר קיין גוטע זאַך ניט געבן? זעסט!..

רעליע האָט טאַקע וואָס צו זען. גאָר אַ סך פון די קעשענעס איז שוין

ניט אירע. סאַנקע צאַצקעט זיך מיט אַ פולן הויפן איר אין צורה, פינטלט צו אַן אייגל, פאַרקאַשערט אַ ראַנד ווייסע ציינדלעך און קנאַקט איר אָפּ אַנטקעגן אַ הילכיקן צינגל:

— אָבער זעסט!..

סאַנקע איז קראַנק! ער רירט זיך ניט פון געלעגער. ברענט רעליע און וויל אים זען וואָס פריער אַ געזונטן. באַלאַגערט ווערט זיין בעטל אַרום מיט פלעשער און פלעשעלעך, פּראָשקעס און זאַלבן און פענכערס אייז.

— נישקשה, ער וועט זיך הייבן! — שטעלט רעליע דער וועלט אַ פּייג — ביי מיר מוז סאַנקע געזונט ווערן, אַלע שונאים אויף צעפּוקעניש!..

אַנדערש פּירט זיך יאָקים. ניט הערן און ניט וויסן וויל ער וואָס מיט סאַנקען טוט זיך:

— א דאגה ניט אַ גרויסע, וואָס פּאַראַ קרענק האָט זיך עס אין דעם ממזרוק אַריינגעקליבן, אַ טיפוס, אַ כאָלעריע, אַ מיתה־משונה... אָ, ווען ער גיט זיך טאַקע דעם אמתן טראַג אָפּ וואָלט עס געווען גאָר פון די פיינע המצאות. אַראָפּ פון מאַרק!..

אַזוי רעדט ער זיך אָפּ, און הערן דאַרף עס טאַקע אויך רימע. אַן אייגנס האָט זי דאָך שוין אין דעם סאַנקען אַריינגעפּאַטשט, כדי נאָר אויפ־צוהאַלטן פאַרן טאַטן אירן אַ נאָמען אויף דער וועלט. און וואָס טוט זי ניט איצט אויפן ראַטעווען דעם יינגל? גאַנצע טעג ליגט זי אָפּ אויפן ריינעם אָרט, האַלט אין איין רייסן קברים מיט איר יאָמער און געוויין. ווען ניט דער פּחד וואָס לויערט אויף איר פון דעם קלויז אַרויס, וואָלט זי שוין לאַנג אַריינגעפאַלן אין ארון־קודש, בעטן פאַר דעם קראַנקן, איינטע־נהן מיט די הייליקע רייניקייטן... רימע איז היינט אַזוי צעשרויפט, אַז אַנדערש ווי מיט אַ טאָפּ זודיקן וואַסער כאַפּט זי זיך ניט צו יאָקימען. הער נאָר, אַזאַ גרינג האַרץ אויף איר אײן איינציקן אָנדענק! אויסבריען די אויגן וועט זי אים.

— ווי האָט עס ניט אַ טאַטע גאָט אין האַרצן, אַן אייגן קינד!..

ביי יאָקימען איז עס היינט גאָר פון די קליינע התפעלות, אָט דאָס גאַנצע קאָכעניש רימעס. פון די אַלע רייד זיינע האָט דאָך אַ וואָרט ניט געהערט רעליע; זי איז דאָך ביים ייִנגל אַזוי פאַרנומען... מאַכט ער זיך אַ ברייטלעכן שפּאַציר דורכן געסלקע און קוקט אָן תמעוואָטע די אַלע באַדויערנדיקע בליקן וואָס שיטן זיך אויף אים פון אַלע זייטן. ער באַמערקט כלומרשט ניט אַפילו די אַלטע סטירע נעכען, ווי זי שאַרט זיך צו אים. אַ געשעפט האָט ער מיט דער מכשפה! די אָ נקבה פון אַ מאָל, וואָס האָט זיך געהאַט אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אייגן „הייזל", איז היינט אויף דער עלטער אַ גאַנצע צדקנית. זיך פאַרוואָרפן מיט אַ פעך שוואַרצן שייטל און אָנגעטאָן אַ פּאָר בלויע שפּאָקולן, לאָזט זי ניט אַוועק דעם גראָבן סידור פון אונטער דער פאַכווע און האַלט אין איין גלאָצן די אויגן צו „די הענט ניט געוואַשן"... זי, די אַלטע „מומע", פאַרהאַלט אים דאָ ביים אַרבל און מאָנט אויך וואָס:

— אַ חולה ביי דיר, יאָקים... טאָ פאָלג זשע מיר, הער צו אַן עלטערן, די הענט ניט געוואַשן...

סטירע נעכעס גנביש־וואָסערדיקע אייגעלעך זיינען בלינד אויף באַנעמען יאָקימס בייסיקע בליקן מיט זיין גאַנצער אויסלאַכערישער מינע, וואָס לאָזט איר וויסן, אַז די אַלע פרומע ריידעלעך קריכן אים ניט אַפילו אין דער לינקער פאה. אירע קוקערס וואַרפן זיך הינטער די בלויע גלעזלעך און שוויבלען אָפּ מיט אַ פייכטן גלאַנץ אַרויף צו, אין פאַרוק צי אין הימל אַריין. פון רפואות פראָוועט זי דאָ, אָט די אַלטע אויסגעפּרווּטע סגולות אירע:

— הער זשע, יאָקים, פון אַן אַלטן צלם... מוז אָבער אויך זיין אַן אָנגעפּוילטער, און שטייט אויף אַ מיטן בערגל פון אַ פּרוכטיק פעלד... אָט אַ פּאָר פון די באַהאָנגענע הייליקע פאַטשיילקעלעך רייס פון צלם אַרונטער, און קאָלופּע אויך אָפּ אַ הייפל פּויליק האָלץ. הערסט, די פאַטשיילקעלעך אָננעצן און צולייגן דעם חולה צום שטערן, און פון די פּוילע צלם־האָלץ אַ געטראַנקל דעם חולה איינקאָכן. קיין בעסערע רפואות דאַרף מען גאָרניט זוכן, מיט דער האַנט נעמט עס די קרענק אַוועק, די הענט ניט געוואַשן!..

מיט אַ פולן חוזק־פּנים קוקט איר אָן יאָקים. ער ווערט רויט פאַר בושה

פון זיין אייגן האַריקן אויער, וואָס האָט אים, יאָקימען, אַזוי צום נאַרן געמאַכט. — געלאָזט זיך די גאַנצע צייט צולייגן צו סטירע נעכעס ריידע־לעך און אויסהערן אירע סגולות!.. ווי אין ביזיון געשטעלט פון אייגענער נייגעריקייט, קנאַקט יאָקים אַוועק דעם ריכטיקן שפּיי:

— פּ־פּ־פּוי! הו־הו־הי... וואָס זאָגסטו צו איר, זי קאָן דאָך נאָך טאַקע אויף דער עלטער זיך נעמען ראַנגלען מיט מלאכים, סטירע נעכע!..

מיט אַ נאָך ברייטערן שפּיי וואַרפט יאָקים דעם גאַנצן געזעמל:

— קיין אַנדער אַרבעט ווי קימערן זיך פון „עמילן" און זיך לאָבן מיט סטירע נעכען האָב איך אַ פּנים ניט, פוי!.. האַלבער טאָג, און נאָך אין שטאָט ניט אַריינגעשמעקט!

קיין סך שעהן ניט פאַרביי און יאָקים האָט שוין גאָנץ אַנדערש אויסגעזונגען. אַ ווילדער ליאַרעם פון רייסיקע קולות האָט אָונט־צו געשטעלט געסל אויף די פיס:

— געוואַ־אַלט! ווו איז מענטשן, אַן אייגענער מענטש גייט אונטער!!..

און מענטשן זיינען זיך צונויפגעלאָפן. זיי האָבן דערזען פאַר זיך אַ מאַסן־געלאַף נאָך יאָקימען. ניט טויט ניט לעבעדיק לויפט דער, פרייכט שווער און סאַפּעט:

— ראַ־אַ־טעוועט! אַ דאַרף יאָגט...

און אַ נאָך אים — אַ מחנה מיט העק און מיט קאָסעס.

— האַלט אים!.. אויף אַן אָרט לייגן דעם גנב פון אַלטן הייליקן קרייץ!!!

ניט קיין גרינגע מלאכה האָט זיך דאָ פאַר געסל אונטערגעמאַכט. די פויערים — דאָס בלוט שטילט ניט אין זיי:

— אַ זשידעק זאָל עס וואַגן!.. — — — —

נאָכן פאַרטיק ווערן מיטן שטרייט האָט זיך צווישן די מענטשן דאָ פאַרנומען אַ לאַנג גערייד. קיינער מיינט גאָרניט אַנדערש, אַז זיי זיינען דורכויס גערעכט געווען, די פויערים. יאָקימס שטיקל אַרבעט האָט דאָ אַלעמען פון די כלים אַרויסגעיאָגט:

— הער אַ מעשה, הער אַ מעשה, וואָס אַ יאַט ניט קען!..
נישטערן זיי טאַקע איצט נאָך אים, די געסל־מענטשן, און הילכן אויף אַלע זייטן:

— יאָקים, ווו ביסטו עס דאָרטן געקראָכן, דעם צלם קאַלופּענען?..

דער ליגט אָבער איצט אַ צונויפגעקאָרטשעטער, אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם. די גלידער טרייסלען אים אין אַ כאָר און אויב אַ וואָרט קריכט אים אָט פון די אַלע רעדל־באַריידערייען וואָס פאַרזשומעווען אַ געסל... יאָקים ווייס טאַקע אַליין אויך ניט, וואָס האָט עס אים אַזוי אַהין, צום אַלטן פאַרפוילטן צלם, געשלעפּט, געטריבן. עס זינגט אים אין די אויערן און ער פילט זיך גאָר שוואַך אויף צו פאַרגעבן זיך אָט אַזאַ מין פּראַגע... דאָך גיט זיך איינע אַ שטים אַ בויער איך אים טיף אין אויער — און לאָזט שוין ניט רוען. אַ שעפּטשענדיק־גאָטספאָרכטיק קולכל לאָזט זיך הערן פונעם געזעמל; ס׳רעדט סטירע נעבעך:

— אַ רייד נאָך, וואָס טוט ניט אַ טאַטע אויף ראַטעווען דאָס לעבן פון אַן אייגן קינד?.. בלוט איז ניט קיין וואַסער. מען זעט דאָך באַשיים־פערלעך, די הענט ניט געוואַשן...

אויף באַראָט

קינדער אונטערוואָרפּן ווערט שוין אויך אַ קענטשאַפט.

איז טאַקע באַזונדער דער גערודער צווישן פּערסאָנאַל פון יידישן קינדערהיים, ווען נאָך גאַנץ פרי איז דורכגעלאָפן די נייס וועגן אַ ניי אונטערגעוואָרפענעם קינד ביים טרעפּן־אריינגאַנג. באַלד האָט דאָס שרייענדיקע לעבן פון דעם שמאַטעס־געוויקל אַרויס זיך אַרומגענומען מיט אַ געזעמל מענטשן און אַרויסגעשלעפּט פון דער ראַשיקער מאָרגן־אַרבעט אַזוי פיל ווייסע פאַרטעכער, קינדער־שוועסטער, אויפזעערינס, קעכינס און סתם דינער. דער טעלעפאָן האָט גענומען ליאַרעמען צו פּאָליציי און דער הויזוועכטער איז גלייך אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס דערטאַפּן ווער עמען. פאַרשפּיצט די פאַרשיכורט גרויע אייגעלעך, האָט ער זיך דאָ געפּלייסט צו אויפכאַפּן פון דערבייאיקע, צי האָט ניט ווער באַמערקט טראָגנדיק וואָס פאַרוויקלטס, און נאָך דעם צוריק מיט ליידיקן...

— שוין דאָס דריטע אונטערגעוואָרפענע קינד פאַר איין וואָך, און ניט צו דערגיין!... — ברומען אונטער די מענטשן פון הויז.

קיינער פון זיי וואָגט אָבער ניט זיך צורירן צו דער מציאה. דאָס קערט שטרענג אָן מיט דעם פאַרוואַלטער, וואָס איז שוין דאָ אויסגעוואַקסן. הויך, פעסט געבויט און ערנסט צוריקגעהאַלטן, נעמט ער אַרום מיט זיין איינגעמושטירטן נאָכפאָרשבליק דעם גאַנצן געזעמל. פון זיין מעריאָריקער פּראַקטיק אין דעם גרויסן אַנשטאַלט האַלט זיך וואַלדבערג, אָט דער העכערער אַנפאַרטרויטער באַאַמטער, פאַר אַ ספּעציאַליסט אויף אויסגעפינען די קינדער־אונטערוואַרפערס און דורך פּאָליציי זיי צושטעלן צוריק דאָס לעבעדיקע פּעקל. געלאַסן און דורכויס זאַכלעך נעמט ער זיך פונאַנדערוויקלען דעם קינד, גרינטלעך אַדורכנישטערן דעם פּעקל, צי לאָזט זיך ניט אָנשטויסן אויף וואָס באַזונדערס, אַ מאָל אַ קאָנט. שוין

דער שניט פון די וויקעלעך און געניי פונעם לייב־העמדעלע נעמט אים אָנציִען מיט אַ מיין, אַז די שמאַטעס פון אויבן איז מער ניט ווי אַ פאַרדעק און דאָס פיר־פינף חדשימדיקע קינד זאָל גאָר שטאַמען פון פאַרמעג־לעכע... נאָר אָט וויקלט זיך אַרויס אַ בריוו, בייגעלייגט צום עופעלע:

„זון מיינס! נאָך דאָ גוטע מענטשן וואָס וועלן דיך אויפציִען. וועסט אויסוואַקסן, וועסטו וויסן אויך צו ליבן און צו האַסן. איז די ערשטע צום האַסן — איך, דיין פאַרשווערשעכעריש מוטער.״

— אַ צעוואָרפענע אָבער פיינע האַנטשריפט... אַ מוטער אַפילו אַן אינטעליגענטע!.. — ציט וואַלדבערג מיט בייזלעכן געמורמל, וואָס פאַר אים אַנטפּלעקן זיך דאָ ניט קיין ממשותדיקע, מער דירעקטע שפּורן.

דער פּרעסטיזש אייפערדיקער פאַרוואַלטער מוז מודה זיין, אַז דער עולם ווערט קליגער, אַפילו מער געשיקט פאַר אים. אַוועק די צייטן וואָס פון יעדן צווייטן אונטערגעוואָרפענעם נפש פלעגט ער מיט זיינע קונציקע געגנג אויסגעפינען די אונטערוואַרפערס, די עלטערן... נאָך מער, שוין באַלד אַ יאָר ווי עס האָט אַפילו ניט געטראָפן קיין בייז ביים אונטער־וואַרפן די קליינוואַרג. ליגנדיק אין דרויסן אויף הפקר, איז קיין קינד ניט געוואָרן פאַרפרוירן, דערשטיקט פון די אָנגעפּעלצטע שמאַטעס... ניטאָ וואָס צו ריידן, עולם קען שוין די מלאכה.

און דאָך כאַפּט די גאַנצע זאַך גאַרניט זיין אַזוי אומנאָרמאַל אין די אויגן פון וואַלדבערגן. דער פּאָסטן זיינער דאָ האָט אים אויסגעאַרבעט, ער זאָל נעמען קוקן אויף אַ וועלט מענטשן ווי אויף בעלנים צו אונטער־וואַרפן זייערע קינדער. ניט מער, ער און נאָך אַזוינע פאַראַנטוואָרטלעכע אַדמיניסטראַטאָרס אין די קינדערהיימען גיבן שוין ווי געהעריק אַכטונג אויף דעם. פאַרזעט ער אָבער אַ מאָל — איז יענער דער חכם. און דאָס אונטערגעוואָרפענע קינד מוז קריגן זיין אָרט אין דעם אַנשטאַלט, אונטערן שוץ פון אים, דעם פאַרוואַלטער.

דאַכט אַזוי קלאָר. האָט ער אָבער יעדן מאָל שוועריקייטן מיט דעם פּערסאָנאַל דערציערינס און אויפזעערינס. אָט די בלאָזן זיך נאָך אַנאַנד מיט זייערע „גייסטע מעטאָדן״ און „גרופּירונגען פון קינדער״, און יעדער

נייער נפש טראָגט זיי אַריין אין דער אַרבעט אַ „כאַאָס“. מוז ער כסדר מיט זיי איינקנעלן און ווערט ניט איין מאָל אויפגעבראַכט:

— אויב שוין יע פּעדאַגאָגן מיט סכנות־נפשות, טאָ פאַר וואָס דער אָפּטער געריש אין די אָפּטיילן?... היינט די היזקות, ניט־שפּאָרעוודיקייט!...

ער איז אַ גרויסער ריידער וועגן שפּאָרן און נאָרמאַלקייט אין דער אַרבעט. דערביי באַטאָנט ער אָן אויפהער אַן איבערגעכאַפּט ווערטל:

— נאָרמאַלע אַרבעט פאַרטראָגט ניט קיין שטערונגען.

דאָס אָרדענען וועגן דעם ניי צוגעקומענעם קינד טרייבט אים שוין גאַנץ פרי אין זויגלינג־אָפּטייל. גרויס איז דאָ דער געפילדער און וויינערייַ פון די קליינוואַרג ביים באָדן זיי. געפעלט עס אים אויף גוטמוטיק אָנצו־הייבן:

— גוט מאָרגן, פייגעלעך, ווי קלאַפּט עס די אַרבעט?

די פייגעלעך אין געשטאַלט פון פלעגערינס אין ווייסע פאַרטעכער, פאַרטאָן מיט די צעשריענע עופעלעך, — כאַפּן זיי געניט אויף די מענע־רישע אויפגעלייגטקייט פון דעם אַלטן בחור אין די פרימאָרגנס. גיבן זיי זיך אָנקנייטשן מיטן ענטפער:

— עס פאַלושקעט זיך אין טאַקט, הער וואַלדבערג...

דערפילט ער באַלד זיין באַאַנגענעם פעלער. אַן אָפיציעלער באַזוך פון אַ פאַרוואַלטער דאַרף האַלטן יעדערן פון פערסאָנאַל אויפן געפּאַ־דערטן אָרט. טאָ צו וואָס דאָ זיין חכמהנען זיך? אין ענטפערן איז ער אָבער געגוג העפלעך:

— כאַ־כאַ, פאַלושקעט זיך, הייסט עס... כ'מיין, די וואַנעס טאַקע צו פיל אָנגעגאָסן... מען פאַרגעסט, פאַר וואָסער אַליין האָט דער אַנשטאַלט פאַריקן חודש באַצאָלט געגויע דריי הונדערט, און מיט קוילן איז גאָר אַ דלות!.. — —

„און דאָך שיינט די אַרבעט יע גיין נאָרמאַל“, — באַרוט אויף אים אַן אייגנצופרידנקייט, אַז ער קומט אַרויס פון אָפּטייל. אַהער־אַהין — דאָס נייע קינד ליגט שוין דאָ אין אַ בעטעלע אין איין ריי מיט די אַנדערע. די הנאה פון געשיקט אַדורכפירן זייניקס וואַרעמט אונטער זיין פאַרגלי־

ווערטע פֿאַנטאַזיע. קוים באַמערקט ער איצט אין קאָרידאָר דאָס מיידעלע, וואָס ציט אים שוין אַ רעכט ווײַלע ביים רעקל און האַלט אין פרעגן:

— סט׳מיך האַלט, וואַלדבערג?

— האַלט, אַוודאי האַלט, גיטעלע... — צו קינדער, ווייס ער, פֿאַדערט זיך ריידן ווייך, צוגעלאָזט. אַזוי זאָגן די אָפּטע אַרטיקלען וועגן קינדער־דערציאונג אין זיין שטענדיקן טאָגבלאַט. אַזוי ריידן אויך די אָנגעזעענע אויסלאַנד־פּראָפעסאָרן, וואָס באַזוכן דעם קינדערהיים.

— טאַקע האַלט מיך, וואַלדבערג? טאַ גיב מיר אַ גלעט, וואַלד־בערג, אָטאַדאָ, אין באַק...

אַ גלעט... שטאַרק חשוד אים, דעם פּאַרוואַלטער. פון וואַנעט אַ שטייגער קען פון אַזוינס גאָר וויסן אַזאַ גיטעלע, אָן אונטערגעוואָרפענע, אָן קרובים און עלטערן?.. משמעות זיך צוגעקוקט צו די מאַמעס אָדער טאַטעס און אַזוי קרובים, וואָס גנבענען זיך אַהער אַריין צו זייעריקע. דאָס הויז איז אָבער פאַר די שוין לענגער אָפּגעשלאָסן צוליב די כסדרדיקע איבערגאַנגען פון קינדער־קראַנקייטן... וועגן דעם וואָלט ער נאָך היינט געדאַרפט שטרענגער אַ שמועס טאָן מיטן שומר און טאַקע אויך מיט די דערציערינס. נאָרמאַלע אַרבעט פאַרטראָגט ניט קיין שטערונגען.

אין קאַנטאָר וואַרט שוין אויף וואַלדבערגן נייע אַרבעט.

אַ בלויי־אָדערדיקע און איינגעקוואַרטע האַנט טרייסלט אים צו גלייך אין פנים אַריין אַ פאַרשמאָלצן פּאַפּיר. רירעוודיק שנאָרעריש ציט באַלד פון אַ טיפער קעשענע אויך די צווייטע האַנט בריוו מיט לאַנגע געדרייטע אונטערשריפטן פון אַלערליי גבאים, גבירים און סתם ניכבדים, וואָס די אַלע שטיצן עס די בקשה וועגן אָננעמען זיינס אַ ניי געבוירן קינד. אַט דער ייד, ווייס וואַלדבערג, האָט זיך פאַרנומען אויף דער עלטער חתונה האָבן מיט אַ יונג מיידל, אַ האַלב־משוגענער, און אַזוי איז ער שוין אַ יערלע־כער אורח אין קאַנטאָר פון קינדערהיים. ער פילט זיך דאָ רעכט תקיף און דערווידער איז אים דאָס לענגערע אַריינקוקן פון פאַרוואַלטער אין דער שרייבערײַ.

— אומזיסט, הער וואַלדבערג, דאָס גריבלען זיך. אַחוץ מיינע צרות וועט איר גאָר ניט אויסגעפינען. כ׳רעכן נאָך היינט ברענגען דאָס קינד

אַהער. ווי מיינט איר ?.. אַ כשר קינד, הער פּאַרוואַלטער, מער יחסן ווי די אונטערגעוואָרפענע, און איך מיט מיין ווייב זיינען אויך בילכער פאַר די אַנדערע עלטערן די אויסוואָרפן !..

ווי אַן אָנגעטרויטער אין אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע, האָלט וואַלדבערג פאַר זיין חוב צו וואָרענען אַזוינע טאַטעס. אַ תרעומות רופט ב״י אים אַרויס אויך דאָס בינטל בריוו.

— ווייסן זיי כאַטש אַ די אַלע גוטע בעטער, אַז פאַר דער לעצטער צייט האָט איר שוין אָפּגעזעצט ביי אונדז יעדן יאָר אַ קינד ? און ווי פאַרטראַכט זיך עס ניט אַ ייד אין די זיבעציקער ?..

— נו, וויטער אַן אומגליק, טרעפט דאָך... — מורמלט אָפּ דער אַלטער מיט אַ פאַראיבל נאָכסאַל מענטשן זאָלן יעדן יאָר פון אים פאַר־לאַנגען צו איבערחזרן דעם זעלבן ענטפער. זאָגט ער היינט טאַקע דערצו אריין : — אַט מוסרט גלייכער אייערע פופצן יאַריקע טאַטע־מאַמעס. מער מיצווה, הער וואַלדבערג !..

גאָר אַנדערש דערפילט זיך וואַלדבערג, ווען דער ייד פאַרלאָזט דעם קאַנטאָר און ער קאָן שוין זיך ווענדן צו דער יונגער שיינער פרוי, וואָס ווארט מיט אַ פעקל אין האַנט. ער ווייס כמעט פאַרויס וועגן וואָס דאָ קאָן זיך האנדלען. זייער אָפט ברענגען רייכערע דאַמען מתנות פאַר די קינדער, און די אָ אויסגעפּוצטע איז אויך ניט פון די איינציקע, וואָס ווילן אַז זייער געשענק זאָל דורכגיין דווקא דורך זיין האַנט, דעם פאַרוואַלטערס. די האָבן זיך זייערע קאפריזן. געלינגט אָבער צו פאַראינטערעסירן זיי מיטן קינדערהיים און זיי אַריינציען אין די אַקציעס לטובת אָט דער אינסטי־טוציע, — איז ניט אָפּצושאַצן די נוצן.

ווי געטראָפן. קאָנפעקטן האָט זי פאַר די קינדער און אויך אַ קליינעם קאָסטיום. פון איר צוקנדיק געזיכט מיט די אומעט פאַרצויגענע קאַרשן־אויגן צאַפּלט אַ געבראָכענער קוק. יע, וועגן קאָסטיום האָט זי וואָס צו זאָגן. דאָס איז אַ פּרעכטיק פיינער אַנטו פאַר אַ קינד מיט בלויע אייגעלעך, — מען קען זיך אויף איר געשמאַק פאַרלאָזן. זי וואָלט טאַקע וועלן אַליין צוקלייבן דאָס קינד. דער הער פאַרוואַלטער זאָל אפשר בעטן וועמען פון די ביורא־מענטשן איר פירן ווייזן די קינדער.

יאָרן דאָ אָנגעשטרענגטע אַרבעט, מיט די אַלץ שטייגנדיקע דעפּי־ציטן, — האָבן אַדורך וואַלדבערגן אַ ווייע געטאָן. קאָן ער שוין במילא ניט לאָזן אַזאַ פּרוי אויף פרעמדע הענט. ער אַליין וועט זי פירן איבער די צימערן. שוין דער אויסזען זאָגט אונטער זיין געניטן אויג, אַז ביי אָט דער האָט וואָס אַן אומגליק געטראָפן מיט אַ קינד. דער קאָסטיום זאָל עס זיין אַ נאָכבלייב. זוכט זי איצט, ווי נאָך אנדערע פרויען, אַ טרייסט דאָ צווישן די קינדער. אָט אַזוינע דאַמען ווערן די איבערגעבנסטע פריינד פון דער אינסטיטוציע, וואַרפן זיך מיט פלייס אויף קלייבן אַלערליי נדבות און זיינען אַ געווינס פאַר דעם קלאָגעדיקן בודזשעט.

— יאָ, מאַדאַם, מיר לאָזן זיך איבער די קינדער־צימערן.

די פרוי מיטן פּעקל אין האַנט נעמט זיך מיט אַ מאָל גאָר ווי איבער־לייגן. איר וווּנדערלעך געשניצט פּנים איז אַזוי פאַרכמורעט און הויכט מיט אַפּהענטיקייט. אומבאַוועגט שטייט זי. אַ ווייִלע אַרום — פאַרהייבט זיך האַסטיק איר קוק, וואָס שלענגלט זיך אומרואיק איבער דעם ברייטן דיל פון קאַנטאָר, און שלאָגט זיך אָפּ אָן די ווענט, די פאַרהאַנגענע מיט ביל־דער פון דעם קינדער־לעבן דאָ אין הויז. אירע אויגן טוען זיך אָבער ווי אין גאַנצן אַ פאַרמאַך און זי לאָזט זיך אַרונטער אויף דעם שטול וואָס לעבן איר.

— אַ שיינעם דאַנק. איר וועט דאָך דערלויבן, הער פאַרוואַלטער, אַ ביסל זיך פאַררוען?

זי דאַרף טאַקע אין גאַנצן ניט קריכן צו די קינדער — עקבערט אין איר אַ חרטה אויף דעם קומען אַהער. זי האָט היינט פרי נאָך ניט אָפּגעטאָן אַזאַ פיינע זאַך, זי זאָל זיך שוין קאָנען פאַרגינען אַרויפּצוציען אויף זיך אַרטיסטישע ראָלעס. איר קינד האָט זי אין אַ קאַלטן פרימאָרגן אונטער־געוואָרפן אויף גאַטס באַראַט. זי וויל טאַקע זען מיט די אויגן, ווי עס איז דאָ איינגעאָרדנט, זיך זעגענען מיט אים אַ לעצט מאָל פאַר איר אָפּפאָרן אין מרחקים. איר חרוב לעבן קאָן ווייטער אַזוי זיך ניט ציען. אַ צוקונפט מוז זי זיך ווו זוכן בויען. אפשר פאַר איר קינד אויך... יע, דאָס איז נאָך אָבער אַ גאָר קנאַפּע באַרעכטיקונג אויף צו פאַרפירן מיט אָנשטעל... שטרעקט זי פון זיך דאָס פּעקל:

— ווייסט איר, הער פאַרוואַלטער, מירן שוין גאָר לאָזן היינטיקס מאָל מיטן באַזוכן די קינדער. צו קורץ מיט שטימונג...

— אָך, טוט עס ניט, מאַדאַם!.. וואָס שייך שטימונג, פאַרלאָזט זיך אויף די קליינוואַרג. זיי וועלן אייך שוין שאַפן...

די קליינוואַרג וועלן זי אַריינברענגען אין שטימונג. שווער אויף דעם אָפּצוטענטפערן... נאָך אַ ווײַלע — קאָן זי זיך אויספלאַפּלען, אַז איר שרעקן גאָר היינט קינדערלעך... דאַכט מען מערקט שוין דאָס לויט איר האַל־טונג, אויף איר פּנים. דאָס טראַגיש פאַרלאָפענע מיט איר דורך יאָרן גאַנצע — קאָן דאָך ניט אין שעהן ווערן אַוועקגעווישט... אַ שטורעמדיק פאַרפלאָנטערטע ליבע. צו לעצט — אַ חתן נעמט זיך דאָס לעבן. און זי פאַרגאַנגען אין טראָגן... שוין באַלד אַ יאָר ווי אָפּגעריסן פון דער מיוחס־דיקער היים, אויף ניט צוריק... זי מוז פאָרן פון דאַנעט אַ פרייע, ניט געבונדן מיט אַ קינד. פיר און צוואַנציק יאָר אַלט איז זי נאָך... דער פיינ־לעכער חשבון, אויסגעווייטיקט דורך צרהדיקע טעג און אַזוי פיל בייזע שלאָפלאָזע נעכט, רייסט זי נאָך מיט.

— הייסט עס, הער פאַרוואַלטער, אַ גאַראַנטיע פון אייך אַליין אויף אינטערעס. מוז מען זיך לאָזן איבעררײדן...

אויך אין זיין פלירט וויס וואַלדבערג נאָר צו רײדן פון דעם קינדער־היים. באַנעמט זי גאָר וויניק אין איר צעשטרייטן גיין איבער די טרעפּ פון די טרוקענע ווערטער וועגן דעם אויסטערלישן געבוי פון דעם הויז. געפלאַנט האָבן עס צוויי פּראָמינענטע אינזשינירן און אַן אַרכיטעקט פון אויסלאַנד, גאָר אַ באַרימטער, אַ קאַריפּיי. און בכלל איז דער קינדערהיים אַ שם־דבר אין דער וועלט, און שבחים די גרעסטע שיטן זיך אויף דער פאַרוואַלטונג פאַר דעם מוסטערהאַפטן פיר... די יומטובדיקע שפּראַך מיטן גאַנצן אוצר פרעמדווערטער האַלט אויך אָן, ווען די מעטאַלענע מענערשטים גיט טיף אַ פאַל. יאָ, אָט די פענאָמענאַלע און קוואַליטאַטיווע אינסטיטוציע האָט לעצטנס מאַטעריעלע שוועריקייטן, קאַלאַסאַלע. די דעפיציטן ריזיקע...

זיי האָט אויפגעשלונגען אַ האַלע אַ גרויסע מיט דריי־פיר יאָריקע קינדערלעך. קליינוואַרג איז געווען געשמאַק פאַרטאָן אין אַלערהאַנטיקע שטיפערייען. די זיינען אַרומגעלאָפן, זיך באַהאַלטן איינס פון אַנדערן. טייל

זיינען געשפּרונגען איינס איבערן צווייטן, געטרובעט, צעזונגען זיך, געוויזן קונצשטיק מיט קנייטשן אויגן און באַוועגן מיט די אויערן. דאָ האָט אַ געזעמל זיך גאָר צעאַמפּערט ביז ברוגז, און מחנות גייען אַרויס אויף מילחמה, און אָט שוין ווידער גוט...

דער באַזוך אין דעם אָפּטייל איז סתם פאַר איר אַ בייזער חלום. פאַר דערוואַקסענע קינדערלעך מיט מערערן פאַרשטאַנד פאַרפאָלגט איר שוין לאַנג אַ באַזונדערע מורא. זי האָט כסדר איבערגעציטערט. איר קינד זאָל ניט ווערן גיך רייף, אָנהייבן מערער קענען זיין מאַמען. מיט יעדן טאָג, וואָס מער זיין בליק איז געוואָרן באַהאַוונטער, אַלץ מער האָט איר אָנגע־וואָרפן מיט שרעק. וועט טאַקע צייט אַ פּאָר יאָר איר ייִנגעלע דאָ אויך אַזוי אַרומלויפן ?..

— קליין איז זיכער ביי אייך, הער פאַרוואַלטער, די שטערבלעכקייט פון די קינדער. און אַזוי קראַנקייטן ?

אַ מבול ציפער האָט זיך אַ שאָט געטאָן פון וואַלדבערגן. אַ שוים פון אַלערליי קרענק און טויטפאַלן בריט אירע נערוון. גאָר גליעוודיק גיט אַ צופּ דער אויספיר, אַז „פאַרהעלטענישמעסיק, רעלאַטיוו, איז דאָ ניט אומצו־פרידנשטעלנד"... ביסלעכווייז האָט קליינוואַרג דערשמעקט דעם נייעם מענטשן, און זי איז געוואָרן פון זיי אַרומגערינגלט. אָנפאַנגס איז איר קנאַפּ וואָס אויפגעפאַלן דאָס קינדערישע ברייטערן די אייגעלעך צו איר, דאָס טו־ליעוודיקע שאַרן זיך. די פּיפּיקערע וואַגן אָנטאַפּן אירע קליידער, באַרירן איר לאַשטשעוודיק ביי די הענט. די בעטלדיקע ליבשאַפט רייסט זי אויף. די קעפּלעך דרייען זיך איר אונטער די הענט, לעכצן נאָך אַ שפּילצייג, אַ נאַ־שעריי, אַ ליב וואָרט. געפּלעפּט קוקט זי אַריין אין די עלנטע אייגעלעך. אומבאַהאָלפן איז זי; די הענט הייבן זיך איר ניט אויף צערטלען קינדער. זי כאַפּט זיך, אַז דעם פּעקל קאָנפעקטן האָט זי אין קאַנטאָר איבערגעגעבן אויפן פאַרוואַלטערס הענט...

אַ צווייטער אָפּטייל איז פון נאָך קלענערע, די פּויזערס. אַ זשומעריי פון ניט־דעררעדטע ווערטער נעמט זי דאָ איבער. קליינוואַרג ברומט יעדער פאַר זיך און אַלע צוזאַמען, לאַכן הילכיק און כיכיקענען און וואַרפן זיך מיט

ליאַרעם איינער צום צווייטן. די שוואַכערע שאַרן זיך אַרום מיט געדראַפּ בײַ די וועגנטלעך פון ברייטע גיי־קאַסטנס, פאַלן אַנידער מיט אַ קוויטשעריי און ווידער געפּלייסט זיך אַנידערצושטעלן... דער אַראָמאַט פון קינדער־מלוכה האָט זי באַרוישט. זי באַמערקט אין גאַנצן ניט די חנדלדיקע צעגאַ־סנקייט איבער דעם רונדן פּנים וואַלדבערגס און אַ וואָרט קריכט איר ניט פון די חשבונות זיינע און אויסרעכענונגען, וויפל עס קאָסט אַריין דעם מוסד דער דורכשניטלעכער אויסהאַלט פון נאָר איין קינד. פיל מער האָט זיך איר געגליטשט אין אויער אַריין די ליבלעך אונטערטעניקע אָנצוהערע־נישן וועגן דרינגלעכער הילף. „אַזאַ סענסיטיווע פרוי מיט איר אומשאַצ־באַרער אָבסערוויר־פעאיקייט וועט, בײַ די אימפּרעסיעס וואָס זי האָט דאָ באַקומען, געוויס וויסן צו אָפּשאַצן די ווונדערלעכע אַרבעט אין אַזאַ העכסט וויכטיקן אַנשטאַלט”... אַזאַ דורכגעטריבן געניטער פאַרוואַלטער, און דער־קענט ניט! נאָך ניט אָפּגעטייט בײַ איר אַ פרייע מינע; זי קען נאָך זיך אַ שפּיל טאָן מיט מענטשן. ווי איר האָט זיך דאָס מיט איין שעה צוריק ניט געוואָלט גלייבן!.. יאָ־יאָ, אָן דעם קינד בײַ דער זייט איז זי נאָך ניט פאַרפאַלן.

אָן אָנריר פּלוצעם ביים געהער ציטערט זי אויף. פון דערבייאיקן אָפּטייל דעררייסט זיך צו איר אַ יאָמערלעך אויסגעמאַטערטע פּישטשעריי. ווי באַ־קאַנט! ווי נאָענט!!.. מיטן אויגנפּינטל איז זי אין זויגלינג־אָפּטייל, פאַלט צו ווילד צום קינד, כאַפּט עס אין די אָרעמס.

— ווי לאָזט מען עס? ווי קאָן מען עס אַזוי לאָזן זיך רייסן אַ פּיצל קינד?!

דער פּישטש נעמט איינגיין. פון די זשמורעוודיק פאַרקנייטשטע אייגע־לעך איז אַרויסגעשפּראָצט אַ נייגערבליק, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרומטאַפּן איר אויסזען. פאַרגאַפּט זיינען די טיף בלויע קוקערס געשפּרונגען איבער די נייע און אומבאַקאַנטע הוט־און־מאַנטל און זיך איינגעפּרעסן אין דעם אויפגעלאָפּענעם און שמייכלדיקן פּנים. גיך האָט דעם נפש אַרומגעכאַפּט דער מאַמעבליק, און באַלד איז ער אין גאַנצן אויפגעלויכטן. מיט אַ פריידיקן הילך טוט ער אַ שפּרונג, פאַלט צו הונגעריק און רייסט זיך צו דער ברוסט... פון אונטערן מאַנטל האָט איר באַלד אָפּגעשווידערט פון דער נאַסער

בלוזע, וואָס זאַפּט פון סאַמע פּרימאָרגן דעם טריפנדיקן מילך, איר קינדס...
זאָל זי אים שטילן?..

מיט דעם עקשנותדיקן קלאַמערן זיך פון קינד שטראַמט זי אַדורך איין גרויסער ציטער — דער עתיד אירער הענגט אויף אַ האָר. אַ סוף צו אַלע אירע אויסגעווייטאָגטע פּלענער; זי איז ווידער געפאַנגען, יונג פאַרשניטן, — שוין אויף אייביק!..

— אך, אָט דאָס קינד ווייִנט עס, אַ מיספאַרשטיין, מאַדאַם — שטייט קעגן איר וואַלדבערג ווי אַ שולדיקער. — דאָס איז אַ פּריש אונטערגעוואָרפן, ערשט היינט פרי... צרות פון אָט די אײדער זיי געוווינען זיך צו מיט נייַע מענטשן און צו דעם קינסטלעכן שפּייז. קאַנטיק אַ מילכקינד אָט דער. דערצו ווילן אָט די אורחים אויף די הענט. גאַנצענע טעג רוען זיי ניט... נאָך דעם אָבער ווערן זיי דאָ אייגענע מענטשן. קוקט אָן, ביטע, דאָס איבע־ריקע. אַ מאָלעניש מיט די פּיס, מען מאַרוקעט אויף אַלע לשונות. אָט רייסט מען זיך דאָך צו אייך אַנטקעגן; מען פלייסט מיטן הייבן זיך פון בעטלעך; און מען קנייטשט פאַר כעס מיט די נעזלעך...

ווונדער! נאָך אַלץ ניט געכאַפּט זיך וועגן איר. ווי געשיקט זי אַרבעט... איז — אויף וואָס וואַרט זי?

איין שטאַרקער ווילן שלאָגט זי אַדורך — לויפן! יעדע איבעריקע סע־קונדע דאָ איז פייער...

זי האָט מיט כוח אָוועקגעריסן דאָס קינד פון זיך און אַ פאַרצאַפּלטן אים אָוועקגעלייגט אין בעטל. צעשרויפט איילִיק כאַפּט זי זיך אויספּאַקן דעם קאָסטיום. באַלד אָבער גיך שנעל צוריקפאַרבונדן. אומגעדולדיק צו־געוואָרפן די פלעגערינס:

— דעם קאָסטיום... די פריילינס אַליין וועלן שוין צופאַסן, געהעריק...

זי האָט שוין ניט געוואָלט הערן די הויכע מוסר־רייד פון וואַלדבערגן צו די אויפזעערינס וועגן מער אויפמערקזאַמקייט צו די קינדער, טיף מענטשלעכן צוגאַנג, — אָט זאָלן זיי האָבן אַ לעבעדיקן ביישפּיל פון אָט ד'ער מאַדאַם...

גיך גיך האָט זי זיך געלאָזן פון די טרעפּ, זיך צעזעגנט מיטן פאַרוואַל־

מער און אויף אַלע זיינע פאָרלייגן געענטפערט מיט „יאָ". אַפילו איר נאָ־מען האָט זי פון אימפּעט ריכטיק געזאָגט.

אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, באַנעמט זי שוין, אַז קיין זייטיקער פאַרפאָלגט זי ניט. קיינער שפּירט זי ניט נאָך. איר אומרו און מורא — איז פאַר זיך אַליין. יע, דאָס פאַרצאַפּלט אַוועקגעשלידערטע קינד שפּירט זי מיט זיך; עס רייסט זי ווידער צום קינדערהיים. אַהער טאַקע וועט זי נאָך מוזן ווען צוריקקערן. אַרויסשלאָגן מוז זי פון זיך דעם גרויליקן פאַרפאָלג. אויפנעמען וועט זי אין די אָרעמס איר קינד, אַ פריילעכן און לויכטיקן, שוין אויף אַלע מאָל... אָבער זי אַליין — ווו איז זי?..

פיינלעך צעשוימט, האָט איר אין פרייען דרויסן אַדורכגעמונטערט:

— איך, איך בין מיינע!..

קינדער

מונטער־דרייסט הערשט חייקל מיט זיין ווויל־יונגערישן און גוטמוטיקן ביטול איבערן געסל. דאָ איז ער געבוירן, זיך אויפגעהאָדעוועט און מיט אַלעמען כמעט אויף דו. פון דאַנעט פּאַרט ער שטאָלץ אַרויס יעדן פרי־מאָרגן מיט זיין לאַנגער בייטש און ברייטער משא־פור, וואָס ער האָט באַ־קומען פון טאַטן. און דאָ אין געסל זיצט ער עס ברייטלעך צווישן זיין גע־זינדל נאָך דעם שווערן אַרבעטסטאָג. פון דעם גאַניקל פאַר זיין ירושה־שטיבל ציט ער שפּאַטעריש אָן יעדן פאַרבייגייער מיט אַ ווערטל און לאַכט פון אַ וועלט.

גייט פאַרנאַכטלעך אַ בעקער־אַרבעטער אַהיים. אַ ביסל אָנגעשנאָשקעט, שאָקלט ער זיך אונטער כסדר אויף אָן אַנדער זייט, און די פּאָר ברייטלעך פון אונטער די פאַכוועס גליטשן זיך אים ביי יעדן שאָקל אין קעגנזייט און שאַרן זיך אויף אַראָפּ. באַדאַרף חייקל פון זיין גאַניקל הילכיק צוקנאַקן:

— העי! דו, אַליין דאַכט געקנאָטן די לאַבנס; האָסטו ניט געקאָנט איינהאַמעווען, אַז זיי זאָלן כאָטש ווי געהעריק אונטערטאַנצן מיטן מייסטער, צום טאַקט?..

טראָגט זיך אַדורך געסל די נייס, אַז יודל דער שינדער, וואָס איז קראַנק אויף בויכטיפוס און שוין נעכטן אין שפּיטאָל דורכגעמאַכט מיט מזל דעם קריזיס, איז היינט ווידער אין גרויס סכנה. ער האָט זיך ניט איינ־געהאַלטן און בגנבה אַריינגעכאַפּט אַ שנעפּסל... נעמט עס אויף חייקל און דערקלערט באַלד פאַר מענטשן אַרום:

— הער אַ מעשה, אַז דער קריזיס איז פאַרביי, איז דאָך אַ מענטש עפּעס אַ בעל־שימחה, טאָ וואָס ט'ער זיך נודיען אויפן ניכטערן האַרצן?..

טרעפט אויך, אַז חשובע לייט לאָזן זיך אַהער אַראָפּ צו אָנקוקן דאָס

געסל, וואָס האָט עפּעס אַ מאָדנעם נאָמען אין שטאָט. ווערט חייקל גאָרניט נתפּעל פֿאַר אָט די. אַנומלט באַוויזט זיך דאָ אַ הויכער פּולער פּאַרשוין מיט גרויסע ברילן און לאַנגער טשופּרינע. צעשפּרייט זיך גלייך אַ שושקעריי וועגן אים ווי פֿון אַ באַרימטן שרייבער און גרויסן רעדנער. האָט זיך באַלד פֿון זיין גאַניקל מיט אַ פּיצל אויף דער האַנט אַ לאָז געטאָן חייקל, וואָס האָט אַליין פֿאַר זיין לעבן קיין פּעדער אין האַנט ניט געהאַלטן. מעשה גוטער ברודער שטעקט ער אָפּ דעם אורח אַ ברייטן שלום־עליכם און פֿאַר־פּירט אַ שמועס, וואָס געסל האָט זיך געהאַט צו קאַטשען פֿון געלעכטער.

— האָ, געקומען אַהער מסתּמא אָנקוקן מוראַדיקע זאַכן, אויף שרייבן די ביכלעך מיט גזלנים?.. טאָ קוקט אָן, פּאַני שרייבער, אָט דעם מענטשן וואָס גייט דאָ — טרעט אָן חייקל פֿאַר איין וועגס אַ פֿאַרבייגייענדיקן שיכור. — אָט דער האָט דאָ ערשט פֿאַר אַ ווײַלע נאָך אַ רעכטער כּוסע מיט איין מעסער אָרונטערגעשניטן גאַנצע דריי קעפּ!.. הייליק, פּאַני שרייבער, איר קאָנט נאָך זען ביי אים אויפֿן רעקל די מילך און רויגן פֿון אַלע דריי הערינג...

ניט אַלעמען געפֿעלט אָבער די פֿאַרשייטע באַציאונג צו אַזאַ גרויסן מאַן. שלאָגט זיי חייקל באַלד אָפּ:

— און אַז אַ שרייבער, איז וואָס? דאָס איז דאָך זיין געשעפֿט!

ווער רעדט, ווי חייקל שייגעצט אָפּ אַ דאָרפֿישן פּויערל, אַ פּאָליציסט, אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן משולח אין געסל. אַפֿילו אין קלויז דאָ פּילט ער זיך האָפּערדיק און זאָטלט זיך אַ פּנים נאָך צו ווערן אַ גבאי. ניט איין מאָל כאַפּט ער זיך לעצטנס צום עמוד. אויף זיין ברייטער ברוסטשטים גיט ער עס הילכיק אַ שאָס:

— מזמור שנוכת הבית לדוד...

— וואָס פֿאַר אַ שנוקעס? — צעפּאַטשט זיך עולם אין די שטענדערס — קוק אַריין גוט אין סידור, חייקל, און זאָג ריכטיק: שיר חנוכּת!

— איר זייט געוווען אויפֿן הימל; איר ווייסט עס גענוי ווי מען דאַרף זאָגן!.. — קנאַלט ער תּקיפֿדיק אָפּ און האַקט ווייטער ביים עמוד.

געסל קען חייקלען פֿון זיין סאַמע יוגנט און געדענקט אים גאָרניט פֿאַר אַזאַ מזיק און אויסלאַכער. רעדט מען אַלץ וועגן דער שטאָלץ, וואָס האָט זיך ביי אים גענומען און זיין קוקן אויף אַלץ און אַלעמען פֿון־אויבן־

אַראָפּ. און אַלע קומען צו דער דעה, אַז די גדלות ביי אים וואַקסט מיט דעם כסדר פאַרגרעסערן זיך פון זיין געזינדל:

— די קינדער, מיט יעדן נייעם נפש אין שטוב באַקומט דער מענטש אַ נייע נשמה...

פון דער חתונה אָן האָט חייקלען די ווייב אָנגעהויבן געבוירן יעדן יאָר אַ קינד. זיין שטיבל ווערט אַלץ אָנגעפּראָפּט און הודזשעט מיט קליינוואַרג און ער, דער טאַטע, נעמט אויף יעדן ניי־געבוירן קינד מיט אַ באַזונדער פרייד, וואַרפט זיך מיט נאָך גרעסערן ברען אויף העלפן האָ־דעוון — און וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף אַ נייעם. און קומט ווידער די גליקלעכע שעה, רוט שוין ניט דער מענטש און הילכט אויס פאַר אַלע־מען זיין שימחה.

— וואָס פרייכט איר אַזוי, שטעשע? רק באַזאָרגט מיט די אָרעמע־לייט — האַלט ער אָפּ פון זיין גאַניקל אַן עלטערע יידענע, די גבאיטע פון געסל, און נעמט שיטן אַן אָפּגעגאָסענער פון פרייד — מאַכט אייך, שטע־שע, אַ פריילעך פּנים און זאָגט מיר מזל־טוב. אַ יינגל אַ מאַגנאַט!.. בין איך שוין אַ טאַטע פון דריי יינגלעך!..

— דאָס זעקעלע עפּנט זיך... אייער עטל קיין עין הרע איז אַ בריה, יעדן זומער אַ קינד.

— הער נאָר אַן אָפּזאָגן, אַ קינד — איז שוין חייקל אין דער פּאָזע פון אַ באַליידיקטן — אַ מויד איז ביי אייך אויך אַ זאַך?.. אַז מען שמועסט דאָך: יינגלעך. דריי יינגלעך אָן עין־הרע, נאָר יינגלעך!..

מיט זיינע יינגלעך איז חייקל פאַרגאַלאָפּירט. אַ געסל־מענטשן וואָס די ווייב האָט אים געבוירן אַ פינפט מיידל, — נעמט ער איבער פון זיין גאַ־ניקל:

— אָרעמאַן, וווּ ביסטו געקראָכן? ווייסט דאָך אַז ביי דיר איז אַ שליטוועג אויף מיידלעך!..

אַזוי פּאַמעלעך נעמט חייקל מער און מער לאַכן פון אַ וועלט און קלייבט נחת ביי זיך פון יעדן פּיצל באַזונדער. גרינג און שנעל גייט אויך צו דאָס

האָבן ביי דער קליינער און לויכטיקער עטל, וואָס דער שמייכל טוט זיך פון איר ניט אָפּ. ביי די קימפּעטן וויזט זיך נאָר אַן אַלטע באָבע, און אַז די פּאַרשפּעטיקט זיך, ווערט אָן איר אויך רעכט. געסל האָט טאַקע וואָס צו מקנא זיין. דאַכט נאָך ניט אין גאַנצן באַוויזן צו אָפּגעבן מזל־טוב אויפן לעצטן קינד, ווי עטל נעמט שוין ווידער מיט איר ברייט־צעוואָקסענער פּי־גור „בעטן אויף אַ ברית". חייקל, ווידער, שטראַלט נאָך זיבן מאָל מער און פּאַרשפּילט זיך מיט זיין כאַפּטע קליינוואַרג ביז שטיקער אין דער נאַכט. און איידער מען זעט זיך אַרום, פּויקט ער שוין איבער געסל:

— איז וואָס זאָגט איר אויף מיין עטלען? מיט מזל אין שטוב נאָך אַ יינגל!..

געסל ווייס אָבער פון נאָך אַ געבורט. חייקל מיט זיין ווייב האָבן שוין געהאַלטן נאָכן פינפטן יינגל. האָט זיך אַן אָוונט פון זייער שטוב צעטראָגן אַ קרעכצעריי פון אַ ווייעניש, און שפּעטער אַ ביסל געוואָרן שטיל. חייק־לען אַליין האָט מען ביז שפּעט אין דער נאַכט ניט געזען אין דרויסן. ערשט מאָרגן פרי באַווייזט ער זיך אין טיר אַ פאַרכמורעטער.

— נו, וואָס געבוירן?

— ווייסעך, דאַכט אַ מיידל... — טוט ער ניט־גערן אַ בורטשע אָפּ און פאַרהאַקט הינטער זיך צוריק די טיר.

— אים דאַכט זיך... —קרימען אים נאָך פון הינטן די ווייבער מיט נקמה־געפיל און אַ שאַרף געלעכטערל צעשפּרינגט זיך איבער געסל.

אַז דאָס מיידעלע האָט אָנגעהויבן פיין געדייען און ביסלעכוויז אויס־זען אויף דעם טאַטן אירן פּאַר גאָר „קיין בייז", — האָט ער זיך שוין אונ־טערגעחכמהט איבער זיך אַליין:

— היינט טרעפט דאָך... הלמאי אָט האָבן די רייכע זיסקינדס געהאַט צו טאָן אַ לעבן מיט תבואה און לעצטנס זיך גאָר געוואָרפן אויף קי...

טרייסטן זיך האָט אָבער חייקל לאַנג ניט באַדאַרפט. סך־הכל אין אַ קאַרגן יאָר אַרום האָט ער שוין געלאַכט ווידער אַ מאָל מיט פולן מויל פון אַ וועלט. עטל האָט געבוירן אַ צווילינג, צוויי פיינע יינגלעך! זיין שטאָלץ האָט צוריק באַקומען לשון:

קינדער

— האַנדלט אַפּ אַ מענטש יאָרן פּינקטלעך און ראַיעל אויף איינצל, דערשלאָגט ער זיך אויך צו אַנגראָ...

דערציען קינדער איז אין גאַנצן ניט פון די גרויסע דאגות. די גאַניק־לעך און הויפן, זאַמד און שטיינדלעך, די נידעריקע דעכער און פּאַרקאַ־נעס, — דאָ האָט שוין קליינוואַרג געגוג באַשעפטיקונג. און אַז דאָס על־טערע ייִנגל האָט געגומען גיין לערנען און געבליבן אַלץ אין נידעריקן קלאַס, האָט אויך חייקל קיין סך מחזקות ניט געמאַכט און אים מיט פּאַ־טערלעכער איינזעעניש אָוועקגעשטעלט ביי דער בייטש.

— איבער די עברי אין סידור גייט ער דאָך ווי אַ באָרוועסער אויף שפּענער: טאָ וואָס אים טרייבן מיט צעמזיקטע פּיס קלאַס־אַרויף?..

אַלץ איז דאַכט געגאַנגען ביי חייקלען ווי געשמירט. יעדן אָנהייב זו־מער האָט ער שוין כמעט ווי ניט געדאַרפט רופן צו זיך מענטשן אויף אַ שימחה. קרובים און גוטע באַקאַנטע פון אַלע עקן שטאָט און אויך פון די דערבייאיקע שטעטלעך פלעגן אין דער צייט ווי פון זיך אַליין זיך באַווייזן יום־טובדיק אָנגעטאָן און אויף די ליפּן אַ פריילעכן מזל־טוב. אויך דאָס שטיבל זיינס, שוין צוזאַמען מיטן נייעם פליגל וואָס ער האָט פאַר דער צייט צוגעבויט, איז אַלץ פולער געוואָרן. פול — אָבער ניט ענג. ביי אַזאַ מונטערקייט און אָנקוועליקער נחת וואָס אַ קינד טרעפט אין טאַטנס שטוב, איז אים קיין מאָל ניט ענג. נאָר אָט איז אומדערוואַרט באַפאַלן חייקלען אַן אומרו. עפּעס האָט ס׳האַרץ אים אָנגעהויבן טיאָכקענען מיט ניט־זיכער־קייט. שוין אַ שטיק אין ווינטער, דער צווילינג יאַטלעך נעמט שוין ביס־לעכווייז פויזענען. די גרעסערע קינדער פרעגן זיך שוין נאָך, ווי געווינ־לעך, אויף אַ נייער „ליאַלע". דער טאַטע גופא איז שוין גרייט נאָך מער אַרויפצונעמען אויף זיך די האָדוואַניע, — און עטל ווייזט נאָך גאָרניט אַרויס וועלכע סימנים אויף „יע". ניט זי ברוגזט זיך כלומרשט אויף אים, ווי ס׳כאַפּט די לעצטע יאָרן, — הלמאי „שוין ווידער!". זי וועקט אים אויך ניט נאָך אַ טרונק וואַסער. אַפילו שווערע משא מיידט זי ניט אויס צו הייבן, און ווייזט בכלל ניט אַרויס קיין „שטיק" פון אַ שוואַנגערער...

מען קען ניט זאָגן, אַז חייקל האָט אויפגעהערט צו ליבן די ווייב. ניש־קשה, זי איז אים נאָך געגוג טייער און איבערציטעריק. די חכמות זיינע און אַזוי שטעכלקעס האָבן אָבער איצט אַלץ אָפּטער זיך גענומען קייקלען אויף עטלס זייט. קומט ער פון גאַס און טרעפט זי אין שטוב, ווי שוין לעצ־טנס, אַזוי „פראַנק־און־פריי״, ציט ער אָן די רייד:

— האָסט שוין געהערט, עטל, פון דעם נייעם באַפעל פון קאָמענ־דאַנט? אַ שטרענגער באַפעל קעגן מאַכן אַ שטרייק!..

פּאַסירט אַז מענטשן קומען אַריין צו חייקלען אין אָוונט און טרעפן די פאַרהאָרעוועטע עטלען מיט שלאָף אין די אויגן. איז ער באַלד מיט אַ חכמה:

— איר ווייסט ניט די אַלטע קעץ מיט די ליידיקע בייכער? רק זיי דרעמלען...

און אַז קליינוואַרג האָט פון ערגעץ פאַרשלעפּט אַ הינטל און דער טאַטע אַליין העלפט זיי צו מיטן קלאַפּן די ברעטלעך ביי דער שטוב, — פאַרציט ער בעת מעשה אַ שמועס מיט די שכנים און ווינקט זיך איבער אויף דער ווייבס זייט:

— צו וואָס, פרעגט איר, דאָס ביידל? שוין אַזוי די בעזדיעטניצעס, אָט די עקרות; זיי לאַשטשען זיך מיט הינטעלעך...

עטלס אַריינגיין אַלץ מער אין די איינצלנע שטובזאַכן — שרעקט גאָר חייקלען. ער קוקט זיך צו און זעט ווי איר נעמט דאָ אינטערעסירן יעדע קלייניקייט, טאָקע ווי באַלד נאָך דער חתונה. זי כאַפּט זיך שוין אַרויס אויף לענגער פון שטוב. די אַלע זיינע געקליגלטע אָנצוהערענישן דער־ליידיקט זי מיט אַ שיטערן שמייכל:

— זאָלן זיך האָדעווען געזונט אָט די וואָס זיינען שוין דאָ...

הע־הע, הערט ער דאָך דיבורים. ער זעט שוין ווי עס גייט אויף אים אַ סדרה פון ווייבערישע טענות. באַלד וועט זיין עטל נעמען איבערקייען נאָך אַזוינע רייד און הייסן אים אַליין, דעם מאַן, טראָגן און געבוירן... די גוטמוטיקייט פאַרלאָזט אָבער ניט חייקלען. פּרוּווט ער זיך דאָ אַרויסדרייען שטיפעריש מיט אַ ייאוש־טאָן:

— איז ווי זאָגסטו, עטל? דאַרף מען שוין, הייסט עס, אַ ריכטיק איבערציילן די קליינוואַרג אין שטוב און זיך גוט אַריינהאַקן אין קאָפּ, אַז איך בין אַ טאַטע נאָר פון זיבן קינדער מיט אַ מיידל...

די ווייבער! מיט זיי, די געסל־מאַדאַמען, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן פון אַ קימפּעט און שמירן אויף זיך אויס „וואַגאַנעס מיט פאַרב״, — מיט זיי, זעט שוין חייקל קלאָר, האָט דאָס לעצטנס זיין עטל אַזוי האַרציק זיך צונויפגעשמעקט. פון זיי שטאַמט עס איר מורמלען, אַז „אַ מענטש מוז דאָך איין מאָל פאַר אַלע מאָל קומען צו זיך״... אָט די ווייבער האָבן דאָס איר אויך אַריינגעשלעפּט אין קהלשע זאַכן. אין איינעם אַ טאָג האָט חייקל דערלעבט צו זען, ווי ביי דער זייט פון שטעשען, דער אַלטער גבאי־טע, גייט מיט זיין עטל, אַן אויסגעפּוצטע, און צוזאַמען קלייבן זיי נדבות פאַר אַ „נייטיקער זאַך״... דאָס איינציקע וואָס חייקל האָט דאַ געקאָנט טאָן, איז וואַרפן אַ ווערטל:

— וואָס זאָגט איר אַ פּאָר? ווער די מיזינקע אויסגעגעבן, און ווער די קימפּעטן אויפגעגעבן...

זיך אַריינגעלאָזן מיט די ווייבעלעך און גענומען קומען ביסלעכווייז צו זיך, האָט עטל אָנהייב זומער זיך פּלוצעם אַרומגעזען, אַז די לופט אין געסל איז אַזוי שווער. אַ סכנות איז דאָס אָטעמען פאַר איר מיט די „אויסגעבלייכטע קינדערלעך״. יע, און סך־הכל איז אין אַ שטעטל דערביי דאָ אַ מאַמע מיט אַ ברייטער ליידיקער שטוב, און פון שטוב ניט ווייט — אַ גרויסער וואַלד. באַלאַמוטשען איז דאָ ניט געווען וואָס. פערד־און־וואָגן אייגענע, און אַוועקפירן אַלעמען קאָן טאַקע חייקל, דער בעל־הבית אַליין. פון די פאָלגעוודיק צוריקגעהאַלטענע ווייבער, וואָס באַדאַרפן אויסבעטלען דעם מאַנס הסכמה, איז עטל שוין לאַנג אַרויס. — איז זיך אַזוי אין אַ זוניקן הייסן טאָג געזעסן דאָס גאַנצע געזינדל מיט דער מאַמע־עטל בראש צווישן די אָנגעלייגטע בעבעכעס אויף טאַטע־חייקלס ברייטער פור. האַי־דאַ אויף דאַטשע!

און אין אַ מילדן פאַרנאַכט אָנהייב זומער, וואָס חייקל האָט שוין יאָרן

אַ חזקה צו זיין אין די וואָכן אַ בעל־שימחה מיט אַ ניי־געבוירן קינד, איז ער אַ פאַרכמורעטער געפאָרן מיט ליידיקן צוריק אין שטאָט אַריין. פאַר־צאָרנט ווי אַ חיה וואָס מ׳האָט איר אַוועקגערויבט די קינדער, האָט ער סתם אין דער וועלט ווילד געשמיסן די פערד און יעדן מאָל בייז צוגעברומט:

— וויאָ, וויסעך לופּט!.. וויאָ, אַ רוח אין די צעפּראַנטעוועטע מאַדאַ־מען מיט די מאָדנע דערטראַכטענישן זייערע, וויאָ!!..

לאַנג האָט גענומען איידער חייקל האָט זיך באַשלאָסן שטעלן אַ טראָט אין דער איינזאַמער שטוב אַריין. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער אין דרויסן לעבן דעם טויט שטילן גאַניקל געשטאַנען אַ פאַרברוגזטער און אָן אַ טראָפּן גוטמוט. פון ווילע צו ווילע האָט פאַרבלאָנדזשעט זיין צערייצ־טער קוק אויף אַן אַנדער זייט, נאָך געזוכט ווערען פון זיין רוישיקן גע־זינדל. — — —

מיטן שפּראָץ פון טאָג האָבן די פּריאיקע מענטשן אין געסל געטראָפן חייקלען אַ צעשרויפטן אויף זיין פור, ווי ער לאָזט זיך רוגזהדיק־גאַלאָפּ מיט די פערד.

— וואָס פאַסירט, חייקל? — האַלט מען אים אָפּ צעשראָקן — וווהין אַזוי פרי?

— וואָס הייסט וווהין?! — טריאַסקעט ער אָפּ אַ צעשפּורשעטער — איך קאָן דען בלייבן אַזוי אין שטוב, קאָן איך?.. איך כאַפּ מיר אַלע ווילע אויף פון שלאָף. וואָס איז דאָ, שלאָגט מיר דורך אַ ציטער, גאָר טרוקן אין בעט, גראַם, קיין פּיסלעך, קיין הענטלעך. וואָס בין איך, ניט אויסגערעדט, אַ בעזדיעטניק בין איך?!.. צוריק אַהיים! איך פאָר זיי ברענגען. איך בין אַ טאַטע פון זיבן יינגלעך מיט אַ מיידל, בין איך!.. וויאָ, לופּט גאָר!.. אַ רוח, וויאָ!!..

אויסשטייג

ניין, עס גייט אים ניט די נאַכט. דאָס מאָל דאַכט שוין גאָר אַ קליי־ניקייט. ממש גאָרנישט־זאַכן שפּילן זיך אָפּ מיטן אַדוואָקאַט קופּער. אָבער אַז פאָרט באַקומט זיך אים אַזוי האַרב.

איז עס ניט אַ חוזק־מעשה?

שפּעט אין דער נאַכט, שוין ליגנדיק אין בעט, האָט זיך צו אים דער־דראַפּעט אַן אָנגעשפּיצטער יאָמער מיט אַ נאָכרינענדיקער כליפּעריי, וואָס האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין די חושים זיינע און פּענטעט אים דעם געדאַנקען־גאַנג. שטויסט ער זיך אָן, דער ניט־יונגער בחור: אין טרע־פּן־קאָרידאָר האָבן קעץ זיך שוין פאַרקליבן. אַן ער פאַרמעסט זיך עס דאָרט קעגן אַ זי...ביידע, דאָס קעצישע פאָרפאָלק, זאָלן זיין גאָרניט אַזוי אומבאַקאַנט קופּערן. ביידע זיינען זיי אָפּטע באַזוכער פון זיין איינזאַמער דירה, אָפּלעקער פון טיש, און ביי אַ גוטער שטימונג שטעלט ער זיי, דער אַמאָליקער וועגעטאַריער, אַ כיבוד פון אַ טעצל מילך. — איצט אָבער ניט! דער געיאָמער דערגייט אים ממש, און בכלל עקלען אים אָט די סצענקעס!

אין צאָרן טוט קופּער אַ שפּרונג אויף פון זיין געלעגער, פאַרגעסט ניט אַ כאַפּ טאָן דעם גראָבן שפּאַצירשטאָק און לאָזט זיך אין איינע אונטער־וועש אין קאָרידאָר אַריין. אויף די טרעפּ, צו די אומגעבעטענע געסט וואָס וואָגן אים שטערן דעם שלאָף אַזוי חוצפּהדיק!.. פאַרביסן, אָבער איינגע־האַלטן, קליגט זיך קופּער אויפצושליסן די טיר אויף שטיל. מיטן שטעקן וועט ער רעכטצייטיק באַוויזן צו אונטערהאַקן דעם קאָטער — דער עיקר טאַקע אים, דעם געל געשפּריצטן — אַ גאַנצע פּאָר פּיס פּאַר אַ מאָל!

— זיין לעבן איז שוין קיין לעבן ניט!! — פּראַלט אַדורך דעם קאָ־רידאָר אַ מוטגעשריי פון קופּערן צו זיך אַליין צו גלייך מיט זיין צילעווען

דעם שטעקן אין סאַמע קאַטער, וואָס האָט זיך פאַרקליבן קעגן איבער אין אַ ווינקעלע לעבן דער טיר פון אַ צווייטן שכן און בלאָזט זיך עס פון דאָרט קעגן דער קאַץ אין אַזאַ העסלעך צעררייצטער פאָזע.

דאָס פאַרהאַוועטע פאַרפּאַלק באַגרייפט נאָך ווייניק מיט זייער קע־צישן מוח ווי ווייט זיי דראָט דאָ דעם לעבן. די וואַקלדיקע האַלטונג פון דער פּלוניתטע, דער קאַץ, פאַרכאַפּט דעם קאַטער מיט העלישן דרייסט, געשיקט טוט ער אַ שפּרינג אָפּ פון דעם פליענדיקן שטעקן און כאַפּט זיך אייפערדיק אַריבער קעגן זיין קאַץ אין אַ צווייטן ווינקל. און שוין ווידער צעכראַסטעט און מיט צונדיק אויסגעשטאַרטע אויגן פאַרציט ער אַ שטשערביקן געיאָמער. און אויב אַ ציטער ער זאָל שענקען דער צעפלאַ־קערטער רוגזה פון אַ קופערן, וואָס איז ביי זיין פאַרסמטער אַרומיאָגעניש און מיט דיווילדע געשרייען דאָך גרייט אין גאַנצן אים דורס זיין, דעם קאַטער!

— מיר אַ טויט, אים אַ טויט!!!

קיין איינזעעניש, קיין צוריקהאַלט גילט דאָ ניט פאַר קופערן. ניט בייצושטיין זיין כוואַליעדיק צאָרן. שטעלט ער זיך אויך ניט אָפּ, ווען פון אַקעגנדיקן שכן גיט זיך אָן עפן די טיר, די זעלבע טיר וואָס פאַר אַ ווילע האָט אַזוי טעמפּ אין איר אַריינגעטראָפן זיין צילעוודיקער שטעקן, — און איינע נאָך דער צווייטער שפּרינגען זיי אין שטוב אַריין, די קעץ!.. קופער באַווייזט קוים זיך אַ וואָרף טאָן, ווי ביי דעם אושאַק שטעלן זיך אים אַרויס אַ פּאָר פּנימער, פון אַ מאַן־און־ווייב. צעשראָקן ברייטערט דאָס שכנישע פאָרפּאַלק די פאַרשלאָפענע אויגן צום הילכיקן און צעשפּרושעטן קאָרידאָר און מיט געוואַגטן נייגער פרווון זיי אָנקוקן דורך דער האַלב פינצטערקייט דעם צעשויבערטן קופערן אין זיין משונהדיקן הילוך. דאָ אָבער שפּרינגט ער אָן אויף זיי פאַרמאָסטן אין דער האַנט מיט אַ שטעקן!..

די טוליעוודיקע מאַן־און־ווייב־קעפּלעך גיבן זיך האַסטיק אַ צי צו־ריק אין זייער וואַרעמען נעסט אַריין און די ריגלען פון טיר צעקלינגען זיך נערוועז איבערן קאָרידאָר. באַלד הערט קופער שרעק־אָפּשפּייעניש און כלומרשטע מינטערניש. אין אַ ווילע אַרום שפּאָרט שוין פון דער

טיר אַ היסטעריש געלעכטער אויף דער אָפּגעקומענער שרעק, באַגלייט מיט הילכיקע קושן:

— כאַ־כאַ, אַז קיין אַנדער זאָרג האָט ניט אַ מענטש!.. אַן אויסגע־וועפּטע כלי, כאַ־כאַ־כאַ!..

קופּער בלייבט שטיין אויף דעם טונקעלן און אומבאַהייצטן טרעפּ אַקעגן זיין טיר. ער איילט זיך ניט מיטן אַריינגיין. עפּעס שרעקט אים דאָס צוריק איינוועבן זיך אין דער אומהיימלעכער איינזאַמקייט פון זיין דירה. שטייט ער אָפּהענטיק און זאַפּט מיט קעלט טרייסלדיקע ציין יעדן שאָרך פון אַהינטער דער שכנותדיקער טיר... ניין, עס אַרן אים ווייניק די שפּאַ־טישע ווערטלעך, וואָס פּלייסן זיך אפשר גאָר שאַרף אים אָנקנייפּן ביי די נערוון. אין תוך איז ער דאָך, קופּער, אַ מענטש געקנאָטן פון אַ רעוואָלו־ציאָנערער פּאַרטיי און יאָרן לאַנג זיך געוויקט אין האַס צום קליינבירגער מיט זיין גאַנצן מהות און לעבנס־באַנעם... וויל מען, גייט אים לעצטנס גראָד אָן צו הערן אַ שאַרף וואָרט וועגן אים אַליין. אין ביין אַריין האָבן אים דערעסן די חניפות און ריידעלעך, וואָס ער הערט אויס אַלס יוריס־קאָנסולט אין דער קהילה פון די קליענטן זיינע, ביים „טיילן" זיי יורידישע הילף!.. די העזה אָבער פון אָט דער פּרוי שטילט אים ניט. אַדורך דער פאַרריגלטער טיר געלוסט זיך אים אַריינשרייען: „טייערינקע, פון ווען אָן האָט איר דאָס ביי אייער ציטערדיקער נאַטור זיך גענומען אַזוי שרעקן פאַר אייער שכן דעם אַלטן בחור?..". שוין אויפן אָרט קאָן ער אַ בלעטער טאָן, אַז זי, דאָס אַזוי שרעקעוודיקע וויבעלע, האָט קעגן אים גראָד שוין צו פיל דרייסט; אַז אין די פאַרנאַכטן כאַפּט זי אָפּט זיך אַריין צו אים, זיך מישב זיין אונטער פיר אויגן וועגן „יורידישע פאַרדרייעגישן"; און האַלט אים אויך אָפּ מיטן אָנצינדן עלעקטריע...

אַז קופּער איז שוין צוריק אין שטוב, כאַפּט אים ווערן די גאַנצע מעשה פאַרדראָסיק. וואָס אַ שטייגער האָט עס אים האַלבע נאַכט געהייבן פון געלעגער, געטריבן לויפן אַ באָרוועסער און האַלב נאַקעטער? און זיין געזונט איז לעצטנס גאָרניט אַזוי פויגלדיק! אָט וועט ער איצט, נאָך אַזאַ אויפרעגעניש און אָנשטרענג, גאָר מוזן זיך אָנקרימען מיט ניט ווייניק פולווערלעך און טראָפּנס און באַלד זיך אַקאָרשט אָפּלייגן אויפן רוקן אין

אומבאַוועגונג. און דעמאָלט, — געווינט ער שוין אַ פּנים צוריק דעם אַוועקגעריבטן שלאָף? בסך הכל האָט טאַקע אַ גוטע העלפט פון די דאָקטוירים, וואָס ער האָט נאָר פאַר דער לעצטער צייט באַזוכט, דאָך אָנערקענט, אַז אַחוץ זיין נערוון־איבערמידונג שיינט יע צו זיין ביי אים אויך בולטע אָפּרופן פון נאָסן פּלעווריט. די פּלעשלעך רפואות אַרום זיין געלעגער און די אַנדערע פּאַטענטירטע מיטלען צום שטאַרקן די בלוט־צירקולאַציע און נערוון־סיסטעם — דאָס אַליין האָט דאָך געדאַרפט אים וואָרענען פון דעם אויפשפּרינגען דאָ איצט און זוכן אויף זיך אַ נייע פאַרקילונג און ווידער אַ דערשיטערונג!..

מאַלע וויפל שטערונגען עס רייסן קופערן אַרויס דעם שלאָף פון סאַמע אונטער די וויעס. פון דער חושכדיקער שטילקייט האָט זיך אויסגעשניטן גאָר אַ פּישטשיק געוויין פון א קליין קינד. דאָס בן־יחידל פון זיין שכניש פאַרפאָלק. אַ פאַרדראָס איז אויף אים אויך אָנגעשטאַנען, הלמאי ער האָט אין איילעניש אריינגענומען גאַנצע פיר שלאָף־פּולווערלעך. זייער אויפטו זעט ער נאָך ניט. ער ווייס אָבער אַז דאָס איז אַ חלף פאַר זיין האַרץ און נערוון... גאָר אַ חורבן אויף קופערס שלאָף מאַכט אָן זיין אַוועקטראַכטן פון פאַרגאַנגענעם אָוונט. פון מינוט ווערט אים אויך אַלץ מער קלאָר, אַז די אַלע צווישנפאַלן דאָ, ווי דאָס אַרויסלויפן צו די קעץ, דאָס אונטערהערן ביי אַ פרעמדער טיר, זיך פּאַטשקענען מיט די רפואות — דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן נאָר כדי זיך אַרויסשלאָגן פון דעם וואָס מיט געציילטע שעהן פריער איז דאָ אין דעם צימער פאַרלאָפן.

„ראַ־דע, ראָדע!..“ — רייסט זיך אַרויס פון אים אַ פאַרביטערטער בריל און ער טוט זיך אַ זעץ אין דער ברוסט. ראָדע, זיין לאַנגיאָריקע אינטימע חברטאָרין — אָט וואָס פּלאָגט אים. דעם אָוונט איז זי דאָך געווען. ווי מאָדנע דער שמועס צווישן זיי האָט זיך אַוועקגעקריפּלט, זיך אַזוי שאַרף צערעדט, — אַז שוין ניט צו פאַרטרייבן דעם אָנלויף פון מחשבות!..

אָפּגעקילט ווערט אַלץ די אינטימע פריינדשאַפט וואָס האָט צווישן זיי אָנגעהאַלטן יאָרן. זייער דערנענטערונג ציט זיך נאָך פון דער צייט

וואָס ער, קופער, איז געווען דער „אייביקער סטודענט" פון יורידישן פאַ־קולטעט און מיט לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג. אין זיין פאַרטיי האָט זיך עס איין טאָג באַוויזן ראָדע, אַ יונג פלאַמי־קע, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ שילערין פון שוועסטער־קורסן. האָט עס אין אים אויפגעברויזט אַ צוגעבונדנקייט צו אָט דער ענערגישער און פייערדיק רעוואָלוציאָנערער מיידל, און פול איז ער געווען מיט פּלענער וועגן א „געמיינזאַמער צוקונפט" פאַר זיי ביידן.

אַ סך, אַ סך האָט ער זיך פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר געביטן. פאָרט האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַ יוריסט־דיפּלאָם, איז אַדוואָקאַט און פאַרנעמט אַן אָרט אין עקאָנאָמישע און פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן. פאַמעלעך האָט ער זיך אויך דערווייטערט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אים ניט ווייניק געהאַט מיטגעהאָלפן ביים אַריינדרייען זיך אין דעם יורידישן אַפּטייל פון קהילה. יע, ער האָט זיך שוין לענגער געגומען אויף קאַריערע־דרכים און פאַסט זיך גאָרניט שלעכט אַריין אינעם בורזשוייש וועלטל... ראָדע אָבער איז נאָך אַלץ אים נאָענט געבליבן. ווי אַ קראַנקן־שוועסטער אַרבעט זי היינט אין אַ שפּיטאָל, און אין דער פאַרטיי איז זי שטאַרק גע־שטיגן. נאָך די אַלע טראַכטענישן זיינע וועגן אָפּשניידן מיט איר, מאַכן אַן עק מיט דער אָ וואָס פאַרביטערט אים אַזוי מיט אירע פרום מאַרקסיס־טישע טעאָריעס, און קאָן נאָך אים אויך קאָמפּראָמעטירן, — פילט ער אַן אינדיווידועלן באַדאַרף אין איר נאָענטקייט. מיט איר שאַרפער מיינונג און שטורמיק וואָרט פאַרהיט זי אים גאָר אָפּט פון פאַרלירן לחלוטין דעם גלייכגעוויכט אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ווען ניט ראָדע, העט ווו די כוואַליעס פון דער היגער בירגערלעכער אַטמאָספער וואָלטן אים פאַר־טראָגן !..

קופער דרייט זיך אום פאַרכמורעט אויף זיין געלעגער. ממש אומבאַ־האָלפן פילט ער זיך אין דעם קליגן זיך צו צעשטרייען די איינגעפּרעסענע געדאַנקען... קיין ספק ניט, מאַכט ער זיך קלאָר, אַז ראָדע ווייס שוין פון דער מנוחה קרעם. אין גאַנצן ביי דריי חדשים ווי אויף אַ קאָרפּאָראַנטן־באַל האָט ער באַמערקט אָט די חנעוודיקע און עלעגאַנטע סטודענטין, אַ טאָכטער פון גבירישע עלטערן אין א דערבייאיקן שטעטל ; און קוים אַ

חודש ווי ער טרעפט זיך מיט איר אָפטער. די אָבער ווייס שוין!.. דערפאַר טאָקע מיידט זי אים אַזוי אויס, ראָדע, באַזונדער טאָקע די לעצטע וואָכן. זעלטן ווען זיי טרעפן זיך איצט. און אָט שוין מיט אַ חדשים צוויי צוריק האָט זי ביי אַ שטיפערישער שטימונג אים געוומען פאַר מענטשן אין די אויגן „פאַרזאָגן" אויף דער האַנט: „דיך פירט אַ וועג צו אַן אויסגעצוואָגן באַלעבאַטיש טעכטערל, מיט געצוימטער האַלטונג און באַוועגלעכן שפּיץ נעזל"...

נעכטן איז ראָדע אומגעריכט צו אים געקומען. שפּעט אין אָונט איז עס געווען. פאַר אַ ווײַלע האָט ער זיך געהאַט צוריקגעקערט פון זיינעם אַ מיטינג־רעפעראַט וועגן די גרויסע שטייערן אויף די קרעמער און בעלי־מלאכות. אויסגעשעפּט איז ער געווען... וועגן וואָס די עיקר רייד צווישן זיי ביידן איז אַנגעגאַנגען — קאָן ער ניט איצט אויף פעסטשטעלן. אַז בכלל האָט זי זיך צו לאַנג ניט פאַרהאַלטן. שוין אָבער ביים אַריינגיין האָט זי בייסיק צוגעוואָרפן:

— געדאַרפט גאָר ברענגען בלומען, לכבוד דעם אַרויסטריט פאַר די קרעמער. שוין געהערט, אַ דרשה גאָר אַן אינטערעסאַנטע און פּראָבלע־מאַטישע... האָט זיך עס אַ מענטש פאַרקוראַזשעט, גענומען אַזש אידע־אַליזירן די גרויס־בורזשואַזיע, וואָס בלינדע קאָנען שוין זען ווי זי פאַלט פון אירע אייגענע אַנגעבויטע שטאָקווערק און ברעכט האַלדז־און־נאַקן. און היינט איז הער קופער שוין אַ מחותן אויך מיט די קליינבירגער, די האַנדעלעך!.. אַ שטייג אויס האָט געגעבן אַ מענטש פון דעם עקספּרעסצוג פון דעם סאַמע היינט, און אַריינגעשפּרונגען אין אַ מיסטוועגל!!.. קאַריע־ריסטיש אַפילו גערעדט, נאָר אַן אויסגעלונקענע לינקע פּוס קאָן מאַכן אַזאַ אויסשטייג!..

אין די וויטערדיקע רייד אירע האָט זי אויך געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן דער דעמאָנסטראַציע. אין שטאָט רעדט מען שוין לענגער אַז די אַר־בעטער גרייטן זיך אין געהיים צו אויסדריקן זייער שאַרפן אָפענעם פּראָ־טעסט קעגן די פּאָליטישע טויטאורטיילן. מאָרגן וועט זיין לעבעדיק אין גאַס, האָט אַ זאָג געטאָן ראָדע, און זי וועט די ערשטע אַרויסגיין מיט דער פאָן. און דאַכט וועגן נאָך זאַכן האָט זי גערעדט... און ער, קופער — צו־

ריקגעהאַלטן איז ער געזעסן. שוין ווי לעצטנס ביים טרעפן זיך מיט איר, האָט ער זיך געשטאַרקט נאָר ניט אַרויספּאָרן מיט נערוון און געקליגט זיך צו אָנהאַלטן אויפן פּנים אַ שמייכל... האָט ער וואָס געזאָגט, אַריינגעוואָרפן, איז לאַנג געשטאַנען ביי דער טיר, באַנומען אירע אומרואיקע טריט און אַ טירזעץ האָט אויפגעטרייסלט זיין וווינונג. אַזוי דערצאָרנט איז זי ביים אַוועקגיין געווען. און ער — מיט אַ מאַנטל אויפן אַקסל אַרויפגעוואָרפן, איז לאַנג געשטאַנען ביי דער טיר, באַנומען אירע אומרואיקע טריט פון די קאָרידאָר־טרעפּ און אָפּהענטיק געדריקט דאָס טירהענטל. געלאָזן נאָך איר האָט ער זיך ניט, מחמת צעהיצט איז ער געווען, און קילן זיין פלעווריט איז פאַר אים פשוט אַ סכנה... שפּעטער שוין, יע, שפּעטער, אַז ער איז שוין געלעגן אין בעט, האָט ער פונעם זעלבן קאָרידאָר דערהערט דעם קאַצן־יאָמער...

דער גרויער פּרימאָרגן־אָטעם מיט זיינע בלאַס צעלייגטע פלעקן איבער די ווענט פון צימער מאַכן אַ סוף צו קופּערס ראַנגלעניש אויף נאָך כאַפּן אַ דרעמל — איין־איינציקן דרעמל צו זיין אויסגעשעפּטקייט! מיט די סימנים פון באַגינען צעשפּילט זיך אים אַ נייער מחשבות־אָנלויף. כלערליי פאָרשטעלונגען דערוועקט אין אים דער קומענדיקער טאָג. און פּלוצעם — אַ חשד קעגן זיך אַליין. אַן אייגן־פאַרדאַכט איז אים אויפגעפאַלן שוין אָט־אָט ביים לעצטן פּרוּוו נאָך צו פאַרנאַרן אַ דרעמל. אויסגענעפּלט האָט זיך קופּערן אַ געדאַנק, אַז ער אַליין זאָל האָבן ראָדען אָנגעצויגן, זי דאָ אַזוי אויפגעשרויפּט, אַז זי זאָל זיך עס פּעסט באַשליסן אויף דער פאָן. קלאָר, ער קופּער האָט נעכטן ראָדען געשטויסן בפירוש אויף זיכערע אַכט יאָר טורמע!..

— אייגנטלעך, ווי אַזוי איז עס געווען? — וואַרפט זיך איבער קופּער און פּרוּווט דורך אייגענעם וואָרטקלאַנג אַרויסבאַקומען אַ מער קלאָרן געדאַנק — וועגן וואָס גענוי איז עס פאָרט אַוועק צווישן אונדז אַזאַ בייסיקער שמועס?..

מיטן אויגנפינטל איז ער אין צווייטן צימער. ער דרייט דאָרט באַלד

אויף דעם גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ, דעם זעלבן וואָס האָט געברענט בשעת ראָדע איז נעכטן אָונט דאָ געווען. געשווינד פאַרנעמט ער אויך דעם זעלבן אָרט ביים קיילעכדיקן טיש, שפּאַרט אָפּ די מאָרדע אָן האַנט, דעם עלנבויגן צום קאַנט טיש. אָט אַזוי איז ער קעגן איר געזעסן. זיינע אויגן נעמען פיבערדיק שוועבן איבער די שטובווינקעלעך, ווו זי זאָל האָבן אויך אַרומגעגאַנגען. אויפשטעלן אין געדאַנק וועט ער דאָ די גאַנצע האַנדלונג וואָס איז צווישן אים און ראָדען פאָרגעקומען!..

ניין! אַ סקאַנדאַל דאָך פון אים שוין דאָס צולאָזן אַזאַ געדאַנק קעגן זיך אַליין! — שטראַלט אויף קופּער מיט אַ בליציקן אויספּיר. אָט שטייט אין ווינקל צעעפנט דער וועשראַנק. דאָ האָט דאָך ראָדע גענישטערט, גע־זוכט איר פאַרבאַהאַלטענעם שטאָף, דעם פּורפּור רויטן — זיכער אויף דער פּאָן — וואָס ער האָט טאָקע מיט אַ פּאָר טעג צוריק געהאָט באַמערקט און אַוועקגעראַמט... קלאָר, דער פּלאַן פון דער דעמאָנסטראַציע איז געווען אַ פּאַרטיקער, פון לענגער שוין באַשלאָסן.

אַז יע, נאָך אַ באַווייז האָט ער — שטראַלט ווידער אויף קופּער, ווי אַן אַדוואָקאַט אין אַ שווערן פּראָצעס ביים אָנשטויסן זיך אויף אַ נייעם פאַקט וואָס קאָן ריינוואַשן דעם באַשולדיקטן. די האַמעטנע מעסערשניטן אין טיש!.. דאָס איז דאָך די לעבעדיקע ראָדע, דער הויפּטבאַווייז פון איר געברענטער עקשנות. אַז די בחורטע פּאַלט אַריין אין שאַרפע פּלענער, אַז זי נעמט זיך גרייטן און גליען און קאָן שוין ניט דערוואַרטן דעם „מאָמענט" — מאַכט זי דאָך אַלץ חרוב. אַלץ וואָס אונטער דער האַנט שניידט זי, רייסט און ברעכט. ווי ווילד זי האָט נעכטן געפירט מיט איר מעסערל איבער דעם טיש!..

ניין, ניין, ער האָט ניט קיין שייכות צו ראָדעס באַשלוס, צו די הכנות אירע אויף היינט!.. און באמת שיקט זיך עס ניט. אַ מענטש וואָס יאָרן לאַנג האָט ער פּאַרטייאיש באַווירקט אַזוי פיל יוגנטלעכע, און אגב אויך ראָדען דער ערשטער אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג — וועט ער היינט אָט די זעלבע שטויסן אין טורמע אַריין!! וואָס בעט זיך אָבער יע אַ טראַכט טאָן, לאָזט שוין ניט רוען קופּערן, איז דער עצם געדאַנק. אַזאַ גרויליקער חשד קעגן זיך אַליין — ווי קען אים גאָר איינפאַלן? ניט אַנ־

דערש אין אים גליט אַזאַ פאַרבאָרגענער ווונטש שוין פון לענגער, אַ ווילן אַן אויסבאַהאַלטענער פון אים אַליין. איז עס אמת?

קופער כאַפּט זיך פאַר אַ פשרה־באַשלוס. אויף זיך אַליין איז ער גוזר אַרויסצושלאָגן זיך פון קאָפּ, אָן קיין ווידערטראַכטעניש, אַז אין אים טליעט וועגן ראָדען אַ וועלכע הינטער־כוונה. אַזוינס טאָר עס גאָר אויפן מוח ניט אַרויפברענגען! ער גייט אָבער שוין־גלייך צו ראָדען. אַ מינוט טאָר ער איצט ניט פאַרלירן. ער וועט איר וואָרענען, אַקאָרשט ריכטיק פאַרהיטן פון סתם זיך וואַרפן אין געפאַר. באַזאַכט און גוטמוטיק וועט ער איר עס אויפקלערן, ניט אַזוי שטעכיק און קאָרג אויף אַ וואָרט, ווי נעכטן אָוונט...

ראָדע איז ניט געווען אין איר צימער.

— שוין די צווייטע נאַכט אַז זי קומט ניט נעכטיקן — רעדט דער בעל־הדירה פאַרטרויעריש און וואַרפט צו אַ סודותדיקן ווונק קופערן, נאָך דעם ווי ער האָט אַ רעכט ווײַלע אָנגעוווּנדערט דעם קלאַפּן אַזוי פרי אין טיר און מיט אַזוי פיל נייגער באַלעקט זיין פּנים.

וועט דאָך די דעמאָנסטראַציע יע זיין — בליצט אַדורך קופערן. אים וווּנדערט גאָר, ווי אַזוי פאַר טאָג, ערב אַ דעמאָנסטראַציע וואָס פּאָליציי ווייס שוין זיכער פון די הכנות — וויל ער טרעפן די פּאַן־טרעגערין אין שטוב. און טאַקע, דער דרויסן אַליין, דער צונטער שטראַליקער באַגינען־הימל, וואָס ער זעט שוין ניט אָן אַ צייט לאַנג, די מאָרגנלופט פון תחילת־פרילינג — אַלץ פאַרטרויט שוין איצט זיין אויג, אַז עפּעס רעוואָלוציאָנער־ריש וועט זיך היינט יע אָפּשפּילן!

קופערן זאָגט אונטער אויך דער שטויב ביי די גאַסן־קערער, וואָס וואַרפט זיך היינט פון אונטער זייערע בעזעמער דאַכט אַזוי כוואַליעדיק. האַמעטנע און האָפערדיק גייען די לאַנגע בעזעמער איבער דעם לוקסוס־אָפּפאַל אויף דעם שפּאַצירפּלאַץ, ווּהין ער פאַרנעמט זיך. אַזוי פיל אָנגע־וואָרפענע פּאַפּירעלעך פון קאָנפעקטן און שאָקאָלאַדן, שאַכטלעך און רעשט־לעך פון די טייערסטע סיגאַרעטן און פון נאָך מאַכלים און זאַכן אויסדער־

ווילטע! די איבערזאַטע וואָס האָבן אַלץ אָנגעוואָרפן רוען זיך איצט אין זייערע וואַרעמע און באַקוועמע בעטן און זופן פון דעם מחיהדיקן באַגי־נען־שלאָף, און זייער אָנגעהולטייעוועטע נאַכט דאַרף עס אונטערראַמען און שלינגען דעם שטויב — דער אָרעמער און פאַרהונגערטער. שוין מיט דער לופט פון פרימאָרגן טראָגט זיך דער צאָרן פון האָרעפּאַשניק!..

אין זיין דורכווינקעניש מיט דעם באַגינען־דרויסן שטויסט זיך קופּער אָן אומגעריכט אויף אַ שטעכיקן בליק פון אַ פּאָר פאַרשנדיקע אויגן. ער כאַפּט זיך, אַז דער נאַכשפּיר גייט אים שוין נאָך לענגער, טאַקע ווי נאָר ער איז אַרויס פון ראָדעס טויער. האָט ער, הייסט עס, ווידער פאַרזען. ממש פון קאָפּ אים אַרויס. אַז פּאָליציי ריכט זיך אויף אַ דעמאָנסטראַציע, ווערט די קוואַרטיר פון אַ פּאַרטיי־טוערין ווי ראָדע זיכער אַרומגעשמעקט. אגב, זיין אַרומדרייען זיך דעם פרימאָרגן איז גאָרניט אַזאַ מעלה בכלל פאַר זיין פרעסטיזש...

דער קער־שטויב האָט שוין באַוויזן גאָר האָפּערדיק איינצופרעסן זיך אין קופּערן, אָנשפּאַרן אים פולע נאָזלעכער, דעם גומען מאַכן אים שאָרס־טיק און אפשר אויך פאַלן אויף זיינע לונגען, וואָס ער איז איבער זיי אין ציטער. די ניט־אויסגעשלאָפענע אויגן זיינען אים געוואָרן העליש פאַר־צינדט, און אין קאָפּ טאַנצט אַ וויטאָג. דערמאָנט זיך קופּער, אַז ער איז נאָך אָן אַ גלאָז טיי, און בכלל איז עס געווען ניט דורכגעטראַכט און אַפילו נאַריש דאָס לאָזן זיך זוכן ראָדען, אַזאַ הפקר־מענטש. זיינע טריט ווערן אַלץ ברייטער און ראַשיקער. פון פלייצע פילט ער אָן אויפהער די פּיי־ליקע בליקן פון דעם דעטעקטיוו. און מאַלע וואָסערע געדאַנקען קומען קופּערן ניט אויף. אין אים צעברויזט זיך אַ שינאה צו מענטשן, צו אַלע מענטשן. יעדער איינער קומט אויס אין זיינע אויגן ניט מער ווי אַן אויפ־געבלאָזענער קאַפּריז. אַן אייגנאַרטיקער מענטש — אַ טרעגער פון וואָס מער צוגעטראַכטע קאַפּריזן. קופּער געפינט זיך אויף פאַרלאָרן, ספקט שטאַרק אין זיינע כוחות. אַז בכלל גלייבט ער ניט אין העכערע אידעען און אויך ניט אין טאַלאַנטן. קאַריערע־מאַכעריי און אָנשטעל פלאַצן שוין אויך. נאַראָנים באַנעמען היינט אַזוינע אַרטיקלען שוין אויך צו גוט...

קופּער בלייבט פּלוצלינג שטיין צוריקגעהאַלטן ביי אַן אַריינגאַנג פון

אַ הויכן מויער אין אַ ווינקל גאַס. דערשטוינט קוקט ער זיך אָן — ווי אַזוי האָט ער זיך דערקליבן לעבן מנוחהס הויז? אַזוי פּרי שיר ניט אַריינגע־מאַרשירט!.. ער ציט זיך שנעל צוריק, לאָזט זיך אָן אַ ציל. איינס ווייס ער נאָר — צו זיך אַהיים גייט ער ניט. שפּעטער אַ ווײַלע פאַלט אים שוין איין סתם אַ שפּאַציר צו טאָן. ער מעג עס טאָקע, נאָך אַזאַ נאַכט. ער פאַר־קערעוועט זיך אָבער צום קהילה־ביוראָ. איצט אַז דאָרט זיינען קיין מענ־טשן ניטאָ, קאָן ער דאָך אויפטאָן אַ וועלט. און אַרבעט וואַרט אויף אים איבער געגנוג. אין די פאַרשלאָסענע שאַפן פון זיין יורידישן אָפּטייל וואַל־גערן זיך בערג פאַרלאָזענע פּאַפּירן און אַלערליי דאָקומענטן, וואָס איין מאָל מוז מען זיי דאָך ברענגען אין אָרדענונג...

ער ווייס גוט ביי זיך, קופער, אַז די „יורידישע הילף" זיינע הינקט שטאַרק אונטער. מעג ער זיך וועגן דעם באמת אַ קימער טאָן. וואָרעם ביי די נערוון זיינע און צעשטרייטקייט, וואָס שטייען אים אין וועג אַפילו ביים פירן נישטיקע פּראָצעסן אין געריכט — וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט ער גע־האַט אָן דער קהלשער שטעלע? טוט ער אפשר גאָרניט אַזוי קלוג מיטן בויען זיין פּאָזיציע אויף די רייסערייען צווישן די קהלס־מענער. פון מאַ־נעוורירן און אָפּערירן מיט די געזעלשאַפטלעכע „שאַטירונגען" — פאַלט מען אָפּט פון די העכסטע הייכן. ביסלעכווייז פאַרלירן זייער נוצן אויך זיי־נע פּרעסע־קאָנפערענצן מיט דעם ברייטן כיבוד און אַזוי מתנות. מענטשן ווערן שוין ניט אַזוי נתפּעל פון די סטאַטיסטיקעס אין די צייטונגען צו־זאַמען מיט די גרויסע שבחים וועגן זיין „העכסט וויכטיקער טעטיקייט", וואָס עס גיבן צו וועגן אים די זשורנאַליסטן. אויף דער לעצטער קהילה־זיצונג האָט דער פּרנס צירקין בפירוש אויסגעדריקט ספיקות אין דעם גאַנצן „נאָענטן צוטריט" זיינעם אין די מלוכה־אַנשטאַלטן צוזאַמען מיט די „אַלע גרויסע אויפטועונישן". און ספּיר, דער פּרנס, האָט אַפילו גענומען אָפּפרעגן און אויסלאַכן „די אָנדערצייילעניש פון בעסטע פריינדלעכסטע פאַרבינדונגען ביי דעם יוריס־קאָנסולט מיט גאָר הויכע שישקעס"!..

אויפגעשלאָסן און אַריינגעקומען איינער אַליין אין דעם אַזוי שטילן און געראַומען צימער פון יורידישן אָפּטייל, מיינט קופּער אַרויסצוזוענדיקן קודם־כל זיינעם אַ מעמאַראַנדום. די מורא פאַר אַריבערהייבן זייער מאַרק אין אַן אַנדער שטאָט־ראַיאָן — שטייגט פון טאָג ביי די יידן פון אַלטשטאָט. צייטונגען האָבן זיך שוין לענגער אַרויפגעוואָרפן אויף אָט דער פּראָגע, און מיט אַ וואָך צוריק האָט זיינער אַ רעפּאָרטער אים שוין פאַרלאָפן מיטן באַשרייבן דעם „אינהאַלטסרייכן מעמאַראַנדום פון העכסט וויכטיקן באַ־טייט פאַרן קרעמערטום, וואָס דער אומדערמידלעכער יוריס־קאָנסולט פון קהילה, אַדוואָקאָט קופּער, האָט פערזענלעך איבערגעגעבן דעם מיניסטער אויף אַ זיצונג מיט זיין גאַנצן ראָט". דערביי איז אויך געווען איבערגעגעבן ציטאָטן פון אַ רעדע, וואָס ער, קופּער, זאָל דאָרט האָבן געהאַלטן...

ניט לאַנג בלייבט קופּער איינער אַליין אינעם אָפּטייל. צו זיין אויער דערשאַרן זיך דריבנע טריטעלעך פון קאָרידאָר. אַ לאַנגזאַמער צי מיט דער טיר, אַ שפּיץ נאָז און אַ לאַשטשעוודיקער בליץ פון אַ פּאָר פינטלדיקע אייגעלעך, אַ דאַר פּנימל מיט אַ נאָכהענגענדיק בערדל, דער קאַרק אויס־געהויבן מיט אַ טלית־זעקל וואָס טאַרטשעט פון אונטערן אָרעם.

— אַ גוטינקער מאָרגן, הער אַדוואָקאָט!

דער ייד געפעלט אים ניט. ער פאַרטראָגט אים ניט פון ערשטן טאָג ווי ער האָט זיך דאָ באַוויזן מיט זיינע צעפוילטע דאָקומענטן. אַ פּאַס מיט בירגעררעכט זאָל ער אים אויספועלן, קופּער. יעדן איבערטאָג כמעט שמייעט ער אָהער אַריין מיט אַ „ווי האַלט עס?". צום דאַוונען גייט ער גאָר איצט, האָט שוין דאָס נעזל ביי אים דערשמעקט, אַז זיין קופּער איז אין ביוראָ.

— נאָר געזונט, ביי טאָג ווער קאָן זיך עס אין אַזאַ קנישעניש דער־שפּאַרן, פּאַדראַבנע עפּעס אַרומריידן. איז ווי האַלט עס?

קופּערס פאַרזויערט פּנים צעבלאָזט זיך מיט אַ שטרענגער מינע. גאָר קנאַפּ חשק האָט ער איצט צו אַ טראַכט טאָן מכוח דעם וואָס דער ייד טרייבט זיך שוין באמת חדשים לאַנג אַרום אין זיין יורידישן אָפּטייל און וואָס ער, דער יוריס־קאָנסולט, פאַרציט אים כסדר מיט הייסן ברענגען נאָך און נאָך „קאָנקרעטן דאָקומענטן־דערווייז־מאַטעריאַל". ניין, אַזאַ קריי־

כער פון אַ יידל פּאַרדינט מען זאָל אים ווי געהעריק אָנלערנען!.. דער־ציילט אים קופּער אַ מעשה, ווי זיין ביטע האָט זיך פּאַר די לעצטע טעג אַנגעשטויסן אויף אַ געפערלעכן „סיטואַציע־פּונקט". די רעפערענטן אין דיביידע מיניסטעריומס וואָס האָבן צו זאָגן אין דעם ענין, גייען זיך שאַרף פונאַנדער בנוגע זיינע זכיות:

— געווײנלעך, פאַרשטייט מען דאָך אַליין, פון אונדזער זייט וועט דאָ ווערן אָנגעווענדט ניט ווייניק מי. געדולד אָבער, איבער געדולד, מוזן האָבן!

אין קופּערס אויגן איז דער אַ מענטש שטענדיק מיט וואָס פאַרדעכ־טיקט. אַ לענגערע צייט איז ער אים אויסגעקומען פאַר אַ מער פאַרמעג־לעכן. טאָר אַזאַ ניט שנאָרען ביי קהל אומזיסטע יורידישע הילף. ער קאָן אַריינקומען צו אים אין קאַבינעט, אין זיינע פּריוואַטע אויפנעם־שעהן. שפּעטער האָט קופּערן גענומען אויפפאַלן, אַז אָט דער קליענט איז גאָרניט אַזאַ לעמעשקע ווי זיין אויסזען. פאַרקערט, ער איז שוין צו פיל כיטראַק, אַ טיפּיש קלוגיטשקע יידל. און זינט ער איז געוואָרן דאָ אין יורידישן אָפּטייל מער געווײנט און אָנגעהויבן וואַרפן מיט תורה־ווערטלעך און מגידישע משלים — איז ער ביי קופּערן, דעם פאַרביסענעם גאָט־לעס־טערער פון אַ מאָל, שוין אויך אַ גנבל... איצט קומט ער אַרויס גאָר מיט אַ מעשה, אַ מעשה שהיה טאַקע מיט אים אַליין אין דער יוגנט, ביים פּריזיוו גיין. זיין טאַטע עליו השלום האָט זיך געלאָזט איבעררײדן און מיט אַ פּדיון אים געפירט צו אַ „גוטן יידן". און נאָך דעם — מקיים געווען אַלץ וואָס דער רבי האָט געהייסן. די נאַכט פאַרן שטעלן זיך צו דער קאָמיסיע האָט ער מיט גרויס כוונה געזאָגט די אַלע קאַפּיטלעך תהילים און נאָך פאַרשיידענע פּסוקים. פאַר טאָג האָט ער מיט די אַלע הידורים געפּראַוועט די זיבן טבילות און דערביי ווידער שטאַרק מכוון געווען. אַלץ ווי דער רבי האָט געהייסן. צען אַ זייגער אין דער פרי איז ער שוין אָבער געווען אָפּגעגעבן. גאַנצע פיר יאָר דעם קייסער געדינט!.. אַרויסגעוויזן האָט זיך, ווי דער רבי האָט מגלה געווען, אַז אויפן הימל האָבן זיך אין דעם ענין צעאַמפּערט צוויי מלאכים־ממונים.

— אַקעגן דעם וואָס איר זאָגט, הער אַדוואָקאַט. שוין אַן אַלטע מע־

שה: רייסט מען זיך אין די העכערע פמליות, איז שוין אַ יאָמער צו אונ־דזערן אַ מענטש...

וועגן זיינע בירגעררעכט טראַכט אַפילו ניט דער ייד צו אַריינפאַלן אין ייאוש. אים גייט אויך ניט אָן וואָס קופער כמורעט זיך, אַ פּנים איבער דעם פאַרגלייך מיט די מלאכים... ער פאַרפּאַרקעט זיך געשמאַק אין די־טיפע בוזעם־קעשענעס פון זיין קאַפּאָטע, ריעט דאָרט פּאַפּירן, וויקלט אויס איין בינטל פונעם צווייטן און רוקט אונטער דעם יוריס־קאָנסולט אַ צעקראָכן ביכעלע מיט שוואַרץ־לייוונטענע טאָוולען. דאָס זאָל זיין נאָך פון זיין לאַנג טויטן שווער אַ רוסישער פּאַספּאָרט, וואָס דאָ איז איינגעשריבן אויך זיין ווייב. פון אַ ווילנער שוואָגער האָט ער דורך אומוועגן אַרויסגע־קראָגן אָט די כתיבה.

— איר הייסט דאָך אַלץ, הער אַדוואָקאַט, דאָקומענטן דערברענגען. וואָס זאָגט איר אַ צאַצקע? שוין איין מאָל אַ פּעסל!..

דאָס אויסזען אַליין פון דעם ביכל צעשוימט קופערן. ווי אים האָט שוין פאַר דער אַרבעט דאָ אין קהילה דערגאַנגען דאָס פּאַטשקען זיך מיט די שוואַרץ־לייוונטענע! ווער ווייס זיי אָט די יידעלעך, פון וואַנעט זיי גראָבן עס אַרויס, שוין באַלד פופצן יאָר נאָך דער צאַרישער הערשאַפט, — אַזוינע אַלט־צעריבענע, שווייסיקע און אָפט אויך פאַרשימלטע פּאַפּירן, — און רופן עס אָן מיט אַזאַ צווונק: „אַ פּעסל״!.. באַלד מערקט קופער ווי וואָלקנדלעך פעדערן טראָגן זיך איבערן צימער. מיט אַ קלעפּיקן פוך ווערט באַדעקט דער טיש מיט די פּאַפּירן, זיין קאָסטיום. גאָר משונהדיק האָבן זיך אָט די ווייסינקע איינגעפּרעסן אין זיינע צעקרויזטע בלאָנדע האָר. די שפּאָגל נייע מציאה דעם יידנס איז אַרויסגעשלעפּט ניט אַנדערש ווי פון אַ פּערענע!.. ער שפּרינגט אויף קופער, נעמט שפּאַנען איבערן צימער און שליידערט אַוועק מיט די לאַנגע הענט:

— אַ פּעסל!.. טויזנט מאָל דאָ געזאָגט מענטשן: רופט עס ווי איר ווילט, רופט אָן אָט די פאַרשאָלטענע ביכלעך: „טשעמאָדאַן״, רופט עס: „קרעפּל״, אָבער ניט „אַ פּעסל״!.. שוין דערגעסן הערן „אַ פּעסל״, אַ פּפּפּעסל!!..

האָט דער ייד טאַקע זיך דערשראָקן פאַר די קולות, אָדער ער האָט

זיך פשוט געכאַפּט גיין דאַווענען, — אין אויפרעגעניש האָט קופּער זיך ניט אומגעקוקט ווי דער האָט זיך אַרויסגעשאַרט. ערשט פון דער אָפענער טיר טוט ווידער אַ ביס אים אין אויער:

— נישקשה, מיין יידענע וועט עס געהעריק אויספוצן, מאַכן אַ לייט אָט דעם פעסל. שאַ, זאָל זיין „טשעמאַדאַן"... אַ גוטינקען!

שוין געווען באַלד האַלבער טאָג, אַז קופּער האָט פאַרלאָזט דאָס ביוראָ. צו שטאַרק האָט אים גענאָגט זיך אַראָפּכאַפּן אין גאַס. די הייסע גלעזער טיי, וואָס ער האָט אָן אויפהער געבעטן פון דער קהילה־דינעריק, זיינען אַלע אויפן טיש געבליבן קאַלט און ניט־געטרונקען. אַן עכטע פרילינגזון האָט שפעדיק געפלייצט מיט ליכט און חיות. דאָס לעבן אין גאַס האָט געשפּאַרט מיט קוועליקן טעמפּאָ. אַלץ האָט זיך פלאָטערדיק געהוידעט, שטראַליק באַוועגט. דער פרילינג־קאַראַהאָד וואַרפט אָן אַ מילדע שפּילעוו־דיקייט אַפילו אויף די פול באַוואָפנטע פאַטרולן, וואָס האָבן אין מושטירטן טראָט צו פוס און אויף פערד מאַרשירט דורך די גאַסן. שטיפעריש גאָר זעען זיי אויס. דאָ אין דער גאָלדענער פלייץ... קופּער האָט זיך געטראָגן מיטן מאַסנשטראָם צום דערבייאיקןברייטן פלאַץ, וואָס שלינגט אויף אַזוי פיל גאַסן פון די פאַרשיידענע שטאָטטיילן און מישט אין זיך אַדורך דעם געווימל פון מענטש און פערד, וועלאָסיפּעד און מאָטאָציקל, טראַמוויי און אויטאָ. פון דער געדיכט ראַשיקער באַוועגונג — און וואָס ביי דער גאַנצער געהויבנקייט האָט כמעט יעדעס צווייטע פנים דאָך אויסגעזען קופּערן ווי אַ נאָכשמעקער — האָט זיך אים אויף דער פלייצע פריינדלעך אָפּגעלייגט אַ שווערע האַנט:

— טרעפט מען כאָטש אַן אייגענעם מענטשן...

ער זעט פאַר זיך קאַרל רישמאַנען, אַן אַלט־באַקאַנטער זיינער; אַ חבר פון די אוניווערסיטעט־יאָרן און לאַנג צוזאַמען געאַרבעט אין דער פאַרטיי. היינט איז ער דירעקטאָר אין אַ היגער באַנק, איז אַ שותף אין אַ גרויסן דאַמפער אויפן ניעמאַן און מישט זיך געשמאַק אין שטאָט־ענינים. אַ נעם טוט ער קופּערן ביים אָרעם און ווינקט צו ווילינגעריש:

— מען לוימערט אויף דיר, מישאַ. וואָס, קומסט פּאַרט צום שכל ?..

קופּער וואַרפט אים צוריק אַ נערוועזן שמייכל. קיין מאָל האָט ער דעם מענטשן ניט סימפּאַטיזירט. אַ מיאוסער חוצפּהניק און שטענדיק זיך געריסן פאַר אַ בענקל. ווי אַנשטעלעריש ער פלעגט זיך אָנגעבן פאַרן „ערשטן קאַנדידאַט אויף פּראָקוראָר אין קומענדיקן רעוואָלוציאָנערן טרי־בונאַל״!.. אויך דאָס צוריקציען זיך פון דער פּאַרטיי איז ביי אַזאַ איינעם ניט צוגעגאַנגען אָן פּאַזע. אויף קאָלט ברעכט ער איין מאָל און נאָך אַ מאָל די דיסציפּלין און טוט זיך אָפּ סקאַנדאַלכעלעך. באַלד נעמט ער שרייבן אָפענע בריוועלעך אין דער בירגערלעכער פּרעסע. מיטן הייליקן ציל, הייסט עס, צו „איבערציייגן די עפנטלעכקייט אין דעם גערעכטן און דורכויס קאָנסעקווענטן שטאַנדפּונקט״. צו לעצט פּאָדערט ער שוין אויף פּאַרטיי־מענטשן, און ווידער דורך דער זעלבער פּרעסע, צו אַן עפנטלעכן דיספּוט... און אָט האָט שוין דער העלד גיך באַוויזן צו ווערן אַ זייל ביי די פאַרביסענע רעאַקציאָנערן, פירט אָן מיטן פאַרבאַנד פון די הויז־איי־גנטימער, איז ענג פאַרבונדן מיט די גרויסע גרונטבאַזיצער און איז באַ־רופן פאַר אַ מיאוסן עקספּלואַטאַטאָר... קרענקט אים אַזוי, קופּערן, די גוטברודערישקייט פון אָט דעם, און ס׳לויפט אים דורך אַ ציטער ביי דעם צוקלאַפּן זיינעם אין פּלייצע:

— גייען מיר, הייסט עס, אויף קבר־אבות... מיר, אויסגעשטיגענע פּאַסאַזשירן...

אויף איין ברעטל שטעלט זיך שוין רישמאַן מיט אים!.. זיין וואָרט אָבער קומט אַרויס גאָר אַנדערש, גלייך ער וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ פולקומען אויטאָריטעט:

— מיינסטו עס וועט היינט יע וואָס זיין אין גאַס ?

— כאַ־כאַ ! — שיסט אויס רישמאַן מיט א פעט געלעכטערל — אַ רייד נאָך אויב עס וועט פּאַרקומען דער „מאַסן־פּראָטעסט־אויסדרוק פונעם געמיינזאַמען פּראָלעטאַריאַט קעגן טויטשטראָף״... די פּראָקלעמאַ־ציעס געלייענט ? פּאַרגעס אויך ניט, אַז שוין באַלד צוויי יאָר ווי ניט געווען קיין דעמאָנסטראַציע אַ רעכטע, עפּעס אַ לייטישע. און חברה יו־גנטלעכע פּליסט אַלץ צו אין דער פּאַרטיי. די אַ יאַטעס קריכן דאָך ממש

פון הויט, גייען אויס נאָך סטאַזש „קעמפערישן". קאָנען זיי זיך דאָס איינ־קויפן מיט דעם מיטלויפן אַ דעמאָנסטראַציע. אין ערגסטן פאַל קאָסט עס אַריין די מציאה אַ צוויי־דריי חדשים אַרעסט...

אין דערווידער גיט זיך קופערן דער אָרעם אַ צי אַרויס פון רישמאַנס האַנט. זיין כמורנער פּנים האָט גיפטיק געצוקט:

— קען מען דען אַזוי ריידן וועגן די אָנפירער פון דער דעמאָנסטראַ־ציע, דעם פּאַנטרעגער?!..

— דו זאָלסט עס זאָגן!.. — חוזקט שוין רישמאַן מיט אַ פּאראיבל — וועד אייגנטלעך זיינען עס די „העלדן וואָס וואַרפן זיך אין געפאַר"? הפּ־קר־מענטשן, נפשות וואָס געלוסטן דער גאַנצער וועלט „אָפּטאָן"... אָט איך אַליין. האָט ווען אַ מאָל דער טאַטע זיך שאַרף צערעדט מיט מיר, אַזוי באַלד בין איך געלאָפן אין דער פּאַרטיי, זיך אָנבאָטן דער ערשטער...

— אַך, רישמאַן, דיינע „פּערזענלעכע דערפאַרונגען"...

קופער איז נאָך אין זיין סאַמע איראָניע־פּאַרמעסט, ווי פּלוצלונג טוט אין אַ זייט פּלאַץ אַ ליאַרעם פון העלדזער אַזוי פיל:

— נידער מיט דער הענקער־רעאַקציע!

— אַ טויט דער בורזשואַזיע־יוסטיץ!!

— צע־גיין! — האָט זיך פון אקעגן אַ טראָג געטאָן רייטער א מחנה

— פו־נאַנ־דערגיין!!!

אין געדראַנג בלייבט קופער אַוועקגענומען פון רישמאַנען. אַלץ אַרום האָט געשריען, געווילדעוועט, מיט האַלדז געריסן. אין דער מאַסע דע־מאָנסטראַנטן האָבן זיך געשניטן קאַפּיטעס און קלינגענדיקע שפּאָרן, און נאַהייקעס האָבן געקנאַלט. מענטשן צעשפּוזשעטע זיינען געשפּרונגען, גע־קליגט זיך אויסמישן אין געווימל מיט דערבייאיקן פּובליקום. אין אַלעמען האָבן זיך ביקסן געצילעוועט און אַזוי פיל רעוואָלווערן האָבן קנאַקעדיק געשפּיגן מיט בלאַסע פייערלעך קעגן דער בלענדנדיקער זון.

מיט אַ מאָל האָט פון אַן אַנדער זייט אויסגעדונערט מיט אַ געזאַנג. אַ צווייטער עק פּלאַץ מאַרשירט מיט ליד. פּלאַקאַטן און מענטשן אַזאַ שטראָם האָבן זיך פון דאָ ערגעץ אַדורכגעריסן. פאָרויס ווייעט אַ פאָן אַ רויטע אין די הענט גאָר פון אַ שלאַנק בחורל אין בלויע שפּאַקולן. מיט זיין גאַנצער

קראַפּט שטרענגט זיך דער בליק קופּערס אויפצוכאַפּן וואָס בעסער דעם פּאַנטרעגער. דער געפיל פון באַליידיקונג ווערט אָבער ביי אים פּאַרטויבט דורך דעם מאסן־אויסגעשריי:

— הוראַ!!

— נידער!.. זאָל לעבן!!

פּאַטרולן פון אַלע מינים וואַרפן זיך באַלד אַקעגן דעם דרייסט גע־שלאָסענעם מאַרש. און ווידער אַ געקנאַל פון נאַהייקעס און שיסעריי. דער פּלאַץ אַרום רייסט מיט צאַפּלדיקע ווייגעשרייען און גליעוודיקע מוטרופן. פריש בלוט שטראַלט אָפּ פון אַלע זייטן און פון אונטער פיס רעווען מענטשן געטראָטענע... אויפן אָרט זיינען באַלד אויסגעוואַקסן פּאַרגראַטעוועטע אויטאָבוסן, גרויסע לאַסט־ און סאַניטאַר־אויטאָס, וואָס פּאָליציי האָט צוזאַמענגעשלעפּט פון שטאָט. רייטער און זשאַנדאַרן האָבן פון אַלע זייטן געריגנגלט די דעמאָנסטראַנטן און פּאַרבלוטיקטע זיי געשליי־דערט אין די מאַשינעס. מענטשן האָבן געזידלט, געסטראַשעט און זיך גע־וואָרפן אויף די אָרדענונגס־מאַכער. איינציקווייז רירן זיך די אָנגעפּראַפּטע אויטאָס און פון זיי שפּאַרט אַ געזאַנג אויף ס׳ניי. זיך טראָגנדיק דורך די גאסן, טראַסקעט זיך אויס יעדע ווילע פון די אויטאָס א שויב, און פּעק פּראָקלאַמאַציעס ווערן דורך דעם פענצטער אַרויסגעשליידערט מיט אַ צוהילך:

— נידער!.. לעבן זאָל!..

קופּער האָט זיך איינגעאָרדנט אויף אַ הויזטרעפּל און פּאַררוקט דאָ געשטאַנען. אַזוי פיל יוגנטלעכע מיט פלאַם און איינשטעל זעט ער דאָ. אַ רעכט ביסל פּנימער שניידן זיך אים אין די אויגן. אין די פּאַרטיי־קעמער־לעך האָט ער זיי דאָס געגעבן די ערשטע פּאָליטישע אַנטוויקלונג. ראָדע מערקט זיך אָבער ניט!.. זיין צעטראָגענער בליק קערעוועט זיך ניט־ווילנדיק צום ברעג דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט דערגרייכט כמעט ביז אים. פון דאַנען שפּירט ער שוין לענגער אַ פּאָר פלאַקערדיקע אויגן וואָס וואַרפן זיך אויך צו אים מיט אַזאַ גיפט. איצט האָט אויף זיינע נערוון שאַרף אַ שפּיל געטאָן אַ גלאַנציקער אויפשריפט, וואָס דער אָ פון דעם פּאָר אויגן האָט פּלוצלונג אַרויסגעהויבן: „אונדזער קללה דעם בורזשואזן יוסטיץ־אַפּאַ־

ראַט!. דערמאָנט ער זיך קופּער; ער דערקענט אָט דעם בחור מיטן לענג־לעכן געזיכט און אָנגרייפערישן בליק. אין גאַנצן אַ וואָכן צוויי־דריי צוריק ווי ער האָט מיט אים געהאַט צו טאָן. זאַלבע צווייט פלעגן זיי צו אים אין קאַבינעט קומען; ער מיט זיינעם אַ חבר. זיי האָבן געהאַט צו אים אַ בקשה, וואָס איז אים געוואָרן פאַרגעלייגט ווי גאָר אַ באַשיידענע. ער, קו־פּער, ווי אַ „געשיקטער אַדוואָקאַט" און דערצו "אַקטיווער אַרבעטער־טוער פון אַ מאָל", זאָל זיך מיען ביי דער מאַכט וועגן אַרונטערנעמען דעם פאַר־ווער פון זייער אַרבעטער־פאַראיין. אין „איין וועגס" זאָל ער שוין אויך טאָן וועגן אַ דערלויבעניש פאַר אַ קלוב. דורכצופירן עס אויף זיכער — האָט ער ניט געקאָנט צוזאָגן. זיך שטעקן אין אַזוינע האַרב פאַרדעכטיקטע ענינים, ווייס ער דאָך גוט, האָט פאַר אים היינט קיין חשבון ניט.

„אונדזער קללה דעם בורזשואַזן יוסטיץ־אַפּאַראַט!" — פּאַכעט אויף אים מיט רוגזה פון דעם רויטן פּלאַקאַט... אַזוי, אַזוי, ער איז נאָך גאָר־גאָר אָנגעהעריק מיט אָט די מענטשן. ניט מער, די האַלטן זיך פעסט צוזאַמען. מיט וואָס פאַר אַ התלהבות זיי ווירבלען עס און שטרעבן, בלוטיקן און שטייגן מיט אַ קלאָרער ריכטונג. און ער, קופּער, איז היינט אַן אַפּטריני־קער און סתם אַן אַ באַדן. אָט קען ער זיך פּועלן דאָ שטיין אַזוי פון דער נאָענט און צוקוקן ווי גאָר דער ווייטסטער. טאַקע אַ פּאַסאַזשיר אַן „אויס־געשטיגענער" !..

אַ באַגער איז אים אַדורך — לויפן, וואָס ווייטער זיין פון דאַנעט. באַלד אָבער האָט אין אַ צווייטער זייט פּלאַץ אַ ווייע געטאָן ווידער די רויטע פאָן אין די הענט פון דעם בחורל. נערוועז אויסגעשעפּט בלייבט קופּער שטיין אויף זיין אָרט און נישטערט פון דאָס ניי מיט זיין בליק. ער טרעט ניט אָפּ ביז ענדע דעמאָנסטראַציע, ביז דער יוגנטלעכער, נאָך אַ דרייסטן קעגנשטעלן, ווערט אַ צעמזיקטער אַריינגעשליידערט אין אַן אוי־טאָ צוזאַמען מיט זיין פאָן.

לאַנג האָט קופּער אַרומגעבלאָנקעט איינער אַליין איבער גאַסן. אַ גע־מיש פון פיבערדיקע איינדרוקן באַמבלט זיך אין אים. אָט איז ער שוין

לעבן דעם הויז, ראַדעס. אפשר נאָך אַ געוווּיר טאָן דאָרט. באַלד טוט אים אַ צי אויף צוריק. גאָר שטאַרק פילט ער זיך באַליידיקט, און אַפילו פאַר־פירט. קליגט ער זיך בכלל ניט צו טראַכטן וועגן איר... גלייכער שוין פאַר אים, אַוודאי שוין גלייכער איצט, מאַכן אַ סוף צו די איבערטראַכטענישן זיינע. אמער, ער איז אַ נאַכט ניט געשלאָפן, איבער אַ מעת־לעת אין מויל ניט געהאַט, דערצו אַזוי פיל אָנשיקענישן דורכגעמאַכט — מעג ער דאָך יעדן פאַלס אַריינגיין ווו צובייסן, זיך פאַררוען. ער מוז עס. יע, אָבער אַוווּ ווו גייט מען אַריין? קודם־כל דאַרף ער דאָך וויסן, לכל הפּחות פאַר זיך אַליין פעסטשטעלן, וואָס פאַר אַ שטימונג ביי אים איז איצט. מיט אַ צע־קראָכן פּנים קריכט מען דאָך ניט אין אַ קאַפע!.. גרוילט אים שוין ווידער מיט פאַרכאַפּטן וווּנדער קעגן זיך: פאַר וואָס אַ שטייגער זאָל אַ מענטש, אָט ער קופער, ניט קענען מיט זיך אַליין אַדורכקומען. דערפרעגן זיך וויל ער: ווי אייגנטלעך דאַרף טאַקע איצט זיין די שטימונג זיינע?..

אַ הויכער שמועס פון דער זייט שלאָגט איבער קופערן די גריבלעניש. אַ פּאָר פאַרבייגייער:

— געהערט וועגן דעם פּאַן־טרעגער?

— אַ שטייגער? אַליין אים באַמערקט, אין בלויע שפּאקולן; דער ריכטיקער יאַט!

— מאָל דיר, אַז גראָד אַ יאַטעכע; אין יינגלשע בגדים!..

אויפגעפלאַמט פאַלט צו קופער צו דעם מענטשן:

— איר לאַכט!

— לייענט אין בלאַט וועגן דער דעמאָנסטראַציע; אַרויס אויך אַן עקסטרע אויסגאַבע.

באַלאָדן מיט אָנגעקויפטע צייטונגען, שפּאַנט קופער צו זיך אין שטוב. דעם גאַנצן וועג וואַגט ער ניט לייענען, מיטן אויג אַ לויף טאָן אי־בער די נייס. גיך־גיך שליכט ער אַדורך דעם טרעפּן־קאָרידאָר; עפּעס הויכט אים פון די ווינקעלעך, פון דער שכנישער טיר... אין שטוב אַריינ־געקומען, דרייט ער אויף פאַר אַ מאָל די אַלע עלעקטרישע לאָמפּן, כאָטש אין דרויסן איז נאָך געווען ליכטיק. די צייטונגען אָבער, אַרויפגעוואָרפע־נע אויפן טיש, בלייבן ניט־גערירט... אַ ווײלע פאַרביי, אַנטשליסט ער זיך

יע אַריינקוקן אין די נייס. לייענען וועט ער אָבער כסדר, אָן שפּרינגעניש. אַז יע — כאַפּט אים אונטער אַ געדאַנק — האָט מיט ראָדען יע וואָס פּאַסירט, מוז ער דאָך גלייך וויסן. אַז די אויספאָרשונג איז נאָךביים אָנהייב, לאָזט זיך אַ סך אויפטאָן... פּרוּווט ער כסדר און געלאַסן אָנקוקן דעם ערשטן איבערשריפט מיט די גאָר גרויסע אותיות: „בלוטיקע דעמאָנסטראַציע אין שטאָט, מאַסן אַרעסטירטע". באַלד טראָגט זיך שוין אַריבער זיין שווינדלדיק אויג צו אַ ידיעה, אַז אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע פאָרשטייער מיטן באַנקדירעקטאָר רישמאַן בראש גרייטן אָן אָנפראַגע צו דער מאַכט וועגן דער פּאָליציי, וואָס „פּאַרנאַכלעסיקט און דערלאָזט צו אַזוינע קאָמעדיעס", און וואָס רעכנט בכלל די רעגירונג צו טאָן מיטן „אויסבעסערן די מילדע געזעצן אַזוי, אַז ענלעכע דעמאָנסטראַציעס זאָלן אויף להבא זיין אוממעגלעך"... קופּערס פּיבערדיקער בליק יאָגט ווייטער. אים נעמט דוכטן, אַז פּאָר אַ ווײַלע האָט ער אויף דער זעלבער זייט בפירוש געזען אַ לאַנגע רשימה מיט נעמען פון אַרעסטירטע, — ווו איז עס אַהינגעקומען?.. נאָר אָט גיט ער זיך אַ וואָרף צום ווינקל בלאַט, צו די „סענסאַציאָנעלע נייס". אַהאַ, אַ קאָפּ־שורה:

„אַ מיידל — אָבער אָן אַ קליידל".

אויפגעלייגט צעשמאַקעוועט זיך דער רעפּאָרטער וועגן אַ „געוויסער רעוואָלוציאָנעריש אָבער אויך שיין מיידל", וואָס האָט זיך צו דער דעמאָנסטראַציע פאַרשטעלט אין מענער־קליידער, און אגב, דאָס האָט איר ביים טראָגן די פאָן צוגעגעבן אַ „גאָר פּיקאַנטן אָנבליק". צום סוף פאַרמעסט זיך דער קאָרעספּאָנדענט שוין מיט אַ ווונק: „אַבי מען קלאָגט זיך ביי אונדז אַז די פרוי..."

די באַשרייבונג שלאָגט שוין אין גאַנצן קופּערן אַרויס פון זיין באַהערשן זיך. אַ צעשרויפטער, נעמט אים טראָגן איבערן שטוב. אַ האַרבן וואָרט אַ וואָס בייזערן נעמט ער זוכן קעגן זיך — ווי עס פאַרדינט זיין שאַרף בולטער פאַרברעך! וואָס, בינדט זיך שוין גאָרניט די אַ זשורנאַליסטישע באַציאונג צו ראָדען מיט די שטימונגען זיינע פאַר די לעצטע טעג?..

זיין דערשלאָגן געמיט ווערט זיך דאָך קעגן אַריינפאַלן אין גאָרער

פאַרלוירנקייט. ווערט אים אַזוי ניחא וואָס זיין קאָפּ נעמט זיך קלייענען מיט אַ געדאַנק, וואָס איז אפשר ניט מער ווי אַן אָפּדוכט. ער איז דאָך אַזוי מיד, און אויסגעשעפּט, און שלעפּערדיק, — צי חלומט זיך אים ניט אָקאָרשט דאָס אַלץ, אָט די אָנשיקענישן נעכטן און היינט ?..

שטייט ער ווידער ביים גרויסן קיילעכדיקן טיש. זיין צעקראַכענער בליק גליווערט אַזוי צוריקגעהאַלטן פון די אָנגעוואָרפענע צייטונגען און לאַנג נאָך טרויעט ער ניט זיך אַליין מיטן אַריינקוקן אין די נייס, ריכטיק אויפן וואָר באַנעמען וואָס דאָ שרייבט זיך. „קופּער"... פון אַ שורה ווו אויף איינעם אַ בלאַט שפּרינגט אים צו דאָס וואָרט אין אויג אַריין און נעמט אים ריען פון דאָס ניי אין זיין אָפּהענטיקייט. אַ שרייבערל וואָס ער, קופּער, האָט אַ שוואַכקייט צו אַנטקעגנקומען אים מיט „הלוואהלעך", לייגט זיך דאָ ברייט פונאַנדער וועגן זיין רעפּעראַט נעכטן אין האַנטווער־קער־זאַל. „דאָס איז געווען ניט נאָר אַ העכסט וויכטיקע לעקציע מיט נביאישן פּראָגנאָז פון אַן ערשטראַנגיקן מומחה אַ יוריסט — ווערט פּיי־ערלעך באַטאָנט שוין אין אָנהייב באַריכט. — דאָ האָט מען געקענט באַ־שיימפּערלעך אַרויסהאָבן דעם אויפריכטיק איבערגעגעבענעם און ענער־גישפולן פּאָלקסטוער אַדוואָקאַט מיכאל קופּער מיט זיין וואַרעם יידיש האַרץ, וואָס בלוטיקט ממש פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון די ברייטע מאַסן".

— אָט! — טוט ער אַ שליידער דעם בלאַט און מאוימדיק אַ בראַזג מיט אַ שטול — אָט האָסטו דיר, מישאַ קופּער, הערסט כאָטש אַ „שאַרף וואָרט" קעגן דיינע שפּילערייען די עקלדיקע, פאַרברעכערישע !..

ווי קלאָר אים קומט איצט אויף יעדעס וואָרט וואָס ראַדע האָט אים נעכטן געבריט וועגן דעם רעפּעראַט... אויף מאָנצן צערייסט ער דעם גאַנצן בלאַט. באַלד טוט אַ פּראַל אויף דאָס פענצטער און די שטיקלעך גיבן זיך אַ שאָט צום דרויסן. אויף להכעיס שפּאַרט אָבער דער ווינט צו־ריק די פּאַפּירעלעך, וואָס צעהוידענען זיך אין צימער־חלל ווי פעדערלעך, צעלייגן זיך איבער דיל און מעבל און שפּאַרן אויך אין וועשראַנק, וואָס שטייט צעעפנט אַוודאי נאָך פון נעכטן, פון ראַדען... קופּער איז פאַרמאָסטן נאָך צונויפנעמען אָט די ווייסינקע אָנשיקענישן, ביז איינעם עס פאַר־

ברענען. פּלוצלינג שניידט אַדורך דער איינזאַמער שטילקייט אַ סקריפּ. די טיר צו די טרעפּ האָט ער אַריינקומענדיק פון גאַס אַליין דאָך פאַרשלאָסן. לאַנגזאַם־לאַשטשעוודיק עפנט זי זיך. ווער שאַרט זיך דאָרט!

— ווידער מיטן פוכיק פעסל?!... אַ פּפעעסל!.. — צעברילט זיך קופּער און לאָזט זיך מיט שוים אויף די ליפּן צו דער האַלב אָפענער טיר. ער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ אין שוואַך־באַלויכטענעם קאָרידאָר אַריין און זוכט מיט רויט־צעגלאָצטע אויגן דעם קריכערישן יידל מיטן נאָכהענ־געגנדיקן בערדל, וואָס איז שוין כיטרעוואַטע, אַהאַ, אָפּגעצויגן. שרייט ער אים אַנאָך:

— יע־יע, ניט אייערע מלאכים; צעשפּאַרעט האָבן זיך צוויי רעפּע־רענטן!..

איצט וועט ער שוין גוט צושליסן די טיר. ער נעמט זוכן דעם שליסל. פון דרויסן־זייט שטעקט ער גאָר! אין איילעניש אָנצינדנדיק די עלעק־טריע, ביים אַריינקומען פון גאַס, האָט ער משמעות אַזוי געלאָזן. די טיר איז אָפן שוין די גאַנצע צייט, שטויסט ער זיך אָן, קופּער. איז טאַקע ווי נאָר ער האָט געעפנט דעם פענצטער אויף צעשטרייען די פּאַפּירעלעך, האָט זיך עס אין שטוב אויפגעהויבן א צוגווינט, האָבן זיך צעהוידעט די וויסינקע, און די טיר האָט לאַשטשעוודיק אונטערגעסקריפּעט... קיינער, קיינער איז דאָ גאָר ניט געקראָכן. אָך, ווי נערוועז ער איז!..

האַלב שלאָפעדיק, מיט אַ שווינדלדיקן קאָפּ באַוויזט ער נאָך דער־שלייפן קלאַפּן אים אויס ווילעוויז — ראָדע, ראָדע... דאַרף ער ניט ווו קאַלטן שוויס, ער פאַרפעלט אָבער ניט אַריינזופּן און שלינגען פון די בראָם־טאַבלעטן, אַרסעניק־פּילן און וואַלעריאַן־טראָפּנס. די שטראָמיקע שלייפן קלאַפּן אים אויס ווילעוויז — ראָדע, ראָדע... דאַרף ער ניט ווו גיין? מיט מנוחהן זיך טרעפן האָט ער יע געדעדט. געגוי אָבער וועגן און ווו — וועגן דעם איז ער איצט געוויס ניט בכוח צו טראַכטן. שפּאַרט ער זיך אָפּ אויפן דיוואַן. עטוואָס אָפּרוען מעג ער דאָך, ער מוז עס. רו, רו!.. אַ זיסע אויפגעלייגטקייט טוליעט אים, לייזט אויס לאַנגזאַם פון די איבער־לעבענישן. אַלץ וואָס פאַרלאָפן נעמט אים שיינען ווי אַן אָפּדוכט. ער איז דאָך אַזוי שלעפעריק — סאַראַ בייזע חלומות דורכן טאָג אויסגעשטאַנען!..

ווי לייכט איז אים איצט. קיין ראָדע. ער הערט אויך ניט קיין טענות וועגן זיין עבר. אַ גראַציעז מיידל מיט שפּילעווודיקע מאַנירן גלעט אים, צערטלט, — אַזש אַ שמייכל צעגיסט זיך אויף זיין פּנים.

קופּער קליגט זיך דאָך־דאָך צו איינשלאָפן.

פאַרבן

(פראַגמענט)

א.

גלייך מיטן זומער־אָפּגאַנג האָט זיך ווידער אָנגעהויבן רודלען אינעם קעלער פון דער סטודענטן־קאָרפּאָראַציע „יודעא". כאָפּטעס יידישע בחורים אין פאַרביקע ווייסע היטעלעך האָבן זיך נאָך זייער לאַנגן פּעריען ווידער דאָ געגומען שיטן, זיך טראָגן הין און הער איבער די קעלערטרעפּלעך. גאָר אימפּעדיק האָבן דעם פאַרנאַכט אַריינגעאַרבעט די ייִנגערע קאָרפּאָראַנטן, די „פוקסן". יעדע ווײַלע לאָזן זיי זיך דורכן הויף מיט קערב עסנוואַרג, קייקלען פונעם קלייט פעסעלעך ביר און שלעפּן טרינק־כלים. דערשמעקט די רוישיקע נאַכט וואָס קומט דאָ אָן, האָבן די שכנים פון אַרום אָנגעהויבן באַציימנס צו פאַרהאַקן די פענצטער און טרייבן די קליינוואַרג וואָס פריער אין די בעטן אַריין; זאָלן כאָטש די אַריינכאַפּן אַ דרעמל איידער דער קעלער פאַרגייט אין הוליאַנקע.

אַ קלייניקייט, אַז דאָס קעלערל צעהוידעט זיך! און ווען איז דאָרט רואיק? שכנים הערן ניט אויף לויפן וועגן דעם צום הויזווירט. איז זיין שטענדיקער ענטפער, אַז אַ סטודענטן־קאָרפּאָראַציע איז ניט קיין שענק אָדער נאַכטלאָקאַל, — אַ קולטור־אינסטיטוציע איז עס. מענטשן וואָס זיינען קיין מאָל ניט געווען אין מערב־אייראָפּע, טענהט ער, און אַ קוראָרט הייסט ביי זיי אַ דערבייאיק וועלדל אָדער דאָס שטיקל ליטווישער ים אין פּאַלאַנגען, — טאָ וואָס קאָנען די וויסן פון אַלט איינגעפונדעוועטע מינהגים אין דער גרויסער וועלט!

אַ פייערלעכן קאָנוועגט האַלט היינט אָפּ „יודעא". זעליג קאַראַבעלניק דער נייער קאָרפּאָראַציע־אָנפירער — דער סעניאָר — איז שוין דאָ היינט

צום וויפלטן מאָל. פון זיין ערשטן סטודענטן־טאָג, ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אין יורידישן פאַקולטעט, איז ער אַריינגעצויגן אינעם קאָרפּאָראַציע־לעבן. זיין שטענדיקער באַגער צו געניסן וואָס מער בקאָמפּאַניע פון לעבנס־פרייד און זיין אָפּשיי פאַר פייערלעכקייטן האָבן עס אים אַהער געפירט פון זיין ניט־רייכער היים, פון זיין מאַמען דער אלמנה און פיש־הענדלערין. און ער האָט טאַקע מיט התמדה דורכגעמאַכט געשיקט דעם גאַנצן קאָרפּאָראַנטישן סטאַזש. צו ערשט איז ער, ווי יעדער פרישאָנגעקומענער, געווען נאָר אַ „פוקס" און צו גלייך מיט די אַלע פון זיין ראַנג געדאַרפט אויספירן אויך שוואַרצע אַרבעט אין דער קאָרפּאָראַציע. ער איז דעמאָלט געווען בלינד געהאָרכזאַם דעם פוקסמאַיאָר, ווי אויך יעדערן פון די עלטערע קאָרפּאָראַנטן — די „בורשן". ער האָט יעדן איינעם פון זיי אָפּגעגעבן דעם וועג פאָרויס און געפאָלגט אויפן ווונק; געוווסט קלאָר די סאָרטן ביר און פאַפּיראָסן וואָס יעדערן שמעקט, כדי צו קאָנען וואָס געשיקטער דערליידיקן אַ גאַנג; האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך שוועבעלעך, כדי צו זיין וואָס גרייטער אויף באַדינען אַ בורש מיט פייער. באַזונדערש צוגעבונדן איז ער געוואָרן צו זיין לייב־בורש, וואָס איז געווען צוגעטיילט אויף דערציען אים אין קאָרפּאָראַנטישן לעבן און וואָס רעכנט זיך לויט די אַלטע מינהגים אַלס זיין קאָרפּאָראַציע־פאָטער, און ער, דער לייב־פוקס — אַלס זיין זון. אַזוי איז ער, זעליג, מיט דער צייט דערהויבן געוואָרן אויף אַ ריכטיקן קאָרפּאָראַנט — אַ בורש. און שטאַפּל פאַר שטאַפּל איז ער אַזוי ווייטער געגאַנגען, און אָט איז ער הייַנט שוין דער ערשטער אין קאָרפּאָראַציע — דער סעניאָר! ער נעמט עס איצט אָנפירן מיט דער גאַנצער אַרבעט און באַזונדערש מיט די פייערלעכקייטן וואָס קומען דאָ פאַר אָפט. אין די סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס איז דער גאַנצער צוזאַמענבונד דאָך מער ווי אַלץ געפעסטיקט אויף צערעמאָניאַלן און שוימיקן געמיינזאַמען לעבנסלוסט.

געלעגנהייטן אויף שימחות פעלן ניט אויס אין די סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס, און „יודעאַ" שעפּט זיי מיטן הויפן. באַזעלט מיט פרייד איז שוין דעם עצם געדאַנק פון פאַרלייגן אַזאַ קערפּערשאַפט, וואָס איז צו טרעפן ניט אין יעדן לאַנד, און דאָס נאָר צווישן די צעבאַלעוועטע זינדעלעך. מיט שטאָלץ קוקט „יודעאַ" אויף איר אַריבערטראָגן די זעלטן מערקוויר־

דיקע מינהגים און פארמען אזש אהער, אין דער יידישער ליטע, און צווישן די קינדער פון קרעמער און בעלי־מלאכות. א נייער און אפפרישנ־דיקער גייסט איז דאך ארייגעגאסן אין דער טרוקן מעלאנכאלישער יוגנט, וואס איז פון דורות געווען געוווינט צו גמרא מיט פילפול און לעצטנס זיך אזוי געגומען גרונטעווען אין די פארשיידענע אידעאלאגיעס און לופ־טערן אלערליי געזעלשאפטלעכע פראגעס... גאר געהויבן איז דער קארפא־ראציע־אויפטו און רופט טאקע נאר צו פרייד און פייערלעכקייטן!

איבער שטעט און שטעטלעך אין דער ליטע האבן זיך מיט א מאל צעשאטן יידישע בחורים און מיידלעך אין אזעלכע שיינע פארביקע היטעלעך. זיי באטיטלען זיך מיט גאר קלינגעוודיקע ראנגען, ווי פוקסן, בורשן, פיליסטערן, סעניארן, שארזשן, מאגיסטערן און מאיארן! איבער די גאסן מארשירן זיי ארויס מיט רייך מאלערישע פאנען, און די אנפירער אליין — געהילט אין ברייטע פארביקע שארפן און אין די הענט שווערדן, באצירטע מיט גרויסע פארביקע קעפ. די רייען פון „יודעא" ווערן אלץ געדיכטער. פון יאר צו יאר שטראמען אהער אלץ נייע קאנדידאטן־פוקסן. די פוקסן ארבעטן זיך ארויף און ווערן דערהויבן אויף בורשן. די בורשן ווידער, אז זיי ענדיקן די הויכשולן, בלייבן פיליסטערן. און אלץ דרייט זיך ארום דעם קארפאראציע־לאקאל, וואס געפינט זיך אין א קעלער, ווי שוין אנגע־נומען ביי אלע סטודענטן־קארפאראציעס פון דער גרויסער וועלט. און שטענדיק איז דא לעבעדיק. ווער עס טרינקט ביר, ווער עס דערציילט א שארפן אנעקדאט, ווער עס זינגט א לוסטיק לידל און ווער איז פארטאן אין שפילן פארשיידענע. און איבער אלץ און אלעמען הערשט ריטערלעך דער סעניאר מיט זיינע געזעלן — די שארזשן, מאגיסטערן און פוקס־מאיאר. באשטראלט איז די גאנצע ארבעט מיט דער אידעע צו פארווירק־לעכן אין אט דער גרויסער מישפחה די הויפט־יסודות פון דער קארפארא־ציע: קעגנזייטיקע פריינדשאפט, ווילטאג און לעבנסלוסט. קאן דען אזא לעבעדיק פולסירנדיקע קערפערשאפט פארשוויגן איר גלענצנדיקע טע־טיקייט און ניט איינארדענען קיין פייערונגען ביי געהויבענע מאמענטן? עס יובלט דער קעלער ביים בורשירן פוקסן אדער אויפנעמען געסט, ביים יארן זיך פון דער קארפאראציע אדער חתונות פון קארפאראנטן און ביי נאך און נאך וויכטיקע מאמענטן!

ב.

היינט האַלט אַפּ די קאָרפּאָראַציע „יודעאַ" איר ערשטן גרויסן פייער־לעכן קאָנווענט פאַר דעם פרישן סעמעסטער. דער נייער סעניאָר זעליג קאַראַבעלניק וועט עס אַליין אָנפירן. דערצו ווערן היינט גאַנצע פינף פוקסן דערהויבן אויף בורשן. דאָס בייזיין אויף אַזאַ פייערונג איז אַ חוב פון יעדן קאָרפּאָראַנט, און מיטברענגען צו דער קנייפּיע אַ שיינע דאַמע — ניט וויניק כבוד און אָנזען. זעט טאַקע אויס דער היינטיקער אָוונט צו זיין גאָר פריילעך און הערלעך. חברה קאָרפּאָראַנטן וואַרטן שוין אויף דער געלעגנהייט צום פאַרמעסטן זיך איינער קעגן צווייטן מיט וואָס שענערע באַגלייטערינס. שטאַרק אָפּגעשטאַנען לעצטנס אויף דעם געביט איז גראָד זעליג, דער איצטיקער סעניאָר אַליין. זעלטן זעט מען אים מיט אַ דאַמע, און אין קאָרפּאָראַציע — כמעט ווי גאָרניט. אַלערליי מעשיות און ווערטלעך טראָגן זיך וועגן אָט דעם פּיקאַנטן און פּיפּיקן קאַוואַליער, וואָס איז אַלע מאָל געווען דער ערשטער אויף פייערלעכע קאָנווענטן מיט די דאַמען־קנייפּיעס. די אַ טויגעוודיקייט זיינע רעכנט ניט איינער אַריין אין די הויפּט־טעמים וואָס ער, זעליג, איז עס אין דער קאָרפּאָראַציע אַזוי אויפגעשטיגן. מיט שטיפערישן שמייכל נעמט אויף קאַראַבעלניק אַזוינע רייד און קליגט זיך ניט צו דערלאָזן אַן איינדרוק אַ וועלכן, אַז ער איז דאָ מיט וואָס געטראָפן... אַז אָבער אים אַליין, דעם פאַרגאַלאָפּירטן און באַרוישטן קאָרפּאָראַנט, ווילן זיך פון די אַ ענינים נעמען פּלאָנטערן מיט מחשבותן היינט — איז אים שוין פיינלעך. גראָד אין דעם טאָג וואָס ער פאַרנעמט דעם בכבודיקסטן פּאָסטן, לאָזט אים ניט אָפּ דער געדאַנק, אַז זיין שטייגן אין דער קאָרפּאָראַציע איז שוין פון סאַמע אָנהייב ניט גאָר אין אָרדענונג. בפירוש ניט.

אַ תהומיקע פרילינגנאַכט שווימט אַלץ אויף זעליגן פאַר די אויגן און רייסט זיין געדאַנק אויף יאָרן צוריק. אין דער קאָרפּאָראַציע איז ער נאָך געווען אַן אָנפאַנגער. ווי יעדער פוקס האָט ער געזוכט די פריינד־שאַפט פון די עלטערע קאָרפּאָראַנטן און געברענט וואָס פריער צו ווערן אַ בורש. אַ באַזונדער איינגייער איז ער דאָס דעמאָלט געוואָרן ביי זיין לייב־

בורש, משה ראָזען. דער איז שוין געווען אַ באַווייבטער און געהאַט זיין דירה דאָ אין שטאָט. פריינדלעך פלעגט אים דאָס פאָרפאָלק אויפנעמען. אויפן גוט־קאָרפּאָראַנטישן שטייגער האָט אים פיין מקרב געווען ראָזען און אין אַ בעסערער שטימונג ניט איין מאָל פאַרטרויט פון זיינע אינטימע ענינים. אַ סך, אַסך האָט ער גאָר גיך געוווּסט, זעליג. פון אים זיינען ניט געווען פאַרהוילט די גרויסע סומעס געלט, וואָס זיין לייב־בורש פאַר־שפּילט ביי קאָרטן, און אַפילו ניט די זייטיקע ליבעס, וואָס דער פירט אַזוי בסוד פון זיין קאַפּריזנער און אַנגעיחסנטער פרוי. ניט ווייניק פאַמי־ליע־ברעקלעך זיינען אים צוגעפאַלן טאַקע פון די אָפטע קריגערייען צווישן מאַן און ווייב. זיין קלוגע צוריקגעהאַלטנקייט און שטענדיק אויפגעלייגטע שטימונג האָט פאַמעלעך געפירט, אַז אויך די שטאָלצע און קאַקעטע פרוי ראָזען זאָל נעמען אַרויספאָרן פאַר אים מיט אירע טענות קעגן מאַן... לאָזט אים ניט אָפּ יענער אָוונט וואָס האָט אים פאַרטרויט אַ באַזונדערע שליחות. אין זעלבן קאָרפּאָראַציע־קעלער דאָ ביי יענעם טישל אין ווינקל האָט זיין לייב־בורש צעעפנט פאַר אים דאָס האַרץ. צוויי טעג שוין ווי ער קאָן זיך ניט באַווייזן אין שטוב. בויט ער איצט אויף דער געשיקטקייט פון זיין לייב־פוקס. געוויס וועט עס אים געלינגען דאָך צו איבערצייגן דער רוגזהדיקער פרוי אין איר מאַנס טרייקייט און אויפריכטיקייט. זאָל ער איר אָנדערציילן, זעליג, אַז פאַר עטלעכע טעג צוריק האָט ער אַליין אַ גאַנצע נאַכט מיט אים געשפּילט אין קאָרטן; זאָל ער בכלל ניט קאַרגן מיט אַ וואָרט. ווי מיינט ער, זיין טרייער לייב־פוקס, — ער קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן ?

אַ וווּנדערלעכער פרילינג־אָוונט האָט דעם גאַנצן וועג געכוואַליעט מיט דעם פריידיק שפּרינגעוודיקן האַרץ פון דעם יונגן קאָרפּאָראַנט. דער שאַרפער בעז האָט פאַרגאַפּט געאָטעמט מיטן אימפּעדיקן טאַקט פון זיינע פלאַטערדיקע טריט. דער לייב־בורש איז צו אים אַזוי גוט! גיט זיך אים איין די שליחות, וועט שוין אַזאַ ראָזען ניט דערלאָזן, אַז ער זאָל נאָך לאַנג בלייבן אַ פוקס. דער בורשן־ראַנג מאַרשירט אים אַנטקעגן!... פרילינג! זיין צאַפּלדיק האַרץ קוועלט מיט פאַרשיכורטן געמיט. אַ צעפרילינגטע טרעפט ער אויך די פרוי ראָזען. יאָ, ער האָט אַליין ניט געוווּסט, ווי אָט די

גראַציעזע און אָנגעצויגענע דאַמע קאָן זיין צוגעלאָזן און האָט אים אַזוי געערן. ווי זי איז אַנציעוודיק אין דעם אינטימען שמועס!... פרילינג! די פרוי ראָזען איז היינט אַזוי וווּנדערבאַר; איר בלאָנדער שמייכל איז אויסגעגאָסן פון לויכטיקער פרייד און גוטמוט. ווי שווינדלדיק גיך זיי ביידע לויפן איבער די רייד. נאָך וואָס אייגנטלעך איז ער אַהער געקומען?... פרוי ראָזען איז הערלעך באַרוישט פון איר אייגענער אַנטדעקונג, אַז אָט ער, זעליג, קען ריידן אַזוי שאַרפזיניק און זיין דערביי מילד ביז גאָר. און איר פלוצעמדיקער פאַררייסענער אַרויספאַר, אַז זי האָט אים גאָר קיין מאָל ניט פאַרטראָגן, איז פאַר אים ווידער אַ דערמוטיקע אָנצוהערעניש. ריידן זיי ביידע אַזוי אָפן, צוגעלאָזן. סאַמעט ווייך שאַרן זיך שעהן גאַנצע מיטן פרילינגדופט אַדורך די אָפענע פענצטער. ווי מיט איין לאַנגן קוש ווערן אויסגעהויכט שטיקער נאַכט פון אינטימען צימער, און דער געשווינדער באַגער־אָטעם נעמט פאַרזאָגן יעדן שפור פון אַ וועלכן דריטן צווישן זיי.

שפּעט אין דער נאַכט, שוין ביים שוועל, האָט זיך זיין בליק אַ פלאָנטער געטאָן איין מאָל און נאָך אַ מאָל איבער דער פרוי ראָזען. די שעהן לאַנגע צעפלאַמטקייט איז איר איצט אויפן מאָטן פּנים געשטאַנען אין צונטערע פלעקן און פון איר מידן אָנבליק האָט זיך געבלעזלט אַן אויסלעשנדיקע פרייד. נו יאָ, אַוודאי איז אַהער געקומען אויף צוריקשטעלן דעם שלום־בית פאַר זיין לייב־בורש. איז עס אים געלונגען?... עכט קאָרפּאָראַנטיש כאַפּט ער ביים אַרויסגיין אַרונטער דאָס פאַרביקע היטעלע, לייגט עס צו צום האַרצן און טוט זיך ריטערלעך אַ פאַרנייג מיט אַ געהויבענעם טאָן, וואָס האָט נאָך געקלונגען גאָר אינטים:

— אַלזאָ, מאַדאַם ראָזען, קוויט?... שלום איצט מיטן מאַן.

פון דער שטאָלץ פאַרביסענער פרוי האָט ער דאָ אַרויסגעשלאָגן איר שאַרפסטע אָנגרייפערישע טענה. פייליקע בליקן פון איר אויפגעלאָפן פּנים האָבן זיך צעצונדן איבער אים און געברענט — נאַכאַל!.. זעליג איז שוין דעמאָלט געווען געגוג געווווינט אין גרימאַסעס פון פרויען און האָט אין דעם שלייפיקן אויגן־געשוויבל מער געזען אומרואיקן נאָכגיב און אַ טוליעוודיקייט. מיט פולער זיכערקייט איז ער געקומען אָפּגעבן זיין לייב־בורש דעם ראַפּאָרט, אַז דער שלום־בית איז צוריקגעשטעלט. און וועט

אויך לאַנג אָנהאַלטן, האָט ער צוגעוואָרפן ווילגייעריש... צווישן דעם מאַן־און־ווייב איז שוין געבליבן פאַרוועבט זיין ריטערלעכער שאָטן.

ווי קלאָר אים דערמאָנט זיך דאָס היינט. קלינגעוודיקע טיטלען און גאָר רווישיקע ליבעס האָבן זיך נאָך אַדורך אים דורכגעטראָגן. זיין ערשטער שטייגן אין דער קאָרפּאָראַציע איז דאָך ענג צוזאַמענגעבונדן מיט די ראַזענס, וואָס זיין פריינדשאַפט מיט זיי האָלט גאָר שטאַרק אָן. יאָ, ניט אין אָרדענונג איז מיט אים, דעם נייעם סעניאָר זעליג קאַראַבעלניק.

ג.

דער עולם אין קאָרפּאָראַציע־קעלער ווערט אַלץ געדיכטער. עס ווימלט מיט קאָרפּאָראַנטן און מיט די דאַמען זייערע די מיטגעבראַכטע. די פייער־לעכע קאָנווענטן און די דאַמען־קנייפּיעס פון „יודעאָ" האָבן אַ נאָמען. צוזאַמען מיט דעם ברויזנדיקן יונגוואַרג באַווייזן זיך דאָ אויך מענטשן כאַלידע, שוין ניט פון סטודענטישן עלטער. די לאָזן איבער אין גאַרדע־ראָבע זייערע שווערע בכבודיקע קאַפּעליושן און וואַרפן אויף זיך לוסטיק אַרויף די לייכטע קאָרפּאָראַנטישע היטעלעך, מישן זיך אויס אין עולם און לאָזן זיך דאָ ווילגיין. דאָס זיינען די אַמאָליקע בורשן, וואָס האָבן שוין זייערע סטודענטן־יאָרן הינטער זיך און פאַרנעמען זיך היינט מיט זייערע אַקאַדעמישע פּראָפעסיעס. די קאָרפּאָראַציע פאַרגעסט זיי אָבער ניט. ביים ענדיקן שטודירן שענקט זי זיי דעם טיטל פיליסטער און נעמט באַלד אויך געניסן פון זייערע פאַרדינערישע קעשענעס. פון די קומען עס אָפּט אַריין די פעטע צושטייערן אויף אויסהאַלטן זייער אַמאָליקן נעסט. זיינען זיי גאָר אָנגעלייגט ביי אַ שימחה. דאָ אין קאָרפּאָראַציע־מניין טרעפן זיי זיך מיט זייערע אַלטע קאָלעגן, דערמאָנען זיך פאַרגאַנגענע סטודענטן־יאָרן. אַרום זיי קלאַמערן זיך זייערע געוועזענע לייב־פוקסן, און אַליין זעען זיי דאָ ניט זעלטן זייערע אייגענע אַמאָליקע פּאַטראָנען, די לייב־בורשן. — דעמאָלט ערשט איז די שימחה גאָר פול, און די פאַרצווייגטע מישפּחה פון „טאַטעס, זין און אייניקלעך" נעמען זיך רעכט ווילגיין.

פון אַ זייטיקן צימער באַווייזט זיך אַ יונג בחורל אין אַ קאָרפּאָראַנטיש

היטעלע, אַרומגעהילט מיט אַ ברייטן, פֿאַרביקן שאַרף און אַ ראַפּיר־שווערד אין האַנט. „דער צווייטער שאַרזש" — נעמט אים אויף אַ געמורמל פֿון עולם. דאָס בחורל טוט אַ קלאַפּ מיט דער שווערד אין אַ ברעט בײַ דער בינע:

Silentium! Ad loca!

מיטן אויגנבליק נעמען זיך די מענטשן אויסזעצן בײַ לאַנגע טישן. פֿריער גייען די פֿיליסטערן און די בורשן אין זייערע היטעלעך מיט זייערע דאַמען בײַ דער זייט. גאָר אַלעצט קומען די פֿוקסן בראש מיט זייער פֿוקסמאַיאָר, וואָס איז אויך געהילט אין אַ ברייטן שאַרף מיט אַן אויס־געשפּאַרטן קנופּ אונטערן עלנבויגן און מיט אַ שווערד אין דער האַנט. ער הזרט כסדר איבער פּאָר זיינע פֿוקסן יעדן וואָרט און שווערדקלאַפּ וואָס פֿאַלט פֿון פּרעזידיום, גלייך זיינע אונטערטעניקע קאָנען נאָך אַליין ניט באַנעמען די באַפֿעלן וואָס טראָגן זיך פֿון פֿאַרביקן טיש אויף דער טריבונע. בײַ אַ געהויבענער שטילקייט קומט פֿייערלעך אַרויס פֿון זעלבן זייטיקן צימער זעליג, דער סעניאָר, מיט צוויי געהילפֿן, די שאַרזשן; אַלע די אין זייערע היטעלעך און געהילט אין די פֿאַרביקע שאַרפֿן און מיט ברייטקעפּיקע שווערדן אין די הענט. עס ווערט אויך פֿייערלעך צוגעטראָגן צום פּרעזידיום־טיש די קאָרפּאָראַציע־פֿאַן, און בײַ אירע זייטן בלייבן די ביידע שאַרזשן שטיין פּאַראַדפֿול אויף דער וואַך.

דריי שווערדקלעפּ אין טיש ציילט אַריין דער סעניאָר, און דער גאַנצער עולם שטעלט זיך אויף. אויף זיין לאַטייניש באַפֿעל איז מיט אַ שפּרונג שוין בײַ דער בינע אַ קאָרפּאָראַנט מיטן טיטל מאַגיסטער קאַנטאַנדי. ער נעמט אַרונטער ס׳היטעלע און מיט דער אַ פֿאַרביקער ציר דיריזשירט ער פֿאַרן עולם דעם הימן. דער סעניאָר און פֿוקסמאַיאָר שטעלן זיך פֿאַראַד — די שווערדן אין די הענט פֿאַרויס קעגן פּנים. מיטן אָפּזינגען ליגט ווידער דעם סעניאָרס שווערד אויפֿן טיש. דער פֿייערלעכער קאָנווענט גייט. זעליג רעדט איצט מיט אַ געהויבענעם טאָן צו די פֿינף פֿוקסן וואָס ווערן דאָ דערהויבן אויף בורשן. געוויס האָט שוין מיט יעדערן פֿון זיי באַזונדערש ניט איין מאָל געהאַט געלערנט זיין לייב־בורש וועגן דעם גרויסן באַטייט פֿון די קאָרפּאָראַציע־פֿאַרבן. ער דערקלערט זיי דאָס אָבער איצט עפּנטלעך

און טאַקע אין דעם פרייערלעכן מאָמענט פאַר זיי. טאָ זאָלן זיי וויסן שטענדיק צו האַלטן טייער אָט די פאַרבן, זיי שיצן און אַרבעטן פאַרן ווויל פון דער קאָרפּאָראַציע. קאָן ער דאָס האָפן אויף זיי? אויפן ווונק פון פוקסמאַיאָר שטעלן זיך אויף איינער נאָכן אַנדערן די פינף פוקסן און ענטפערן אָפּ יעדער מיטן זיכערסטן טאָן. געוויס, געוויס וועלן זיי שטענדיק טראָגן אין האַרצן דעם סעניאָרס ווערטער; אַלץ זיינען זיי גרייט צו טאָן פאַרן ווויל פון זייער טייערער קאָרפּאָראַציע און שיצן אירע פאַרבן.

— צו דער שבועה! — קנאַלט אָפּ פון זעליגן אַ סעניאָרישער באַפעל. די פינף פוקסן מיט זייערע לייב־בורשן און פוקסמאַיאָר לאָזן זיך אין אַ צווייטן צימער. אין געציילטע מינוטן איז שוין דאָ דער פוקסמאַיאָר מיט אַ קורצן ראַפּאָרט צום סעניאָר: איין פוקס איז שוין גרייט צו דער שבועה. גלייך ווערט אויסגעלאָשן די עלעקטריע. פון דער פינצטערניש אַרום און אַרום צעשלענגלט זיך קעגן סעניאָר אַ בלוילעך פלעמל פון אַ בעכער שפּירט. אַ גרויסע דערוואַרטונג כאַפּט אַרום דעם זאַל. יעדער צופעליקער שאָרך בלייבט הענגען פאַרשוועכריש אין דער מיסטעריעזער שטילקייט. נאָר די יידישע גאַסן אַרום טוען זייעריקע. וועלטן גאַנצע טיילן זיי אָפּ פון אָט די אייגענע קינדער, וואָס זיינען דאָ אין קעלער אַזוי פאַרטיפט אין די צערעמאָניען. דער ערב־יומטובדיקער האַנדל, וואָס האַלטן אָן ביז שטיקער אין דער נאַכט אַריין, שפּאַרט זיך אַהער דורך די געדיכט פאַרהאַנגענע פענצטער און רייסט אַזוי וואָכעדיק אין די אימפּאָזאַנטע ריטערלעכע שטי־מונג. יידן שרייען אויף אַלע קולות, מ׳זאָל זיי געבן צו לייזן אויף יום־טוב. ז״סע עפּל האָבן זיי, מחזורים, פרישינקע געבעקס, סליחות, קאַוועגעס, ציצית און כשרע מזוזות — וואָלוול! קאָנקורענץ! יידעלעך, קויפט, האַלט אונטער! אַזוינע נאָנטע באַקאַנטע שטימען; אפשר ניט איינעמס טאַטע־מאַמע הילכט דאָ אָפּ פון דער בלוילעכער פינצטערניש. זעליג איז געזעסן פאַראַדפול אויף זיין סעניאָרן־שטול. נאָר אויף איין אויגנפּינטל האָט ער זיך געקאָנט דערמאָנען, אַז — יע! ער האָט טאַקע צוגעזאָגט דער מאַמען צוהעלפן איר אויפן מאַרק אין די ערב־יומטוב־טעג... צום סטודענט וואָס איז אַרויסגעקומען פון צווייטן צימער האָט ער פייערלעך אַ זאָג געטאָן, ווי עס געהער:

— פוקס, ביטע גיב אָפּ דיין שבועה!

מיט יראת־הכבוד נעגטערט זיך דער פוקס אין באַגלייטונג פון מאַיאָר און פון זיין לייב־בורש צום פּרעזידיום־טיש, שטעלט זיך אַוועק קעגן סעניאָר, הייבט אויף די רעכטע האַנט מיט צוויי אויסגעשטרעקטע פינגער צום קאָרפּאָראַציע־הערב און ביים שיין פון שפּירטלעמפּל נעמט ער שלינגען זיין אויסגעחזרטע שבועה. ער שווערט צו זיין אַ שטאָלצער מאַן; ער שווערט צו זיין אונטערטעניק די אַלע באַשלוסן פון קאָנוועגט; ער שווערט צו היטן די סודות פון דער קאָרפּאָראַציע — ער שווערט! דער פרישער בורש ווערט האַרציק אויפגענומען פון דעם סעניאָר, וואָס טוט אים אַרויף אַ נייעם בורשן־היטעלע און צעקושט זיך מיט אים ביים סודות־פולן שיין. אַ געזעגן־קוש קריגט ווידער דער צעשטראַלטער בורש פון דעם פוקסמאַיאָר, וואָס פון זיין רשות גייט ער עס איצט אַרויס. און אָט קומט דאָס לעצטע קושן זיך מיטן לייב־בורש, זיין ספּעציעלן פּאַטראָן און קאָר־פּאָראַציע־פּאָטער, וואָס האָט עס אים ביחידות דערצויגן און דערבראַכט ביז אָט דער געהויבענער מדרגה. די אייביקע געבונדנקייט וואָס בלייבט שוין צווישן זיי דריקט אויס דער לייב־בורש אין דעם אַוועקשענקען זיין געוועזענעם לייב־פוקס אַ בינטל בענדער פון די קאָרפּאָראַציע־פאַרבן און עס אַרויפטאָן אויף אים.

אַ צעשטרייטער בליק זעליגס איז אָפּגעשפּרונגען פון סעניאָרן־שטול צום עולם און געבויערט אַדורך דער טונקלקייט אין זאַל. ראָזען, זיין געוועזענער פּאַטראָן, האָט זיך דאָ ניט געזען. האָט ער אַמאָל ניט געקאָנט קומען?

ד.

נאָך דער פייערלעכער בורשירונג האָט זיך אָנגעצונדן די עלעקטריע. אויסגערונען פון זאַל איז פאַר אַ מאָל די פאַרכאַפּטע סודותדיקייט. איצט הייבט זיך אָן די קנייפּיע. די דאַמען האָבן זיך באַלד מיט ליכטיק ווערן געכאַפּט ברענגען אין אָרדענונג זייערע צעוואָרפענע האָר און אָפּפרישן די אָפּגעפּאָרענע פודער פון זייערע צעפלאַמטע פּנימער. דער סעניאָר מיטן גאַנצן פּרעזידיום באַווייזן אין מינוטן אַרונטערוואַרפן פון זיך די פּאַראַד־פאָרמעס און זיצן שוין מיט אַלעמען ביי די פולע ביר־באָקאַלן. זעליג פירט

עס אָן אויך מיטן טרינקען. דער ערשטער הייבט ער אויף דעם באָקאַל און רופט אויס, ווי דער גרויסער מינהג, צו דעם גאַנצן קאָרפּאָראַציע־געזינדל:

— קאָראָנאַ, פּראָזיט!

— פּראָזיט! — טוען זיך אַ הייב צו אים גאַנצע רייען באָקאַלן.

— ביזן דעק! — קלינגט זיין באַפעל צו אַלעמען ביים אַריינזופן.

אַלע מוזן מיטטרינקען דעם ביר. זעליג האָט קיין חשק ניט צו באַטראַכטן די עטלעכע צוגעשיקטע צעטעלעך פון די קאָרפּאָראַנטן, וואָס מעלדן אים אַז זיי זיינען ביר־קראַנק, היינט קאָנען זיי ניט טרינקען. ניטאָ. דער נייער סעניאָר וויל ניט וויסן פון אַזוינע שוואַכקייטן. זאָלן עס טאָקע די קאָרפּאָראַנטן אויפנעמען ווי אַן אָנזאָג אויף אַ נייער עפּאָכע אין דער קאָרפּאָראַציע!

די דאַמען־קנייפּיע איז אַריין אין ברען. ווער עס האָט זיך געלאָזט טאַנצן; ווער עס איז ווידער געזעסן ביי די טישלעך, געזופּט ביר און זיך געסמאַקעוועט מיט באַריידערייען, געזאַלצענע ווערטלעך און אַנעקדאָטן און ווער עס האָט בגילופינדיק זיך סתם משוגע געמאַכט און געקליגט זיך צו אָנציען דעם צווייטן. אַנדערע האָבן זיך איבערגעדרייט די היטעלעך מיטן דאַשיק אַהינטן; אַ סך האָבן זיך אַרויפגעטאָן גאָר אַנדערע פּיצינקע ביר־היטעלעך. און אַלע האָבן זיך גענומען רופן מיט אַלטדייטשע נעמען. דאָס איז געווען זייערע ספּעציעלע „ביר־נעמען" אויף די דאַמען־קנייפּיעס. אַפילו די אַרומבלאָנקענדיקע פוקסן, וואָס זיינען ביי אַלץ די לעצטע אין קאָרפּאָראַציע און אויך היינט האָבן זיי געמוזט שענקען אויף דעם ערשטן טאַנץ מיט זייערע מיטגעבראַכטע דאַמען צוליב דעם בכורה־רעכט פון די בורשן, — אויך זיי האָבן זיך איצט גענומען מוט, פאַרכאַפּט דעם פּרעזידיום־טיש און אָנגעהויבן „הערשן". אַלעמען האָבן זיי אויפגעפּאָדערט, אַפילו די פיליסטערן און דעם סעניאָר אַליין, צו זיין זיי געהאָרכזאַם...

אויף אַ טאָוול ביי דער וואַנט באַוויַיזט זיך אַ גרויסער פּלאַקאַט:

ביר־ציַיטונג
דער באָקאַל

טעגלעכע וואָכנבלאַט וואָס דערשיינט מאָנאַטלעך יעדן יאָר אַ נומער אין אַ יובל

רעדאַקטאָרן: באַרבאַראָסאַ, האַגען, פאַוסט

אָן ערשט האָט דער דריילינג רעדאַקטאָרן מיט די קלינגעוודיקע ביר־געמען אַרויסגעקלעפּט אויפֿן טאָוול זייערע צוגעגרייטע פּעליעטאָנען און וויצן, וואָס האָבן שטאַרק אַמוזירט דעם געזעמל אַרום דער צייטונג. אַ באַזונדער דערפֿאָלג האָט געהאַט דער צייטונג־ווינקל „וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג״. דעם אַפּטייל האָט שוין דער עולם אַליין געדאַרפֿט אויס־פֿילן מיט בליץ שנעלע שאַפּונגען. בעלנים־אָנטיילנעמער האָבן באַלד נישט געפֿעלט. יעדע ווײַלע זײַנען צוגעקומען פֿריש פֿאַרשריבענע צעטעלעך און אָנגעוואָרפֿענע קאַריקאַטורן, וואָס יעדער באַזונדער האָט אַרויסגערופֿן נייגער, שעלמיש געלעכטער און הייטערדיקע שושקעריי. זעליג, דער סעניאָר, וואָס איז געווען פּאַרטאָן אין טאַנצן, האָט באַלד דערשפּירט אַ באַלעקערישן געמורמל וואָס גליטשט זיך פֿון געזעמל אַרויס בגנבה אויף זײַן זײַט. שטיקט ער אין זיך די טשיקאַוועס און אומרו און וויל שוין ניט הערן פֿון זײַנע פּאַרטנערינס וועגן פֿאַררוען זיך. אויף דעם מאַגיסטער ביבענדי, וואָס איז דער טרינק־אָרדענער און אויפֿזעער איבער די קנייפּיעס, צעשטורעמט ער זיך:

— העי, וואָס שלאָפֿסטו? לעבעדיקערע שלאַגערס אין פּאַטעפֿאָן!!

אַז מענטשן אַרום טאָוול זײַנען שוין וויניקער, לאָזט זיך זעליג לאַנג־זאַם, מיט דער ווערדע פֿון אַ סעניאָר, דורכן זאַל. פֿריינדלעך שמייכלט ער יעדן איינעם, וואַרפֿט אַריין ווערטלעך און וויל הערן ווי אַ טיכטיקער בעל־הבית וועגן דער צופֿרידנקייט מיט דער היינטיקער קנייפּיע. אין זײַן געמיטלעכער אינספּעקציע קומט ער צו אויך צום טאָוול און פֿרעגט ברייט־לעך די רעדאַקטאָרן:

— נו, איז עפּעס היינט רעכטס אין אונדזער ביר־צייטונג?

חברה ליצנים וואַרפֿט זיך איבער מיט קונדסישע בליקן, און האַגען טוט מיט אַ האַלב צופֿרידענער מינע אַ זאָג:

— מען קאָן ניט זאָגן... קאַריקאַטורן זײַנען דאָ אויך ניט קיין שלעכטע.

וואָלט יאָ געפּאַסט, הייסט עס, אַלס סעניאָר, ער זאָל וואַרפֿן אַ בליק אין דער צייטונג. אַ נאַר וועט ער אָבער זײַן, אַז ער פֿאַלט אַרויף גלייך אויף דעם ווינקל „וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג״ מיט די קאַריקאַ־טורן. לויפֿט ער מיט אַרויסגעוויזענער הנאה איבער די פּעליעטאָנען און

וואַרפט כסדר קאָמפּלימענטן די רעדאַקטאָרן. יעדער צווישנבליק זיינער קליגט זיך אָבער אַלץ אַ שפּרונג טאָן צו די קאַריקאַטורן. איאָ, אונטער איינער אַ צייכענונג עפּעס אַן אויפשריפט: „קאָרטנשפּיל? ליבעשפּיל?״. נעמען זיך פאַמעלעך זיינע בײדע אויגן דערקלײבן צו דער קאַריקאַטור אַליין. אַ פּאַרטיפּטער קאָרטנשפּיל; און אָט זיצט אין צענטער אַ מענטש מיט גרויסע אויער־לעפּל און אַ ציגאַר אין מויל — ראָזען! יאָ, זיין שפּי־ציקע גאָמבע טאָקע אויך. ציט אָט דער מענטש אַרויס אַ קאָרט פון טאַליע און שטוינט: אָנשטאָט דאָס גוטע טייזל — אַ קינד אין וויקעלעך, און ביי דער זייט וואַכט איבער אים אַ סעניאָרישע שווערד... זעליג שפּירט ווי זיין פּלייצע גליט אונטער שפּאָטערישע בליקן. שטאַרקט ער זיך נאָר ניט צו אָפּלאָזן דעם לייכטן שמייכל פון פּנים און האַלט אָן דעם קיבעצטאָן:

— וואָס, ראָזען האַלט שוין ביים שטעלן דער קאָרפּאָראַציע אַ שנאַפּס?

— פאַר נאַכט האָט מען באַמערקט די פרוי ראָזען צופאָרנדיק צום פרויען־קליניק פון דאָקטאָר זאַק — פּאַלט צו אַן ענטפער.

— „אַ פּאַרשפּעקטיקטער אַבאָרט״... — וואַרפט אַריין דער געפערלעכער פאוסט מיט דעם זעלבן טאָן און לשון וואָס זעליג איז אַלע מאָל געוווינט צו וויצלען זיך וועגן אַ קימפּעט.

— אַזוי... און וואָס איז, חברה, מיט אַ טאַנץ? — כאַפּט זיך זעליג ווידער צו זיין אויפזע. — ווי שיטער די דרייענדיקע פּאָרלעך; טעמפּאָ!!

ווי מיט פרישן אימפּעט וואַרפט ער זיך צום טאַנץ. די פּאָרלעך זיינען דאָ גאָר ניט געווען אַזוי שיטער. די קנייפּיע איז געגאַנגען אין פולן ברען. מיט שפּעטער נאַכט ווערט חברה נאָך מער בגילופין. צו דעם ביר האָט זיך אין קעלער באַוויזן שטאַרקערע געטראַנקען. די עלעקטריע נעמט זיך ווי צופעליק אויסלעשן אַלץ אויף לענגערע ווײלעס, און די פינצטערניש שאַלט ווילגייעריש מיט טאַנצריטעם, פרויען־קוויטשעריי און הילכיק געלעכטער. פון די ביר־טישלעך צעטראָגט זיך הייזעריק דאָס קאָרפּאָראַנ־טישע ליבלינג־לידל:

טרינק, טרינק,
ברודערליין, טרינק,
לאַסטע דיע זאָרגען צו האַוז...

ישראל קאַפּלאַן

און ווידער רייסט זיך אַ צווייט לידל:

אָ, דו אַלטע בורשען־הערליכקייט,
וואָהין ביזט דו ענטשוואונדען?
ניע קערסט דו ווידער,
גאָלדענע צייט,
זאָ אונגעבונדען...

ה

שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען דער צווייטער שאַרזש האָט גענומען זוכן דעם סעניאָר. ער האָט אים געוואָלט נאָר אַ פרעג טאָן, צי ער האָט אַ מאָל ניט פאַרגעסן, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום קומט פאַר אין ד'ער ליטווישער קאָרפּאָראַציע „דאַינאַ" אַ באַגעגעניש מיט אַ באַלטישער קאָרפּאָראַנטן־עקסקורסיע און אַז ער דאַרף עס דאָרט רעפּרעזענטירן די קאָרפּאָראַציע „יודעאַ"... סאָראַ הוזשעריי פון מחשבות אים שטייט אין קאָפּ, זעליגן, און וועגן דער באַגעגעניש טאַקע גאָר אַרויסגעפלויגן!...
צום שאַרזש אָבער כאַפּט ער זיך אָנשמייכלען מיט איראָנישן אָנוואונדער:

— ניין, אַזעלכע זאַכן פאַרגעסט מען ניט. אָט קלייב איך זיך דאָך גיין.

ער באַמיט זיך צו אויסבאַהאַלטן יעדן שפּור פון צופרידנקייט ביי דער געלעגנהייט צו אַרויסשאַרן זיך איצט פון דאַנען, אָט פון די קאָריקאַ־טור־בליקן און מורמלעריי. פויל אַזוי ציען זיך די טריט זיינע צו דער טיר און די בליקן קליגן זיך צווינקען פאַרשייט און ניט־פאַרגינעריש:

— אייך, חברה, איז גוט; איר וועט נאָך דאָ געבן דעם אמתן לעב...

אין דער קאָרפּאָראַציע „דאַינאַ" האָט מען שוין אויף אים געוואַרט. פאַר די אויסלענדישע געסט האָט זיך געפּאָדערט צופּאָרן מענטשן מיט פרעמדע שפּראַכן. אַ „דאַינאַ"־מאַגיסטער פירט אים צו באַלד צו אַ הויכן באַלטישן דייטש מיט אַ פּנים פול שניטן:

— באַראָן פאָן האָהענבורג, סעניאָר פון דער קאָרפּאָראַציע „וואָטאַ־ניאַ"... זאלי קאָראַבעלניק, סעניאָר פון דער קאָרפּאָראַציע „יודעאַ".

דיביידע סעניאָרן האָבן זיך געזעצט ביי אַ טישל און פאַררויכערט

פּאַפּיראָסן. וואָס בולטער שטעלט יעדערער אַרויס זיין ביר־באַנד פון איבערן וועסטל. דער ווילגעבוירענער דייטש קוקט אָן גאָר פריינדלעך זיין יידישן קאָלעגאַ, גלייך ווי דאָ איבער דער נאָנטער גרענעץ וואָלטן שוין ביי צוויי יאָר ניט געהערשט די נירנבערגער ראַסן־געזעצן. באַלד וואַרפט ער זעליגן צו אַ קאָמפּלימענט פאַר זיין פאַרשטענדלעכן דייטש און ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ באַריידעוודיקן. ער דערמאָנט זיך פון יידישע באַקאַנטע.

אָך יאָ, איינער אַן אַלטער ייד, שעפּסל הייסט ער, האָט בירושה אַפילו אַ געשריבענע פּריווילעגיע פון זיינעם אַ זיידן צו האַלטן אַ שענק אויף דער ערד פון זייער אַ קורלענדישן גוט. האָט דען דער יידישער קאָלעגאַ ניט געהערט פון זייערע ריזיקע הויפן און ריטער־שלעסער, די באַרימטע בורגן, אין באַלטיקום? יאָ, אויך פון דער מוטערס זייט שפּאַרט ער אָן מיט זיין ייחוס אָזש צו די אַמאָליקע קורלענדישע קעטלערס און אָסט־פּרייסישע פאָן־יאַגאָווס. די באַריידעוודיקייט פון יונגן באַראָן שטייגט מיט יעדן באָקאָל. אָט פאַרוואַרפט ער גאָר אַ פראַגע צום יידישן קאָלעגאַ:

— און מיט וואָס באַשעפטיקן זיך אייגנטלעך אייערע עלטערן?

— מיט פיש־בעטריב... — ענטפערט זעליג.

— יאָ, יאָ, אַ פיין געשעפט, פישבעטריעב... יאָ, אַבער קאַראַבעלני׳ק, קאַראַב׳עלניק... — נעמט דער באַראָן אַרויסריידן דאָס וואָרט שוין מיטן געוויינלעכן אַקצענט — קאַראַבעלניק מיינט דאָך אייגנטלעך אַ הענדלער־פעדלער, אַ וואַנדערנדיקער דאַרפגייער... יאָ, פישבעטריעב איז אַ פיין גע־שעפט... מיין אָנקל, גראַף העניק, האָט אויך לעצטנס קולטיווירט זיינע פיש־אָזערעס, צענדליקער קוואַדראַט־קילאָמעטער פאַרנעמען זיי, און יידן האַלטן עס אין אַרענדע. אָך יאָ, איז עס ריכטיק, אַז אין יידישע סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס ווערן אויף די קנייפּיעס סערווירט געפעפערטע און גע־פילטע פיש?

דער גאַנצער צוזאַמענקום אין „דאַינאַ" איז געווען מער אַ פאָרמעלער, אָן טענץ און אָן דאַמען. נאָך די קעגנזייטיקע באַגריסונגס־ווערטער בלייבט דער עולם ווידער ביים ביר. זעליג איז געווען אין גאַנצן אויסגעשעפּט. דער פאַרלאָפּענער אָוונט מישט זיך אים פאַר די אויגן. איצט גראַבלט ער זיך אַלץ צו אויפכאַפּן, ווי ווייט ער האָט נאָך דאָ צו אַריינזיצן. דער צעשטרייטער

באַראַן שפּרינגט אָבער ווייטער גוטמוטיק איבער פאַרשיידענע ענינים. זײַנע בלויע בליקן שווימען אַן אָפּט אויף זעליגס גלאַט ראַזירטן פּנים און קאָרפּאָראַציע־באַנד. אָט האָט ער זיך דעררעדט, אַז ער איז דער פערטער דור פון די מענער־סטודענטן אין זייער פאַמיליע, וואָס געהערן צו דער זעלבער קאָרפּאָראַציע און פאַרנעמען אַ סעניאָרן־אָרט. ניכט וואָר? „וואָ־טאַניאַ" אַליין עקזיסטירט שוין באַלד הונדערט יאָר און ציילט אין אירע רייען די גרעסטע דייטשע מאַגנאַטן פון באַלטיקום, אַ סך געוועזענע מיניס־טאָרן און העכסטע באַאַמטע פון דער רוסישער אימפּעריע, גענערעלער, באַרימטע וויסנשאַפטלער... און ווידער איז זיין בליק איבער זעליגס גלאַטן פּנים און ער טוט אַ פרעג:

— אייגנטלעך מיט וויפל שניטן גייט מען אַריבער אויף אַ בורש ביי אייך אין קאָרפּאָראַציע?

— דאָס פּעכטן זיך און געזיכטס־שניטן זיינען ניט באַזונדערש אָבליגאַ־טאָריש... — ענטפערט זעליג ניט דרייסט און אין פּחד, אַז דער גרויסער קאָלעגאַ ווייס געוויס פון דעם שוואַכן פּונקט ביי די יידישע קאָרפּאָראַציעס אין אָט די זאַכן...

דער מילדער בליק צעפּלעמלט זיך אין דעם דורותדיקן קאָרפּאָראַנט און אַ כמורעוודיקע גרימאַסע נעמט זיך טראָגן איבער די צונטערע שניטן פון זיין בורשן־געהייליקטן פּנים, גלייך ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געפערלעכער פעלשונג פון זיינעם אַ טייערסטן אוצר. קעגן דער פיינער האַלטונג פון אַ געהויבענעם גאַסט מיט ווילגעבוירענע מאַנירן שיסט ער דאָך אויס מיט אַ געמורמל:

— אַך זאָ!... איז עס אָבער מעגלעך, ליבער קאָלעגאַ?... אַז אַ סטו־דענטן־קאָרפּאָראַציע קימערט זיך ניט פאַר שווערדן־געפעכט, טאָ ווו איז די גאַראַנטיע פאַר דער אויסגעהאַלטנקייט פון די בורשן? יאָ, פאַר זייער קאַלטן און אייזערנעם אויסדויער, שאַרפער קעגנאַקציע און עכט־קאָרפּאָ־ראַנטישן בלוט... אַנטשולדיקט, ווייסן איבערהויפּט אייערע מענטשן וואָס אַזוינס איז דער אייגנטלעכער זין פון סטודענטן־קאָרפּאָראַציעס? יאָ, וויפל יאָר ציילט דעם קאָלעגאַס קאָרפּאָראַציע, די „יודעאַ"?

— אין גיכן פייערן מיר דעם פופצן־יאָריקן יובליי — ענטפערט זעליג

און וואַרפט שוין אַ בליק אויפן זייגער, הגם דאָס איז בפירוש קעגן דעם גוטן טאָן פון אַ קאָרפּאָראַנט.

— אַך, זאַ... — נעמט זיך די אָנגעשטרענגטקייט פון גאַסט איבער־וואַרפן אין אַ ברייטן שמייכל — —יאַ, יאַ, דאַן וועט איר נאָך פּראָגרעסירן, האָפּענטליך, ניכט וואַר?... יאַ, מיין קאָלעגאַ! — און ער שטרעקט אויס זעליגן אַ האַנט און דעמאָנסטרירט דערמיט זיין אייגענע צופרידנקייט פאַרן באַהערשן זיך באַלד.

דער „וואַטאַניאַ"־סעניאָר באַדויערט דורכויס, וואָס די צייט וועט אים שוין דאָס מאָל ניט דערלויבן צו באַזוכן די „וואַהרשיינליך סימפּאַטישע יודעאַ". ער לייגט אָבער פּאָר פריינדלעך, דער באַראָן פאָן האָהענבורג. דעם קאָלעגאַ קאַראַבעלניק צו בייטן זיך מיט זייערע אַדרעסן. די ביידע סעניאָרן פאַרגעסן ניט ביים געזעגענען זיך צו אויסדריקן זייער פרייד, וואָס דורך דעם היינטיקן אָוונט איז געשלאָסן געוואָרן אַ קאָנטאַקט, אַ צווישנ־פעלקערלעכער און צווישנלענדישער, צווישן זייערע צוויי גאָר חשובע סטודענטן־קערפּערשאַפטן. און נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל האָט יעדערער פון זיי פאַרזיכערט דעם צווייטן אין זייגע קאָלעגיאַלע און פריינדלעכסטע געפילן.

טונקל־גרויער פאַרטאָג איז אַנטקעגנגעקומען זעליגן, ווען ער איז אַרויס פון „דאַינאַ"־קאָרפּאָראַציע. דער אָנהייב־האַרבסטיקער דרויסן האָט געווייעט מיט פייכטס און בלעטערדויש. אַ בלאַנקענדיק־צעלייגט פרעסטל האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסצושיילן דעכער און שפּיצן ביימער פון דער אָפּגייענדיקער חשכות, און פייגל האָבן זיך אין סטייעס שוין געלאָזט טראָגן פון די אָנזאָגנדיקע קעלטן. פון טויערן־אַרויס האָבן זיך געקאָרטשעטע יידן־סילועטן גיך־גיך אַדורכגעשלייכט צו סליחות אין די קלויזן, און הענדלער האָבן זיך געאײַלט צום ערב־יומטובדיקן מאַרק. די לכתחילה לאַנג־זאַמע טריט זעליגס האָבן יעדע ווילע געביטן זייער טעמפּ און ריכטונג. ער איז שוין באַלד געוועזן ביים קעלער פון דער „יודעאַ"־קאָרפּאָראַציע, וואָס נאָך אַ דאַמען־קנייפּיפּ טרעפט מען דאָרט מענטשן ביז אין פרימאָרגן אַריין. אָבער אָט האָט ער זיך האַסטיק אַ צי געטאָן אויף צוריק. אַהיים גייט ער איצט; די מאַמע קוקט שוין אַרויס אויף זיין הילף און די קאָכיקע מאַרק־

טעג. ער איז אָבער צום שטוב נישט דערגאַנגען. אומבאַמערקט פּאַרקע־
רעווען זיך אין די לעצטע מינוטן זיינע טריט גאָר צו אַ דערבייאיקער גאַס
און טראָגן זיך צוזאַמען מיט דעם ווירבלדיקן פלאַנטער אין קאָפּ און דעם
אַנאויפהעריקן פּאַפּיראָסן־רויך פאַרביי זיין פּנים. יעדער אויפשיין פון
אַ וועלכן געדאַנק איז באַלד צעשפּרונגען אויף אַן אַ צאָל שפּליטערן, נעפּל־
דיקע און זינלאָזע, און אים לאָזט זיך ניט אויפכאַפּן וואָס ממשותדיקס, אַ
ברעג... וווהין לאָזט ער זיך עס איצט אַזוי פרי? וואָס טוט ער דאָ פּלוצעם
אויף דער ווייט־אָפּגעלייגטער גאַס מיט דעם ווייסן מויער באַלד אין ווינקל
— דעם קליניק פאַר געבורטן?...

טאטע דו לאכסט

א.

— יונתי מיין טייבעלע, אוי, וואָלסט שוין אפשר זיין ניט טויב און ניט אַזוי געליימט, און הערן וואָס מען רעדט צו דיר, און טאָן וואָס מען בעט ?..

וואָס טאָן און וואָס וויל ער דאָ, דער מאַן, בכלל זאָגן — גייט ווי ניט אָן דער פרוי קרענצל. מיט זיינע אַלטע צעשאָקלטע ציין ראַנגלט ער זיך מיטן פרישטיק, און וואַרפט אַרויס יעדע ווילע אַ בייסיק ווערטל, שוין ווי זיין שטייגער. אַ בעסערן וואָרט פון איר מאַן — האָט זי שוין לאַנג פאַרגעסן. שבחים פון זיין מויל אויף אַן אמת, און גאָר גרויסע, קען זי זיך דערמאָנען נאָר פון יאָרן צענדליקער צוריק, נאָך פון פאַר דער חתונה. קאַרגע צוואַנציק יאָר איז זי דעמאָלט אַלט געווען און ניט איין בחור האָט זיך געיאָגט נאָך איר שיינקייט. דאָ האָט ער זיך באַוויזן, קרענ־צל, וואָס איז שוין געווען אַ בחור אין די דרייסיקער, אָבער שוין אויך אַ טאַפּעצירער אַ מייסטער. דערצו איז ער געווען אויסגעקאָכט מיט אַזוי פיל מענטשן אין שטאָט און געשמט מיט זיינע וויצן, און ביי וואַלן אַ רעדנער אַ גאַנצער און פּאָליטיקאַנט ביי די האַנטווערקער. מיט דער געני־טער צונג זיינער האָט ער עס געוגומען דאָס יונגע מיידל מיט אַזאַ בלומענשפּראַך, אויסלויבן זי און שילדערן אַ בשותפותדיקן לעבן פון זיי ביידן מיט אַזעלכע ליבע קאָלירן!..

— יונתי מיין טייבעלע, אפשר שוין אַן ענדע מיטן שפּיגל? שענער וועסטו שוין ניט ווערן...

באַלד נאָך דער חתונה האָבן שוין קרענצלס המצאות גענומען גיין

אויך אויף דער ווייבס זייט. ביים פאַרשטעלן זי פאַר מענטשן, האָט ער זיך געהאַט געמאַכט אַ ווערטל:

— מיין גנעדיקע מאַדאַם, יונגערהייט האָט זי זיך געהאַלטן פאַר אַ שיינע...

אין איבערציטער אַז מען איז נאָך ניט תופס געווען זיין חכמה, פלעגט ער טאָקע באַלד אַליין מסביר זיין די אַלע „האָזן" וואָס ער האָט דאָ פאַר איין מאָל אַריינגעשאָסן. ערשטנס, איז גאָר די פרוי, הייסט עס, ניט יונג; צווייטנס און דריטנס, ניט שיין איז זי איצט און אויך קיין מאָל ניט גע־ווען; דערצו נאָך פון אַלע מאָל אַ גרויסהאַלטערין...

שיין און פריש האָט די פרוי געווירקט אויך נאָך אירע אָפּטע קימ־פּעטן, און אויפן פּנים זיינען געווען ווייניק שפּורן פון דעם שווערן האָדע־ווען די קינדער און פון נישט־לייכטן אויסקומען מיטן מאַן. דעם אָנבליק פון קרענצלען האָט פאַר דער צייט געמאַכט נאָך מער אָנגרייפּעריש די שרייאיקע גרויקייט וואָס האָט זיך צעשפּרונגען איבער זיין קודלעוואטן קאָפּ. פון דער נידעריקער און פעסט געבויטער פיגור האָט אויך געגומען אָפּגעבן מיט סטאַרטשעדיקן בויך און איבערמידער באַזאַכטקייט, וואָס האָט זיך אַזוי נישט איינגעפּאַסט מיט זיין שטורעמדיקער נאַטור. האָט שוין קרענצל גענו־מען דערציילן פאַר מענטשן אַ מעשה אַ גאַנצע:

— פון מיין ווייב די נוצן!... מיר קומען אָט ביידע אַריין אין אויטאָבוס, ווערט פאַר איר באַלד אַן אָרט. אין אַ ווײַלע אַרום מערק איך פון דער זייט ווי מען ווייזט אויף מיר און מען שושקעט זיך: „דער אָ וואָס שטייט לעבן דער פרוי, איז אירער אַ זון מסתמא אָדער אַן איידעם, דאַרף ער שוין זיין אויך ניט אַזאַ יונגיטשקער"... „ביטע, זעצט זיך", גיט מיר ווער אַ צי ביים אַרבל... קאָן דאָך אויך פון אַזאַ ווייב צופאַלן די פיינע נוצן!..

יאָרן זיינען וויטער געלאָפן און אַלץ געלערנט די פרוי צו פאַרשוויי־גן נאָך מער איר האַסטיקן און שאַרפצונגיקן מאַן — און זיין נאָך מער אונטערטעניק...

— יונתי מיין טייבעלע, איך זע אַז דיך טראָגט. אַוודאי כאַפּן ווו אַ גערוס, לייענען אַ בריוועלע...

„אַ מאַן איז אַ פאַלשער אוצר..." — טענהט אַלץ פרוי קרענצל. וואָס

שייך אָבער צו קינדער, טראַכט זי אַפּט, קאָן ביי אַ טאַטן זיך יאָ פאַר־וואַלגערן אַ וואַרעמער געפיל. ווייס זי שוין, פאַר וואָס פאַרציט זיך היינט ביי איר אַלטן אַזוי דער פרישטיק. די טאָכטער!.. סימע איז אין ארץ־ישראל, און די אומרוען דאָרט לאָזן עס אים ניט רוען...

יאָרן שוין ווי קרענצל הערט ניט אויף ריידן וועגן דער גרויסער ווילדקייט וואָס זיין סימע, די ייִנגסטע טאָכטער, האָט אים אָפּגעטאָן. גע־וואָרפן האָט זי איר לערנען און מיט קאָמפּאַניע חלוצים זיך געלאָזן קיין ארץ־ישראל!.. די מיינונג וועגן די אַנדערע קינדער זיינע האָט זיך ביי אים שוין ניט איין מאָל געביטן, און ער הערט ניט אויף מיט זיי זיך אַרומ־רייסן. אויך אין ארץ־ישראל זיינען שוין געוועזן אַלערליי ציטן און ער האָט וועגן דעם לאַנד ניט איין מאָל געביטן זיין מיינונג. וואָס געהער אָבער דער טאָכטער דאָרט, האָט קרענצל זיך ניט געביטן. אויף אַ וויל לאָזט דער מענטש ניט נאָך און רק ער פּאָכעט:

— איז מיין נאָמען ניט קרענצל, קרענצל דער טאַפּעצירער און וואָס אין קאָרט שטייט, אויב איך ברענג אַזאַ ניט אַרונטער צוריק, מיט פּאָלי־ציי, מיט געריכט. אַ בפירושער פּאַראַגראַף דאָ!

זיין ווילדער חשק צו מישפּטן זיך מיט אַ וועלט, זיך אָפּט אַרומ־דרייען אין די זאַלן און קאָרידאָרן פון געריכט און וואַרפן דאָרט פאַר מענטשן מיט „בפירושע״ געזעצן, פּאַראַגראַפן און פּונקטן, — האָט אים אַ צייט לאַנג געצייצט צו ווייזן דער ווידערשפּעניקער טאָכטער, אַז קרענ־צל הייסט איר טאַטע. מיט להכעיסדיקן חוזק פלעגט ער שטענדיק פאַר־ווייען דעם ווייבס תחנונים, אַז ער זאָל שוין אַ מאָל לאָזן צו רו מיט דעם קינד, וואָס האָט שוין דאָרט אין ארץ־ישראל אַ מאַן, אַ פאַמיליע. דאָ ערשט פּלאַצט ער אַרויס:

— כאַ־כאַ, אַ מאַן גאָר.. קיין ארץ־ישראל־מאַנדעלעך אַנערקענט קרענצל בכלל ניט!..

— און אַן אייגענעם טאַטן אַנערקענסטו יע? — האַלט אויך אַ מאָל ניט אויס דאָס ווייב — נאָך ווען האָסטו געגעבן אַ נאָמען אונדזער בכור, שלמהן, ניט נאָך דיין לעבעדיקן טאַטן?..

אין גאַלאָפּ פון זיינע אייגענע חכמות, האָט קרענצל קנאַפּ חשק צו

שענקען אַ טראַכט וועגן דעם ניט־געהעריקן אויפפיר זיינעם. מיטן אָנרופן דעם זון אויפן נאָמען פון זיין טאַטן, דעם קינדס נאָך־לעבעדיקן זיידן, האָט ער מיאוס געבראַכן אַ האַרבן פאַרבאָט ביי די יידן אין די אַלע געגנטן אַרום, און בכלל אין די אשכנזישע קהילות. אַן אכזריותדיקע אָנצוהערעניש איז עס געווען פון זיין זייט — אַז דער אַלטער דאַרף שוין ניט לעבן... קרענצלען פאַלט אָבער זעלטן איין, צו וואָס זיינע וויסטע אַרומרייסענישן קאָנען דערפירן. טעמפּ האָקט ער אָפּ דעם ווייב:

— אַ לעבעדיקער שאָדן טאַקע, וואָס אויך דיין טייערע ליבלינג סימע, אונדזער ארץ־ישראל־פּרי, הייסט ניט נאָך דיר...

מענטשן ווייסן אָבער פון קרענצלס אַמאָליקן שדכענען זיך צו זיין כלה און פון די באַמיאונגען זיינע אַריינצובאַקומען זי פּאַר אַ ווייב. אַנדערע גיבן אים אויך אַ מוסר:

— הער קרענצל, אַ טאַטע אונדזערער און אַ זיידע האָט אויך אַזוי גערעדט צו אַ פּלוניתטע?..

— דער גרויסער שלום־בית אַמאָליקע יאָרן... — האָט ער באַלד זיין ענטפער — און וואָס זיינען געווען די חברות ש״ס און משניות און נאָך אַזוינע זאַכן? פון גרויס ליבשאַפט צו זייערע ווייבער אין דער היים האָבן די יידן געזוכט נאָר מיטלען אַוועקצוזיצן וואָס לענגער אין בית־מדרש... יע, און מיין ווייב... — קאָן שוין דערביי קרענצל זיך ניט באַגיין אָן ווידער אַ ווערטל — וואָלט איך געווען גאָר זיכער אַז זי האָט מיך באמת שטאַרק האָלט, וואָלט איך זי פונדעסטוועגן צו מאָל אויך ניט געהאַט אַזוי פיינט...

ב.

מיטן וואַרפן פּלוצעם דאָס לערנען אין אוניווערסיטעט און איר אַוועק־גיין גאָר מיט חלוצים אויף דאַרפאַרבעט, — האָט סימע ניט ווייניק געהאַט אויפגעבראַכט דעם טאַטן. פול געוואָרן איז ביי קרענצלען די מאָס, בעת זיין טאָכטער איז בגנבה פון אים טאַקע אַוועק קיין ארץ־ישראל. צו די שטענדיקע חטאים־זוכעניש זיינע און טענות קעגן דער וועלט איז אים דאָ אין די הענט אַריין צוגעפּאַלן אַ ניי ביסל מענטשן אויף טשעפּענען, זיך

קענען מיט זיי אַדורכוּוערטלען. געשאַנעוועט האָט ער קיין מאָל ניט די ציוניסטישע טוער און געלטזאַמלער. אויף זיין שטייגער פלעגט ער זיי ביי נאָר אַ געלעגנהייט באַשיטן מיט אַלערליי פּראַגעלעך, שטעכווערטלעך און געמאַכטער תמימות. איצט האָט זיך זיין העזה צו זיי גאָר ברייטלעך פאַרנומען און ער ציט זיי אַלץ אָן:

— אַט בין איך אַ פּראָסטער ייד, אַ טאַפּעצירער, אַ באַלמעלעכל. און איר, כ'מיין, איר גייט דאָך אויס פון בענקעניש נאָך די בלויע הימלען דאָרט אין ארץ־ישראל. איר מוזט נאָר אַוועקזיצן דאָ אַ לעבן, ווייל דער גלות נעבעך, דער גלות, נייטיקט זיך דאָך אין אייך. וואָס הייסט!.. טאָ טוט זשע כאַטש באמונה אייער אַרבעט. אַט אַדרבה, קלערט מיר אויף, עפנט די אויגן אַ בלינדן...

די עסקנים זיינען אָבער ניט געגאַרט אין קרענצלען און ווייסן גוט זיינע להכעיסדיקע שטיק. ער שפּיצט שוין אַזוי צו זיינע גענגעלעך כדי נאָר צו אויפפירן אַ שפּאָרעניש מיט יענעם און אויסבייטלען זיין ווילדע אי־ראָניע און שפּאָטעריי. פליסט זיך ווער פון די מענטשן צוריקצוענטפערן אים אויף זיין זעלבן שטייגער:

— פאַרקערט, הער קרענצל, איר האָט אַ טעות אין אונדז. מיר זיי־נען שוין לעצטנס אויס ציונים; קעגענער פון ארץ־ישראל זיינען מיר גע־וואָרן... און אָט איר, הער קרענצל, דאַרפט איצט, אונדז אויף להכעיס, טאַקע אויף אייער שטייגער, נעמען ריידן דווקא ווי אַ פאַרברענטער ציו־ניסט, זיך קאָנען מיט אונדז אַרומרייסן ווייטער. און פאַרגעסט טאַקע דער־ביי ניט צו רייסן אַ מטבע פאַרן קרן־היסוד און קרן־קימת...

— קרן־קאַי־יענעמס, קרן־הסוד... — פּינטלט צו קרענצל מיט אַן אייגל. — וואָס, זיך שוין איבערגעפּרעסן מיט די נאַציאָנאַלע פאָנדן, די קרנות?.. קראַנעס גאָלדענע, איז צאַפּ און זשליאָקע!.. און איך דער נאַר האָב אריינגעבראָקט אין אייער ארץ־ישראל אַ לעבעדיקע טאָכטער דאָרט מיט אוניווערסיטעט־בילדונג, וואָס איז דערהויבן געוואָרן אַזש צו אַ קי־מעלקערין, און אַן אידעם איז מיר דאָרט צוגעפאַלן אויך ניט אַבי ווער, אַ שטיינהאַקער זאָל ער זיין, אָדער אַזוי עפּעס אַ שכיר־יום, אַ פאָדזיעניק!..

— אַ סך האָבן שוין היינט אין ארץ־ישראל טעכטער, און זין אויך,

נאָך ווי!.. — נעמען זיך די יידן אָפּטרייסלען פון קרענצלס חכמות און האָבן מוט צו געבן אויך אַ זידל. קיין שאָדן פאַר ארץ־ישראל, ווייסן זיי זיכער, קאָן דאָ זייער האַסטיקייט ניט ברענגען. די ציוניסטישע עסקנים האָבן שוין לאַנג זייער מיינונג וועגן קרענצלען און זאָגן עס אים איצט אָפן: — לא דאַי וואָס אַ מענטש האָט אַ נשמה פון אַ גלות־יידן, איז עס בכלל אַ שטעכיקע זאַך, ווי געוואַקסן אויף קראָפּאָווע!..

גאָר האַפּטיק איז קרענצל געוואָרן מיט זיינע ווערטלעך און טענות, ווען אין ארץ־ישראל זיינען אויסגעבראָכן בלוטיקע אומרוען. כמעט יעדן מאָרגן האָבן זיך די יידישע צייטונגען באַוויזן מיט גרויסע שרעקלעכע איבערשריפטן און מיט לאַנגע און שוואַרץ־באַראַמטע רשימות פון געפאַלענע קרבנות. דאָ ערשט איז דער ייד געוועזן צענומען מיטן מאַכן צום אויסדרייען דעם גאַנצן ציוניזם, און מענטשן אויף צעפּוקעניש האָט ער געשאָטן מיט שוואַרצער נביאות און שוין געזען דעם וויסטן סוף פון דער גאַנצער „פּאַלעסטינע־מאַכערייקע"...

— יונתי מיין טייבעלע, טויב־שטום ביסטו. וואָס, צו פיל אַנגעלאָדן?.. טראָגסט זיך עפּעס מיט אַ סוד ווי אַ קאַטשקע מיט אַ פאַרבאַקן איי...

אַנגעכמורעט הייבט ער זיך אויף פון פרישטיק, קרענצל, און איז באַלד ניטאָ אין שטוב. צו מיטאָג איז אים שוין אַלץ קלאָר. אין עסן וואַקסט אויס אויפן שוועל פון זיין אָפּגעלאָזטער דירה אַ טיפּאויגיק פּנים פון אַ שמאָל־הויכער פרוי. ביי איר האַנט — אַ פלאַקסן־קעפּיק מיידעלע מיט קוועקזילבער פינקלדיקע אייגעלעך, וואָס וואַרפן גיך גיך מיט קדחת־צאַפּל. אַ טונקעלער בליק האָט זיך שרויפיק אַרויסגעשפּיצט פון דעם ביינערדיקן און פאַרברוינטן פרויען־פּנים און טוליעווודיק גענומען אַרומטאַנצן פון דעם אַלטן צו דער פרוי קרענצל און צוריק, און באַלד איבער ווייט־געוואָרענע מעבל און קרישלדיקע ווענט אַזוי באַקאַנטע. אין דער מיט פון דעם איינזאַמען און פאַרעלטערטן פאַרפאַלק און צווישן זייערע אויסגעליידיקט פאַרטריקנטע בליקן האָט זיך אַריינגעריסן זייערס אַ שטיק יוגנט און אַ צאַפּלדיק נאָכוווקס. טאַטע־מאַמע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו זייער יינגסטער טאָכטער:

— סימע!... דיין טאָכטערל?...

— מתים... — האָט צוגעברומט דער אַלטער. — פון די קברים ברמינגס !..

ג.

טעג גאַנצע איז נאָך קרענצל אַלץ ניט ביי זיך. אַ האַלב־פאַרלוירענער פּאָרעט ער זיך אַרום די געסט און צוזאַמען מיט דעם ווייב שלינגט ער די דערציילונגען פון דער טאָכטער. חדשים לאַנג איז זי געשטאַנען מיט אַ ביקס אויף דער וואַך. איז זי געוואָרן זייער נערוועז און בכלל שוואַך אין געזונט. מיט אַן אָפּענעם מויל הערט ער אויך פון דעם שטענדיקן מאַלאַ־ריע־פיבער ביים אייניקל און פון דער קלוגער עצה פון די דאָקטוירים. געזאָגט דאָרט האָבן זיי, אַז דערווייל, וואָס ווען, זאָל זי צוזאַמען מיטן קינד פאָרן צו די עלטערן זיך אויסרוען. אַזוי האָט אויך מסכים געווען דער מאַן. זי אָבער אַליין, סימע, האָט בשום אופן ניט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און זי קוקט שוין אויס וואָס גיכער זיין דאָרט צוריק...

פון דעם דריי־יאָריקן אייניקל פאַרמעסט זיך דער אַלטער אַפילו צו געניסן אַ ביסל נחת. פון דער זייט וואַרפט ער צו דעם קינד בגנבה קיצל־דיקע בליקן, פייפט וויליונגעריש אויס פריילעכע לידלעך. פאַמעלעך פּלייסט ער זיך שוין אויך צו געפינען אַ צוגאַנג צו דער מיידלס העברעאישן צינגל. דאָס קינד כאַפּט אַ פּנים ניט אויף די ווערטער פון סידור און שמייכלט נאָר אָן דעם זיידן מיט מונטער פינקלדיקע אייגלעך. קראַצט ער זיך נאָך לאַנג אַרום מיטן לשון און בלייבט שטיין מיט אַן אונטערגעהאַק־טער צונג. דאָס דרייסטע ריידעוודיקע קינד מיטן אומבאַקאַנטן אויס־שפּראַך קומט אויף דעם פאַרשטומטן זיידן ווי עפּעס אַן אויסדערוויילט באַשעפעניש פון העכערן ראַנג. נעמט גיין ביי אים באַלד די אַלטע צונג אויף דער מעכטיקער שפּראַך, וואָס האָט ביז ניט לאַנג געהערשט אויך אין דעם קאַנט. אַ לעבן האָט ער אויף דעם לשון גערעדט צו מלוכה־באַ־אַמטע און צו אַלע הויכע שישקעס און אַזוי וויכטיקע לייט, ביים דעקאָרי־רן זיי די הייזער. נאָך היינט דרייט זיך ביי אים ניט די צונג אַנדערש, בעת

ער ווענדט זיך צו פּריצישע פערד, פיינע הינט און אַנדערע אײדלראַסיקע באַשעפענישן. פרײנטלט ער זיך צום אייניקל אַזוי גוטברודעריש:

— אַך טי, אביבה, וואַט, סמאַטרי!..

— אַ נייע געשיכטע! — שפּרינגט אויף סימע, כאַפּט דאָס מיידל און טוליעט עס פעסט צו זיך — שוין רוסיש אויך?.. פאַר דער קורצער צייט נאָך אַנפּויקן דעם קינד אַ טוץ פרעמדע שפּראַכן... גאָר רוסיש!..

— צען מאָל שענער פאַר דיין פּתחדיקן לאָקשן־קודש!.. וואָס, שוין פאַרגעסן אַז פאַר אַט דעם רוסיש האָב איך געשאַטן מיט גאָלד די לערער דיינע?..

ער נעמט שוין שפּירן, קרענצל, אַז די שטוב ווערט אים ענג. דאָס ווייב, טאָכטער און „טאָכטערס טאָכטער", ווי ער רופט שוין דעם אייניקל, — שטייען אים אַלע קעגן. ער האָט פיינט בכלל, אַז ווער דרייט זיך אים נאָענט פאַר די אויגן, מעג עס זיין דאָס אייגענע ווייב. טאַקע פון אַלע מאָל איז אים שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קאָן פאַרטראָגן אַ צווייטן, אָדער גאָר, ווי אַנדערע, זיך נאָך פאַרטרויען פאַר יענעם!.. חכמהט ער זיך אָפט וועגן זיך אַליין:

— אַ שטיקל מענטש ווערט ערשט איינער ביי קרענצלען, אַז ער הערט נאָך אים אַ לייטישן הספד...

זיינע אייגענע קינדער האָט אויך קרענצל קיין מאָל באַזונדערש ניט האָלט געהאַט. שטענדיק האָט ער זיך געשליידערט ביים אויסלאָזן אויף זיי אַ פּרוטה. רק גענישטערט האָט דער מענטש צו אויסגעפינען אויף זיי וועלכע עוולות, און מיט דער צייט זיי טאַקע איינציקווייז פאַרטריבן פון שטוב. און אויך פון דער ווייטנס פלייסט ער זיך כסדר צו אָנציען מיט זיי אַלערליי שטיקלעך. דאָס אומגעריכטע אַרונטערקומען פון דער טאָכטער מיט אירע צעשרויפטע נערוון און מוראדיקע אָנדערצײלענישן זאָגן אים אונטער, אַז די מעשה איז פאַרט ניט אויף קורץ. חדשים, און אפשר אַ יאָר אַ גאַנצן, קאָן ער זי דאָ נאָך האָבן מיטן אייניקל פאַר געסט. די גע־היימע שושקעניש וואָס גייט אָן אויפהער צווישן טאָכטער און ווייב, שלאָגט אים אויף מיט נאָך מער חשד. זיין שטענדיק דערשלאָגן ווייב האָט אַזוי אויפגעלעבט מיט די געסט, אַז זי נעמט שוין פאַרגעסן ווער באַלעבאָס איז.

ברייטלעך האָט זי געעפנט פאַר סימען דעם שאַף מיט זאַכן וואָס ער, קרענד־צל, האָט נאָך אַ מאָל פאַרהאַלטן פון דער ניט־געהאָרכזאַמער טאָכטער און די גאַנצע צייט פון דעם ניט אַראָפּגענומען זיין שטרענג אויג. קעגן זייז ווילן קוועלט ביי אים אויף אַ שטיקל אָפּשיי פאַרן אייגענעם ווייב. אַ פריינטלעכע מינע נעמט זיך ביי אים נאָך יאָרן פּלוצעם ווייזן אויף איר זייט. און ווי נאָר די טאָכטער גייט אַרויס אַ ווײַלע פון שטוב, גיסט זיך פונאַנדער אַ שמייכעלע איבער זיינע פעט פאַרגאָסענע אויגן און פליישיק פּנים מיטן פראַנצייזיש שפּיציקן בערדל. ער גורט זיך אָן גאָר ליבלעך צו פאַרפירן אַ שמועס מיט דעם ווייב, — און אפשר אויך וואָס פון איר אַרויס־קריגן:

— קאַפּ, גיב שכל!.. האַ, איז עס ניט פינטל אין פינטל אויף מיינע רייד?.. אַוודאי דאָך קרענצל אַ מערדער, ווער דען? אַ רעה דער קלוגער טאָכטער האָט ער געוואָלט אָפּטאָן מיטן ניט לאָזן פאָרן... אַ קליניקייט, אַז זיך פאַרוואָלט חלוצעווען, ווערן אַ ווייב פון אַ פּאַדזיעניק אין אַ מדינה וואָס יידעלעך ווילן אָנדרייען, און פירן מילחמות מיט אַראַבער... נו, האָסטו, — פאַרמעסט קרענצל מיט דער האַנט צו סימעס טשעמאָדאַנען און צום שלאָפנדיקן קינד — אַז אין ווילנע איז ביים וואַסער־טרעגערס טאָכטער חתונה, טאַנצן אין קאָוונע די עמער... בין איך שוין מיט אַ מאָל אַ מחותן מיט אַראַבישע באָמבע־וואַרפער און מיטן ענגלענדער... ווי מיינסטו, זי קאָן דאָ נאָך, סימע, לאַנג אַוועקזיצן?

איז אָבער ניט היינט דער טאָג וואָס קרענצל וועט פאַרמאַכן זיין ווייב דאָס מויל און מיט אַ פּאָר ווערטער קויפן צוטרוי צו אים. די טאָכטער און אייניקל ביי דער זייט האָבן דער אונטעראָכטער יידענע אַריינגעבלאָזן האָפערדיקייט אין איר געפלאָגטן לעבן. פאַרביסן קוקט זי איצט אָן איר אַלטן און וואַרפט צו:

— אַזאַ יאָר אויף די שונאים, הער נאָר דיבורים פון אַ טאַטן!..

אַ זשאַווערדיק צעפּרעסן שווייגן האָט ווידער אַ פאַל געטאָן צווישן דעם פּאָרפאָלק. צענדליקער יאָרן פון פיינטשאַפט און האַס האָבן זיך פון דאָס ניי צעלייגט פון ביידע זייטן קינדערוויגל, וואָס איז פאַרן אייניקל געוואָרן אַרונטערגעטראָגן פון אָנגעוואָרפענעם בוידעם. די כמאַרע איז באַלד

אַנטקעגנגעקומען סימען, וואָס האָט שוין ביים אַריינגאַנג אַ שטעל געטאָן אויגן:

— אַהאַ, אין אַ מזלדיקער שעה שוין ווידער די אַמאָליקע גוטע ווילינקע יאָרן?..

קרענצל איז ווידער ביי זיך. קרענצל לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאַשע:

— מאַדאַם כותל־מערבי, דיר געפעלט ניט?..

ד.

אויף זיין שטייגער וויס אויך קרענצל אַ גרענעץ צום אָנציען מיט מענטשן אויף איין און דעם זעלבן פּונקט. לאָזט ער שוין צו רו די טאָכטער און לייגט נאָר צו פון דער זייט אַן אויער צו די שמועסן אירע מיט דער מאַמען, וואָס הערט זי ניט אויף אויך צו שטאָפּן. ער מערקט ווי איר איינגעפאַלענע פיגור ווערט אויסגעפילט, און דאָס פּנים נעמט אים דער־מאָנען אַזוי פיל פון זיין ווייב אין אירע אַמאָליקע יאָרן. אויך דאָס אייניקל כאַפּט זיך אָפּ פון טאָג און ווערט אַזוי חנוודיק. פאַרנעמט ער זיך אין אַ שמועס מיט דער טאָכטער גאָר פון אַן אַנדער ווינקל:

— האָסטו כאָטש געטראָפן מיט דיין מאַן?

— ער איז שיין, קלוג און געראָטן — ענטפערט סימע מיט אומווילן

— וואָס, ניט גענוג פאַר דיר?..

שוויגט קרענצל, קנייטשט דעם שטערן און פינטלט מיט אַן אייגל. אין אַ ווײַלע אַרום רעדט ער ווי פאַר זיך:

— אַז בחורים לויבן מיר אַריין זייערע מיידלעך, הערן זיי דאָך ניט אויף, ווי געוויינלעך, צו באַוווּנדערן זייער שיינקייט, קלוגקייט און געראָ־טנקייט... גיט מיר אָבער אַזאַ אַ בחור אַ פרעג וועגן חתונה האָבן מיט זיין אויסדערוויילטער, זאָג איך אים: מיינסט דאָך וועגן אַ ווייב אַ פאַסיקס, וואָס זאָל זיין מיט דיר פון זעלבן כאַראַקטער און איר ביידע זאָלט זיך איינער דעם אַנדערן ריכטיק פאַרשטיין; דאָס איז דאָך דער עיקר ביי אַ פאַרפאָלק. דו דערציילסט אָבער מיר גאָר פון א שיין מיידל, א חנוודיק, אַ רייצנדיק. און אַז דער רייץ לאָזט אָפּ? שוין געזען ווי עס טוט זיך אַ וואַקל

די גאַנצע שיינקייט און גערעכטיקייט... דאָס לעבן האָט מיך געלערנט, אַז מ׳אַן־און־ווייב הייבט זיך אָן ערשט די צווייטע האַלבע נאַכט אויפן דריטן חודש נאָך דער חתונה, ניט פריער!..

— שוין אַ פילאָסאָפיע דיינע אויף וועגן פאַמיליע־לעבן... — שאָקלט צו סימע מיטן קאָפּ צום טאַטן, וואָס מערקט זי ווי גאַרניט און ציט זייניקס.

— אָט טרעף איך בוריקן, דעם בוכהאַלטער, וואָס איז שוין פיר מאָל געשטאַנען אונטער דער חופּה און זיך אַלץ געגט. טרעף איך אים פּעסט געאָרעמט מיט אַ דאַמע, און צעשטראַלט פון פרייד שטעלט ער זי מיר פאָר. גייען מיר שוין אַלע צוזאַמען. שפּעט אין אָוונט איז ער דאָ ביי מיר און וויל הערן אַ מיינונג. וואָלסט געווען אַזאַ מבין אויף גאָלד ווי דו ביסט אַ מבין אויף בלאָטע, — נאָר דאָס האָב איך אים געקענט זאָגן... אַז דו האָסט זיך גאָר בכלל ניט געטאָרט גטן, דערקלער איך אים. טרעפט איי־נער גוט מיט דער פרוי, און מיט דער צייט לויפט עפּעס דורך צווישן זיי אַ שוואַרצע קאַץ, — זאָג איך דעם מענטשן: גט זיך, וועסט קריגן אַ בעסע־רע. און ער קריגט טאַקע. ווערט ביי אים אויך מיט דער עפּעס ניט־דאָסיק, — איז מיין עצה: גיי זיך פונאַנדער. און ער געפינט זיך אויס גאָר אַ גוטע... כאַפּט אַ בחור אָבער אַריין אַ ווייב אַ שלאַק, — צו אַזוינעם זאָג איך: האַלט זיך! דו וועסט ווערן באַגראָבן מיט נאָך אַן ערגערער. אין ענין שידוכים ביסטו אַ בלינד פערד; ביסט ניט דער מבין... סימע, זאָגסט דאָך, אַז דו האָסט גוט געטראָפן...

— אַ טאַטע!! — שפּרינגט אויף פרוי קרענצל — הער נאָר ווי ער קנעלט עס איין מיטן קינד צו גטן זיך מיטן מאַן!.. און הערן וועט זי דיר, ווי די אַנדערע קינדער אונדזערע לייגן צו אַן אויער צו די קלוגע און גוטינקע עצות פון זייער טייערן און ליבהאַרציקן טאַטן...

קרענצלס בליקן וואַרפן זיך נאָר צו דער טאָכטער, און ער זעט ווי דאָס צעפלאַמטע פּנים מאַכט זי נאָך שענער. שטאַרקט זיך ביי אים די זיכערקייט אין איר כוח נאָך צו באַצויבערן ניט איין יונגנמאַן... דאָס מיי־דעלע טאָר איר ניט זיין אַ וועלכע שטער. אַזאַ ליב קינד קאָן זיך האָדע־ווען דאָ אין שטוב. אַ שטיקל יאָך טאַקע אַרויפטאָן אויף דעם ווייב. זי שפּרינגט דאָך פון די האַלאַבאַליעס!.. האָט ער איר וואָס צו זאָגן:

— יונתי מיין טייבעלע...

— ווילסטו, טאַטע, טאַקע וויסן ווער מיין מאַן איז?.. — האָט אָבער קרענצלען באַלד איבער די טאָכטער — פון די ערשטע חלוצים איז ער, וואָס זיינען אַוועק קיין ירושלים אויף שטיינהאַקעריי, און זיך גאָר באַזונדער אויסגעצייכנט. דער גרויסער בויקריזיס האָט אונדז געבראַכט אין עמק, און ביים טריקענען די זומפּן האָט ער עס געכאַפּט די מאַלאַריע. איצט איז מיין מאַן אַן ערשטקלאַסיקער טראַקטאָריסט און אַרבעט אַפילו מיט די צוויי שאָסן וואָס האָבן אים אַריינגעטראָפן...

אַ רוי־פאַרביסענע שטילקייט האָט זיך צאַרנדיק צעלייגט איבערן צימער. דורך געגייגטע זיילן שטויב גיסט זיך גאָלדיק די מיטאָגזון איבער די אָנגעלייגטע בעבעכעס פון סימעס אויסגעפּאַקטע טשעמאָדאַנעס. מיט פלאַמיקע ברילן אויפן נאָז וואָרפט קרענצל איבער פון איין אָרט ווידער אין זעלבן פּאַפּירן און צעטעלעך אַזוי פיל; ער פייפט אונטער און ברומט צו זיך ניט־פאַרשטענדלעכע קלאַנגען. באַלד איז שוין אויף אים דאָס רעקל און אין האַנט דער שפּאַצירשטאָק. ביי דער טיר צעשאָקלט זיך זיין גרויער קאָפּ מיט פלאַקער איבער דעם גאַנצן שטוב:

— טאַטע דו לאַכסט...

ה.

שפּעט אין אָוונט קערט זיך קרענצל צוריק אין שטוב. ניט דער וווּנדערלעכער זומער־דרויסן, און ניט די מענטשן וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען אין די רעדלעך, און אַפילו אויך ניט די הייסע נייס פון ארץ־ישראל, וואָס ער האָט אַזוי פיל צו דערציילן, — דאָס אַלץ האָט אים היינט ניט קענט אויפבינדן די צונג. די שטענדיק לייכטע און פליעוודיקע ווערטלעך זיינע האָבן זיך אים געקלייעט אין מויל, געבליבן שטעקן אונטער אַ לאַסט פון גאָר אַנדערע געפילן, געפילן שווערע און טיפערע. דאָס שרעקלעך אויסגעהאָרעוועטע און פאַרליטענע אויסזען פון דער טאָכטער און דאָך דער פעסטער ווילן אין איר שוין צו זיין וואָס גיכער דאָרט צוריק, אין

פייער אַריין, — האָט אומדערוואַרט אַ טיאַכקע געטאָן זיין וויסטע פאַר־האַרטעוודיקייט. די לעסטערניש זיינע און אויסלאַכעניש פון יעדן ברייטערן געפיל און אידעאַל האָט זיך עפּעס מיט אַן עקשנות געטומען אין אים ווי אָפּפרעגן. אַ האַגל געטאָן האָט אויף אים פון ווו מיט מער ערנסטע און געמאָסטענע געדאַנקען. אַ דערקלערונג האָט זיך גענומען בעטן ביי אים אַליין. ווי אַזוי קומט עס טאַקע, אַז ביי אים, קרענצלען, אין זיין הויזגעזינד, זאָל גאָר זיין ווער געכאַפּט אין אַזוינע אומפּראַקטישע אויסטראַכטענישן און פאַנטאַזיעס, אָט ווי די סימע... קנוילן יאָרן האָבן זיך אים געפּלאָנטערט פאַר די לויפיקע אויגן. פון אַלע מאָל איז ער גייציק, הפקרדיק און שפּאָטעריש. די אַנדערע קינדער זיינע, ווידער, איז יעדער אויף זיין שטייגער. אָבער אַלץ וויט פון אָט דער טאָכטערס וועג. איז זי שוין טאַקע דורכויס אומגערעכט ?..

שטיל האָט קרענצל אַ שטיק טאָג געשפּאַנט פון רעדל צו רעדל. טיף געשוויגן האָט ער, און אפשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַזוי געלאָזט אויך אַנדערע ריידן, און קיינעם אויך ניט איבערגעהאַקט. געלאַסן שלייכט ער אויך איצט צוריק אין שטוב אַריין, עפנט באַזאַכט די סקריפּעדיקע און פאַרפוילטע טירן און געדולדיק נעמט ער אַריינציען אין זיך די שטימונג דאָ צווישן די אָפּגעקראָכענע ווענט. אַ צאַפּלדיקע שטילקייט פאַרלויפט אים אַנטקעגן. אין בלאַסן שיין פון נאַכטלאָמפּ טרייסלט זיך אין העלישע קאַנוווּלסיעס דאָס אייניקל. אין די אָדערדיקע הענט פון דער טאָכטער געגעצט עס און ציט זיך אָן אויפהער.

— פיבער, ווידער מאַלאַריע־פיבער... — מורמלט סימע אַ פאַר־שלאָפענע, און כאַפּט זיך צום כינין־פּולווער, וואָס ליגט גרייט לעבן איר געלעגער.

דאָס גליווערדיקע גופל פון קינד צאַפּלט זיך און פאַרוואַרפט אומרואיקע און טוליעוודיקע בליקן, וואָס סודעגען צו דער מיד אויסגעשעפּטער מאַמען און פאַרטראָגן זי אין דער וואַרעמער היים פון דעם בענקענדיקן עמק. דריקט זי צו זיך דאָס קינד און קאָרמעט אים מיטן פּולווער:

— דו פיבערסט, בובה שלי... און מיר, דיין אימאַלע, פּאַסירט עס אויך... און דער אַבאַלע דאָרט אין ארץ דאַרף אויך אָפּט זיך אַ כאַפּ טאָן

ביי דער קעשענע און זוכן מיט איבערציטער זיין „עמק־פּאַספּאָרט״: ה־כינין יש?!..

זומערדיקער לבנה־אָוונט האָט אַדורך פענצטער געשלאָגן מיט פרישקייט און הייטערקייט. אַן אומרויקער פליג האָט זיך פון ווו בהלהדיק צעזשומעט און נאָכגעלאָזט אין געדריקטן שטוב־חלל אַ געראַנגל־נאָכוויי. קרענצל דרייט זיך אַלץ אַרום איבערן צימער און געפינט זיך קיין אָרט ניט. דאָס אומבאהאַלפענע שווייגן אין דער אייגענער שטוב זעצט זיך האַרט אויף זיין געמיט. שפּליטערן שלאָף פאַלן אים צו פון אַלע ווינקלען און לייגן זיך אָפּ אַזוי שטעכיק איבער זיינע שווערע ברעמען. דאָס ווייב כאַפּט עס באַלד אויף מיט אַן אָנקרייטיקער בורטשעריי:

— בייס שוין וואָס צו און גיי שלאָפן. אַ טאָג אַ גאַנצן אַרומגעשמייעט...

אַלץ טוט ווילד אַ שפּאַר אין קרענצלען. שוין זשע קוקט ער אויס אומגעלומפּערט און איז אַזוי געפאַלן אין די אויגן פון דער טאָכטער, אַז אויף איר קוקנדיק וואגט אויך דאָס ווייב זיינע אים אויסלאַכן?.. שליידערט ער דעם קוק צו סימען:

— האַמממ, געשמייעט?.. און אין שטוב איז דען דאָ רו? ניט ווען טאָג, ניט ווען נאַכט... דער גרויסער לייט, מיין טאָכטער; אַז אין לאַנד איז אַזוי אומרואיק, טאָ אַנטלויפט מען עס פון פראָנט?.. ציגיינער!.. אַ הונט אַפילו טרעט ניט אָפּ אין אַ שטורעם פון זייןביידל, הייליק!..

— כאַ־כאַ, בראַוואָ, טאַטע!.. — שיסט אַריין סימע מיטן פיבערדיקן קינד אויף דער האַנט. — כאַטש איין מאָל אַ דריי געטאַן דיין מיינונג אויך וועגן מיין ארץ־ישראל. אַט אַזוי, כאַ־כאַ!..

אין אַ ווינקל פאַררוקט, האָט ער טיף סאַפּעדיק גענומען טרייבן פון זיך דעם שלאָף און באַזאָכט אַקאָרשט אָפּוועגן זיינע רייד. אפשר טאָקע צו שאַרף אַרויסגעזאָגט? אַזוי האָט ער דאָך זיכער ניט געמיינט. און די האַסטיקע אַרויסשפּרינגעניש היינט ביי טאָג צו דעם ווייב און טאָכטער, — האָט ער עס באמת אַזוי געמיינט?.. אז אפשר קען ער שוין טאָקע אַנדערש בכלל ניט ריידן? אַ לעבן אַ גאַנצן דאָך געשפּאָטן פון אַלץ, זיך סתם געטשעפּעט צו מענטשן, זיך געריסן מיט אַ וועלט, — קען שוין פון זיין

מויל ניט אַרויסקומען וואָס ניט־שטשערביק!.. מוז ער אָט פאַרשווייגן אַזאַ חוצפּהדיק געלעכטער פון אַן אייגן קינד אין זיין אייגענער שטוב. אַז אייגנטלעך לאַכן פרעמדע פון אים שוין לאַנג, אַ לעבן אַ גאַנצן. וואָס דען, אַ פּנים פון חוזק קען ער נאָר האָבן מיט זיין הפקרדיק אומגעצוימטן צוגאַנג צו זאַכן גאָר ערנסטע...

אַ צעפּרעסענער קנייטש האָט זיך שפּעט שוין אין דער נאַכט אַריין פאַרשניטן איבער זיין שלעפעריק צעשמאָלצן פּנים, און די אויפגעלאָפענע שוואַרצע ליפּן האָבן זיך נאָך רוגזהדיק באַוויגן:

— נו־נו, לאַכט, לאַכט... טאַטע דו לאַכסט...

מייסטער און געזעל

(קאַפּיטלעך)

א.

פּראָסט אָפּגעלאָזענע פּלעקן, גרויע און קרענקלעכע, האָבן אַרויסגעשלאָגן פון איבער די שטאָטישע נאַקעטע מויערווענט. אַ לינדער פּרימאָרגן, צעגאָסן מיט הויפנס אָנהייב־פרילינגדיקער זון, האָט שטאַרק געהילכט מיט דומפּיקן געקנאַל פון וועגענער און אויטאָס איבער דעם בלאָטיק פאַרהאַרטעוועטן שנייאייז. וואַרעמע דרום־ווינטן האָבן איבערן ליטווישן הימל געטריבן די וואָלקנס צוריק צום דערבייאיקן באַלטישן ים. אין געסלעך און גאַסן זיינען געשטאַנען לוזשעס מיט שנייוואַסער און אַרום זיי האָבן זיך סטייעס שפּערלס אַזוי דרייסט געוואָרפן מיט זייערע קורצע צוגעשפּיצטע שנעבעלעך. פּרעמד איז מיט אַ מאָל געוואָרן די אויסגעהונגערטע פויגלען דאָס אַרומשנאָרעווען ביי דעם מענטשנס טיר און פענצטער.

פּאַסמעס שטויב האָבן אַריינגעשטראַלט אויך ביי קרענצלען אין וואַרשטאַט צווישן די צעטרייבערטע און ניט־פאַרענדיקטע שטיקער ווייכע מעבל און די אָנגעוואָרפענע צעפּ ים־גראָז, פּאַקוליע, סטרוזשקעס, בינטלעך שפּרינגפעדערס, קנוילן שטריקלעך און פּעק לייוונט און באַציעכץ. אָן אַ רעקל און די העמדאַרבל הויך פאַרקאַשערט, האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט דער באַלעבאָס. מיט זיינע באַוועגלעכע נאָזלעכער באַשמעקט ער שאַרף יעדן ווינקל. און שוין ווי זיין שטייגער ביי נאָר אַן איבערבייט, קרימט ער זיך אונטער אַפילו מיטן אָנקומענדיקן פרילינג. וואָס אמת, זיין רעכט ביסל אַריינגעלעבטע יאָרן רוימען אים אונטער, אַז אין דעם סעזאָן, אַרום די יידישע און גוייִשע יום־טובים, דאַרף זיך אַ ווייז טאָן גאָר אַ סך אַרבעט. ער חוזקט טאַקע אויס אַ וועלט, קרענצל, האַסט כמעט יעדן איינעם און דאָס גאַנצע לעבן איז ביי אים ניט ווערט אַ שפּיי, — זיין חשבון האָט

ער אָבער. היינטיקע מענטשן, ווייס ער, ווען דיר אויסזוכן נאָר אַ געלע־גנהייט צו באַנייען זיך, איז רעכט אויך מיט אַ ווייכן שטול, נייעם מאַט־ראַץ אָדער איבערגעמאַכטער סאָפע...

וואָס אים געפעלט אָבער היינט גאָרניט, קרענצלען, איז דאָס טאָר־כענען דאָ פון זיין יאָט, דעם אַרבעטער. פון גאַנץ פרי האָט ער אים אַוועקגעשטעלט צום אויפראַמען דעם וואַרשטאַט, אַריינברענגען אויף פרי־לינג אַ שטיקל אָרדענונג. קלאַמפּערשט אַ געזעל דאָס זיינער, — ווי ער איז אומגעלומפּערט היינט. צו עטלעכע מאָל וואַרפט עס איבער יעדע זאַך, און דער וואַרשטאַט איז אַלץ ניט אויפגעראַמט, אויב אַ האָר ריינער, פריי־ער. האַלט שוין ניט אויס דער שטרענגער ייד, טוט רוגזהדיק אַ צי דעם שטויב מיט זיין געשטופּלט פליישיקן נאָז:

— אַ שטרוי דיר אין אויג!.. ביסט שוין בלינד אויך; ווידער די ים־גראָז איבערן מיטן פאָדלאָגע!

הילע, דאָס עלטערע לערנייגל גיט זיך אַ כאַפּ מער צו דער אַרבעט און קליגט זיך מיט זיין טעמפּלעכן מוח צו זיין וואָס ווייטער פון קרענצלס האַנט. באַלד אָבער הייבט ער אויס פאַמעלעך די שווייבלדיקע אויגן און מעסט פאַרזיכטיק אָפּ נאָך אַ מאָל דעם אָנגעוואָרפענעם וואַרשטאַט.

— אַז, באַלעבאָס, מ׳וועט דאָך סיי ווי סיי ווידער דאַרפן האָבן צו דער האַנט די ים־גראָז.

— שטיק חכם! — איז שוין קרענצל גאָר בייז אויף זיין באַהעל־פערס קשיות — דו זיי מיר אַקאָרשט ניט פון יענע גערעטענע באַלעבאָס־טעס, וואָס פאַרגעסן צו אויסשייערן דעם טאָפּ נאָך פסח; און איבער אַ יאָר קוועלן זיי אָן פון דער זופּ וואָס איז אַזוי פעט... ריין און אָרדענונג זאָל מיר דאָ היינט זיין!

מיט איין שאַרפערן בליק איז קרענצלען געגוג צו דערשפּירן, אַז זיין הילע איז היינט עפּעס צעשפּוזשעט; ווי דאָס דרייט זיך אַרום אַ צע־חושטער איבערן וואַרשטאַט, שיסט מיט זיינע אויגן צו דער הינטערשטער וואַנט און איז אַזוי סודותדיק אָנגעכמורעט. נעמט ער זיך צו אים פון דאָס ניי:

— וואָס, דו גלאָצסט שוין ווידער צום שירעם?!..

נאַרישעוואַטע כיכיקעט דאָס בחורל אָפּ קרענצלען אַנטקעגן אַ טעמפּ געלעכטערל, גלייך אים וואָלטן דאָ צוגעפאַלן די גרעסטע שבחים... ווי ער האָט עס צוגעטראָפן, דער באַלעבאָס. היינט גייט אים טאַקע באַזונדערש ניט אַרויס פון קאָפּ דער שירעם, וואָס הענגט דאָ אויף דער וואַנט. אַ מענטש עפּעס אַ צעפלויגענער, אָבער אַזאַ באַריידעוודיקער און ווילער, האָט אים דאָ אין איילעניש איבערגעלאָזן. און אַזוי הענגט שוין דער שירעם אַ ווינטער אַ גאַנצן און מ׳קומט אים ניט אָפּנעמען. פאַר וואָס קומט טאַקע ניט דער מענטש? ער, הילע, וואַרט דאָך אַזוי אויף אים; ער וואָלט ווען כאָטש נאָך אַ מאָל מיט אים ריידן!.. אָט שמעקט שוין היינט מיט פרילינג, דורך נאַכט האָט אויך גערעגנט, — איצט דאַרף דאָך דער מענטש שוין געוויס קומען נאָך זיין שירעם. דער באַלעבאָס אַליין זאָגט אויך אַזוי. ווען ער טאַקע קומען?

— הילע, דעם קאָפּ גלייכער אויף זיין שטעל! — האַקט אים ווידער אַרויס פון זיינע מחשבות קרענצל, און גאָר אָנגעשטויסן: — היט זיך אָקאָרשט, אַז מיינע פּאָר לאַפּעס זאָלן עס דיר ניט געבן דעם קערעווע, הילע!..

מיט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן קוקט אַלץ נאָך אונטערטעניק דער יונג זיין באַלעבאָס, און באַלד ווערט אים גאָר לייכט. אין גאַס אַריין קלייבט ער זיך גיין... יע, אָט איז ער שוין אַרויס פון טיר און פיילט זיין בליק, ווי אַלע מאָל, איבער די עטלעכע האַלב־חרובע כאַלופּעס ביי אים אין הויף און איבער יעדן ווינקעלע דאָ. דער געדיכטער רויך פון אַ קוימען ביי אַ שכן איז אים שוין ניט געפעלן. וואַרפט ער זיך יענעם צום פענצטער און נעמט קלאַפּן מיט זיין שפּאַציר־שטעקן אין ראַם. פון די מאָגערע דירה־געלט, וואָרנט ער, קאָן ער נאָך ניט יעדע פאָר וואָכן רייניקן די קוימענס! נאָך אַ שכן קומט אָן פון גאַס, און אויך מיט אים האָט ער וואָס צו ריידן. ער דערמאָנט אים, אַז דער ווינטער איז שוין ווי פאַרביי, און פאַרן ריכטער קען איצט גאָר שוואַך גילטן דער תירוץ פון „שווערי־קייטן״ אָט צו אַרויסרירן זיך מיט קליינע קינדער פון דער דירה ביי די פרעסט... אויפן צעפּאַלענעם פאַרקאָן האָט זיך קרענצלען אַנטקעגן עזותדיק צעקרייט אַ גאַלאַגאַנער האָן, וואָס זיין ווייב האָלט אויף פּסח און היינט

ביים וואַרעמען וועטער ארויסגעלאָזט אויף דער פרייער לופט. קרענצל גיט זיך אַ מעסט מיטן באַרן־שטעקן צום עוף:

— קישש! אַ מגפה אויף דיר מיט דיין באַלעבאָסטע צוזאַמען, קישש...

מאַדאַם, — צעשרייט ער זיך צו דעם ווייב אַדורכן שטובפענצטער — נעמסט מיר אַוועק פון דאַנען דיין קדיש? איך מאַך אים שוין אַ פסח־דיקן!... וואָס, דו האָסט קיין צייט ניט? — לאָזט ער ניט אָפּ ביים פענצטער.

— אַ וודאי, יונתי מיין טייבעלע יאָגט זיך נעבעך אַרויס די נשמה; דעם וואַסערקראַן אַז זי עפנט, באַווייזט זי דאָך ניט צו פאַרמאַכן...

אַ קלאַפּ פון אַ העמערל פאַררייסט באַלד קרענצלס קאָפּ צום דאַך איבער זיין וווינונג. מאיר, דער צעווילדעוועטער בן־זקונים זיינער, זעט ער, פאַרלייגט ביים בוידעם־פענצטערל זיין טויבנשלאַק. צעפּאַכט ער זיך מיט ביידע הענט און שטעקן:

— שוין ווידער מיט דיינע האָדעוואַניקעס! פּוסט־און־פּאַסניק דו, אין קאַלאַניע פאַר די יונגע פאַרברעכער גייט ער ביי מיר נאָך היינט אַוועק! לאַך, לאַך צוזאַמען מיט דיין מאַמינקען!..

געלאַסענער איז קרענצל בעת ער איז שוין פאַר דער גאַס. ווי פון דער זייט וואַרפט ער אַ בליק אויף די געלע און רויטע מעלדונגען, וואָס די געריכט־אַסעסאָרן און שטייער־מאַנער הערן ניט אויף צו קלעפּן אויף דעם צעפוילטן טויער. ער כאַפּט אויף ווידער אַ מאָל די טעג וואָס זיינען עס באַשטימט אויף די ליציטאַציעס פון זיינע שטובזאַכן און אויך פון דעם גאַנצן הויז. ביים אָפּגיין פאַרגעסט ער ניט מעשה בעל־הבית צו א פּרווו טאָן די שמאָלע און געלאַטעטע פערטקע, וואָס הענגט מיט איין סקריפּע־דיקער זאַוויעסע אויף דעם גרויסן און צעפוילטן טויער. ער באַשליסט דאָ צום וויפלטן מאָל, אַז מיטן צורעכטמאַכן האָט ער צייט און ערב אַ הויז־ליציטאַציע שאַדט געוויס ניט אַזאַ פּאַנאַראַמע...

פון וואַרשטאַט אַרויס קוקט נאָך הילע יעדע באַוועגונג פון קרענצ־לען. אים קלינגט נאָך אין די אויערן די ווערטער זיינע צו אים פאַרן אַ־רויסגיין, און ער דערמאָנט זיך, אַז שוין לענגער טאָקע ווי ער האָט פון זיין האַנט ניט געפילט קיין ריכטיקן קלאַפּ. ער לאָזט אים אויך שלאָפן אין וואַרשטאַט אויף די סטרוזשקעס און מאַכט זיך אַזוי פיל מאָל ניט

וויסנדיק, אַז ער דעקט זיך איין אין די אַלטע זעק. אַוודאי איז ער דער אמתער באַלעבאָס. אַלע אין שטאָט גלייבן אים שוין איצט, הילען, אַז ער איז אַן אַרבעטער. דערמאָנט ער נאָר דעם נאָמען פון זיין מייסטער, באַ־טראַכטן אים די מענטשן באַלד ווידער אַ מאָל, און ניט איינער גיט אַ זאָג:

— ביי קרענצלען אַרבעטסטו? אָט־אָט, ביי אים איז טאַקע דיין אָרט...

מענטשן קוקן אַזוי קרום אויף זיין באַלעבאָס. מען זאָגט אַז ער איז אַזאַ דרייער און שטעכיקער מענטש. ער, הילע, עסט אָבער ביי אים איצט כמעט צו זאַט. אַחוץ די האַרטע שטיקער ברויט קריגט ער מיטאָגצייט שוין אויך אַ טעלער צונויפגעגאָסענע זופּ. ביים העלפן ברענגען אַ קויש פון מאַרק, גיט אים יעדן מאָל די באַלעבאָסטע אַן עפּל, אַ מער, אָדער אַן אַנ־דער גוטע זאַך. און אָט דאָ ניט לאַנג האָט קרענצל אים אָנגעהויבן צוואַר־פּן א מטבע. ער זאָגט אים אָן רק דערביי:

— דו זיי נאָר אַ מענטש, און דיין מאַמען, די גנב און אַרומטרייבערקע, זאָל מען דאָ ניט זען פאַר די אויגן!

פאַר זיין מאַמען האָבן טאַקע אַלע מורא. אַז רק זי קריגט זיך מיט יעדן, זידלט זיך און שרייט, שרייט אַזוי פיל. טרינקט זי זיך אָן מיט בראַנפן אָדער שמעקט אריין פון אַזאַ ווייס־גלאַנציקן פּולווערל, וואַרפט זי זיך באַלד שלאָגן. אַנומלט האָט זי מיט אַן אייזן צעמזיקט לייבע דעם קונצן־מאַכער, וואָס פלעגט איר כסדר אָפּגעבן די גאַנצע פאַרדינסטלעך פון זיינע פאָקוסן איבער די מערק און געסלעך און ער, הילע, האָט אים אַזאַ צייט גערופן „טאַטע". אַלע אָבער רופן לייבען אונטער די אויגן „סיבירניק". ניט לאַנג האָט די מאַמע שוין אויך צעבלוטיקט שייען, דעם איצטיקן טאַטן זיי־נעם, וואָס גייט אַרום מיט אַ קאַטערינקע איבער דער שטאָט. אויך די אַלע אַנדערע וואָס שלעפּן זיך צונויף יעדער אויפדערנאַכט צום איבערנעכטיקן ביי זיי אין שטיבל, האָבן אַזוי מורא פאַר דער מאַמען און טראָגן איר דעם אָפּצאָל פאַרויס. אַפילו אין די הייזער, וואָס זי שלעפּט זיך איבער זיי אַרום בעטלען, איילט מען זיך אַזוי מיטן אַרויסטראָגן איר די נדבה, נאָך איידער זי באַוויזט אַריבערצוטרעטן דעם שוועל. קליינערהייט, ווען זי פלעגט

אים אויך מיטשלעפּן, האָט ער ניט איין מאָל געהערט פון צווייטער זייט טיר אַ צעשראָקענע שעפּטשעריי:

— אָט די הויכע מיט די רויטע אויגן? איז נאָך אַ פּאָר פּרוטות, אָבער וואָס גיכער משלח זיין!..

צו קרענצלען אָבער איז זיין מאַמע קיין מאָל ניט געגאַנגען נאָך אַ נדבה. אַז זעלטן ווען אַ הײַזער־גייער ווייזט זיך ביי אים. און פאַרבלאָנ־דזשעט יע אַהער אַן אָרעמאַן, ציט אים באַלד אַן קרענצל אַזוי טאַמעוואַטע און לאָזט אים אויסלייגן די אַלע פּלאָגן זיינע און ניט־געדאַכטע צרות. דאָ ערשט פּלאַצט ער אַרויס אַ צעשמאָלצענער:

— אַ המצאה, ווי מ׳טויג דאָס אויף מאַכן דעם גראָשן... זאָגט נאָר, אויף אַ משכון, אַ ראַיעלן, קריג איך ביי אייך אָט עטלעכע מאות אַ הלוואה־לע? אויף גוטע פּראָצענטן!..

לעצטנס האָט זיין מאַמע יע גענומען אַלץ אָפטער זיך אַראָפּכאַפּן אַהער. געוווּיר ווערן וויל זי עס וועגן אים. יעדן מאָל טוט זי קרענצלען רוגזהדיק אַ פרעג, צי מ׳וועט שוין אַ מאָל אַנזען פון אים עפּעס געהאַלט. דער באַלעבאָס הייבט אויס אַמערשט זיין רויט אַנגעגאָסענעם פּנים און פאַרלייגט זיינע הענט איבערן צעשפּילעטן וועסט; אין זיך פאַרציט ער אַ שאָרסטיק שמייכעלע און אַדורך זיין פראַנצייזיש געשוירן בערדל זיפּט ער פאַרשייטע בליקעלעך:

— יע, יע... זאָגט מיר אָבער, זייער חשובע מאַדאַם, ווער אַ שטייגער איז דער טאַטע פון אָט דעם יאַט?.. ניטאָ אַ קינד אָן אַ טאַטן!..

די מאַמע טרעפט אין ריידן אויך מיט קרענצלען. פאַר אים דאַרף זי דאָך אויך ניט זיך איינטוליען אין אַ צעפּליקטער פאַטשיילע און אויסשטרע־קן אַ בעטלערישע האַנט. אירע צעלאָזענע האָר פלאַטערן מיט אימפּעט און דאָס גאַנצע פּנים צינדט זיך אַרויסרופעריש. געוויס מעג ער שוין, הילע, איר ברענגען יעדע וואָך אַ ביסל געלט. זי וואָלט אים מסתמא דעמאָלט אויך וויניקער געשלאָגן און ניט אַזוי געטריבן פון שטוב. עפּנט זי טאַקע אַ מויל:

— מיט די אַלע קלוגעטשקע רייד, רב קרענצל, זייט איר מיר נאָך ניט זיין טאַטע... און אַז דאָס יינגל קאָן שוין פאַרדינען, געהערט עס מיר!

איר הערט, רב מייסטער, אַן עק זאָל שוין נעמען מיטן טאַטעווען, און געלט זאָלט איר אָנהייבן צאָלן, געלט!

אַט אַזוי שוין שטענדיק — טאַטע! עפּעס ווען נאָר מענטשן ריידן וועגן אים, אַזוי מוז שוין פאַלן אַ ווערטל אָדער פראַגעלע: ווער איז זיין טאַטע?.. רייד אַזוינע געדענקט ער שוין פון זיינע יינגסטע טעג. פאַרשייַדענע מאַנסבילן האָבן זיך אַלע מאָל געדרייט אַרום זיין מאַמען. אין שטוב זיינען מיט דער צייט צוגעקומען נאָך ברידער און אַ שוועסטערל, און צוזאַמען מיט זיי פלעגט ער איינעם־וועמען רופן „טאַטע". און דאָך האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט די זשומעריי אַרום אים — ווער איז זיין טאַטע!.. אויך אַז ער האָט זיך שפּעטער געהאָדעוועט אין קינדערהיים. דאָרט זיינען דאָ אַזוי פיל יתומים און אונטערגעוואָרפענע קינדער. האָט מען אויף אים אויך געהאַט אַ באַזונדער אויג. גאָר אָפט פלעגט אָנקומען פון קאַנטאָר אַ באַפעל צו אַרונטערפירן אים אַהין און צוריקגעבן דער מאַמען. ער פלעגט טאַקע יעדן מאָל זי טרעפן. בייז פלעגט זי דאָרט אַלץ איינטענהן, נאָכסאַל מען האַלט נאָך אַנאַנד אין איין וואַרפן איר דאָס קינד צוריק. דער פאַרוואַלטער, שטרענג און אָנגעצויגן, פלעגט איר שטענדיק אָפּענטפערן קאַלט און געלאַסן. געציילט איז ביי אים יעדער קלאַנג פון זיינע מאָדנע ווערטער און קלאַפּט נאָך צו מיט אַ בלייערל אָן שרייבטיש:

— צירקאַ צוויי הונדערט קינדער זיינען אָנגעוויזן אויף דעם פּאַטראָנאַט. דער בודזשעט איז שרעקלעך באַלאַסטעט. די סובווענצן פאַרפליכטן אונדז צו האַלטן ענטוועדער אַ יתום, אָדער אַ פינדלקינד. איןביידע פאַלן אַנטשפּרעכט עס ניט אייערער...

גאָר שלעכט איז געווען, אַז מען האָט אים פאַרט אַרויסגעוואָרפן פון קינדערהיים. די מאַמע האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין צייט צו קוקן אויף אים, און ער האָט זיך אַרומגעטריבן מיט אַלערליי חברים. ניט געענדיקט אַ וועלכע שול, האָט ער געקאָנט אַרבעטן נאָר ביי די קליינע בעל־מלאכות אָדער אין אַ זייטיקן וואַרשטאַט. אָבער אויך דאָ האָט מען אים געטריבן און צוגעשטעקט מיט זיין ייחוס. נאָר איין קרענצל, אַט דער האַרטער און בייזער, וואָס קיין לערניינגל וויל אין זיינע הענט ניט אַריינפאַלן, האָט אים

צוגענומען און האַלט אים שוין אַ לענגערע צייט. דער באַלעבאָס קען זיין מאַמען שוין פון לאַנג און האָט אויך געוווּסט, אַז ער, הילע, האַלט זיך ניט ביי בעל־מלאכות און האָט ניט קיין צעטל פון אַ שול. ער האָט אים אָבער אָנגענומען.

— אַז איך דאַרף קיין ייחוס ניט — האָט ער תקיפדיק דערקלערט דער מאַמען און האַלט עס אין איין איבערחזרן פאַר אַלעמען. — ביי מיר ווערט מען אַ כלי, אַז מען נעמט ערשט גוט פאַרדייען אַ געשמאַקן טונק אין מאַר־דע.

אויך ער, דער באַלעבאָס, לאָזט זעלטן דורך די קלענסטע געלעגנ־הייט, ער זאָל אים ניט צושטעקן מכוח זיין טאַטן... אַט די אַלע כסדרדיקע ווערטלעך און אָנצוהערענישן, וואָס לאָזן אים ניט אָפּ פון פריסטער יו־גנט, האָבן שוין באַוויזן אַדורכצושלייפן זיין טעמפּיקן מוח. דאָס שטענ־דיקע הייטער־צעשוווּמענע געמיט איז אים שוין אויך צעפרעסן. און אין זיין גאַנצער מבולבלדיקייט איז ער דורכויס אויסגעשפּיצט צו אויפכאַפּן אַ וואָרט אַ קלערערן וועגן דעם טאַטן זיינעם, אַ פּרט וואָס פון אים, — וועער איז ער געווען? ווי ט׳ער אויסגעזען? ווו איז ער?

ב.

אין זיין באַגער און אָנאויפהעריקער נאָגעניש טיילט זיך באַזונדער אויס ביי הילען איינער אַ טאָג. גאָר טיף איז אים איינגעקריצט אָט דער טאָג. אין האַרבסט איז דאָס געווען, ענדע די גרויסע רעגנס. קומט אַריין טאַקע דאָ אין וואַרשטאַט, אַ יונגערמאַן מיט בולטע און ברייט־אַרומלוי־פנדיקע אויגן און געאיילטע באַוועגונגען. דער מענטש — סאַפּיר האָט אים קרענצל גערופן — האָט געטראָגן מיט זיך אַ ברייטן פּאַרטפעל און אַ שירעם און איז מיט זיינע רייד און העוויות געווען ענלעך אויף אַ סך פון די, וואָס לאָזן זיך אָפּט אַראָפּ צום באַלעבאָס וועגן מישפּטים, קהלשע רייסערייען און אַזוי געשעפטן און אַנדרייענישן. אַרויף איז באַלד דער גאַסט אויף דעם פאַראיין פון די בעל־מלאכות. עפּעס אָפּשפּאַלטן מוז מען זיך פון אַזאַ אָנשיקעניש, האָט ער זיך צעשריען, און קרענצל זאָל אים

העלפן גרינדן אין גאַנצן אַ נייע זאַך. „אומאָפּהענגיקער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די יידישע האַנטווערקער" וועט עס הייסן. און אויך אַ באַזונדער קאַסע, וואָס ער האָט שוין אויך גרייט אַ נאָמען — „באַנק צו אונטער־האַלטן די מלאכה"... דער מייסטער לאָזט זיך אָבער ניט אַזוי כאַפּן אויף דער ווענדקע. ער בלעטערט אויף חטאים און באַגאַנגענע עוולות קעגן אים מצד אַזוי פיל חברות און זייערע יונגע אָנפירערס, די באַנדיטן, וואָס שטויסן אַלץ אַרויס די עלטערע. גאָר באַזונדערע חשבונות גיט ער אַ מיש קעגן זעלבן יונגנמאַן, וואָס זאָגט דאָס אים צו אַזוי הייליק צו גיין אין אַלץ האַנט ביי האַנט. רעדט ער צו אים אָפן:

— סאַפּיר, מירן שוין צוזאַמען ניט האַנדלען. און מכוח אַ שפּאַלטונג אין אייער פאַראיין, טאָ ווער האָט עס פאַרויס ניט פאַרשטאַנען? וואָרעם שוין אַן אַלטער כלל: איידער דער געשוויר פּלאַצט, איז ער ביי זיך אָנגעצויגן... האָ, סאַפּיר, געווען יאָרן? און דעמאָלט איז קרענצל אויך געווען דער חכם. שייך, ווי זאָגט מען, אַפילו אויף אַרויסקריגן פאַרזיכע־רונגס־געלט פאַר אַ הויז, וואָס אירע קלעצער וואַקסן נאָך אין וואַלד... אָבער גענוג! פאַראייניגן און מאַכינאַציעס גייט שוין, סאַפּיר, היינט פּראַ־ווענען מיט די מענטשן פון „נייעם דור". איר זעט אָט דעם קאָמפּעטנטש וואָס קנישעט זיך אין די סטרוזשקעס, דער געזעל מיינער, ניט דאָ גע־דאַכט; אַזאַ פאַר אייך איז ווי אָנגעמאָסטן!..

דער זשוואָווער יונגערמאַן מיט זיין האַסטיקן ריידן איז קנאַפּ וואָס נתפּעל פון קרענצלס שטעכלקעס. ער דרייט זיך אַרום איבערן וואַרשטאַט, פייפט אונטער אַ מונטער ניגונדל און וואַקסט באַלד אויס אויך לעבן גע־זעל. סאַפּיר בליקט אַריין גאָר פריינדלעך אין די אויסגעשטעלטע קוקערס, וואָס פלאַקערן צו אים אַדורך די שיטלדיקע סטרוזשקעס פון זיין אויסגע־הויבענעם קאָפּ, און ער פאַרנעמט זיך גאָר מיט אַ טשיקאַווע:

— כ׳לעבן, ער געפעלט דאָך מיר דער יאַט, דאָס אמתע שטיקל מע־בל!.. פון וואַנען איר אים אויסגעשריבן, הער קרענצל?

— פון וואַנען?.. אַז דער טאַטע, ווייסעך, זאָל האָבן געווען עפּעס אַ פראַנט אַ מאַרעוויכער, און האָט געוואָרפן זיין ווייבעלע, צי גאָר זיין כלה, נאָך איידער אָט דער העלד האָט דערזען די שיין. און אַ מאַמינקען האָט

עס טאַקע, אַ סחורה מיט אַ קאָליר !.. טאָ צו ווּעמען, אויב ניט צו קרענצלען אין וואַרשטאַט, זאָל אַזאַ אַריינפאַלן ?

סאַפּירס שטייגנדיקער אינטערעס צו דעם צעכראַסטעטן בחורל מיט זיין פאַרוואָרלאָזט באַליידיקטן אָנבליק, וואָס דערמאָנט גאָר אים אַליין פון אַ הפקריש דורכגעמאַכטער יוגנט, לאָזט זיך דאָ ניט אָפּפטרן מיט סתם אַ קנאַקעוודיק ווערטל. קלערערע רייד נעמט ער ציען פון קרענצלען, וואָס ווייס אַ פּנים מערער אַ סך וועגן זיין אַרבעטער. אַפילו הילען מאַכט ער ריידעוודיק. טעמפּ אָפּגעריסענע ווערטער נעמען זיך פּאַמעלעך וואַרפן פון אים :

— מיין מאַמע... אַז זי טרייבט מיך נאָך אַנאַנד... פרעג איך וועגן מיין טאַטן, זאָגט זי מיר, אַז איך דער קלאָג האָב שוין ניט געפונען וועגן וואָס אַנדערס צו דרייען איר אַ מוח... אַ מאָל פלעגט אַ באָבע פון עפּעס אַ שטעטל צושיקן פאַר מיר אַ פּאָר העמדער, אַן אַלטן בגד. זאָגט מען, אַז זי איז געשטאָרבן. ווייס איך קיין זאַך ניט.

דער שווייסיקער שטערן סאַפּירס נעמט אָפּט פאַרגיין אין טיפע קניי־טשן. אַ ווײַלע בלייבט ער שטיין פאַרטראַכט. און ווי צעשפּילט פון אַ קייט קאָמבינאַציעס, גיט ער אַ פּאַטש מיט די הענט :

— האָב איך דאָך אים געקענט, דעם טאַטן זיינעם !.. אַ העלד פון אַ יונג, אַ מאַגנאַט... ניט געווען אַ שערער ?

פאַר הילען האָט גענומען אַרומגיין דער וואַרשטאַט מיט אַלץ אַרום. אין מיטן איז נאָר לויכטיק געשטאַנען סאַפּיר מיט כישופדיקע ווערטער אויף די ליפּן. אַן אויפגעשטראַלטער האָט דאָס יינגל געגעבן אַ שפּרונג אויף פון דיל און גיך גענומען אַרונטערפּאַטשן די סטרוזשקעס און פּאַ־קוליע פון זיין פּנים און פון די צעפּודלטע האָר און צעפליקטע בגדים. צעחושט איז ער צוגעפאַלן צו סאַפּירן :

— יע־יע, אַ שערער, אַ שערער אויך !.. אַוודאי אַ שערער, אַ סך טאַקע זאָגן... איר האָט אים טאַקע געקענט ?

דער מייסטער שטייט אומבאַוועגלעך אין מיטן וואַרשטאַט און מיט צעעפנטע אויגן קוקט ער אָן זיין הילען... ווי קלוג ער טוט עס, זעט ער שוין איצט, וואָס ער וואַרפט זיך ניט פאַר דעם יאַט מיט צו פיל פּרטים

וועגן זיין אָפּשטאַם!.. עפּעס דוכט אים, אַז צוזאַמען מיט דעם פאַרשטויסע־נעם יינגל האָט זיך דאָ דרייסט אַ הייב געטאָן און באַקומען לשון און האָ־נאָר די גאַנצע בערג סטרוזשקעס, שטויביקע זעק און הויפנס מיסט, וואָס אין זיי קנישען זיך ביי אים אַלץ אַזוינע שפּלדיקע נפשות. ביילן זיך ביי אים די פויסטן:

— זע, זע נאָר, ווי אַ ריח פון אַ טאַטן קאָן אויפדרייען! טרייפענע בלוט, ווי דאָס האָט אין דעם מופקר אַ שפּאַר געטאָן... אַ רוח אין דיר און אין דיין טאַטנס טאַטן! צו דער אַרבעט, און אַלץ ווי ס׳באַדאַרף, אין אָרדענונג!..

— אָט דער מענטש קען מיין טאַטן!.. — שטילט ניט הילע — איר הערט, באַלעבאָס, אָט דער מענטש האָט אים אַליין געקענט, מיין אמתן טאַטן טאַקע!.. איז ווער, אַ וואָסערער איז ער געווען מיין טאַטע, זאָגט איר, מיין הער, זאָגט!..

דער יונגערמאַן האָט אָבער אין זיין צעפּלויגנקייט שוין קיין צייט ניט ווייטער צו ריידן מיט הילען און זיך גרונטעווען אין זיין ייחוס. מיט אַ צעשטרייטן באַוועג טוט ער זיך אַ כאַפּ אויף דער שפּעטער שעה אין זיין גאָלדענעם זייגער, נעמט האַסטיק דעם בייכיקן פּאָרטפעל און ווי פון יוצא וועגן זופט ער אָפּ אין איילִיקן געמורמל:

— איז וואָס, הער קרענצל? לייגט זיך פונדעסטוועגן איבער מכוח דעם וואָס מיר האָבן געשמועסט...

הילעס אויפגעריסענע אויגן האָבן פאַרביי קרענצלס צאַרנדיקן פּנים שטורמיש געיאָגט די אימפּעדיקע טריט פון דעם אַזוי נאָענטן גאַסט; דאָס צאַפּלדיקע באַגער האָט זיך געריסן נאָך אים דורך די שטויב פאַר־וואַקסענע פענצטער, בלאָטיקן הויף און טויער... פויל געצויגן האָבן זיך דעם בחורלס גליעווודיקע בליקן אויף צוריק, געצופּט מיט פיבער יעדן פאַרפלויגענעם טראַט פון דעם מענטשן און געבליבן שוועבן פאַרחלומט מיט אַ צעעפנטן מויל איבער דעם אָרט וואָס סאַפּיר איז געשטאַנען אָט אָקערשט אין וואַרשטאַט. דאָ האָט אים אָבער באַלד פון אַ ווינקל אַרויס אַ לויכט געטאָן:

— אַ שירעם!.. באַלעבאָס, דער מענטש האָט דאָ געלאָזן זיין שי־רעם!

— אַהאַ, וואָס דען? — שמייכלט שוין קרענצל — אַט דער ווינטמיל! אַז אין קאָפּ ליגט דאָך אים ניט קיין אַנדערע דאגות ווי צו פאַרשן דיין געהויבענעם ייחוס... איז וואָס קאַלופּעסטו אַזוי מיט די ווייסלעכער צום שירעם? מורא האָסטו גאָר זיך צורירן צו דער הייליקייט... אויף דער וואַנט דאָ הענג אים אויף, וועסטו האָבן אויף וואָס צו קוקן!.. — —

דער האַרבסט איז פון טאָג איינגעלאָפן און אַ ווינטער האָט זיך פּראַסטיק צעשפּאַנט. אין וואַרשטאַט האָט אַנגעהויבן רייכערן אַן אייזערן אייוועלע. הילעס מאַמע איז נאָך אָפּטער אַריינגעפאַלן אַהער מיט סקאַנדאַלן, און קרענצל אַליין וועט צו מאָל פאַרפאַלן אויף גאַנצענע טעג וועגן זיינע כלערליי ענינים. אויף דער הינטערשטער פאַררייכערטער וואַנט דאָ צווישן די טאָרבעס געצייג און קנוילן שטריק און ספּרוזשינעס איז זיך געהאַנגען דער שירעם און נאָך אַלץ אַדורך די בערג סטרוזשקעס און ים־גראָז סודותדיק געווונקען צו הילען... צעשויבערט פון הייטערדיקע מחש־בותן, האָט ער אויך וועגן צום מייסטער, אַז דער איז געווען ביי אַ גוטער לוינע, אַרויסגעמורמלט:

— דער מענטש פון שירעם קומט נאָך אַלץ ניט...

— קאָפּ, — וואַרפט דער באַלעבאָס אַ בליק צום דרויסן — יענער האָט צענדליקער פאַרדרייעניש. אַז איך דערמאָן אים דאָ־ווען אין גאַס, זאָגט ער מיר, אַז ער האָט דערווייל וויכטיקערע ענינים... אַזאַ דאַרף דאָך אַרומשמייענען איבער די קאָפּעען און ווו נאָר עס לאָזט זיך זייען אינטריגעלעך. הלוואי ברענגען אים אַהער נאָכן שירעם די רעגנס אין פרילינג...

— פרילינג? ערשט אין פרילינג מיט די רעגנס... — האָט הילע נאָכגעברומט און ווידער אַ מאָל זיך שטאַרק פאַרקוקט צו דער הינטערשטער וואַנט, וואָס פון דאָרט צעשטראַלט זיך ביי אים אָפּט אַ געדאַנקען־געוועב פון אַ שיינעם, העלדישן און גוטן טאַטן...

ג.

וואָס אַ טאָג ווייטער מיטן אַריינשפּרייזן פון פרילינג ווערט אַלץ לעבעדיקער אַרום קרענצלס וואַרשטאַט. אַ וואַרעמע זון האָט זיך צעגאָסן איבער דער אָפּגעלאָזענער ערד און פייכטער לופט. פון טויבנשלאַק לאָזן

זיך הערן דעם זונס האַדעוואַניקעס, און פון אין דער פרי אָן שטיפן שוין דאָ אַרום צוויי שכנישע יינגלעך. די קינדער קלעטערן אויף דעם דאַכליי־טער, יאָגן די טויבן און פאַרמעסטן זיך אין אַדורכבראַדזשענען וואָס טי־פער די לוזשעס מיט שנייוואַסער. אַלע ווײַלע קוקן זיי אַריין אין וואַר־שטאַט און מסרן פאַרן הויזווירט איינער אויפן צווייטן. איבערן הייפל צע־קלינגט זיך דאָס גלעקל פון גאַסטויער. קרענצל הערט זיך צו געלאַסן צום פּאַליצייאישן ליאַרעם, וואָס רופט אים צו אַרויספירן די שניי פאַר דער גאַס. זעט ער שוין ווידער אַ מאָל, אַז דערווייל מאַכט זיך ווייניק וויסן וועגן אים דער נייער גראָבער פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיך אַזוי צעבאַלע־באַטעוועט דאָ איבערן געסל. אין זיין ווילדער שטרענגקייט עקשנט זיך נאָך אָט דער דאָרפישער ליטווין אַריינצונעמען זיך אין קאָפּ, אַז ער, קרענצל, האָט שוין פון דאַנען אַרויסגעהאַקט אַזוינע פּאָליציאַנטן ביי אַ צענדליק. אַ פּאַפּיר מיט צוויי און זעכציק חתימות גייט אויף אים!..

אין וואַרשטאַט באַווייזן זיך איצט אָפּטער קונדן און קרענצל איז פאַר־האַוועט איבערן קאָפּ. דאָך פּועלט ער זיך צו זיין ביי אַ הייטערער שטי־מונג. נישקשה, זיינע חשבונות וועגן אַנשווים פון באַשטעלונגען האַלטן אַלע מאָל אויס. און הילע שטייט דערווייל ניט אָפּ. טעג גאַנצע אַרבעט ער אַוועק פון באַגינען־פרי. אויף פּסח, אַז מען וועט דערלעבן, דאַרף מען פאַר אים זען עפּעס אַ פּאָר מענטשישע הויזן... אַז דער מייסטער קוקט זיך אָבער אום ווידער אַ מאָל אויף דעם וואַקסנדיקן באַרג מאַטראַצן לעבן זיין געזעל, פאַרגנבעט זיך אויף זיין גוטער שטימונג ניט איין טריבער געדאַנק. אים גלייבט זיך שוין ניט, אַז נאָר מיט אַ פּאָר הויזן וועט ער עס אָפּקו־מען. ער האָט מורא, אַז מיטן צוואַרפן ווען אַ מטבע קאָן שוין אויך לענ־גער ניט אָנגיין; שטענדיקע געהאַלט וועט ער נאָך אים מוזן צאָלן. וואָ־רעם אַחוץ דער מאַמעס סקאַנדאַלן, האָבן אַנדערע טאַפּעצירערס שוין אָנ־געהויבן וואַרפן אויף זיין הילען אַן אויג. יע, ער מערקט עס בפירוש. און ווו איז חברה לינקע? די רויטינקע וועלט־דערלייזערס לויערן דאָך אויף אַזעלכע וויסטע נשמות!.. זעענדיק אָבער ווייטער, ווי דער קערעוועט אָפּט זיינע בליקן צו דער הינטערשטער וואַנט, — נעמט שוין אויך מאַטערן זיין געדאַנק, קרענצלס. דאָס אויפהענגען דאָ דעם שירעם האָט זיך פאַר־

וויקלט אין אַ צו האַרבן שפּילכל. די אַ צאַצקע בינדט טאָקע גאָר באַזונ־דער הילען צו זיין וואַרשטאַט; מיט יעדן אָבער וואַרעמען פרילינג־שטראַל ווערט דאָס יינגל אַזוי אומרואיק... וואָלט ער כאַטש פעסטער געגעסן! ער זעט אויס לעצטנס אַזוי אָפּגעצערט, אַז מען שיקט פאַר אים אַריין פון שטוב דאָס ברויט און געקעכטס, מוז ער דאָך אים ניט איין מאָל אויך צוטרייבן:

— גיס אין לאָמפּ, הילע, לייג אין די געדערעם, שיט אין זעקל!..

די לעצטע טעג איז דער מייסטער אָפּילו מער באַריידעוודיק מיט זיין געזעל. נעמט ער פאַר אים איצט אויך גרינטלעך דערקלערן דעם ענין עסן. אָט פירט ער שוין אַליין יאָרן לאַנג וועגן דעם אַ מילחמה מיט זיינע שטוביקע, וואָס ציילן אים דעם ביסן. באשר וואָס — „דאָקטוירים־שאַרלאַטאַנעס" האָבן זיך צו אים צוגעטשעפּעט מיט אַ מעשה פון צוקער־קרענק. פאַר אים גילט אָבער אין אכילה־ענינים דער איין כלל:

— כל־זמן דער בויך לעבט, ציט דער קאָפּ.

איצט, אַז סעזאָנצייט, האַלט ווידער ניט קרענצל פון אָנלאָדן זיך מיט „איבעריקע" מענטשן. אַחוץ די ביליקערע זאַכן, וואָס ער גיט אַרויס צו טאַנדעט־אַרבעטער, פילט ער דאָ אויס די אַלע באַשטעלונגען צוזאַמען מיט זיין געזעל. מיט זייערע „ברענענדיקע סעזאָן־אַרבעט" און „אַרויס־יאָגענישן פון דער נשמה" — חוזקט ער גדלותדיק — זאָלן זיך טרייטלען די שמענדריקעס, באַלמעלעכלעך וואָס פרעגט זיי באַכיירעם ווי צו פירן אַ וועלט. ער קרענצל ווייס נאָר פון יאָראַרבעט. און אויב ווען, ווייסער אַ מענטשעלע, שפּאַרט אָן אַריינפירן צו זיך אין שטוב אַ נייעם דיוואַן דווקא אויף פסח, הייסט עס נאָך ניט, אַז ער וועט דאָס זעלבע שטיקל מעבל ניט פאַרדייען אויף שבועות... וועגן אַ תירוץ פאַרן קונד, עפּעס אַ צוטראַכט אָדער אויסרייד, — איז א מענטש מיט נאָר אַ קאָפּ קומט ניט אין דעם קיין מאָל צו קורץ.

שוין אין דער פרי האָט דער וואַרשטאַט באַזוכערס. קרענצל איז נאָר וואָס צוריק פון שטוב נאָך פרישטיק, און הילע נעמט זיך דאָ אויפן אָרט צו זיין טעלער קרויט מיט בולבעס. פון גאַסטויערל ווייזט זיך אַ הויכע די־קע פרוי מיט אַ געצאַצקעטן מאַרקקערבל אין האַנט. די עלטערע טריט

אירע קליגן זיך צו אויסמיידן די געדיכטע לוזשעס אין הויף, צו גלייך איז איר פול ברונעט פּנים און מאַנדלאויגן געווענדט מיט נישטער צום אָפּע־נעם קעמערל מיט די אָנגעשטעלטע מעבל. קרענצל קען זי גוט. צוויי גרויסע הייזער מיט געשעפטן פאַרמאָגט אָט די אין צענטער שטאָט; די לעצטע יאָרן איז זי אויך אַ באַרופענע גבאיטע אין אַזוי פיל צדקה־חברות. אויפן קומענדיקן יום־טוב באַנייט זי עס גרונטיק איר רחבותדיקע דירה און וועגן דעם טאַקע איז זי אויך דאָ שוין דעם צווייטן מאָל פאַר דער איין וואָך. זי וויל שוין אַ מאָל אָנקוקן די נייע סאָפע און צוויי פאָטעלן, וואָס זי האָט דאָ באַשטעלט. עפנט פאַר איר דער מייסטער די טיר מיט אַ פריינד־לעכער איינלאַדונג:

— עס איז אין אָרדענונג, מאַדאַם פּערל. עס וועט נאָך גוט זיין אויך

— און גלייך מיט אַ שטרענגן באַפעל צום געהילף: — וואָס חלומסטו? וויַז אָקאָרשט גיכער דער מאַדאַם וואָס מען האָט געמאַכט פאַר איר!

— ניט אַזוי אויף דער מינוט, הער קרענצל — האַלט אים אָפּ די פרוי מיט אַ פאַרפרומט מיילכל — לאָזט דעם בחור אַ ביס טאָן, יאָגט ניט אַזוי אַ מענטשן!

קרענצל שוויבלט צו פון דער זייט אַ דורכגעטריבן בליק. גאָר פיין, הייסט עס, וואָלט ער אויסגעזען, אַז ער זאָל נעמען פאַר ערנסט די אַלע מוסר־רייד פון אַזוינע געוואָרענע צדקניותן...

— פרעגט בעסער, מאַדאַם, צי אָט דער בחורעץ דאַוונט וועןָ?..

— און איר, באַלעבאָס, — צערעדט זיך אומגעריכט הילע — איר אַליין פאַרפעלט דאָך אַזוי פיל מאָל דאַוונען!..

הע־הע, דער מייסטער זעט שוין באַשיימפּערלעך ווי די עטלעכע גוטע ווערטער פאַר די לעצטע טעג האָבן צעווילדעוועט דעם חברה־מאַן. קלוג האָט ער טאַקע זיך געהאַט געפירט, וואָס אין וואַרשטאַט האָט ער ביי דער האַנט געהאַלטן נאָר יונגע יאַטלעך. עלטערע — שוין ניט! וואָרעם גאַנץ באַוווסט, וואָס עלטער דער באָק אַלץ שטייפער דער האָרן. סאַראַ האָנאָר זיי באַקומען, זע נאָר!.. שוימט ער מיט גיפט:

— יוקש דו, ווער עס גלייכט זיך צו מיר!.. איר שטעלט זיך נאָר פאָר, מאַדאַם פּערל, אַז אַ תכשיט אַזאַ, וואָס קען מיט צרות אַ שייטל עברי און

פארווילדעוועט איז עס ביזן ביין, אַז אַזאַ זאָל ניט וויסן פון אַ גאָט און שוין גאָר ניט האָבן פאַר וועמען קיין מורא; איז דאָך דאָס פּשוט אַ וואַלד־גזלן, אַ רוצח!..

דאָס לעדערנע פּיין־געפלאַכטענע קערבל וויגט זיך ביי דער פרוי פערל אויף דער אויסגעצערטלטער האַנט און ווינקט צו איר וועגן גרויסע מערק מיט מציאות אין די איצטיקע וואָכן פון קריסטלעכן פאַסט. זי פאַר־געסט אויך ניט אַ מינוט, אַז אַ שטוב פול מיט גוטס איז געלאָזן אויף פרעמדע מענטשן. היינט דער רעמאָנט וואָס ברענט שוין דאָרט דעם וויפלטן טאָג, אַז זי אַליין האָט זיך אַפילו ניט געקאָנט פאַרגינען צו אַוועק־רייסן פון דער ארבעט כאָטש איין דינסט אויף נאָכצוטראָגן איר דאָס קער־בל! האָט זי שוין חרטה אויף דעם גאַנצן אַריינמיש אירן וועגן דעם בחורל און טוט נאָר מיט אַ רחמנות־מינע איילִיק אַ פרעג:

— און ווי, איז גאָר ניטאָ קיין טאַטע, אַ מאַמע?

— וואָס טאַטע? — שפּאַרט נאָך קרענצל מיט צאָרן — איר זעט ניט ווי דאָס גלאָצט נאָך אַנאַנד צו אָט דעם שירעם? פרעגט אים, וועט איר הערן, בנאמנות, אַ גאָר טשיקאַווע מעשה. און וואָס, איר קענט ניט זיין מאַמען? אָט די מזוזה, וואָס...

— אָבער, הער מייסטער, — האַקט אים איבער די פרוי, וואָס הערט שוין ניט אַ וואָרט פון די רייד דאָ און נישטערט נאָר פאַרוווּנדערט מיט אַ לאָרנעט ביי די אויגן איבער די מעבל. — הער מייסטער, די סאָפע האָב איך דאָך געזען כמעט אַ פאַרטיקע שוין מיט עטלעכע טעג צוריק. היינט וויל איך זען די פאָטעלן... טוט שוין די טובה און ענדיקט אַרויס!..

קרענצל בלייבט אַ רגע ווי צעטומלט; אים זאָל זיך ניט איינגעבן אַרויפצופירן אַ מענטשן אויף אַנדערע רייד!.. ער נעמט זיך אָבער מיען באַזאָכט מיט פעטע צעשמייכלטע אייגעלעך צו אָנקוקן דעם קוראַזש פון דער אָנגעיחוסנטער נגידיתטע. ווי די געדיכטע שמינקע צעקריכט איבער איר אויפגעלאָפענעם פּנים און די ליפּעלעך שנירלען זיך אַזוי קאָקעטיש!.. בייט ער שוין זיין טאָן:

— אַז געזונט זאָלט איר זיין, מאַדאַם... רעדט מען דאָך, אַז היינט איז די סאָפע אין גאַנצן פאַרטיק. שוין איין מאָל פאַרטיק, קוקט אָן; אָן אויס־

געאַרבעטע צאַצקע! און די פּאַטעלן וועלן אויך זיין... אַ קליניקייט, מען וועט דאַרפן קומען נאָך אַ מאָל; איז וואָס? אַט זאָל אַן עלטערער ייד האָבן טאָקע ווידער אַ מאָל הנאה פון כאַפּן אַ קוק אויף אַ שיינער פרוי. געוואַלד, סאַראַ ניט־פאַרגינערס מענטשן זיינען!..

מיט אָנגעשטרענגטן ערנסט פאַרטיפט פרוי פערל אירע צעפינקלטע בליקן ווידער אין דעם גלאָז און דרייט אים איבער די אַלע זייטן און ווינ־קעלעך פון איר נייער סאַפּע. באַלד איז שוין איבער איר פנים אויך אויס־געגאָסן אַ פרומע מינע און אין שטים — אַ קרעכץ:

— דער קאָפּ הוליעט, דער מוח דאַרט... זיך דאָ אַזוי פאַרדרייט, און גאָר פאַרגעסן אַז עס גייט אַזאַ גרויסער יום־טוב. אין שטאָט זיינען דאָך גע־בליבן נאָך ניט באַזאָרגט אַזוי פיל אָרעמע פאַמיליעס!.. יע, זייט אָבער מוחל, הער מייסטער, — צילט שוין פון דאָס ניי איר לאָרנעט צו דער סאָפּע — ווי אַזוי מאַכט איר עס די וואַליקעס אַזוי נידעריק?

מיט זיינע קורצע דיקע פיס איז קרענצל שוין ביי דעם מעבל, באַ־טראַכט עס שלייפיק מיט איין פאַרקוועטשט אייגל, שאָקלט צו חוזקדיק מיט זיין גרוילעכן קאָפּ און נעמט ווי אומגעריכט זיך גאָר מודה זיין:

— וואָס ריכטיק, מאַדאַם פערל, איז ריכטיק!.. איך בין ניט פון די מייסטערוקעס וואָס מלאכים שפרינגען זיי פון די „גאָלדענע" הענט. אַ געמאַכטן פעלער אָנערקען איך!.. זייט זיכער, מאַדאַם, נאָך היינט ווערט עס פאַרריכט, טאָקע פון גרונט איבערגעמאַכט, וואָס הייסט, ווי ס׳באַ־דאַרף!..

אַ הייטערע שטימונג צעקוועלט זיך אין קרענצלען מיט דעם צופרידע־נעם אַוועקגיין פון דער פרוי. שוין פאַרגעסן פון זיין פריערדיקן כעס, קומט אים אויף צו פאַרנעמען זיך איצט בעת דער אַרבעט אין אַ ברייטערן שמו־עס מיט זיין געהילף. איבערווייזן וועט ער אויף דער גרויסער קלוגשאַפט, וואָס עס פאָדערט זיך ביי דעם פאַך. סוף כל סוף דאַרף ער דאָך אים מאַכן פאַר אַ שטיקל מענטשן. רעדט ער מיט אַ באַלערנדיקן טאָן:

— האָסט געזען, הילע, און הער אויך וואָס מען רעדט מיט דיר. אויב דו ווילסט ווען זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך און ניט קיין אייביקער געהילף און שלעפּערוק, דאַרפסטו וויסן ווי צו ריידן מיט אַ קונד. מען דאַרף קענען

ריידן און פאַררײדן... אָט זאָגט דיר די יידענע, אַז עס טויג ניט די סאָפּע. איז ביטע שוין, מאַדאַם! און ביז וואָס־ווען, הייסט עס אַז איך האַלט אין צו רעכט מאַכן. מיט אירע פּאָטעלן וועלן מיר נאָך ערשט זען. פאַרשטייסט דען ניט, הילע, אַז די אַרבעט ברענט, און ניטאָ איצט קיין צייט!..

הילע קאָן אָבער ניט פאַרגעסן די וואַרעמע ווערטער וואָס די פרוי פּערל האָט דאָ געלאָזט פאַלן וועגן אים. פאַרשטייט ער שוין גאַרניט:

— באַלעבאָס, זי האָט דאָך אַזוי געבעטן אַרויסצוענדיקן די אַרבעט וואָס פריער, טאָן איר די טובה...

— אַ טובה, יענעם אַ טובה — ציט קרענצל אין זיך דעם שמייכל — אַוודאי וויכטיק, גאַר אַ פיינע זאַך טאָן אַ טובה... קומט ווער בעטן אַ טובה, עפנט מען פאַר אים אָקאָרשט ברייט אַ טיר, און מען זעט שוין, אַז ער זאָל אַריינשטעקן די האַנט אין צעעפנטן שפּאַלט, ביי דעם אושאַק. דאָ ערשט נעמט מען צוריק פאַרמאַכן. איז דאָך דער מענטש גלייך: אוי ווי! ניט קוועטשן, לאָזט נאָר אָפּ, טוט א טובה!.. אַ טובה אָט אַזאַ קאָן מען טאָן. בכבוד גדול!..

ניט אַלץ פון די קלוגע רייד איז ער דאָ תופס, הילע. ער זעט אָבער אַז דער באַלעבאָס רעדט צו אים ווי צו אַ גלייכן. דרייסט ער זיך מעשה אמתער געזעל און פלייסט זיך שוין אויך צו ריידן אויף דעם שטייגער פון מייסטער:

— אָבער אַ פיינע מעשה, אַזוינע וואַליקעס איבערמאַכן, פאָלג מיר אַ גאַנג!

— פערד איינער, — פאַרמאַכט אים קרענצל באַלד דאָס מויל — גולם, ווער וועט איבערמאַכן? אַוודאי דאָך שלעכט אָפּגעאַרבעט?!.. דו ביסט מסתמא צעקראָכן פון דער מאַדאַמס קוקגלאָז. אַ פּייעם ניט ווערט! גראָד אַזוינע זעען אַ קרענק און פאַרשטייען אַ קדחת... ווייסט דאָך, הילע, — איז שוין קרענצל גאָר פריינדלעך און נעמט פונדעוועגן מיט א מעשה פון זיינע אַמאָליקע יאָרן. — דו האָסט שוין געוויס פון מיר געהערט, אַז יונגערהייט פלעג איך מיטגיין מיט מיין טאַטן אויף אַרבעט איבער די פּריצישע הויפן. און וואָס הייסט אַרבעט איז דאָרט געווען? די רייכסטע און טייערסטע מעבל! אַז ווער האָט גאָר דעמאָלט געוואָלט הערן פון אָט

די פּרוטותדיקע באַשטעלונגען... זיינען אָבער פּריצים אַזוינע משונהדיקע קאַפּריזניקעס, וואָס זעלטן אַ באַלמעלאָכע זאָל קענען מיט זיי אויסקומען. מיין טאַטע, עליו השלום, פלעגט אָבער ניט נתפּעל ווערן.

אַרום קאַלוואַריע האָט געוווינט אַ גראַף זאַקריצקי. האָבן אַלע געוואָרנט מיין טאַטן: רב שלומה, נאָר ניט ביי אָט דעם! ווי איר וועט ניט אַריינאַרבעטן, וועט ניט טויגן... מיין טאַטע, הערט אָבער קיינעם ניט און נעמט זיך אָן ביי אים אין הויף צו מאַכן גאַנצע צען דיוואַנעס פון פּליוש און קרעפּאָן — איך געדענק דאָס ווי היינט — מיט די אמתע ווענטלעך און געצאַצקעטע קאַרניזן...

שוין דעם ערשטן טאָג פון דער אַרבעט דערטראָגן זיך פון פּאַלאַץ סקאַנדאַל־געשרייען, ווי דאָס ערגסטע וואָלט דאָרט פּאַרלאָפן. שרעקט זיך ניט מיין טאַטע און שאַרט זיך אַהין אַריין, איך — נאָך אים. מיר זעען — דער אַלטער גראַף שטייט אין אַ ברייטן־לאַנגן זאַל מיט אַ גרויסער שפּאַקטיוו אָנגעשטעלט קעגן אַ הויכן ערשט־פּאַרענדיקטן אויוון. זיינע ביידע אויגן אַריינגעשרויפט אין דער מאַכינאַציע, ליאַרעמט ער אויף אַ יידישן מוליער. די לינקע זייט אויוון, ריטשעט ער, איז געבויגן, אין גאַנצן קרום!.. אַ טויטער שפּרינגט דער באַלמעלאָכע פון איין ווינקל אויוון צום צווייטן, טייטלט אויף די ראַנדן קאַכליעס, ווי שיין זיי גייען. ער טענהט איין, פּלייסט זיך אויפווייזן מיט אַ וואַסער־וואָג אין דער האַנט אויף דעם כראַביעס טעות. און אַז עס העלפט פּאָרט ניט, נעמט ער וויינען, בעטן רחמנות... דער אַלטער אָבער דונערט. די אַרבעט איז שוין דאָ אַ באַגראָבענע מיטן מייסטער צוזאַמען!..

— פּאַר וואָס זאָל דער יאַשנע וויעלמאָזשע זיך נעמען זיין טייערינקן געזונט צוליב אַזאַ קלייניקייט?.. — רוקט זיך אונטער מיין טאַטע ביים סאַמע שפּאַקטיוו און הייבט אָן צו גלעטן דעם פּריץ מיט ווייכע רייד. צום יידן שטעלט ער אָבער אָן אַ בייזן פּנים און מוסרט אים אַוועק: — אַז טאַקע, צו וואָס דאָס דינגען זיך פון פּאַן מייסטער, אַז מען קאָן דאָ גלייך פּאַרריכטן?! אָט איך אַליין — פּירט אויס מיין טאַטע — גאָר ניט קיין מוליער, קען עס אויך מאַכן צו רעכט, אַפילו אָט די מינוט!..

אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, שפּאַרט זיך איין מיין טאַטע

מיט אַ פּלייצע אין אַ ווינקל אויוון, און שטופּט כלומרשט מיט אַלע כו־
חות!..

— אַט־אַט, ס׳גייט! — שרייט מיט ניצחון דער אַלטער גראַף, לאָזט ניט אָפּ פון אויג דעם שפּאַקטיוו און ער גיט צו מוט: — דאַבושע! נאָך אַ ביסל, פּאַן מייסטער, נאָך עטוואָס, נאָך!.. העלף אים צו דו אויך, פּאַר־שייטער פּעטשקער, שטעל צו דיין פּאַרכאַטע פּלייצע! — צעשרייט ער זיך אויף דעם צעטומלטן מוליער... און מיט אַ מאָל ברילט שוין אָפּ פון אים אַ קאָמאַנדע און דער שפּאַקטיוו צעוויגט זיך איבער זיינע אויגן: — האַלט!!! איצט שוין דער אויוון גלייך ווי אַ סטרונע, גענוג!!

— הערסטו, הילע, — פּאַרענדיקט קרענצל זיין מעשה — הערסטו, פּאַרמאָגן זאָל איך איצט אין מזומנים ניט מער ווי אַ העלפט, יע, איך באַ־נוגן זיך אויך מיט אַ העלפט, וואָס מיין טאַטע, עליו השלום, האָט נאָך דעם אין עטלעכע געציילטע יאָרן אַריינפּאַרדינט ביי דעם אַלטן גראַף זאַקריצ־קי!..

ד.

מיט אַ געשלענגלטן קוק פון דער זייט ווערט קרענצל געוווירר, אַז זיין יונגער געהילף האַלט אָן די גאַנצע צייט ווי געהער אין דער אַרבעט. די פּרילינגזון באַשטראַלט זיין רויען פּנים און ער ציט געשיקט די שטריק־לעך אַדורך די אָנגעשטאָפּטע מאַטראַצן. פון דרויסן רייסט דאָס טויער־גלעקל שוין צום וויפלטן מאָל. ביי אים אָבער, קרענצלען, ברענט ניט מי־טן שניי אויף דער גאַס, און ער מעג עס וויסן, דער פּאָליציאַנט!.. אויפן הויף קלייבט זיך אַרויף אַ הויכער און רויט־אָנגעגאָסענער ייד, באַהאַנגען מיט אַ שווערער קאַטערינקע, און אויף איר שפּרינגט אַרום אין אַ שטייג אַ פּאַרביק פייגעלע. געשווינד שטעלט ער אָפּ זיין כלי אויף דעם הילצער־נעם פוס און נעמט דרייען אַ הייזעריק־סקריפּעדיקס אויפשפּיל. די טויבן רייסן איבער צעשראָקן זייער אכילה פון די צעשפּרייטע קערנדלעך און צעפליען אויף אַלע זייטן. פון די טירן גיט זיך אַ שאָט חברה קליינוואַרג מיט מטבעות אין די הענט. איז אָבער גענוג איין קוק קרענצלס אין שויב

אַריין, ווי די פריילעכע מעלאָדיע איז שטום און דער מענטש מיט זיין גע־צייג נעמט זיך האַסטיק רירן. דאָס בילד געפעלט אַזוי דעם אויפגעלייגטן באַלעבאָס, אַז ער צעפּויקט זיך אין פענצטער צום קאַטערינאַר און הייסט אים ווייטער שפּילן. אין זיין אַרויסגעשאָסענעם געלעכטער ווינקט ער אויך צום געהילף:

— קוק נאָר אָן, הילע! אָט דער איז ניט דיינער עפּעס אַ נייער „טאַ־טע" אין אַ נאָווינע?..

אַ ווײַלע פריער האָט דאָס ייִנגל שוין געהאַט באַמערקט אַז מיט דער קאַטערינקע איז דאָ שייע. פון אַ שטראָם שווייס ווערט אָפּגעגאָסן זיין דורכגעשטויבט פּנים און גאַנצער קערפּער. צום ערשטן מאָל שפּאַרט עס אים אויך מיט טרערן פון דעם מייסטערס געזאַלצן שמייכעלע... דער כאַפּט זיך אָבער אויסדרשענען ווייטער דעם טיפערן זינען פון זיינע פריערדיקע רייד, די באַלערנדיקע. גלעט ער שוין מיט זיין צינגל דעם אַרבעטער:

— געדענק, ווילסטו זיין אַ מייסטער פאַר זיך, מוזסטו וויסן ווי צו האַנדלען מיט אַ קונד. און זיי זיינען דאָ אַלע מינים. דער עיקר אָבער, מיט יעדן איינעם אויסצופירן דייניקע!..

— זאָג איך דאָך — איז שוין ווידער האָפערדיק הילע און פאַרנעמט זיך ווי מיט אַ געהויבענעם טאָן — אַוודאי דאַרף מען ניט מאַכן אַלץ וואָס דעם קונד פאַרוועלט זיך. לאָז זיך נאָר אַריין!.. וואָס זאָגט איר, באַלע־באָס?

— שוטה דו! — קנאַלט אַרויס קרענצל און יאָגט פון דעם יאָט די אויפגעקומענע תקיפות — שטיק פלייש מיט אויסגעשטאָפּטע אויגן! מיינסט אַז אַלע מאָל גיט זיך שוין איין אַריינצופרייערן... מיט דיין קאָפּ און שכל האָט אַ מאָל אַ שניידער, טאַקע אויך ביי אַ פּריץ, זיך גאָר ריכטיק אַריינ־געטאָן.

אַ האַסטיקער טיר־עפן האָקט איבער קרענצלען. פאַר אים שטייט אַ הויכער און שמאָלפּלייציקער מענטש, פראַנטיש אָנגעטאָן, גלאַט ראַזירט און פון אונטער אַ געמאַטערט־היימלעכן שמייכל שלייפט זיך אַ פאַרביסן אָנגעשטרענגט געזיכט.

— אפנים גאָר פיינע מעשיות דערציילט איר דאָ, הער מייסטער, גוט מאָרגן אייך...

קרענצל איז גאָר ווי פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. אַ ווײַלע שפּעטער דרייט ער זיך אַוועק צום געהילף און לאָזט אים וויסן מיט אַ שטורך אין זייט, אַז אַ שטיק לייוונט וואַלגערט זיך אונטער זיינע פיס. באַלד נעמט ער זיך מיוּשבדיק פאַרקאַשערן די אַרבל איבער זיינע נאַקעטע האָריקע הענט. פון מאָל וואַרפט ער אַ בגנבהדיקן קוק אויף דעם אַריינגעקומענעם און קען ווי ניט תופס זיין דעם אומפּריינדלעכן אַנבליק פון אָט דעם. עפּעס זאָל דער זיין אַ וואַנדערנדיקער אַקטיאָר אָדער זינגער, וואָס האָט זיך אין שטאָט דאָ פאַרדרייט און אָפּגעשטעלט אַ חופּה, און ווער ווייס צום וויפלטן מאָל ביי אַזאַ איינעם. זיינען די מאַטראַצן פאַר דער נייער פּאָר איינגע־קויפט געוואָרן ביי אים דאָ אין וואַרשטאַט. — איז אַזאַ שטעקל־דרייער און האָצמאַך בלאָזט זיך שוין אַוודאי אויך אויף זיינע אַרבעט?..

— איר דערקענט מיך שוין ניט? — באַשליסט זיך דער מענטש אַדורכ־צורייסן דעם שניידיקן גלייכגילט — אויך איך בין געקומען, הער מייס־טער, דערציילן אַ מעשה...

— אַ מעשה, אַ מעשה איז אַ מעשה — זייט אַרויס דער באַלעבאָס קאַלטלעך און שטעלט אָן אויף אים אַן אַנוווּנדערנדיק פּנים מיט אַ שפּאָ־טעריש פאַרקוועטשטן אייגל — ווי דען, נאָר מעשיות, און פיינע, זאָל מען זיך דערציילן!.. וואָס, איך דערקען אייך ניט? טאַקע אַ מעשה אַ פיינע... אָט ווען איר זאָגט דאָס מיר בנוגע אייערע באַצאָלטע געלט פאַר די מאַט־ראַצן, איז עס אמת; אָסור, אויב ס'איז נאָך דאָ ביי מיר פון דעם אַ געדע־כעניש. אַגב, האָב איך טאַקע מיטן מקח זיך גוט אריינגעטאָן. זאָל זאָגן אַפילו מיין געהילף!.. נאָר גאָרניט, נוצט די מאַטראַצן געזונטערהייט. דאַכט אייך קומט אַ מזל־טוב אויך. שוין געוועזן אייער חתונה? נו, מיט גליק!..

— יע, הייסט עס — דערגייט שוין דעם קונד ביז גאָר דער מבול רייד — הייסט עס, אַז איר האָט זיך גאָר פאַרנאַרט... איך קום אָבער דאָ ניט אויף צו דערלייגן אייך קיין געלט. נאָר פּשוט דערציילן אַז די ספּרווזשי־

נעס פון אייערע מאַטראַצן האָבן זיך פאַר די עטלעכע טעג אַרונטערגעלאָזט, אין גאַנצן איינגעפאַלן...

— נעבעך די כשרע ספּרוזשינעס. דאַכט עכט אויסלענדישע!.. נאָר זעט איר, יונגערמאַן, דאָ ווענדט זי שוין אויך זאַלבע וויפלט און ווי אַזוי מען שלאָפט אויף אַ מאַטראַץ...

— איך בין צו אייך, הער מייסטער, געקומען אויך ניט אויף אויסצו־הערן חכמות! קומט אַריבער, זייט אַזוי גוט, צו מיר אין צימער, און איר וועט אַליין זען סאַראַ פּנים אייער סחורה האָט!..

— אַז געזונט זאָלט איר זיין, איר ווייסט ניט אַז עס איז סעזאָן? ווי קומט גאָר איצט אַ באַלמעלאָכע צו שמייענען? און צו וואָס, איך גלייב אייך דען ניט?.. האָב איך שוין אַ בעסערע עצה! איר זעט זיך טאַקע אָן אַ רעכט ביסל מער געבילדט פאַר מיר, אָבער דאָס מאָל וועט איר אַליין זאָגן, אַז גערעכט בין איך... ווי איר קוקט מיר אָן, מיר נעמען אַ בייגעלע פּאַ־פּיר, אָט מאַכט מען שוין ריין דעם טישל. הילע, מאַך עס שנעל!.. גיב איך גלייך דעם אַדרעס פון דער אויסלענדישער פירמע, און מיר שרייבן זיי אַקאָרשט אַוועק, אָט צו די גנבים, דעם אמתן בריוועלע. איך פאַרלאָז זיך שוין אויף אייך. געהערט, עס איז דאָך טאַקע אַ סקאַנדאַל!..

ביז בלוט פילט זיך דער מענטש באַליידיקט. פאַרשטשעמעוועט שאַרף די ציין, שפּאַנט ער איבער דעם וואַרשטאַט מיט צערייצטע באַוועגונגען און געפינט זיך קיין אָרט ניט.

— הערט, פעטערל, צום נאַר זאָלט איר מאַכן זיך אַליין, ניט יענעם!..

— הייליק! — שטעלט זיך אים קרענצל אין פּנים אַריין — איך מיין עס גאַנץ מיט אַן אמת. מיר וועלן צו דער פירמע אָנשרייבן, איר הערט.

— אַ מנוול זייט איר, אַ באַנדיט — שפּרינגט אַרויס דער קונד און טוט אַ זעץ מיט דער טיר — מיר וועלן זיך זען אין געריכט!!

— אין געריכט?.. — שרייט אים נאָך דער טאַפּעצירער — למען השם! וועט אזא ווי איר ערשט געוויר ווערן, אַז אויך דאָרט איז קרענצל ניט ווייניקער מייסטער...

די וואָרענונג האָט אים גאָר ווי אויפגעשטראָלט. אין געריכט!.. ער דער אַלטער מישפּטניק, האָט קיין מאָל ניט דורכגעלאָזט אַ געלעגנהייט צו

פאַרמעסטן זיך מיט מענטשן פאַרן ריכטערטיש. וויפל מאָל באַט ער זיך אַליין אָן פאַר אָן עדות אין גאָר זייטיקע סיכסוכים. און האָט ער נאָר פרייע צייט, נעמט ער אַרומשפּאַצירן אויך איבער די געריכטן. אַט שוין דאָס אַרומדרייען זיך דאָרט, דאָס שפּאַרן זיך מיט מענטשן וועגן דעם ארויס־גאַנג פון יעדן פּראָצעס און זיין וואַרפן דערביי מיט „קאָדעקסן און גע־זעצן, פּאַראַגראַפן און פּונקטן״, וואָס זיינען לטובת די געמישפּטע אָדער שניידן זיך אויף זיי, — דאָס אַליין פאַרשאַפט אים די אָנגענעמסטע שעהן אין זיין אָנגרייפּעריש־פאַרהאַוועטן לעבן... פון דעם געדאַנק אַליין, אַז טאָקע גאָר אין קורצן קאָן זיך דאָ אויספּיקן אַ לעבעדיק מישפּטל, איז קרענצל שוין מונטער געריירט. נעמט ער זיך צו זיין איבערגעהאַקטן שמו־עס און מיט אָן אויטאָריטעטן טאָן ווידער ציען פאַר זיין גזלן דעם פּאַ־סיקן מוסר־השכל אויך פון דעם צווישנפאַל דאָ. דערביי פאַרגעסט ער ניט שוין צו נעמען זיך צוגרייטן הילען ווי אָן עדות צו דעם פּראָצעס:

— נו, זיי מיר ביי היינטיקע צייטן אַ חכם!.. סט׳געזען אַ רציחה!.. וויפל האָט געפעלט אַז בלוט זאָל זיך גיסן? דו, הילע, נעם זיך אָקאָרשט גוט אַריין אין קאָפּ, אַז אַט דער מענטש איז מיך פון העלער הויט באַפאַלן מיט דער ערגסטער זידלעריי און זיך פּאַרמאָסטן אַפילו שלאָגן!.. איז זעסטו, דאַכט גאָר אַזאַ מין פאַרשווינדל, ווייסעך, עפּעס אַ וואַנדער־פויגל, אַט פון די טעאַטערס. אַז דער איז געקומען צום ערשטן מאָל דאָ אין וואַרשטאַט צוזאַמען מיט זיין כלה־לעבן, אַט דאָס איצטיקע ווייבעלע זיינע, — ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז מיר וועט נאָך אויסקומען צו טרעפן זיך מיט אים?.. די אַ מענטשן, זיי ציען דיך אָפּט מאָל אָן וועגן מעבל, וואַרפן זיך אַרויס אַפילו מיט אויפגאַבגעלט, און מער זעסטו זיי ניט. און זייער חתונה האָבן? דערגייט שוין יע ביי זיי צו אַ חופּה, איז שוין אויף מאָרגן אָדער מען גייט זיך גטן, אָדער צו דעם פרישינקן פּאַרפאָלק פאַלט פון ווו אַריין מיט אַ סקאַנדאַל גאָר אַ פאַרלאָזטע פרוי פון „חתן״, און דער פיינער פּאַר־שוין איז שוין ניט קיין היגער. מ׳קען זיי, די פּראַנטן.... דיין טאַטע איז דאָך צו זיינע אַלע פּרנסות געווען עפּעס אַ גרימירער ביי חברה אַקטיאָרן, און צו מאָל מיט זיי אויך מיטגעשפּילט. האָט זיך אים אונטערגעמאַכט דיין מאַמינקע אויף אַ קורצער צייט...

האַרב טרעפן הילען די ווערטער. די לעצטע טעג פּייניקט אים אַזאַ אומרו. דער פרילינג איז שוין אָט אויפן שוועל, עס רעגנט אונטער, — און דער מענטש פון שירעם ווייזט זיך נאָך אַלץ ניט!.. רייסט זיך ביי אים אַרויס אַנקרייטיק:

— טאָ פאַר וואָס ווילט איר מיר ניט דערציילן נאָך פון מיין טאַטן? איר ווייסט דאָך אַלץ, באַלעבאָס!..

— גולם דו! — כאַפּט זיך קרענצל פאַררייבן זיינע רייד. — מיר ריידן דאָך פון היינטיקע צייטן און מכוח אונדזער פאַך, אָט די טאַפּעצירערײַ. פאַר־שטייסט, ערלעך איז שווערלעך...

— אָבער וואָס פון די פאַרזשאַווערטע ספּרוזשינעס דווקא אָט דעם מענטשן?.. — איז שוין הילע באַנומען פון אַ וואַרעמען געפיל צו דעם אַקטיאָר.

— קונע־לעמל! הערסט דאָך אַז דער איז עפּעס אַ פורים־שפּילער, אַ ציגיינער, פון די וואָס היום בכאן מחר בקיידאַן; דאַרף מען שוין איבער־טראַכטן אויך ביי אַזאַ איינעם?.. אַז בכלל, וואָס די גרויסע חשבונות? האָסט אַ בראַק אַ סחורה, זע ווי גלייך פּטור צו ווערן! נעמסטו אָבער דער־ציילן מעשיות דעם קונד, ווייזן איינעם און נאָך איינעם דעם מכולהדיקן אַרטיקל, פאַרלייגן הנחות, — וועט קיינער סיי ווי ניט זיין דער בעלן. מענטשן וועלן נאָר נעמען וואָרענען איינער דעם אַנדערן, אַז ביי דיר איז אַלץ טראַנטעוואַטע... אַ הון, טרעפט אַז עס ווערט פאַרפאַלן. איז דאָ אַ באַלעבאָסטע וואָס נעמט זי אַרומזוכן מיט ליאַרעם. הערט שוין די גאַנצע גאַס, אַז מ׳גנבעט היינער. באַהאַלט באַלד יעדער איינער די עופות, און די שרייערקע וועט שוין איר הון ניט אָנזען. אַ באַלעבאָסטע אָבער מיט אַ קאָפּ, גיט זי אַ נעם אין דער שטיל אַ הון פון דער שכנטע. אַז די איז ווידער ניט קיין נאַר, טוט זי דאָס זעלבע פון אַ צווייטער. און יענע — פון נאָך אַ ווייטערדיקער. אַזוי איינע פון דער אַנדערער. פעלט אַ הון עק וועלט...

— אָפּנאַרן אין דער אַרבעט, איז ניט ריכטיק... — רעדט אַריין הילע מיט אַ געהויבענעם טאָן, ווי אַ וואָרט דאָ פון דעם באַלעבאָס׳ לערע איז אים ניט אַריין אין אויער — אַרבעט איז אַ הייליקע זאַך. אַרבעט איז דער גרונט פון אונדזער גאַנצן לעבן...

קרענצלען טוען זיך די פּאָר אויגן ברייט אַן עפן, איבערן ברוסט פּאַרוואָרפן זיך די הענט און לאַנגזאַם צעשאָקלט זיך דער קאָפּ:

— אַ קלאָג צו די יאָרן!.. ער נעמט דאָך שוין באַלד זאָגן אַז איך בין ניט קיין „פאַרגעשריטענער", אַז איך בין אַן „אָפּגעשטאַנענער עלעמענט"... הילע, זיך שוין ווו אָנגעשמעקט?.. איך זע, הילע, אַז דו ווערסט מיר דער יושר־זוכער; וועסטו ליגן נאָך טיפער אין דער אדמה...

ה.

אַ כאָפּטע קינדער וואָס שפּילן זיך איבערן הויף אין דער בייטאָגיק צעוואָרעמטער זון און פארשטיפּן זיך זעלטן נענטער צום וואַרשטאַט, לאָזן זיך פּאַר אַ מאָל אַלע אָהער מיט אַ געלאָף:

— באַלעבאָס, פון פּאָליציי איינער, אַן עלטסטער!..

פון אָפּטן ליאַרעם מיטן טויער־גלעקל ריכט זיך שוין קרענצל דעם גאַנצן טאָג אָנצוציען אַ ביסל מיטן פּאָליציאַנט פון געסל. איצט זעט ער גאָר דעם קוואַרטאַלנעם אַליין מיט זיין שטראַמען הילוך, אַדורך די צע־גאָסענע קאַלוזשעס. זאָל שוין האָבן אָט דער אין גאַנצן פאַרגעסן פון דער פּאָר שיינע בעטן, וואָס נאָך ניטאָ קיין האַלב יאָר ווי ער האָט זיך אַריינ־געפירט פּאַר שפּאָט ביליק?.. ניין, ער רעדט גראָד וויך, חכמהט זיך אַפילו אונטער אויף זיין ליטוויש און וויל אים פאַרהיטן פון אַ פּראָטאָקאָל:

— ע, פּאָנאָס קרענצעליס, שוין די לעצטע שניי, אָט דאָך שוין פרי־לינג!.. מ׳וואָלט שוין אין וואַרשטאַט דאָ אויך געמעגט עפענען אַ פענצ־טער. סאַראַ שטויב און הייסע שטיקעניש!..

צעשטראַלט שמייכלט דער מייסטער און מיינט טאַקע אַ זאָג טאָן זיין אַרבעטער, אַז ער זאָל אַ ביסל וויניקער מאַכן דאָ שטויב פון די אַלטע ים־גראָז און סטרוזשקעס וואָס ער פּאַקט אין די מאַטראַצן. זיין בליק טרעפט אים שוין ווידער אַ פאַרחלומטן מיט פאַרגלאָצטע אויגן. אַהאַ, מ׳האָט איצט דאָ דערמאָנט פון פרילינג!.. לאָזט ער אים ניט אַרויסשלאָגן זיך פון דער אַרבעט און וואַרפט אים צו אין דער שטיל און ווי פאַרטרוילעך אַ מונטער וואָרט:

— הילע, כ׳רעכן, אַז דו ווייסט אַליין ווי צו שטאָפּן אָט די פּאַרטיע מאַטראַצן; וואַרף זיך ניט אויף מיט וואַטע...

דאָס בחורל גיט זיך אַ כאַפּ צו דעם באַלעבאָס׳ רייד, איז צעוואָרעמט פון דער פריינדלעכקייט און ענטפערט אָפּ האָפערדיק:

— כ׳רעכן אַז איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן; די סטרוזשקעס און ים־גראָז רייב איך העלפט אויף העלפט!..

אַ ברייטערן שמועס קליגט זיך קרענצל אָנצוציען מיט דעם געהוי־בענעם גאָסט און פאַר איין וועגס שוין פאַרשיטן דעם נייעם פּאָליציאַנט אין געסל. זאָל דאָ דער אָדון הערן און נאָך אַ מאָל הערן, אַז אָט דער איז ניט מער ווי אַ גרויסער שיכור און סקאַנדאַליסט אויך... איז אָבער דער קוואַרטאַלנער שוין שווער אויף אַ וואָרט. ער שלייפט גאָר זיין פּאָר שמע־קערישע עיניים אויף הילען, פּינטלט כסדר מיט זיינע גלאַנציק אויפגע־לאָפּענע אויגן־דעקלעך, ווי ער וואָלט זיך מיען ארויסצוטרייסלען עפּעס וואָס דורך זיינע שיטערע וויעס.

— אָט דער?.. איך האָב אים שוין לענגער אויפן אויג... וואָס קריכט ער דאָרטן אין די אָוונטן אונטער די פענצטער פון די גרויסע קאַפּעען?.. אין יוגנט־אויסבעסערונג־קאָלאָניע, האַלט איך, דאַרף מען אַזוינעם אַרי־בערפּעקלען!..

— וואָס הייסט, פּאַנאָס, אים אַרויסשיקן? — שטוינט קרענצל מיט אומרו — מיינער דאָך אַן אַרבעטער!..

— זיכער! — צעלאַכט זיך דער פּאָליצייסקער — אַז איך זע אים היינט ביים פּאַנאָס קרענצעליס אין וואַרשטאַט, ווייס איך, אַז אין קיין אַנדער קאָלאָניע האָט שוין אָט דער אַרומטרייבער ניט נייטיק. כאַ־כאַ! יע, פּאַנאָס קרענצעליס, מיר זיינען דאָך אַלטע באַקאַנטע!..

לאַכט מיט צופרידן דער מייסטער און נעמט פאַרן קנעפּל אויסרימען זיין שטרענגקייט צו אָט די חברה־לייט. ער צערעדט זיך איבער דער גע־וואַלדיקער פּעולה וואָס אַזוינע טוען ביי אים אויף אין וואַרשטאַט. דאָ כאַפּט ער שוין אַריין מיט אַ וואָרן טאָן דעם געהילף זיינעם מכוח די קאַ־פּעהייזער... וואָס דער קריכט טאַקע דאָרטן אַרום, — שטויסט ער זיך אָן גאָר קלאָר פאַר זיך אַליין, קרענצל. דעם מענטשן פון שירעם ווילט זיך

עס אים דערטאַפּן, אַט דעם סאַפּירן. די רייד זיינע פאַלן אָבער גאָר שטרענג, ווי פאַר פּאָליציי:

— הערסט שוין, הילע? איך בין פאַר דיר פאַראַנטוואָרטלעך!.. זאָלסט מיר זיך ניט אַרומדרייען איבער די גאַסן. און טאָרסט פון מיר שוין אין קיין אַנדער אָרט ניט אַוועקגיין. וואָרעם דעמאָלט מוז איך דאָך מעלדן דער פּאָליציי, און דו ביסט אין עטלעכע שעה ניט קיין היגער!..

אַ צעטומלטער, צעפּלעמלען זיך ביים יונג די ברייט אויסגעשטעלטע אויגן און לעשן זיך באַלד אויס. ווידער נעמט ער קוקן מאַט, אָפּגעלעבט, טעמפּ. דער צעשויבערטער קאָפּ איז צוריק איינגעגראָבן אין דער אַרבעט און באַמערקט אַפילו מינוטן לאַנג ניט, אַז דער פּאָליצייסקער איז שוין פון דאַנען אויסגערונען.

שעהן ראַנגלט ער זיך נאָך מיטן פרילינגטאָג, וואָס וויל ניט לייכט צעקריכן און האָט זיך אים לאַסטיק אַזוי געלייגט אויפן געמיט. ער קוקט אָן שטום פאַרביטן דעם באַלעבאָס, וואָס נאָך אַ טאָג פּלאַפּלען האָט ער זיך מיט ברען געכאַפּט צו דער אַרבעט, און ער זידלט זיך שוין ניט, און שטעכט ניט... פון דעם געווימל טריבע מחשבותן קוועלט ניט אויף ביי הילען קיין איינציק וואָרט אויף אַרויסצורייד פון מויל. אַז ריידן צו קיינעם האָט ער ניט, — פאַלט אים ניט איין. ער קוקט דאָך אויס און קוקט אויס אויף גאָר אַ נאָענטן לעבן זיך.

ערשט אַז ווייט הינטערן הויף, אַזש פון דער אָפּשפּיגלדיקער הימל-יאַרמלקע אין ברייטן טייך, פאַררייסט די זון אַ גוססדיקן אויג, און איר פלעמלדיקער שיין גליווערט אין דער ווידער פרירעוודיקער לופט, — נעמט זיך איצט הילע רירן פון דער טונקעלער פּאָדלאָגע. באַזאַכט טריי-סלט ער אַרונטער פון זיך דעם מיסט און וואַרפט זיך אַרויף דאָס היטל אָן קאָזיראָק און צעקאָדערטן מאַנטעלע. שוין האַרט ביי דער טיר, מורמלט ער אַרויס:

— איך גיי שוין...

— פאַר וואָס ניט?... — איז קרענצל מילד — איך בין דאָך ניט פון די וואָס פאַרלאַנגען, אַז דער מענטש זאָל זיך אַרום זיי סתם אַרומדרייען. ווייסעך, טאָמער גיבן זיי אַ נאָס, זאָל זיין ווער עס זאָל זאָגן „צו רפואה!"...

— היינט גיי איך נעכטיקן צו דער מאַמען... — רעדט שוין הילע מיט מער זיכערקייט — איך וועל, באַלעבאָס, מאָרגן פרי ניט פאַרשפּעטיקן... צו מיין מאַמען אין שטוב מעג איך דאָך גיין...

שטערט די טונקלקייט קרענצלען צו אַריינרייסן זיך דעם געזעל זיינעם אין פּנים אַריין און מאַכן אים קוקן גלייך אין די אויגן. דער טאָן אָבער וואָס ער הערט דאָ אַרויס, לאָזט אים ניט בלייבן אין גאַנצן שטיל:

— די מאַמע ווי די מאַמע... אַ מאָל ציט דיך גאָר צו עפּעס ברידער־לעך, אָט די גוטע ברידערלעך?... „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט" האָט מען שוין אַ מאָל געזונגען... היט זיך, הילע, פון די וועלט־דערלייזערס, היט זיך!..

אויף שטעטלשן שליאַך

א.

— פינף !..

שוין דעם פינפטן בלאַט אין ספר איבערגעקערט, פאַרפעסטיקט צירל פאַר זיך אַליין איר פרייד מיט די אייגענע ליפּן. וואָס פאַר אַ ספר און וואָס איז דאָרט געשריבן אין די פאַרגעלטע בלעטער, וואָס איר מאַן איז אַריינגעטאָן אין זיי, זיצט איבערגעבויגן, שאָקלט זיך אונטער און זינגט צו, און זי ציילט עס אַזוי פאַרגאַפט, — ווייס ניט די יידענע. מיט דעם עברי־טייטש פון די ווייבערישע תחינות איז איר אויך ניט לייכט, און אין סידור גייט איר גאָר שווער. זי ווייס נאָר, אַז איר מאיר קוקט עס אריין אין הייליקע ספרים, און וואָס מער ער טוט אין דעם, שטייגן די מיצוות און ס׳וואַקסט דער חלק עולם־הבא... פון נאָך וועטשערע שטייט זי שוין אַ רעכטע צייט אויפן שוועל פון דעם גרויסן צימער; אין האַנט פאַרלייגט איבער דעם איינגעפאַלענעם ברוסטקאַסטן, און די צווייטע לענט זיך אויף דער מיטן עלנבויגן און שפּאַרט אַוועק מיט די פינגער אין דעם קוועליקן פּנים, וואָס איז מיט שטראַליקע אויגן געשמידט צו דעם גרויסן דעמבענעם טיש איבערן מיטן שטוב. דער קוק אירער גלעט פון ווייטן די ברייטע, גרויע באָרד, וואָס איז זיידיק צעלייגט איבערן ספר, גייט ביז די פליישיקע ליפּן, וואָס רונדן זיך אַרויס פון די פאַרקעמטע וואָנצעס, די דופּטיקע און פאַרגעלטע פון דעם שמעקטאַבאַק. עס לויפט איר בליק איבער די סאַמעטענע אויגן און שטעכיקע ברעמען, וואָס זיינען צעוואַקסן איבער די טיפע קנייטשן פון שטערן און קוקן אָפּט אַרויס דיבאָם איינגעדריקט פון אַדורך די גאָלדענע שפּאַקולן, וואָס הייבן זיך אויס יעדע ווילע הויך ביז צו דער יאַרמלקע. געשפּאַנט איז זי, צירל, און וויל ניט דורכלאָזן קיין באַוועג, קאָפּשאָקל, קלאַנג און ניגון... פון מאָל צו מאָל גיט זי אַ שפּרונג

אויף די שפּיצן פינגער צו דעם נאָפּטלאָמפּ, פאַרריכט דעם פלאָם, וואָס נעמט אונטערציטערן, און רוקט שוין צו נענטער צום מאַן די גלאָז ציגנ־מילך, וואָס איז אַזוי געזונט צום האַרצן. און באַלד שטראַלט זי ווידער פון איר אָרט און וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם קער פון נאָך אַ בלאַט...

אַ שאָרך פון דרויסן גיט צירלען אַ טראָג צו דער טיר פון אַריינגאַנג. יאָ, טריט; און עס הערט זיך אויך אַ גערייד, וואַרפט זי זיך דורכן הויף אין דער פינצטער, און נאָך איידער זי שיידט אונטער די פנימער פון די צוויי ווייבער, לויפט שוין אירע אַ וואַרענונג מיט פרומען ווונק, — ניט שטערן אין לערנען תורה!.. נעמען די פרויען זיך פאַרענטפערן פאַר צירלען און פּרוּוון זי שוין אויך אַריינגעמען אין דער מיצווה, וואָס זיי זיינען זיך מתעסק. מיט אַ השתדלות קומען זיי עס צו רב מאירן, וואָס איז אַ גבאי אין שטעטל, וועגן חתונה מאַכן אַ קיילעכדיקע יתומה — הכנסת כלה!.. צירל שטייט מיט די געסט ביים הויף־טויערל, וואָס ווייטער פון שטוב. ציטער־דיק טוט זי צו די אָפענע טירן אַ וויז מיט ערפאָרכט אויף איר מאַן, ווי ער זיצט איבערן ספר... געצוג אָבער אַ לייכטער פוס־דרוק פון איין פרוי צו דער צווייטער אין דער פינצטער, ווי דיביידע חשובע עסקנטעס קומען אַרויס מיט דער זעלבער פראַגע:

— אַ זאַך דאַרף פון רב מאירן אַליין; וועט ער וועלן, וועט ער ריידן...

— אויף עולם־הבא בין איך מיט אים אַ שותף, גלייך אויף גלייך — קלאַפּט אָפּ צירל — און אויך אויף תורה לערנען. אַ בפירושער אָפּמאַך ביי אונדז!

צווישן דיביימער פון זומערדיקן סאַד פירט אַריין די באַלעבאָסטע די פרויען און זעצט זיי אַוועק אויף אַ באַנק. געדולד זאָלן זיי האָבן, בעט זי, און איילט אין קיך אַריין. באַלד הערן זיך אירע בייזערדיקע באַפעלן צו דער דינסט וועגן סאַמאָוואַר, וואָס ווערט נאָך ניט פאַרטיק און וועגן כיבוד צוגרייטן.

פון דער פינצטער שלייפן זיך די בליקן פון די צוויי און באַטאַפּן דורך דער שמעקעוודיקער לופט אַלץ אַרום אין דער נגידישאַפט. ניטאָ שוין לאַנג דער שטאַל פאַרן פערדל מיטן קאַראַבעלניקשן וואָגן אָרעמער

סחורה, וואָס פלעגט אַרומוואַנדערן מיט מאירן איבער די דערפער. קיין סימן היינט ניט פון דעם דלות און אָפּגעלאָזנקייט. אַלץ באַנייט, באַפּוצט. און דער סאָד!.. קרעכצט אָפּ די עלטערע:

— אַז גאָט שיקט צו דעם ריכטיקן פריץ, און עס געלינגט צו ווערן ביי אים אין הויף אַ נאמן, איז מען שוין אויך אַפילו אַ למדן...

דיביידע פרויען זיינען ניט פיל יינגער פאַרן בעל־הבית דאָ און געדענקען נאָך גוט, ווי זיין טאַטע, דער יישובניק, איז מיט זיין פאַמיליע אַריינגעפאָרן אין שטעטל. דער מאיר איז שוין דעמאָלט געווען אַ בחור איבער צוואַנציק, אַ הויכער, ברייטפלייציקער מיט פייערדיקע אויגן אין דאָס בלוט אין אים האָט געברויזט. זיי דערמאָנען זיך אויך, ווי די פאַמי־ליע האָט עס טאַקע צוליב דעם יונג פאַרלאָזן דעם דאָרף און אַריבער ווינען צווישן יידן, צו שטאַרק איז ער דאָרט געווען פאַרקאָכט אין די גויישע מיידלעך, און זיך נאָך געקאָנט שמדן... קאָן ניט פאַרגעסן די צווייטע עסקנטע:

— אַ צייט לאַנג פלעגט ער דאָך אַוועקקערן דעם קאָפּ פון אַ יידישער טאָכטער און נאָר געהערט פון זיינע מערגאַיטעס, אָט די ליטווישע שיק־סעס!.. און אַז עס האָט זיך שוין געפונען פאַר אים אַ מיידל פון אַ יישובניק אַ שמיד, אָט די צירל, וואָס דער דאָרף ליגט איר נאָך אויפן פּנים, — סאַ־ראַ צרות איז זי דאָס אויסגעשטאַנען פון זיין ניט אויפהערן חנדלען זיך צו די גויעס!.. צוליב זיין עברי׳ האָט מען אים דאָך יאָרן ניט צוגעלאָזן צום עמוד, און אַפילו אין חברה תהילים ניט אַריינגענומען...

קרעכצט ווידער די ערשטע:

— היינט איז ער אָבער רב מאיר, און שוין אין אַלע חברות, און או־מעטום דער חשובער גבאי...

לאַנגזאַם פאַרמאַכט דער אַלטער מיט אַ קוש דעם ספר, טוט אויס די ברילן און ציט אַריין געשמאַק אַ שמעק טאַבאַק. פון קיך דערהערט זיך ווידער צירלס געביזער און באַלד באַווייזט זיך פון דאָרט די דינסט מיט אַ פאַרבונדענער באַק. איבערן טיש אין שטוב שטעלט זי אַרויף אַ קאָכע־דיקן סאַמאָוואַר, וואָס צעבלישטשעט זיך מיט אָנגעשטעלטע גלעזער אַרום און מיט טעפּעלעך און טעלערלעך קערשלעך און איינגעמאַכטס... ניט איינ־

געשטילט איז נאָך דער צאָרן פון דער באַלעבאָסטע. אַרויסגעקומען צו די געסט, נעמט זי אויסגיסן דאָס האַרץ:

— דינסטן די היינטיקע... ניט לאַנג ערשט פון דאָרף, און שוין אַ גאַנצע טעליגענט; אויך מיר אַ מענטש, ווען מען ס׳טוט ווי די ציין!..

אין שטוב אַריין פירט צירל דיביידע פרויען. און ווידער שטראַלט זי קעגן איר מאַן און טוט אים שוין פון שוועל אַ פרעג:

— מאיר, איז וויפל בלעטער האָבן מיר היינט אַריינגעלערנט?

ב.

פריינדלעך ביז גאָר נעמט אויף דער באַלעבאָס די חשובע פרויען. מיטן קאָפּ שאָקלט ער צו ביי זייערע רייד וועגן דער וויכטיקייט פון חתונה מאַכן אַן אָרעמע יתומה און לויבט זיי פאַר דער גרויסער מיצווה, וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך... די קאָלירן פון פּנים גיבן זיך אָבער דעם גבאי אַ בייט, אַז ער דערהערט די הוצאות פון דער חתונה און פון איינאָרדענען די יונגע פּאָר. ציט ער באַלד אַריין טיף אין אָדלערנאָז אַ פולן פינגער טאַבאַק, און מיטן נאָס נעמט גיין זיין גרויער קאָפּ און באָרד הין און צוריק:

— צו ברייט, צו רייך זיך פאַרנומען. קהלס געלט שיט זיך ניט!..

פול מיט טענות איז רב מאיר און ער קאָן די היינטיקע מענטשן פשוט ניט פאַרשטיין. וואָס מען הערט און וואָס מען זעט, — אַלץ קומט זיי. און קהל — גיב! איז ניט גענוג נאָר אַ מנין מענטשן אויף דער חתונה און אַ שטיקל ווינקל אין הקדש דערווייל פאַר דער פּאָר? איז אָבער ניטאָ קיין געדולד, אָט אַליין אויפטאָן און פון אייגענע זיך פאַרשאַפן און געניסן!..

די עסקנטעס, וואָס זיינען פון מיוחסדיקע פאַמיליעס אין שטעטל און ווייסן דאָ פון אַלע עניִים, — דערמאָנט זיי רב מאיר פון דעם צעבראָכענעם דאָך אין בית־המדרש און פון דעם אָפּגעלאָזענעם מרחץ, להבדיל, מיט דער מיק־ווה, וואָס פּאָליציי דראָט צו שליסן. ס׳איז דאָ אויך אַ חולה מסוכן, וואָס מען מוז אים פירן קיין קאָוונע אָפּערירן. אַז אויף וואָס רייסט מען ניט קיין געלט?

— טאָ הייסט געבן דער יונגער פּאָר אַ הלוואה פון גמילות־חסד — לאָזט ניט נאָך אײן עסקנטע. — אָן אייער הסכמה ווערט דאָרט קיין זאַך ניט געמאַכט.

הייבן זיך אויף ר׳ מאירס שפּיזיקע ברעמען און די אויגן זיינען פאַר־גאָסן מיט צאָרן. אַ וואָרט וויל ער גאָר ניט ריידן מיט אָט די גוטע בעטע־רינס, וואָס ווייסן אויף דעם מצב אין דער קאָסע פון אָט דעם מוסד!.. בלייבן שוין אויף שטום די ביידע, אַז אין שטוב לאָזט זיך אַריין אַ כלי־פּענדיקער ייד מיט ביטערע טענות. געשטאָרבן איז ביי אים דער טאַטע נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט, וואָס האָט אים אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן. שטעלט אים חברה־קדישא גאָר אַ הויכע הערכה פאַר קבורה!.. אַ וואָרט זייערן לאָזן דאָ די באַרעמהארציקע פּרויען ניט פאַלן און קוקן זיך צו, ווי רב מאיר נעמט זיך דעם שמעק טאַבאַק און שמייכלט קאַלט:

— מאַכן אַ שטאַרב קאָסט געלט...

שטויסן זיך צוזאַמען די בליקן פון די יחסנטעס, און זיי ביידע ווייסן אַז דער גרויסער כבוד פון גבאי ראשון איז רב מאירן דער עיקר צוגע־פאַלן צוליב זיין יישובניקישער איינגעשפּאַרטקייט און פעסטער האַנט, — און יעדע איינע וואַרט, אַז די צווייטע זאָל אים דאָך וואָס זאָגן...

שווערע טריט פון דרויסן און אַ גראָבשטימיקער „גוטן אָוונט“, וואָס טוט הייזעריק אַ הילך דורכן אָפענעם פענצטער, נעמט אַוועק אין גאַנצן ביי די געסט יעדן חשק צו ווערטלען זיך. מיט זיין בערישן הילוך שפּאַנט אַריין בינע „רעצעפּט“ און זעצט זיך גלייך ביי דער טיר אויף צירלס אָן אונטערגעשטעלטן בענקל. דער קוק ברייטערט זיך דעם פורמאַן בן פורמאַן אויף דער רייכקייט און שיינקייט דאָ אין שטוב, און גיט זיך אים באַלד אַ מיש מיט די וועגן און שליאַכן, וואָס ער פאָרט אויס אַ לעבן. אַ שאַר אַוועק טוט זיך דער גוטער צענדליק יאָר, וואָס רב מאיר איז שוין דער גרויסער מאַן, און ער, בינע, זעט אין אים נאָך אויף דעם קאַראַבעל־ניק... גאַנץ אָפט פלעגן זייערע ביידנס פורן זיך טרעפן און מאַכן שטיקער וועג צוזאַמען. ניט איין מאָל האָט איינער דעם צווייטן אַרויסגעהאָלפן מיט אַ האָלאָבליע, ראָד אָדער אַקס און דער טאַטע זיינער מיט רב מאירן זיינען געוועזן אויף דו... בינע גיט זיך אָבער די מי צו ריידן דאָ קלוג און

באַטראַכט, ווי מיט אַן איידעלן רייכן פּאַסאַזשיר. הייבט ער אָן פון פּאָלי־טיק:

— מען רעדט וועגן אַ מילחמה... ראַסיי איז אָבער שוין ניט אַזוי קעגן טערק. מיר גייען אויף די יאַפּאַנער. ערגעץ הינטער אַלע הרי־חושך, נאָך ווייטער ווי סיביר... סטעפּאַנאָוו אַליין האָט מיר שוין דאָס אַלץ גע־זאָגט, און איצט רעדט מען טאַקע גאָר שטאַרק!

גרעסער פאַר דעם קאַנעוואַל סטעפּאַנאָוו איז ביי בינען ניטאָ. תּמיד פאַררופט ער זיך אויף אָט דעם וועטערינאַרן פעלדשער, וואָס שוין מיט יאָרן צוריק, ביי אַ מגיפה אויף בהמות, איז ער געווען אַהער אַרונטער־געקומען. ער, בינע, האָט עס פאַר די חדשים פון זיין אויפהאַלט אים אַרומ־געפירט מיט זיין פור איבער די דערפער. האָט ער פון דעם מומחה ראשית איבערגעכאַפּט די תורה ווי צו היילן בעלי־חיים, און הערט ניט אויף בכלל צו דערציילן פון אים אַלערליי גרויסע זאַכן... קריכן שוין די רייד מענטשן פון האַלדז און רב מאיר באַמערקט אַריין מיט אַ יוסטן אויגפינטל:

— ווידער מיט דיין סטעפּאַנאָוון...

— געוויס, איין גרויסער מענטש איז ער, אַ מאַגנאַט!.. — איז שוין בינע צעטומלט און מוז זיך אַ רוק טאָן גאָר נאָענט צום ענין, וואָס האָט אים דאָ געבראַכט צום גבאי. — סטעפּאַנאָוו האָט מיר טאַקע געהאַט גע־זאָגט, אַז מען וועט בויען ביי אונדז אַ באַן. און אָט רעדט מען שוין גאָר שטאַרק. איז דאָך אַ גוטן טאָג מיט מיין פּרנסה!.. קום איך דאָ וועגן מיינעם אַ יינגל, וואָס איז שוין נאָך בר־מיצווה, און אַלע זאָגן, אַז ער האָט אַ גוטן קאָפּ. טאָ וואָס איז פאַר אים אַ תּכלית די בייטש? דאַרף מען אַזאַ לערנען עפּעס אַ בעסערע מלאכה. איז עס אין אַ שטאָט, אין קאָוונע. און איך ווייס שוין דאָרט פון אַ שלאָסער אַ גוטן, וואָס בעט אויך ניט קיין סך געלט. ער פאַרלאַנגט נאָר, אַז דאָס יינגל זאָל קאָנען אַ ביסל שרייבן און פאַרשטיין אין ציפער. די זאַכן האָט ער אָבער ניט געלערנט אין תּלמוד־תּורה, וואָס רב מאיר, זאָל געזונט זיין, איז דאָרט אויך גבאי, און מען מוז אים איצט צולערנען. וואָלט געווען אַ יושר, אַז קהל זאָל דאָ עפּעס צו־העלפן אין אַזוי פיל הוצאות...

— מענטשן געפעלט ניט זייער אַלטע מלאכה און זיי שפּרינגען אַלץ

אויף אַנדערע פּרנסות! — האַלט ניט אויס רב מאיר און ער שטאַרקט זיין מוסר מיט די ווערטלעך: — שוסטער, בלייב ביי דיין קאַפּול; שוואַר־צע ברויט איז ניט קיין הונגער... און אויב שוין יע צו אַ בעל־מלאכה, קאָן מען דאָך אין שטעטל גופא, אַט צו אַ שמיד.

— צי דאָס איז היינט אַ פּרנסה, פרעגט אייערע דריי שוואָגערס, צי־רלס ברידער, די שמידן... — ווערט בינע מער אָפּן. — און פאַר וואָס ניט גיין אויף העכער, אַז דאָס ייִנגל האָט אַ קאָפּ? און איך אַליין האָב שוין ניט געקאָנט זיין לייז פון דער בייטש?..

די שטוב גייט אַוועק אין איבערוווּנק. די מענטשן דאָ געדענקען, ווי בינע האָט באַלד נאָך סטעפּאַנאָוס אָפּפאָר געגומען זיך האַלטן פאַר אַ מומחה און שוין אויך קורירט פערד און רינדער. וואָלט אים אפשר ניט שלעכט געגאַנגען, ווען פון זיינער אַ תרופה פאַלן ניט אַוועק מיט איין מאָל ביי אַ פויער צוויי טייערע פערד, — און די זאַך דערגייט צום גע־ריכט... וואַרפט אים צו רב מאיר:

— און דו מיינסט נאָך אַלץ, אַז אַן אַדוואָקאַט וואָלט דיר געהאָלפן?..

— ווען קהל שטעלט מיר דעמאָלט אונטער אַ פּלייצע און נעמט דעם אמתן אַדוואָקאַט, וואָלט איך ניט געדאַרפט אָפּזיצן דריי חדשים אין טורמע, און היינט פאַר איך מיר אַרום אין אַ בריטשקע, ווי אַ דאָקטאָר!

— אַז אַ מענטש האָט זיך גרויס פאַרנומען, — קאָן שוין אויך איין עסקנטע ניט פאַרטראָגן די שטענדיקע אָנגעצויגענע טענות פון אַט דעם פּראַסטאַק. — ווי אַ דאָקטאָר טאָקע זיך געהאַלטן אויפן מישפּט...

— אַ שליטוועג אין תמוז, אַן אויסטראַכטעניש נאַר! — גיט זיך בינע אַ שטעל און זיין האַנט לויפט מיט אַ שניט אויף אַרונטער, אַז די מענ־טשן אין שטוב זעען באַלד פאַר זיך אַן אויפגעשפּרונגענעם זייל זאַמד פון אַ בייטש. — איך האָב דעם ריכטער נאָר געזאָגט, אַז סטעפּאַנאָוו פאַר־שטייט מער ווי די גרעסטע פּראָפעסאָרן אין דער וועלט. זאָלן זאָגן די אַלע פויערים, וואָס ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט די בעלי־חיים אויף די פיס. און איך האָב צו אַלץ געגוי זיך צוגעקוקט... אויפן מישפּט האָב איך זיך אויך ניט איינגעשפּאַרט און אויסגעזאָגט פון די רפואות מיינע, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען אויפן טיש. אַט די פלעשלעך מיט די זאַלצן, שפּירט,

גראָזן און קרייטעכצער געקאָכטע. דאָ האָט עס דער אָדון מיר געגעבן דעם פרעג, אויב איך קאָן אויסקורירן אויך אים, טאָקע דעם ריכטער אַליין. אַ מידקייט באַפאַלט אים אָפט, האָט ער זיך גענומען באַקלאָגן, און ער האַלט זיך קוים אויף די פיס; פון קאָפּ קריכן אים אויס די האָר און ווינטער קריגט ער געשווירן. האָב איך אים געזאָגט דעם גאַנצן אמת, אַז מענטשן צום היילן גייט דאָך מיט אַ רעצעפּט, און איך קאָן ניט שרייבן... „רעצעפּט" רופט מען מיך; איך לאָך זיך אויס! אָט פאָרט זיך אין שטעטל אַרונטער צוויי מאָל אַ וואָך אויף זיין בריטשקע דער פּוילישער דאָקטאָר פון טאַבורישקער פאָלוואַרק. און וואָס טוט ער, אויב ניט אויף אַ ווייסן פּאַפּירל אַ רעצעפּט? ווען איך האָב אַ פעדער אין האַנט!.. וויל איך. אַז מיין יינגל זאָל כאָטש זיין אַ שטיקל מענטש. דערוואָרט אָבער אַ נאָס פון אַ מת, און פון קהל אַ טובה אַן אמתע!..

ג.

נאָך אַ געדריקט לעבן האָט אין שטעטל צוגעשפּילט דער מזל ניט נאָר רב מאירן. בעסערע טעג האָט דערוואָרט אויך קלמן קיווע דער „קרישטאָלענער". יאָרן האָט דער מענטש געהאַט אָפּגעשלעפּט אויף זיך דעם קאַסטן גלאָז און געזוכט צו אַריינשטעלן ווו אַ שויב. גאָר שווער איז אים געווען דאָס לאָזן זיך איבער די דערפער אָן אַן אייגן פערד און וואָגן. צו אַזאַ זאַך זיך דערשלאָגן האָט ער לאַנג־לאַנג אַפילו ניט געקאָנט חלומען. אומזיסט זיינען אויך געווען די אַלע בקשות זיינע צו קהל וועגן צו העלפן אים מיט אַן אייגן געשפּאַן. גרויס איז דעריבער געווען די טובה אַז ווער האָט אים געהאַט אַרויפגענומען אויף דער פור. און די פריערדיקע יאָרן פלעגט ער אָפט מיטפאָרן מיט רב מאירן, וואָס אין האַרצן האָט ער שטאַרק ניט פאַרטראָגן אָט דעם גלעזער. אַן אָרעמאַן, דאַכט זיך, אין זיבן פּאָלעס, און דאָס ביטולדיקע שמייכעלע גייט אים ניט אַרונטער פון פּנים. זעלטן לאָזט דער פאַלן אַ גוט וואָרט אַפילו אויף דעם פערד, וואָס פירט אים אונטער.

צו קרוב פופציק איז געקומען דער טאָג אויף פאַר קלמן קיווען. אַ

טאָכטער זיינע, וואָס איז שוין לענגער געווען אין דרום־אַפריקע און מ׳האָט וויניק וואָס פון איר געהערט, האָט לעצטנס דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן אַלמן, און ביידע זיינען פּלוצעם אַרונטערגעקומען אין שטע־טל צו גאַסט. נאָר אַריבערגעטראָטן דעם שוועל, האָט שוין געקלונגען צום טאַטן אַ באַפעל — אויס גלעזער! באַלד איז ניט געווען אין שטוב צו זען דעם קאַסטן. און קיין סימן ניט מער פון גלאָז און קיט און וועלכע געצייג. אַלץ איז געוואָרן פאַררוקט און פאַרשטעקט אין די ווינקעלעך און אויפן בוידעם.

אין אָוונט איז געשטאַנען פאַר זיין שטיבל קלמן קיווע, אַרומגערינגלט מיט מענטשן, און גאָר הויך גערעדט פון די קינדער זיינע, און ווי גע־ראָטן און קלוג איז יעדער איינער ביי אים אין דער פאַמיליע — פון אַלע מאָל. דערצו איז די טאָכטער זיינע זייער רייך, און דער איידעם איז פון די חשובסטע אין גאַנץ יאָהאַנעסבורג און שטאַמט פון די גרעסטע רבנים!.. וויסן אַלע אין שטעטל, אַז דער מענטש איז פון קיין מאָל ניט קאַרג אויף אַ שיינעם וואָרט פאַר זיך אַליין מיט דער מישפּחה; און אויף אויסרימען זיינע אַן אַרבעט — איז ווייט צו זוכן אים אַ גלייכן. אין די שענסטע פאַ־לאַצן צאַצקען זיך די גרעסטע פּריצים מיט אַ באַגלאָזטן פענצטער פון זיינע הענט, — הערט מען פון אים אָפט. די שויב, וואָס אָט דער גלעזער שטעלט אַריין, שפּיגלט ער זיך לאַנג אין איר און קאָן זיך ניט אָפּלויבן:

— גלאָז איז עס? קרישטאָל!

עשירות פון אָט די הויכע רייד זיינע איז קלמן קיווען קנאַפּ וואָס צו־געקומען. מיט אַ צונעמעניש אָבער איז ער געוואָרן צוגעפּוצט. „קריש־טאָלענער" האָבן אים מענטשן גערופן, און דער אמתער נאָמען זיינער איז שוין באַלד געווען פאַרגעסן.

אין רעכטן דערציילן פאַר די מענטשן לעבן שטוב פון זיין נייער אויפ־געקומענער מערכה לאָזט קלמן קיוועס אויג ניט פאַרביי די טריט פון די עטלעכע יידן, וואָס גייען זיך דורך דער גאַס. ווי מתינותדיק די ציען זיך עס; יעדער טראָט זייערער זעצט זיך אָפּ אַזוי געהויבן און אָטעמט מיט גאָרער השיבות! פון דער חברה ש״ס זיינען די, און קומען עס פון דעם בלאַט גמרא, וואָס דער רב זאָגט אין בית־מדרש נאָך מעריב פאַר די בכבודיקע און לומדישע בעלי־בתים... רייסט זיך קלמן קיוועס בליק אויף

דעם תקיפֿן רב מאיר און קליגט זיך, אַז די רייד זיינע זאָלן אַריינהילכן אויך אין די אַלטע אויערן...

קנאַפּן חשק האָט דער גבאי ראשון צו אָפּשטעלן זיך. אַז קלמן קיווע איז אַ ריידער און קאָן גאָר פֿיין אָנדערציילן, און שוין זיך אויך אַריינרי־מען, — געדענקט ער גוט פֿון דעם אַרומפֿאָרן מיט אים איבער די דער־פֿער. אַלץ ווייס ער און קאָן, דער קרישטאָלענער, און שטענדיק האָט מיט אים וווּנדער גאַנצע פּאַסירט. פֿון התפּעלות פֿלעגן זיך דאָך ביי די פּויערים צעוויגן די קעפּ און די ליפּן זיך צעשמאַצקען: אָט ווען אַזאַ איז אַן אונ־דזעריקער, איז ער אַ ווירשאַיטיס, דער עלטסטער פֿון אַלע דערפֿער אַרום!.. שטאַמלט אַרויס רב מאיר פֿאַרבייגייענדיק:

— ברוך הבא דיינע געסט!.. היינט האָסטו דאָך טאַקע וואָס צו דער־ציילן...

— וואָס איז די איילעניש, רב מאיר? צירל קאָן וואַרטן. און די פּאָר בלעטער וועט איר נאָך באַוויזן צו אַריינלערנען אויף אייער ביידנס שות־פֿות, גלייך אויף גלייך... — שיסט באַלד צוריק קלמן קיווע און חכמהט זיך אונטער וועגן דעם געהויבענעם מצב פֿון דער פֿרוי ביי אַזאַ... פֿון די פּריערדיקע יאָרן קאָן ער גראָד דערמאָנען דעם געערטן גבאי, ווי באַ־בעס אין דאָרף פֿלעגן ווערן באַגאָסן מיט רויט פֿון זיינע רייד. און זיין נאָכ־לויפֿן דאָרט די מיידלעך, די מערגאַיטעס!..

אויף מאָרגן פֿרי איז קלמן קיווע אַרויס פֿון שטוב אין זיין שבתדיקער קאַפּאָטע און געקומען אין בית־המדרש פֿון די ערשטע. געווען איז אַ פּראָסטער דינסטיק, אָבער ער האָט זיך דאָ ניט געאיילט, ווי תמיד, זיך קאָנען לאָזן וואָס פֿריער צו דער אַרבעט. מעשה אויסגערוטער בעל־הבית זעצט ער זיך ברייטלעך ביים טיש מיט חברה תהילים. צווישן איין קאַ־פּיטל און צווייטן וואַרפֿט ער אַריין נייס פֿון דער וועלט און פֿון די שטע־טלשע ענינים. ווי גאָר קיין מאָל ניט דער מיזערנער און פּשוטער גלע־זער, לאָזט ער פֿאַלן פֿאַר די קליינע מענטשן אַ וואָרט מכוח דעם פּיר פֿון קהל, און פֿון ענדערונגען וואָס בעטן זיך מאַכן... מיט נייע מעשיות פֿון זיינע געסט, און ווידער כּלל־זאַכן, איז דער קרישטאָלענער נאָכן ער־שטן מנין שוין געזעסן ווי אַן אייגענער מיט דער חברה „חיי אדם". אַהיים איילט ער זיך ניט, איז ער אויך ביי די מנינים פֿון די מער פֿאַרמעגלעכע

בעלי־בתים, און גייט מיט זיי צום טיש. נאָר אַ חברה זעצט זיך אויס, איז ער דאָ, און נעמט זיך אַ ספר מיט אַלעמען צו גלייך.

מיט איין אויער האָט זיך אין בית־מדרש רב מאיר אויך ווי צוגע־הערט צו דעם ניי־אויפגעקומענעם. דיביידע אויגן האָבן זיך אָבער דעם אַלטן גבאי צעעפנט פאַרנאַכט, בין מינחה למעריב, אַז קלמן קיווע איז שוין געזעסן צו מישניות, ווי אַ גלייכער ממש אין אָט דער געהויבענער חברה... נאָך מעריב איז דער אַלטער באַלד אָן לשון.ביים טיש פון חברה ש״ס, וואָס דעם בלאַט זאָגט דאָ דער רב אַליין, זעצט זיך דער קרישטאָלע־נער איבער אַ גמרא!.. קאָן ער ניט פאַרשטיין:

— עס איז דאָך דאָ עפּעס אַ סדר, אַ גאַנג... היינט פּרי נאָך מיט חברה תהילים און קוים חיי אדם, און באַלד שוין מנורת המאור און עין יעקב, און אַפילו מיט חברה מישניות, אַ שפּרינגען אַזאַ... און אָט גאָר ש״ס!

— און איר זייט עס דער גרויסער למדן... — ווייזט גלייך קלמן קיווע, אַז ער פאַרמאָגט שוין אויך גבירישע חוצפה.

— וואָס הייסט? — שפּרינגט אויף רב מאיר — שוין יאָרן דאָך ווי איך טו, איך לערן; ברוך השם, עפּעס אַריינגעהאָרעוועט. דאָס ווייס אויך דער רבי, זאָל געזונט זיין... ווי שטייט? מערגאַיטי ומצאתי!

ווי פאַר פייער היט זיך תמיד רב מאיר צו וואַרפן זיך מיט לשון־קו־דש; און אַז דאָס גמרא־ווערטל דאָ קלינגט עפּעס אַנדערש, זעט ער שוין פון דעם אַרויסגעשפּאַרטן געלעכטער ביים עולם. אַפילו דער רב האָט האַסטיק אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ שטיק פּנים איז ביי אים פאַר־שטעלט מיטן רויטן נאָזטיכל. גאָר אַ ווילדע הירזשעריי האָט אויף אים אַ פאַר געטאָן פון די מענטשן אַרום, וואָס קערן זיך בכלל ניט אָן מיט דער חברה און האָבן זיך אָנגעשטעלט צוליב נייגער דאָ אין די שאַרפע רייד... איידער אָבער דער אַלטער פרווט איבערזאָגן ריכטיק דעם „יגעתי ומצאתי״, אַז מ׳לייגט אַריין מי, געפינט מען, — פאַרלויפט שוין קלמן קיווע מיט אַ תמימותדיק פּנים און אַזוי מיטפּיליק:

— מערגאַיטע איז אין ליטוויש, ווייסן מיר אַלע, ניט מער ווי אַ מיידל, און צו מאָל אַ גאַנץ אומשולדיקע. טרעפט דאָך אַז אַ מענטשן גייט אומ־שולדיק אויך וואָס צו חלום...

— קלמן קיווע, ביסט ניט ווייניקער למדן פאַר אים... — מישט זיך שוין אַריין מיט אַ מוטוואָרט איינער פון די אַרומיקע — מיר מאַכן דיך פאַר אַ גבאי!

— און טו אויף וואָס פאַרן שטעטל... — האַלטן נאָך אַנדערע פון אַרום — זאָל אנשטאָט דעם צרהדיקן גמילות־חסד טאַקע זיין אַ פאָלקס־באַנק, ווי דו האָסט היינט אַזוי פיין גערעדט, און אַ חדר־מתוקן, אַז די קינדער זאָלן קאָנען שרייבן, און אַ ציפער אויך!

קוקן זיך אָן דערשטוינט יידן פון דער חברה ש״ס, און עטלעכע שפּרינגען אויף:

— עושה חדשות, בעל מלחמות; גייסטו מאַכן נייסן, ביסטו דער בעלן אויף מחלוקתן... קלמן קיווע, ברענגסט אַריין אַ פייער אין שטעטל!

— אַזוי קאָן אָבער ניט גיין!.. — איז דער קרישטאָלענער געשטאַרקט דורך די בליקן פון זיינע מענטשן.

— שוין צייט טאַקע צו איבערשפּאַנען אין קהל די פערד! — שרייט אויס בינע רעצעפּט. — די אַלטע זיינען צו פיל איינגעוואָרעמט אין גבאות, און שוין באַוויזן צו ווערן גאָר שלעכט... אַוודאי, איז עס פאַר מיר אָן אַרבעט צו שלעפּן זיך מיט דער בייטש?

לאַנג האָט אָנגעהאַלטן די מחלוקת אין שטעטל און זיך אַריינגעצויגן אין טעג גאָר קאָכיקע. ניקאָלאַי, דער מעכטיקער הערשער פון דער מדינה, איז אַרויס אויף אַ מילחמה מיט יאַפּאַן, און די מענטשן פון לאַנד האָבן זיך גענומען בונטעווען און געוואָלט ניט אַנדערש ווי אַרונטערוואַרפן די ממשלה און איבערקערן די גאַנצע אָרדענונג. ניט געבליבן אָן אַ זייט איז אויך דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל. בחורים אין לאַנגע, שוואַרצע רובאַשקעס, איבערגעקוטאַסעוועט די הויזן, מיט פלאַטערדיקע שעוועליורעס און סו־דותדיקע פנימער האָבן זיך דאָ פון ווו באַוויזן, און אויך מיידלעך קורצ־געשוירענע מיט ווירבלדיקע בליקן, — און דער מקום איז אַריין אין אַ פאַרטייען־קאַמף. געשטורעמט האָט די לופט, און צינגער האָבן זיך גע־פלייסט וואָס בעסער צו אַרויסריידן „רעוואָלוציע״ און „קאָנסטיטוציע״,

„פּראָלעטאַריאַט”, „בורזשואַזיע”, „ראַדיקאַליזם”, „דעספּאָטיע”... בלאָנ־קענען מאַמעס ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַקערן ווי אַ געהיימען צוזאַמענ־פלי און שלעפּן די קינדער אַהיים. און טאַטעס וואַרפן זיך מיט מוסר. פלאַ־קערן אָבער די יוגנטלעכע און זיינען ביז גאָר עזותדיק.

— שריי, טאַטע, פון היינט ביז מאָרגן, ניקאָלאַיקע וועט ביי מיר קיין קייסער ניט זיין!!

— און רב מאיר „מערגאַיטע” קיין גבאי! — פּאָרט שוין אַרויף גאָר איינער אויף דעם שטעטלשן שליאַך.

— אַ טויט די מערגאַיטעס! דונערן אַוועק מיט היימישן לשון נאָך אַנדערע קעגן דער אַלטער אָרדענונג און זיי פאַרשפּאָרן שוין זיך ברעכן די ציין אויף דער נייער האַמעטנער עברי, וואָס די פייערדיקע רעדנערס האָבן אין שטעטל אָנגעטראָגן.

— אַ טויט די קרישטאָלענע! — קומט אויך אַ הילך אויף צוריק, און דער ליאַרעם גייט ווייטער און ווייטער. —

— זאָל לעבן!.. אַ טויט!..

— אַ טויט!.. זאָל לעבן!..

קרדום לחפור

א.

קליין און לייכט איז דאָס פּעקל וואָס העגנט אַרונטער ביי רב נפתלין פון אַ פינגער אויף אַ שנירל. סך־הכול אַ פּאָר קינדערשע שיכלעך קוקן אַרויס פון אַ בונטן פּאַפּיר. דאָס באַמבלען זיך אָבער פון בינטל און דאָס איבערוואַרפן אים כסדר פון איין האַנט אין דער אַנדערער מאַכט אויך ניט־נאַטירלעך דעם גאַנצן הילוך פון דעם ברייטפּלייציקן מענטשן מיט דער שיינער באָרד און לאַנגע פּאות, פאַרדרייטע אַהינטער די אויערן. יעדע באַוועגונג זיינע זאָגט אונטער, אַז ניט געוווינט איז אָט דער רבנישער יונגערמאַן צו גיין אין אַ שטוביקער שליחות און זעלטן מסתמא רייסט זיך אָפּ אַזאַ פון דער גמרא און בכלל פון דברי תורה. אַז דער איז אַרויסגעטאָן פון דער וועלט, ווייזט אויך זיין אונטערבלאַנדזשען אין דעם געסל פון דעם ניט גרויסן דאַטשעאָרט, וואָס רב נפתלי זומערט דאָ ניט צום ערשטן מאָל.

דער עול פון די בני־בית לאָזט זיך שפּירן פון טאָג ביי רב נפתלין. ניטאָ שוין די עשירות פון שווער, דעם וואַלד־סוחר, וואָס טראָגט אים אויף זיך שוין אַכט יאָר, פון דעם חתונה־טאָג, און האַלט אויס אים מיט דער פאַמיליע אויך דאָ אין קוראָרט צוליב אַ קינד אַ שוואַכן. מיטהעלפן אָבער דעם אַלטן אין געשעפט, זיך לאָזן אַריינפירן אין עולם־המיסחר און מיט דער צייט קאָנען אַליין געבן חיונה אַ ווייב מיט פינף קינדער, ווי ער שטייט היינט — פון דעם איז ניטאָ קיין רייד. דער שווער אַליין לאַכט אָפּט פון זיין תמימות און האַלט אים ניט בכלל פאַר צופּאַסיק אין דעם עולם־המעשה. דערצו ווייס שוין די שטוב, ווי ניט לייכט ס'איז אַרויסרייסן אים פון ספר און וואָס ביי אים איז אַ טאָג ניט־טאָן אין לערנען. איז טאַקע אַ חוץ דעם טעם פון קרדום לחפור, ניט מאַכן די תורה פאַר אַ האַק אויף גראָבן חיונה, — האַלט זיך רב נפתלי אָפּ פון אָננעמען אַ רבנות אויף

מחמת וואָס דאָס קאָן אַרײַנפּלאָנטערן אין די אַלערלײ קהלשע ענינים און ברענגט שוין ניט ווייניק צו ביטול־תורה... אַ ציטער נעמט דורך רב נפּ־תלין, וואָס מחמת שטוביקע זאַכן האָט ער היינט כמעט נאָך ניט געהאַלטן אין האַנט אַ ספר. ווי איז אים אויך אויף די כתבים, וואָס ער ענדיקט זיי אַלץ ניט אַרויס צום דרוק. ווי ער וויל שוין זען דעם ערשטן חיבור פון זיינע ביאורי הלכות און חידושי דינים!.

צוגעקומען צו די קליינע און צעוואָרפענע הייזלעך ביים ראַנד וואַלד, וואָס דאָ איז אויך דער מאַרק פון קוראַרט, ווענדט זיך רב נפתלי צו אַ גרויען קאָפּ, וואָס שטעקט זיך צו אים פון אַ פענצטער:

— ווו וווינט דאָ איינער אַ שוסטער? רב ניסן הייסט ער.

— הייזער עטלעכע ווייטער.

— עפּעס אַ גוטער שוסטער? — איז שוין רב נפתלי אויך פּראַקטיש אין דעם גאַנג, וואָס ער פאָלגט דאָ זיין ווייב.

— די יאָרן די גוטע וואָס עס זיינען דאָ גרעסערע פאַרטאַטשעס...

די ווערטער פון דעם יידן צעקייט רב נפתלי ערשט אויף צוריקוועגס. אין דער הינטערזייט שטיבל ביי דעם זעט ער אויך אַ וואַרשטאַטל פון אַ שוסטער. האָט דער מענטש אָפּנים ניט געהאַט קיין חשק, הייסט עס, אַרויס־לאָזן דאָס שטיקל אַרבעט און צו גלייך האָט ער אָבער אויך איבערגע־קלערט, אַז אַ שלעכט וואָרט פון אים קאָן דאָ ווערן איבערגעטראָגן דעם שכן... די קליגערישקייט, ווי ער פאַרטראָגט עס ניט, רב נפתלי! אַ גלאַט און קונציק געריבן לשון דערוועקט ניט־ווילנדיק ביי אים אַ חשד אויף דער פנימיות פון דעם גאַנצן מענטשן, אויף זיין מהות... דער עולם אין די הייזער איז כמעט אָבער אַ שטאָטישער, טרייסט ער זיך באַלד. אין די זו־מערן קומען זיי אַהער אין קוראָרט אויף מאַכן חיונה. אַנדערש איז דער שטעטלדיקער, און באַזונדער פון די מער אָפּגעלייגטע מקומות. דאָרט ווייס מען ניט פון כיטרעקייטן און די רייד איז אָן חכמות... דאָס שטעטל וואָס רופט אים צו זיך אויף רבנות, פּרוווט שוין רב נפתלי מאַכן אַן אויס־פיר, ליגט אין די וועלדער, ווייטלעך פון דער גרויסער וועלט — דאָרט דאַרף זיין אַ פאַרגעניגן. ער קאָן זיי די יידן פון אַט דער קהילה. זיין שוועו האָט פון יענער געגנט געהאַט געפירט געהילץ און ער האָט אים באַזוכט. מענטשן אָפענע, האַרציקע און יראים ושלמים!..

נאָך טעג פון רעגנס איז דער ניעמאַן ברייט צעגאָסן און שטראָמיק. די פייערדיקע זונשטראַלן ברעכן זיך און לעשן זיך אין טונקעלן וואַסער דעם צעבורבלטן, וואָס קילט און פרישט דאָ אין דעם חמימותדיקן פאַר־מיטאָג. אין וואַרטן אויף באַקומען די שיכלעך פאַרריכטע, פאַרנעמט זיך רב נפתלי צום ברעג טייך. ווי שאַרף אָבער עס פאַרשיכורט ניט די סאָסנעלופט פון גרויסן וואַלד און ס׳כישופן ניט די כוואַליעס און די טיף צעגרינטע לאָנקעס און קוסטעס, וואָס גיסן זיך צוזאַמען און ציען זיך מיטן ברעג, — רייסט זיך די ישיבה פאַר זיינע אויגן און פלאָנטערט זיך אים דאָ מיטן שוסטער... אַ שמץ פון אַ וועלכן שלעכטן געדאַנק ציטערט אים צו אויפ־ברענגען וועגן דעם מקום־תורה, וואָס יאָרן האָט ער דאָרט געלערנט. עס שווימט אָבער ארויס פאַר אים זיין זיצן אין אַ האַרבסטיקן נאָכמיטאָג פאַר איינעם פון די יונגע משגיחים. טיף קוקט אים דער יונגער־מאַן אין די אויגן, שוויגט לאַנג און וואַרפט נאָר ווערטער געציילטע מיט אַ קאָפּ־שאָקל איבער אים. ווי שוין אַ סך מאָל האָלט ער אים אין אויפווייזן, אַז ניט גענוג איז צו זיין אַ מתמיד אין גמרא, זיך וויקן נאָר אין פּילפּולדיקע סוגיות. מוסר מוז ער נאָך לערנען, און טאַקע אויך זיין אַ קובע זמנים יעדן טאָג אויף אַריינטראַכטן אין זיך, מאַכן דעם חשבון־הנפש... אַ פּינטל ווונק פון בעל־משפּיע פאַלט אויף אַן עלטערן יידן ביי דער טיר, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אַ הילוך ווי אָט אָקאָרשט פון אַ לאַנגן וועג. און ער ציט שטיל:

— אַ שטיוול אַ פאַרבלאָטיקטן איז ניט גענוג אים טונקען אין וואַ־סער, אַפילו אין ריינסטן. מען מוז אים טריקענען, קראַצן מיט אַ באַרשט, גוט אָפּרייבן. דעמאָלט ערשט שמירן, און ווידער רייבן און פוצן, ביז עס באַקומט זיך דער גלאַנץ. אַזוי אויך דעם מענטשנס נשמה...

נענטער קומט צו דער ייד און נעמט דערציילן, ווי ער האָט זיך געלאָזן אין אַ בלאָטיקן וועג פון זיין שטעטל אַהער. זיינע אַ טאָכטער רעדט מען מיט אַ בחור פון דער ישיבה, און דער שדכן שטעלט אים פאַר ווי אַ גרויסן למדן און אויך מיט געוואַלדיקע כישרונות פון אַ בעל־דרשן. וויל ער דאָ הערן... ווי נאָר דער ייד רופט אָבער אָן דעם נאָמען פון בחור, פאָדערט זיך באַלד ביי אים, דעם יונגן בייזיצער, כוחות צו שטיקן אין זיך דעם געלעכטער. באַוווּסט איז דער אין ישיבה ווי אַ ווילדער טיפּש

און עם־הארץ!.. דער רבי ציט אָבער געלאָסן זיין פּוכיק בערדל און צע־שאָקלט זיך:

— לערנט איינער אין אַ ישיבה, איז ער געוויינטלעך אַ בן־תורה און ירא־שמים... אַ חילוק זאָגן פאַר די ווילנער רבנים און אַ דרשה דאָרט אין שטאָטשול, האָט דער בחור נאָך ניט געפּרוווט...

שטאַרק פאַרשפּרייט איז אין ישיבה דאָס געדריידלטע לשון, לאָזט ניט אָפּ רב נפתלין און פּייניקט דער געדאַנק, און פון דאָרט טאַקע איז עס ביי אים דער ווידערגעפיל... אַזאַ דרך, ווייס ער, איז אָבער אָנגענומען ביז גאָר אין דעם עולם־המעשה, באַזונדערש צווישן סוחרים. און אָט אַפילו ביי אַ פּשוטן בעל־מלאכה...

דער ניעמאַן איז געוווען אין גרויס באַוועגונג. מיט הילכיקן פייף טראָגן זיך די דאַמפּערס אויף זייער קורס פון קאָוונע צו דער פּרייסישער גרענעץ און צוריק. באַלאָדענע באַרזשעס האָבן זיך מיט די מאַסטן זייערע געבויגן אין ווינט. אין די כוואַליעס האָבן לאַווירט פישער מיט זייערע נעצן, און פון די שפּאַצירשיפלעך האָבן זיך געטראָגן פריידיקע יוגנטלעכע קולות פון הפקר־לידלעך מיט לייכטזיניקן געלעכטער... צום ברעג נענ־טערט זיך אַ פּליט און לאָזט זיך הערן גאָר קלאָר. די מענטשן וואָס טריי־בן אים שרייען זיך עס איבער איינער צום צווייטן:

— פעסטער! וואָס פראַוועסטו רבנות ביים שטיר? קאָוונע וואַרט טאַקע אויף דיר...

— וואָס, זיי רייסן זיך דאָרט גאָר פיין וועגן אַ רב און כויכען זיך אונטער איינע די אַנדערע, די צדדים?.. — הילכט מונטער פון צווייטן עק פּליט.

פאַרקערעווען זיך נאָך מער רב נפתלי׳ס טריט צו די קוסטעס. אויך פון די קאָן מען גאָך ניכשל ווערן אין אויפכאַפּן טומאת־שפתיים און הפ־קר־רייד. אַזוי זיינען שוין אַ סך פון די שטעטלעך ביים טייך, מענטשן אָפּט ניט־געצוימטע... קען ער ווידער ניט פאַרשטיין, וואָס ידידים ריידן אים אָפּ פון דער רבנות אין דעם וואַלדשטעטל. די שכירות, טענהן זיי, איז קליין. דאָרט ווייסן אָבער ניט די יידן פון הפקרות, און פאַר אַ רב אַ מסתפּק במועט איז דאָך אַזאַ מקום נאָר צום זיצן רואיק און בכבודיק על התורה ועל העבודה ...

רב נפתלין באַנעמט באַלד אויך אַ שמייכל, וואָס ביי דער ישיבה איז ער היינט פאַררעכנט ווי אַ מענטש פון עולם־המעשה. אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ וואַלד־סוחר, דאַרף געוויס אַ וואָרט זיינער, מיינען זיי, שטאַרק זיין אָנגענומען ביי די סוחרים און אַוודאי קאָן ער צווישן זיי אויפטאָן... ניט מער ווי אַ מעשה־ליצנות קומט אים אויס דאָס שיקן צו אים פאַריקע וואָך אַ שליח מיוחד. לטובת דער ישיבה זאָל ער זיך אריינוואַרפן אין דער מחלוקת־הרבנות, וואָס גייט אָן אין קאָוונע, האָט דער מענטש געפאָדערט. משפיע זיין דאַרף ער עס דאָרט דער עיקר אויף עטלעכע עסקנים, וואָס האָבן צו טאָן אויך מיט געהילץ... נאָר מפני הכבוד צו זיין מקום־תורה האָט ער זיך אָפּגעריסן אויף איבער אַ מעת־לעת פון לערנען, צוגעפאָרן אין דער שטאָט אַריין, געפּרוווט דאָרט ריידן מיט מענטשן, בייגעוועזן אַפילו אויף אַן אַסיפה — און ניט געהאַט וואָס מכּוּונות־דיקס איבערצוגעבן... פאַר אַ סוחר האַלט מען אים שוין אין ישיבה, לאָזט רב נפתלין ניט אָפּ דער שמייכל. דאָרט ווייס מען נאָך אפנים ניט, אַז ער טראַכט גאָר שטאַרק מכוח אַ שטיקל רבנות פאַר זיך אַליין. געצוווּנגען איז ער ציען חיונה פון זיין תורה, מאַכן זי אַ קרדום לחפור...

ב.

— בריליאַנטן, קאַראַטן... וואָס דאָרטן אין קאָוונע?..

די אויגן אַריינגעטאָן אין אַ מוסר־ספרל, כאַפּט אויף רב נפתליס אויער ווידער רייד פון דעם פּליט, וואָס נעמט זיך פאַרפעסטיקן ניט ווייט פון ברעג. די פּליטניקעס פאַררוען זיך איצט אפנים און שמועסן צווישן זיך... טראַכט ער שוין ניט וועגן אָפּגיין און האַלט זיך וואָס נענטער צום פּליט, הערן וויל דאָ רב נפתלי דעם ענטפער וואָס קומט פון דעם צווייטן:

— האָסט דאָך יענעם טאָג אויפן דאַמפער צוזאַמען מיט מיר געהערט, און זיך אויך געשמאַקעוועט!.. קאָוונע האַלט ביים נעמען אַ רב, קריגט מען זיך דאָרט אַרום, וואָס פאַר אַ סאָרט דאַרף זיין אַזאַ היינטיקע צייטן... איז געווען אַן אַסיפה...

דער ספר טוט אַ ציטער אין רב נפתליס האַנט. מיט זיך טראָגט ער

אים און קוקט עס דאָ אַרייַן אין די מוסר־מאמרים. רעדט זיך אין דעם פּרק אַזוי פיל פון דער עליונות האדם, די איינגעבוירענע גייסטיקע דערהוי־בנקייט אין מענטשן, וואָס איז די קרוין פון גאָטס באַשאַף. טאָ ווי זשע איז עס אים ניט געקומען אויפן געדאַנק, אַז די פון פליט זיינען גאָר־ניט אַזוי גראָב און קאָנען ריידן אויך פון העכערע ענינים?..דער וויטערדיקער שמועס פון די יידן בעת זייער עסן טרייבט שוין רב נפתלין אין השתומ־מות. וואָס דעם המון־עם קאָן געפעלן!.. טיפע רעיונות זיינען אין קאָוונע אויף דער אַסיפה געוואָרן אַרויסגעבראַכט. רב חנן גורעוויטש, אַ סוחר און גרויסער תלמיד־חכם, איז אַרויס מיט אַ חילוק אַ גאַנצן, מאַמרים פון ראשונים און אחרונים האָבן געפערלט פון זיין מויל. חריפותדיק האָט ער געדרונגען, אַז אַ רב ביי יידן באַטייט בפירוש — אַ למדן. אַזאַ איז געווען רב יצחק אלחנן און נאָך אים זיין זון רב הירשל, וואָס אויף זייער כסא־הרבנות זוכט מען עס דאָ דעם פּאסיקן. נאָר מיט תורה ווערט געמאָסטן אַ מרא־דאתרא. און כקליפּת־השום, טאַקע ממש גאָרנישט קאָנען זיך רע־כענען דערביי אַנדערע חכמות. פאָרקערט, זיי זיינען נאָך עלול צו זיין אַ טעם לפּגם... האָט אָבער באַלד גענומען ענטפערן איינער אַן עסקן, וואָס איז געווען אַ תלמיד פון אברהם מאַפּו און משמעות אַליין אויך אַ גרויסער משכיל. פון דער יידישער היסטאָריע האָט דער מיט אַזאַ בקיאות גענומען אויפווייזן, אַז רבנים אַמאָליקע צייטן זיינען געווען אויך מלומדים. זיי זיינען געווען מפורסם מיט זייערע גרויסע ידיעות אין רפואה, חכמת החשבון און תכונה, אָדער מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, ווי מען רופט עס היינט. דערצו האָבן זיי געקענט די לשונות הגויים און פלעגן זיך שטעלן פאַר שרים און מלכים, און ביי אַ באַדאַרף פירן די גרעסטע ווי־כוחים... דער רעדנער איז טאַקע מודה, אַז די אַנדערע חכמות נעמען צו צייט און לאָזן ניט דעם מענטשן זיך אָפּגעבן אין גאַנצן דעם לימוד־התורה. דערפאַר באַקליידן זיי אָבער מיט אַ באַזונדער חשיבות דעם גאַנצן מעמד פון רבנות, און דער כבוד פון מרא־דאתרא שטייגט!..

די עיקר רייד פון דער אסיפה איז אָפּנים ווייניק וואָס דערגאַנגען צו דעם ברייטן עולם. די יידן אויפן פליט, הערט רב נפתלי, לאָזן ניט אָפּ די באַלעבאַטישע ווערטלעך, וואָס האָבן אין גאַנצן פאַרוואָסערט דאָרט דעם ויכוח. רב שמעון מערקל, אַ באַזיצער פון אַ באַנק־קאָנטאָר, האָט עס

געגומען אָפּפרעגן דעם משכיל. איז ער אַרויס מיט אַ משל פון עולם־המיסחר. אַ בריליאַנט! דער אַ אבן־טוב, דערקלערט ער, ווערט ניט גע־וויגן אויף אַ געוויינטלעכער וואָג און ווערט ניט געשאַצט ווי סתם סחו־רה. מיט די קליין־דיניטשקע קאַראַטן וועגט מען אָט דעם איידעלן אַר־טיקל. האָט אַ בריליאַנט איין קאַראַט, לאָמיר זאָגן, איז זיין באַטרעף ביי צוויי הונדערט רובל. וועגט ער אָבער צוויי קאַראַט, איז זיין ווערט אַ סך מער ווי טאָפּל. פאַר אים צאָלט מען שוין פינף הונדערט פופציק רובל. דריי קאַראַט איז שוין איבער טויזנט. אַ שטיין פון אַ צען קאַראַט — איז בכלל אַ זעלטנקייט און קוים אָפּצושאַצן. אַזאַ גייט דאָס רוב אויף די קרוינען פון מלכים... ווערן אָבער מענטשן היינט גאָר גרויסע חכמים — קומט אַרויף דער ריידער אויפן נימשל — און מעסטן די גדלות פון אַ רב ניט מער און ניט ווייניקער מיט אַזאַ מין חשבון: דער איז טאַקע מער בקי אין נאָך עטלעכע מסיכתות און מדרשים און פוסקים, דערפאַר קען יענער אָבער נאָך צוויי שפּראַכן און איז באַהאַוונט אין פיזיקע און געאָ־גראַפיע. אַזוי וועגט מען עס היינט און מען שאַצט תורה, וואָס יקרה היא מפנינים און ניט צו פאַרגלייכן מיט כל כסף וזהב ואבנים טובות ומרגליות שבעולם!!

— אָט אָט, טאַקע דער משל פון בריליאַנט!.. — האָט ניצחונדיק אַ שפּרונג געטאָן גריגאָרי וואָלף, אַ באַזיצער פון אַ ביר־ברויעריי. — דער גרויסער מורנו פון אָט דעם שטיינדל איז דאָך וואָס ער שפּיגלט אָפּ פון זיך אַ סך קאָלירן; ווילן מיר אויך אַזאַ רב!..

אַ האַנט אויסגעשטרעקט פון פליט נעמט באַלד אָפּהאַלטן רב נפתלין פון פאַרלאָזן דעם ברעג. אויף זיין זייט ווערט עס געוויזן, טאַקע בפירוש צו אים. ער הערט עס אויך אַרויס פון די גאָר נייע רייד:

— די „טאַרבעס"... זיך אָפּגעריסן, און שוין זיי פאַרשמעקט אַ רב אָן אייגענעם!.. טאַקע אַ הדרת־פּנים...

רב נפתליס גאַנג פאַרנעמט זיך מער צווישן די קוסטעס און אויסגע־האַנגענע פישער־נעצן. מיט יעדן דערווייטערטן טראָט אָבער שפּיצן זיך ביי אים שאַרפער דיביידע אויערן... זיינען אָט די פליטניקעס, הייסט עס, פון דעם דערבייאיקן מקום וואָסער־אַרויף. שווער די יידן דאָרט אַפּנים שלום צו מאַכן מיט זייער שכנותדיקן יישוב, דאָס וואַלדשטעטל, וואָס

טראָגט טאַקע דעם צונאָמען „טאַרבעס" און האָט ביז ניט לאַנג אָנגע־הערט צו זייער קהילה. מיט דער צייט איז אָבער דער ציבור וואַלדמענ־טשן געשטיגן און זיי האָבן זיך געמאַכט אַ באַזונדער קהילה. און אָט האַלטן די שוין אין נעמען אַ רב פֿאַר זיך אַליין!.. איין קלאַנג וויל שוין דאָ רב נפתלי אויך ניט פֿאַרלירן, און ער כאַפּט אויף די רייד וואָס קומען פֿון צווייטן עק פּליט:

— זיי רימען זיך, די טאַרבעס, אַז אויך אַ שטאַרקער למדן און רבנים די גרעסטע האַלטן פֿון אים אַ וועלט... זעט זיך טאַקע אָן אַ כּלי!..

טיף אין האַרצן פּילט רב נפתלי די מידה מגונה פֿון אונטערהערן מענטשן. ער קאָן דאָ אויך ניט באַהערשן זיך פֿון אַ שטיקל נקמה אויף די יידן פֿון וואַסערשטעטל, אָט די אַלטע איינגעפּונדעוועטע קהילה ביים ניע־מאַן! די גראָבקייט פֿון די מענטשן דאָרט איז אַ שם־דבר; הייגט זיינען זיי מפורסם לגנאַי מיט זייער זילזול צו תלמידי־חכמים. רבנים זיינען ביי זיי אויסגעשטאַנען רדיפות און חרפּות, און צוליב דער הפקרות איז לעצטנס שוין דאָס שטעטל בכלל אָן אַ מרא־דאתרא!.. אין זיינע מחשבותן באַמערקט ער ניט, ווי דער פּליט האָט זיך מיט אַ ווינקל שאַרף אַ דריי געטאָן גאָר נאָענט צום ברעג און פֿון שפּיץ קלאָץ שפּרינגט איינער אַרונטער אויף אַ ד׳ראָנג. אומגעריכט פּאַלט רב נפתלין אויף דער פּלייצע אַ האַנט אַ שווערע און האַרטע און אין די לאַנגע, דינע פֿינגער טוט זיך אים אַ שפּאַר אַריין נאָך אַ האַנט אַ גרויסע און אַ שוואַרצע:

— שלום עליכם, רבי!

— עליכם שלום... — מורמלט ער אַרויס צו דעם צעוואַקסענעם האַריקן מענטשן, וואָס שטייט פֿאַר אים מיט דעם לאַנגן וואַסערדיקן ד׳ראָנג, די בלוזע צעכראַסטעט און די הויזן איבער די נאַסע באָרוועסע פֿיס פֿאַרקאַשערט ביז אין בויך אַריין.

— וויפֿל גיבן אייך די טאַרבעס? — באַטראַכט שאַרף דער וואַסער־מענטש רב נפתלין. — דער פּליט, רבי, איז אָפּגעבונדן און די מינוט מוז איך זיין צוריק. ריידן מיר איינס־צוויי!..

— די יידן פֿון שטעטל ריידן פֿון אַכט ביז צען רובל אַ וואָך... — מורמלט ער ווידער אַרויס און פֿאַרשטייט באַלד אַליין ניט, הלמאַי ער דאַרף עס דערציילן.

— באַקומט איר ביי אונדז צוואַנציק!.. דאָס רעדט צו אייך דער גבאי ראשון פון דער קהילה, וואָס צו איר האָט אייער וואַלד־יישוב שטענ־דיק אָנגעהערט... אָקערשט האָב איך גערעדט מיט נאָך אַ גבאי אונדזערן, און מיר זיינען דורכגעקומען מכוח אַ רב... מאָנטיק זיינען מיר צוריק פון טילז. אַוווּ עס גייט דאָס געהילץ, זעען מיר אייך אין שטעטל ביי אונדז דינסטיק... עליכם שלום, רבי, און אָפּגערעדט!

האָט ער דאָך גאָר שלעכט געטראַכט וועגן די אַ יידן מיט זייער קהי־לה! — לויפט דורך רב נפתלין א חרטה. אַ ספק אַ שטאַרקער דערוועקט זיך אויך באַלד ביי אים מכוח דעם חילול־השם און חילול־התורה, וואָס די לומדישע וועלט זעט איין בכלל אין דער מחלוקת־הרבנות פון קאָוונע. מרעיש עולם איז מען דאָך... זעט מען דאָך באַשיימפּערלעך, אַז דאָס האָט דווקא אַ ריר געטאָן לטובה דעם המון־עם, געבראַכט מענטשן צום אַריינ־טראַכטן זיך, צו אַ התעוררות. און אַפילו אַ קהילה אַזאַ!..

— הייסט עס, נאָך שבת דינסטיק, אם ירצה השם... — קראַצט זיך רב נפתלי אין באָרד און קוקט נאָך דעם יידן, וואָס טראָגט זיך שוין מיט אַ שפּרונג אויפן דראָנג צוריק צום פּליט. באַלד הילכט פון דאָרט אויך זיי־דיקע הייזעריקע שטים:

— מזל־טוב, מיר האָבן אַ רב!.. קאַראַטן אויפן שאָק!..

ג.

אויסגעבונדן איינע מיט די אַנדערע זיינען די אָרטשאַפטן אין דעם לאַנגן טאָל, וואָס ציט זיך מיטן ניעמאַן אדורך דרום־ און מערב־ליטע און שניידט זיך אַוועק צו דעם צפונדיקן פּרייסן ביים באַלטישן ים. פון דער לעבעדיקער באַוועגונג זיינען עס איבער די ברעגעס דאָ אַרויסגעשוווּמען אַ סך יידישע שטעטלעך. דער טייך איז זייער ברויטגעבער. די אַלטע געדיכטע וועלדער איבער ליטע און שטיקער רייסן פּאַרפילן דעם וואַסער־אויג מיט געהילץ. גאָר גרויס איז דאָ די פּרנסה מיטן שטייג פון שטראָם; און מיט זיין ווינטערדיקן גליוועער קאָרטשענען זיך אין דחקות די יישובים און זיי קוקן שוין אויס דעם אייזגאַנג אין פרילינג... ווי שכנים

פון דורות, קריגן זיך אויך ארום די וואַסער־שטעטלעך, טרייבן רכילות איינע אויף די אַנדערע, נעמען זיך איבער מיט לומדות און ייחוס און געלט. גאָר אָפט גרייסט מען זיך דאָ מיט גבורה און די ידים זיינען עס מכריע. גוט ווערט מען ווידער ביי שותפותדיקע חתונות און אַנדערע שימ־חות, וואָס זיי פּראַווען אָפט צווישן זיך, די שטעטלעך.

אין דעם טוליען זיך אַרום דעם „פּאַטער פון די ליטווישע טייכן", דעם ניעמאַן, פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט דער דאַמפּער. ניט גרויס זיינען די עטלעכע פּאסאזשיר־שיפן און זיי מוזן גאַנץ אָפט שווער און לאַנג לאַ־ווירן צום אַדורכשלאָגן זיך אַ וועג צווישן די פליטן, באַרזשעס, בוקסירן און זאמדבענק. שמועסן זיך דורך ניט ווייניק די פּאַסאַזשירן, נייס גייט פון מויל צו מויל, און יידן פאַלן אויך אַריין אין הייסע וויכוחים. אַ מייס־טער אויף פאַרטרייבן דעם לאַנגווייל אונטערוועגס איז יאָסעלע מיטן האַר־מאָניק. פון איין שיף אויף דער אַנדערער שפּרינגט ער מיט זיין קורצגע־וואוקסיק גופל און ציט פון זיין שפּיל־כלי פּרנסה. זיינע מענטשן זיינען שוין די יינגערע. זיי קענען די לידלעך, וואָס ער שפּילט אויס, און זינגען מיט. גאָר לעבעדיק טופּען אונטער די ליטווינער מיט זייערע הילצערנע שיך, די קלומפּעס, ביי זייערע פּאָלקסלידער, די „דאַינאָס".

אַ גרעסערער עולם אויפן דעק איז פאַרטאָן מיט דער מחלוקת־הרב־נות אין קאָוונע. צדדים שאַפן זיך באַלד אויך דאָ און דער וויכוח פאַרנעמט זיך שאַרף... אָן אַ זייט האַלט זיך רב נפתלי, וואָס זיצט דערביי און פּרוּווט מעיין זיין אין אַ ספר. די טענות פון די מענטשן זיינען אים בדרך כלל באַקאַנט. ניט אָבער ביי אַלע רייד קאָן ער בלייבן רואיק. איינער מיט אַ קאָקאַרדע און אין אַ מונדיר פון אַ לערער אין די יידישע שולן פון „מפיצי השכלה" נעמט דערציילן פון אַ שתדלנות־דעפּוטאַציע ביי אַ גובערנאַטאָר. די רבנים זיינען געשטאַנען פאַרלוירן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין ציען נערוועז די צעוואַקסענע בערד און מיט די פינגער געדרייט די אַרונטערהענגענדיקע פּאות; הילכיק זיך געשנייצט די נעזער, אַנגע־שטאָפּטע פון שמעקטאַבאַק, און מיט גרויסע רויטע פאַטשיילקעס געווישט פון זיך דעם שווייס. אומגעלומפּערט האָבן זיי אַוועקגעלייגט אַ טאָרבע געלט מיט אַן אויפשריפט, אַז דאָס איז אַ מתנה פון זייערע קהילות לטובת אַ וועלכן מוסד פון בלינדע, וואָס האָט גאָר געמאַכט בולט דעם שוחד...

און אַז זיי האָבן שוין גענומען ריידן, איז עס געווען אין אַ צעבראָכענעם רוסיש, דערביי זיך אונטערגעשאָקלט, און מיט אַ ניגון... איז שוין ניט צו וווּנדערן זיך וואָס יידן האָבן אַזאַ פּנים ביי דער מלוכה!.. די חוזק־רייד טוען אַ הייב רב נפתלין, און ער איז שוין גרייט צו אָפּענטפערן מיט אַ רע־יון, וואָס איז אים דאָ אויפן אָרט אויפגעקומען. דער כבוד־התורה אָבער, וואָס ער גייט דאָ פאַרטיידיקן, דערוועקט ביי אים באַלד אַ חשש, אַז דאָס וואָס ער האָט איצט באַטראַכט איז אפשר נאָך ניט גענוג אויסקריסטאַלי־זירט אויף אָפּשלאָגן קרעפּטיק די דברי בלע... כאַפּט ער זיך פאַר אַ וואָרט וואָס ער האָט געהערט אויף דער אסיפה אין קאָוונע און דאַרף געוויס זיין פּאַסיק אויך פאַר דעם אַ עולם. געזאָגט האָט דאָרט רב דוד לעווין, אַ ייד אַ למדן און אַ לאַנד־חכם:

— היינו ללעג וקלס בגויים... אַמאָליקע יאָרן אַז יידן זיינען געקומען אין אַ השתדלות, האָט זייער הילוך אפשר אַרויסגערופן לכתחילה ביי די פּריצים אַ שמייכל, — היינו ללעג. אונטער די אויגן אָבער האָבן די גע־רעדט גאָר אַנדערש. דעם אַלטן יידישן פּיר און די כשרע פּנימער פלעגן זיי דווקא לויבן צווישן זיך, — וקלס בגויים... און אַז מען האָט געבראַכט אַ מתנה, איז עס טאַקע געווען אין אַ זעקל; מטבעות געזאַמלטע פון הויז צו הויז און נאָך מיטן פאַרהאַרעוועטן שווייס. בלוטיקע געלט אַזוינע האָט שוין אויך געמוזט ווייכער מאַכן דאָס האַרץ... היינט זיינען דאָך אונדזערע נייע כלל־טוער אַזוינע חשובע, אַפילו באַראָנען, און לאָזן זיך אַרונטער צום שר אין אַ פּרעכטיקער קאַרעט מיט זעלטענע פערד, וואָס דער אַליין האָט עס ניט; און מ׳רעדט אַוועק אַ גוייש לשון נאָך בעסער פון אים אַליין. גיט זיך אַן עפן אַ טייסטער, רייסט אויף די אויגן דער באַרג בונטע גרויסע אַסיג־נאַציעס. איז דאָך שוין ווייניק וויפל מען לייגט אַוועק... זאָגט זיך טאַקע באַלד אין דער תפילה מיטן זעלבן אָטעם: נחשבנו כצאן לטבח יובל, אַז מיר זיינען שוין די גאָר חשובע, — זיינען מיר ווי די שאָף צום חלף. אַלץ נייע גזירות אויף יידן. און אָט דער ביילים־פּראָצעס, אַזאַ עלילת־דם...

— אַוודאי שוין ווידער וועגן אַ רב פאַר קאָוונע... — קאָן ניט פאַר־בייגיין אַ שמועס צווישן יידן דער קאַפּיטאַן פון דאַמפּער, טשיזשיק, אַ ליטווין וואָס רעדט אַ פאָלקסטימלעכן יידיש: — קיין אַנדער דאגה האָט איר שוין ניט, צי אַ רב מיט אַ גאָר לאַנגער קאַפּאָטע אָדער אַ קירצערער...

איך זע אָבער אַלץ מער יידישע ייִנגלעך אין די גימנאַזיסטישע מונדירלעך, און דער דאָרף האָט זיך אויך געגעבן אַ לאָז אין די גלחים־סעמינאַרן. זאָג איך טאַקע, אַז באַלד וועט שוין גאָר ניט זיין ביי יידן קיין רבנים, און ביי די ליטווינער קיין פּאַסטעכער...

ניט די אַלע יידן לאָבן זיך אַזוי מיטן קאַפּיטאַנס חכמות. מענטשן גע־דענקען אים נאָך פּאַר אַן אַרומטרייבער, אַ הייצער אויף דאַמפּערס, און פּאַר איין וועגס זיך אַ ביסל פּאַרנומען מיט קאָנטראַבאַנדע. קיינעם איז אָבער ניט קלאָר, ווי אַזוי אָט דער האָט זיך גאָר גיך דערשלאָגן צו גרויסע געלטער. פּרוווט אים ווער דאָ אַוועקקערעווען אויף זיינע אייגענע ענינים:

— מזל־טוב, רב טשיזשיק! מ׳רעדט אַז איר זייט שוין באַלעבאָס פון דעם דאַמפּער...

— איך אַ דאַמפּער? — שטעלט ער אַן תמעוואַטע זיינע גרינע אויגן און די דיקע גרוי־בלאָנדע וואָנצעס שטייען אָפּ פון דעם רויט־אָנגעגאָסע־נעם פּנים — ווי קומט יורע צו שמורה?

אין יידישע הייזער האָט דער גוי געגעסן ניט ווייניק מצה און ווייס אַפילו פון מצה־שמורה. אין זיינע וואָגלענישן איבער פּרייסן און טיף־רוסלאַנד פלעגט ער אַריינקומען אין בית־המדרש, און פון דאָרטן פאַרבעטן ווערן אויף מאָלצייטן. גאַנץ אָפט, איז ער געווויִנט צו דערציילן, האָט מען אים, דעם אורח, מכבד געווען מיט קידוש אָדער בענטשן. זיין ענטפער פלעגט אָבער זיין: ביי אונדז אין לומדישן זשאַמעט מאַכט עס נאָר דער באַלעבאָס...

נאָך איידער רב נפתלי איז אַרונטערגעשטיגן פון דאַמפּער האָבן שוין די פּאַסאַזשירן געוווּסט, אַז ביי דער סטאַנציע ווערט דאָ אָפּגעוואַרט אַ באַזונדער גאַסט. אויסגעפּוצט אין שבתדיקע קאַפּאָטעס און אין הויכע שטיוול, גלאַנציק מיט פריש געשמירטן דזשעגעכץ, זיינען חשיבותדיקע אויפן ברעג געשטאַנען ביי אַ מנין בעלי־בתים פון דערבייאיקן שטעטל. נאָך פון וויטן האָבן זייערע הענט געוועדעט אויף דער זייט פון דער צו־שווימענדיקער שיף. באַלד האָבן אויך די פינגער גענומען טייטלען אויף דעם יידן אין רבנישן אָנטו... שוין אין צאָרן אויף אָט די מענטשן איז דער קאַפּיטאַן. קיין איינער פון זיי שפּרינגט גאָר ניט צו אָנצוכאַפּן זיין

צוגעוואָרפֿענעם קאַנאַט, אים אָנטאָן אויפֿן קלאָץ — אָט העלפֿן צושלעפּן דעם דאַמפּער צום ברעג!... לאָזט זיך שוין דאָ לייכט די יידן אויפֿן דעק אַ שיס צו טאָן אין די שכנים זייערע, וואָס האַלטן זיך פֿאַר גאַנצע הער־שערס אין דער סביבה. זיי דאַרפֿן נאָר אַ שושקע טאָן דעם גוי, און זיין בייסיקע צונג הילכט:

— פּריצים גאָר! זיך אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק און דזשע־געכץ... די שטירלאַפּעס וויסן שוין נעבעך ניט וואָס אַ שטריק איז...

— און די הענטעלעך פֿון פּאַנאָס קאַפּיטאַנאָס?.. — בלייבט ניט שולדיק דער ברעג — ביי אים די ידים זיינען דאָך אַלע מאָל געווען אַזוי ווייס און האָבן געדרייט דאָס ראָד פֿון אַן אייגענעם דאַמפּער...

אויפֿן ווונק פֿון די שטעטלשע עסקנים שפּרינגט צו יאָסעלע מיטן האַרמאָניק און באַגלייטביים אָרונטערגאַנג רב נפֿתלין מיט אַ פּריילעכס. שטייגט די הייטערקייט אויפֿן דאַמפּער, טשיזשיק ווערט נאָך מער געמור־טיקט צו אַריינזאָגן. געצילט איז שוין זיין ווערטל אויף דעם גאַנצן מקום:

— רב יונגערמאַן, ביי גאָר קנאַפּע לייט ווערט איר אַ רב. מען האָט דאָך מורא פֿאַר זיי און מען מיידט זיי אויס... זיי באָדן זיך אָבער די לעצטע יאָרן אין אַרבעט און גייען אין גאָלד. כסף מטהר ממזרים!..

ד.

האַרציקער נייגער האָט אַ שטראָם געטאָן אויף רב נפֿתלין אין דעם וועג זיינעם דורכן שטעטל. פֿון הייזלעך נידעריקע מיט מאָכיקע דעכער האָבן זיך טירן איינע נאָך די אַנדערע האַסטיק געעפֿנט און עס זיינען אַרויסגעשפּרונגען קינדערלעך באָרוועסע מיט אַרומגעוואָשענע פּנימלעך און טיף אויסגעשנייצטע נעזלעך, וואָס האָבן נאָך געפּלאָמט פֿון דער דורכ־געמאַכטער רייניקונג אונטער די זאָרגעוודיקע הענט פֿון מאַמעס און גוטע באָבעס. אַליין די פֿרויען האָבן זיך צעשטעלט ביי די פֿענצטער און הענט אַ סך זיינען אין איבערציטער געגאַנגען איבער די קאָפּ־טיכ־לעך און אַלץ ניט געווען זיכער, אַז עס זיינען גענוג פֿאַרדעקט די האָר... פֿאַר די טשיקאַווע און אויסגעבענקטע בליקן, וואָס ווילן שוין זען ווידער אין שטעטל אַ גייסטיקן פֿירער, האָט זיך הערלעך געטראָגן די ברייט־

פלייציקע פיגור פון דעם גאַסט אין דער אויסגעגאָסענער שוואַרצער קאַ־פּאָטע, און בכלל שיינער הילוך. מיט יעדן טראָט דעם באַזאַכטן ווערט אַזוי אָנגעזען דאָס לויכטיקע פּנים מיט די טיף ברוינע אויגן, איינגעפּאַסט אין דער שיינער קאַשטאַנען־באָרד. פאַרגאַפט איז דער עולם און פסקנט:

— אָט דאָס איז אַ רב!

די גבאים און עסקנים מיט די אַנדערע בעלי־בתים, וואָס קומען אַלץ צו אין גאַנג, גיבן זיך נאָר די מי צו אַריינלויבן זייער שטעטל. אויפן וועג שטעלן זיי זיך אָפּ ביים מרחץ און הקדש און ווו נאָר אַ קהלשער מוסד. פאַרן אריינקומען אין בית־מדרש פאַרקערעווען זיך די מענטשן מיט רב נפתלין אין אַ געסל אַריין, ווייזן אים אויף אַן אַלטן גרויסן הויז, וואָס עס איז אַ דירה פאַר אַ רב צום וווינען. באַלד נעמט צווישן די גבאים גיין אַ רייד אַ הויכע מכוח אַ גרינטלעכן רעמאָנט אין אָט דעם אָפּגעלאָזענעם בית־הרב... די יידן פאַרגעסן ניט כסדר צוגעבן, אַז די קהילה דאָ איז שוין ווי אַלט און מיט אַ גרויסן עבר. אין גאָר אַן אַלטן פּינקס איז געווען אַ סך אַ סך פאַרשריבן, און ביז דער גרויסער שריפה, מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק, האָט מען געקאָנט לייענען...

אויף דער נאַכט האָבן זיך ניט פאַרמאַכט די טירן ביים גבאי ראשון אין הויז, וואָס רב נפתלי איז אַהער געבראַכט געוואָרן צום עסן און נאַכטן. אַ סך האָבן אויך געקלעפּט ביי די אָפענע פענצטער און שוין געזוכט צו פאַרברענגען דעם זומער־אָוונט. מענטשן האָבן גערעדט און געטומלט און שוין ניט געלאָזט די גבאים זיך זעצן ביחידות מיטן גאַסט און הערן אויך זיין וואָרט וועגן אָננעמען די רבנות... די עלטערע און מער געזעצטע שאַרן זיך וואָס נענטער צום רב. זיי ריידן כלומרשט נאָר צווישן זיך און מאַכן עס חוזק פון דעם וואַלדשטעטל און דעם דאָרפישן פיר נאָך דאָרט. באַלד הייבן זיי אָן מיט שבחים וועגן רב נפתלין און ווייסן זיך צו דערציילן, אַז אין ישיבה האָט ער געשמט פאַר אַן עילוי און גרויסן מתמיד; און היינט שרייבט ער אייגענע ספרים און אַ וועלט קלינגט שוין מיט זיין גאונות. מ׳זאָגט אויך, אַז ער איז אַ צדיק און אַ תמים. און מען זעט דאָך טאַקע ממש, אַז אוי אים רוט די שכינה!..

גאָר לעבעדיק ווערט מיטן נייעם צושטראָם פון חברה קאָנזשאַרטני־קעס, וואָס בינדן צוזאַמען אויפן וואַסער די קלעצער אין גרויסע פּליטן. די

האָבן שוין ביי דער אַרבעט געהערט פון דעם גאַסט אין שטעטל, און אַט ריידן די פּרויען אין דער היים אַזוי אַנטציקנדיק פון אים. לאָזן זיי זיך אויך אָנקוקן... שוין אויפן הויף מאַכן זיי אַ לחיים פון מיטגעבראַכטן שנאַפּס און גייען ארויס מיט א פריילעכס. פאַמעלעך רוקן זיך עטלעכע פון זיי נעענטער צום רב און זיינען בעלנים צו הערן וואָס ער נעמט דאָ ריידן נאָך אַ לאַנגן שווייגן, און אויך איצט ווי ער זוכט וואָס פּאַסיקס צו זאָגן:

— דין־תורות... פאַראַן מקומות, וואָס בית־דין איז חוקר די צדדים און די עדות אונטער אַ שבועה מדאוריתא אָדער מדרבנן. אין אַנדערע ערטער פירט זיך עס מיט אַ קבלת־בחרם. און ווידער אַנדערע זיינען גורס מיט אַ הן אָדער מיט אַ לאַוו. אַלץ לפי מינהג המקום. ווי איז אייגנטלעך אַט די זאַך איינגעשטעלט מקדמונים דאָ אין דער אַלטער קהילה?

— רבי, אַט ביי אַזעלכענע זאַכן וועט איר ניט האָבן דאָ קיין אַרבעט און אויך ניט קיין עגמת־נפש. — קומט אַרויס איינער פון די יינגערע מיט זיין ערשטער באַקאַנטשאַפט. — ביי אונדז, רבי, אַז איינער האָט אַ סיכסוך מיט אַ צווייטן, נעמט ער אַ ברעט און גיט אים אין זייט...

רב נפתלין גיבן זיך פאַר די אויגן אַ שטעל די תמימותדיקע יידן פון וואַלדשטעטל, און אים ווערט קשה אויף זיך אַליין, וואָס אים האָט דאָ געטראָגן אין אַזאַ מקום... חברה אָבער באַמערקט אַפילו ניט די בלאַס־קייט אין רבס פּנים און די ציינער זיינע, וואָס בייסן זיך אַזוי שאַרף אין די ליפּן, — און די הייטערהייט גייט ווייטער. זאָגט זיך אָפּ נאָך איינער:

— און איך האַלט גראָד ניט פון צעברעכן יענעם אַ ריפּ... אין די לאַ־דנס ביי דעם בעל־דבר שטעקט מען אָקאָרשט אַריין די לאַנגע „קאַפּקענע“ טשוועקעס, און אַז דער גייט זיי אין דער פינצטער פאַרמאַכן, זעצט ער זיך אַרויס מיט קנאַק די אייגענע שויבן!..

— און פאַר וואָס ניט אַ זאַק מיט יענע־מעשה אַרונטערלאָזן אין קוימען אַריין, און די שטוב פאַרעגלט זיך אין ריח ניחוח?.. — וואַרפט צו אַ דריטער און פינטלט מיט אַן אייגל צו איינעם פון די גבאים, וואָס האָט אַזאַ שטיקל אַרבעט דאָ ניט לאַנג אַליין אָפּגעטאָן און איצט טרעט ער דאָ ניט אָפּ פון רב, ווייל פאַרמאַכן דאָס מויל די יינגערע און ברענט אַזוי פאַרן כבוד־התורה!..

ניט צו פאַרשטיין די עלטערע, אַט די גבאים און אַזוי בעלי־בתים!

חברה קוקט דאָ אָן די פּוריע וואָס אָט די פּראַוועגען ביי דער זייט פון רב, און דאָס שטעלן זיך אין פּאַסאָן פון גאָטספּאַרכטיקע און לומדישע יידן. פּסוקים אויסגעקראַצטע וואַרפן זיך ביי זיי פון מויל, און זיי פּלייסן זיך מיט אַ מיינונג וועגן קאָוונער רבנות!.. נאָר אַ וואָרט אַז אַן אַנדערער זאָגט, ברענגט זיי אויף. ווי זיי נעמען עס קוועטשן יענעם אויפן פּוס, ציען ביים אַרבל און בורטשען — אַ חילול השם!.. אַ נעם טאָן דאַרף מען אָט די חשובע לייט אויפן בוקסיר!.. גוטברודעריש מיט אַ פּאַטש אין פּלייצע רוקט זיך צו איינער צו רב נפתלין:

— און איך זאָג, רבי, אַז דין־תורות דאָ וועט איר יע האָבן... ווינטער, אַז עס קומט די שטריק־ציענִיש אויפן אייז צווישן די קאָמאַנדעס, פון די יינגערע מיט אָט די עלטערע, סאַראַ טענות און סיכסוכים עס שפּרינגען אַרויס!..

געלט און כבוד האָבן אים דאָ אין גאַנצן פּאַרבלענדט, ניט אַנדערש — כאַפּט זיך רב נפתלי און פּרוּווט זיך קלאָר מאַכן. אין פלוג האָט ער דאָך טעג אָפּגעטראַכט וועגן דעם מקום, געמאַכט אַלערליי אויסרעכענונגען, פּאַרגליכן די קהילה אַקעגן דער יענער, וואָס לייגט אים פּאָר רבנות, און געוואויגן פון יעדער איינער די מעלות און חסרונות, — איז אַפילו אַזאַ מעשה שטריק פון אים ווי נעלם געוואָרן!

גאָר אויפן זינען איז רב נפתלין ניט אַרויפגעקומען דער פּיר פון אַ סך יידן אין די וואַסערשטעטלעך. אין די שבתים ווינטער לאָזן זיך די אַרויס אויפן אייז און פּאַרמעסטן זיך אין ציען שטריק. באַזונדער איז די משונהדיקע זאַך פּאַרשפּרייט אַרום קאָוונע, ביים צונויפגאָס פון די גרויסע טייכן. די וואַסערמענטשן גייען אַרום אין די פּרעסט אָן אַרבעט, זוכן זייע־רע כוחות אָן אויסלאָד... יונג און אַלט, מענער און פרויען, ציען זיך פון די ערטער אַרום צו די איינגעשטעלטע מיטלפּונקטן, ווילדעווען דאָרט און קוקן זיך צו מיט התלהבות, ווי די קאָמאַנדעס ראַנגלען זיך און יעדע איינע וויל עס אַרויסרייסן פון דער צווייטער די שטריק. גאַנץ אָפּט ברעכן אויס געשלעגן און בלוט גיסט זיך. מוראַדיק־מוראַדיק איז דאָ די הפקרות, היינט דער חילול־שבת!.. יאָרן, ווי די פרומע יידן טוען אויף מבער זיין אָט דעם נגע; נאָך דער גרויסער רב יצחק אלחנן האָט אויף דעם גע־שטורעמט; און ניט איין רב האָט עס געבראַכט צו קיצור־ימים... יאָ, גאָר

גרויסע מחותנים אויף די אייז־קאָמעדיעס זיינען עס אויך אָט די מענטשן, וואָס האַלטן אים שוין באַלד, רב נפתלין, פאַר זייער רב, — און זיי אַליין דערמאָנען עס אים!..

אַז דער עולם גייט זיך פונאַנדער, איז שוין רב נפתלי ווייט פאַרגריבלט אין דעם אייגענעם איך. זיין אָפּוועגן אין רבנות קעגן דער צווייטער און דאָס גאַנצע פאַרגלייכעניש און דורכטראַכט, — איז געווען ביי אים ניט מער ווי אַ געניאַר. נאַרן אָבער, זאָגן די בעלי־מוסר, טאָר ניט אַ מענטש ניט נאָר יענעם, נאָר אויך ניט זיך אַליין. דאָס געלט און כבוד האָט עס אים דאָ געמאַכט אויך פאַר אַ נוגע בדבר, און ער איז שוין ניט בכוח איצט מכריע צו זיין אין דער זאַך מיטן אייגענעם שכל... אין מחשבותן וואַרפט אים אויך זיין התנהגות. גוטע, זיסע ווערטער אָן אַ שיעור האָט ער פאַרן טאָג אַריינגעהערט; די שבחים די גוזמאדיקע וואָס האָבן זיך אויף אים געשאָטן... חניפה איז עס, ניט קיין כבוד — האָט ער באַלד געפילט. אָפּ־געהאַלטן דעם שטראָם האָט ער אָבער ניט. אויף אים קאָן דאָס ניט ווירקן, איז ער ביי זיך געווען זיכער... האָט ער שוין מיט דער זעלבער תמימות ווי פאַרהערט די גאַנצע שטותעריי, וואָס עס האָט זיך נאָך דעם אַ וואָרף געטאָן, און אַפילו די רייד די הפקרדיקע. אַ וואָרט האָט ער דאָך די מענטשן ניט אויסגערעדט!.. אַ סך, אַ סך וואָרענונגען פון די בעלי־מוסר דערוועקן זיך דאָ ביים רב נפתלין. מיט גאָרער שאַרפקייט שניידט זיך אין אים דער זאָג:

— פאַר חניפה גיט מען ניט קיין פּעטש...

ה.

„די בריק איז אויף גיין קיין סלאָבאָדקע, און ניט אויף אַוועקגיין...״ — דאָס רמזדיקע ישיבה־ווערטל קלינגט אין רב נפתליס אויערן יעדן מאָל, אַז אים טוט אַ צי צו זיין מקום־תורה און ער גייט אין קאָוונע איבערן טייך צו דער אָפּגעלאָזענער פאָרשטאָט מיט די הויקערדיקע הילצערנע הייזלעך.

אין שייך פון פאַרגייענדיקן טאָג דעם זומערדיקן שפּיגלען זיך טיף אין וואַסער די הויכע קוימענס פון די ריזיקע ברויט־ און זעג־מילן אויף דעם שטאָטישן ברעג, וואָס גיסן זיך אין דעם בלוי־רויטן פּורפּור צוזאַמען מיט די פּרעכטיקע הייזער פון זייערע באַלעבאַטים. צו די אָ אונטערנעמונגען שיטן זיך מאַסן אַרויס יעדן מאָרגן פון די גאַסן און געסעלעך און געסלקעס און אַרבעטן דאָרט אויס אַ לוין פאַר זייערע דחקותדיקע היימען. שפּעטער אין אָוונט שימערירט שוין דער רייכער ברעג מיט כישופדיקן ליכט, און פון די סאַלאָנען טראָגט זיך וווּנדערלעכע מוזיק איבער די שטילע ווייטן — און דערציילט פון עשירות און תענוגים, פון זין און טעכטער הויך געביל־ באָדקע מיט איר באַרימטער ישיבה, וואָס האָט די הונדערטער תלמידים טעאַטערן און גימנאַזיעס, און פון אוניווערסיטעטן און קאָנסערוואַטאָריעס אין די גאָר גרויסע כרכים!..

אַנטקעגן דער רייצנדיקער מאָדערנער וועלט שטאָלצירט אָבער סלאַ־ באָדקע מיט איר באַרימטער ישיבה, וואָס האָט די הונדערטער תלמידים פון גובערניעס אַרום און אויך פון מרחקים. גדולים זיינען פון דאַנען אַרויס, און רבנים אַזוי פיל אין קהילות נאָענט און ווייט. דאָ לערנט מען ניט דווקא ש״ס און פּוסקים, נאָר טאַקע גאָר אַ סך מוסר, וואָס דאַרף מחזק זיין דעם מענטשן אין יידישקייט און פאַרטיפן זיין געדאַנק אין מידות טובות. שטאַרק געוואָרנט ווערט באַלד דער יוגנטלעכער פון די געפאַרן פאַר זיין נשמה, און דער עיקר — ניט פאַרכאַפּט ווערן פון אויסערלעכן גלאַנץ. באַנעמט מען טיפער דעם תוך פון לעבן, קלערט מען איבער ביים שטעלן אַ טראָט אַן ערנסטן, וווהין דאָס קאָן פירן — און ווער רעדט נאָך ביי אַ בריק, ביי אַ וועג איבער תהומען!.. קומט מען לערנען קיין סלאַ־ באָדקע, דאַרף מען ווערן געבונדן מיט איר גייסט, און ניטאָ קיין אַוועק־ גיין!..

שעהן לאַנג האָט רב נפתלי די לעצטע נאַכט ניט געקאָנט צומאַכן אַן אויג. אַ צו שווערן טאָג האָט ער געהאַט אין דעם שטעטל, וואָס האָט אים פאַרבעטן אויף רבנות. נאַרישע און גראָבע רייד אַזוי פיל האָט זיך אויף אים אַ שאָט געטאָן כמעט פון דער רגע וואָס ער איז דאָרט אויף דעם ברעג טייך אַרונטערגעשטיגן פון דער שיף. און שפּעט אין אָוונט זיינען די מענטשן געוויס אַוועק שלאָפן מיטן זיכערן געפיל, אַז ביי זיי איז שוין

דאָ אַ רב. אין אים האָט זיך אָבער פון מינוט אַלץ מער צערעדט די ווונדן פון זיין נשמה, און ער האָט נאָר אויסגעקוקט אויף דעם שפּראָץ פון טאָג — זיך לאָזן צום ערשטן דאַמפּער!.. זיין אָרט איז ניט אין דעם פאַרגרעבטן מקום, איז אים קלאָר געוואָרן, כאָטש מען גיט אים דאָ אויסהאַלט מיט ברייטער האַנט... אַננעמען וועט ער די רבנות אין דעם קליינעם וואַלד־שטעטל, ביי די איידעלע און פרומע יידן, וואָס ווילן אים שוין לענגער פאַר אַ רב. די אָרעמקייט פון די טאָר אים ניט אָפּשרעקן; היסתפּקות במו־עט — איז גאָר ניט פון די קליינע מידות... ביי אַ ריכטיקער שלוות־הנפש קאָן ער דאָך אַ סך אויפטאָן אין לערנען, זיך אויך פעסט אַ נעם טאָן צו זיינע כתבים און זיי ממשיך זיין. פאַר די אויגן שטייט אים שוין דער ערשטער געדרוקטער גרויסער ספר זיינער, וואָס וועט הייסן „אילה שלו־חה״!.. ניט אָפּגעלאָזט האָט אים שוין אָט דער געדאַנק און אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ זיסן שלאָף. בייטאָג אַז ער איז געקומען צום ברעג, האָט ער זיך אָבער געזעצט אויפן דאַמפּער וואָס גייט קיין קאָוונע. שוין אַכט יאָר איז ער פון ישיבה און באַזוכט דאָ ניט אָפּט. אַננעמען אָבער אַזאַ החלטה אין גאַנצן על דעת עצמו און מאַכן דעם שריט אָן סלאָבאָדקע — אויף אַזוי־ווייט איז ער נאָך ניט אַוועק!

נידעריק איבערן וואַסער ליגט די בריק וואָס ווערט אויפגעשטעלט יעדן פרילינג נאָך דעם אייזגאַנג. ברויזיק רייסט זיך דער שטראָם און שניידט זיך מיט כוואַליעס און שוים אין אירע דעמבענע דיקע קלעצער־פיס, און קילט און פרישט איצט דעם אָפּגאַנג פון שטיקעדיקן זומערטאָג. נענטער צום ברעג קומען רב נפתלין אַנטקעגן אַלץ שאַרפער די ריחות פון דער ברייטער לאַנקע, וואָס שפּרייט קוועליק איר קאַלירפולן בלומען־טעפּעך צו דעם פריידיקן צוזאַמענגיס דאָ פון דיביידע גרויסע פלוסן. אין בליאיקן איבערוווּנק מיטן וואַלדיקן פאַס בערג, וואָס כישופן זיך אַרויס לינקס קעגן איבער, ווערט דאָ געפייערט דער שטיפערישער אַריינפאַל פון דער קאַפּריזנער ווּיליע אין די גאַלדזאַמדיקע אָרעמס פון ניעמאַן און דער ענדקוש אירער אין דעם אויפכאַפּנדיקן שלונג פון דעם פאָטער פון די ליטווישע טייכן...

אויף אַ צויבערנדיקן שפּיץ פון די אַ בערג זאָל האָבן אַמאָל אַמאָל געשטאַנען אַ טעמפּל פון דער ליטווישער געטין אַלעקסאָטאַ. אַרומגענומען

מיט טענץ, וואָס מיידלעך־וואַידעליאָטעס טאַנצן אַפּ זייער לעבן לכבוד איר, און באַשטראַלט מיט דעם הייליקן פייער, וואָס די אַ פּריסטערינס אי־רע היטן עס דאָ אָפּ, — האָט זי, די טאָכטער פון אייבערגאָט פּערקונאַס, אַרונטערגעקוקט פון איר הייך צו די אַלע וואָס אַכפּערן זי און זיי געבענטשט מיט קראַפט און מיט פרוכפּערקייט און מיט אַלדע ערדישע גיטער... צייטן זיינען פאַרביי, און פון דער זעלבער שטעל אויף די אַלעקסאָטער בערג האָט אימפּעראַטאָריש געוואָרפן זיין אָדלערבליק נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע. אין דעם גרויסן הילצערנעם ביידל, וואָס דאָ איז איצט געשטאַנען, האָט ער פונאַנדערגעלייגט זיינע פּלענער, שוין געזען פאַר זיך אונטערטעניק די רוסישע ערד און די גאַנצע וועלט — און אָנגעהויבן זיין מאַרש אויף מיזרח! עטלעכע צענדליק יאָרן אַרום האָט אַהער געגומען אַרויפשפּאַצירן אַדאָם מיצקעוויטש און פּאָעטיש דאָ געוועבט זיין גרויסע וויזיע פון אַ פּוילישן אויפשטאַנד־ און אויפלעב פון ים ביז ים. אין דעם זעלבן אָרט האָט זיך באַלד אויך באַוויזן אברהם מאַפּו, און זיין דימיון איז אַוועק איבער דעם ווייטן לבנון און כרמל און די הרי ציון. מיט האַרציקן פלאַם פאַר אַ באַנייאונג פון חרובן יידישן לאַנד האָט אין דעם ביידל זיין פעדער געשיל־דערט די רייכע שטעט און דערפער און די וויינגערטנער און סטאַדעס שאָף און רינדער פון דער פאַרצייטיקער מלכות יהודה און ישראל — און אויפגעבראַכט די נייע העברעאישע ליטעראַטור.

אין דער זעלבער צייט וואָס דער באַרג האָט נאָך געזאַפּט אין זיך די פאַרחושטע טריט פון דעם לעצטן ערדישן טרוימער, האָט אין דעם טאָל קעגן איבער, ביי דער נידער פון טייכן־צוזאַמענגוס זיך פאַרקליבן אַ מי־טליאָריקער רבנישער ייד פון דעם שטעטל סאַלאַנט, אַ העק אין דער ליט־ווישער פּראָווינץ זשאַמעט. אין אַ האַלב איינגעזונקען שטיבל ניט ווייט פון דער בריק דאָ האָט דער געגומען גראָבן זיין געדאַנק אין די טיפענישן פון זיין נשמה, זיך גרונטעוועט אין דעם אייגענעם איך, — כדי דערהייבן דעם גייסט אין די הימלישע הייכן. וואָס איז בכלל דער מענטש, און ווי דאַרף זיין די התנהגות זיינע אין לעבן, — האָט ניט אויפגעהערט פרעגן רב ישראל סאַלאַנטער. אַרומגענומען פון תלמידים, האָט ער אַלץ באַטאָנט דעם הכרח אין אַ כוח הרצון, די גרויסע נויטווענדיקייט אין זעלישער פעסטקייט צום קאָנען באַצווינגען דעם זיך אַליין און דערוויטערן די אַלערליי שלעכטע

הרגלים און געלוסטעניש. אין זיינע מוסר־שמועסן האָט אַ באַזונדער אָרט פאַרנומען די וויכטיקייט פאַר יעדן יחיד צו פירן מיט זיך אַ חשבון־הנפש, וואָס דאַרף אים העלפן אַנטוויקלען די מידות טובות אויף דורכגיין בשלי־מות דעם שטיקל לעבנסוועג אויף דער וועלט...

אַ מורא אַ גרויסע האָבן אויף רב ישראלן אָנגעוואָרפן די כוואַליעס פון כפירה, וואָס האָבן זיך צעטראָגן איבער דער וועלט און דראָען אָזוי דער יידישקייט... קעגן דער אָ סכנה האָט ער געגומען זוכן מיטלען אויף שטאַרקן דעם גייסט פון דעם גלייביקן. לערנען האָט ער געהייסן אין מוסר־ספרים, און נאָך מער האָט ער אַליין דורך זיינע לעבעדיקע שמועסן אַריינ־געגעבן מענטשן מוט אין קאַמף פאַר דער אמונה און זיי אָנגעוויזן ווי צו שטעלן זיך קעגן וועלכע רעפאָרמעס אָדער אָפּנייגן פון דעם אַלטן וועג... מיט פלייס האָבן די תלמידים זיינע זיך גענומען צום פאַרשפּרייטן דעם לימוד־המוסר. לומדישע יידן אין קאָוונע האָבן זיך אויסגעזוכט אַ בוידעם־שטיבל איבער דעם אָרעמען קלויז פון די האַלצזעגער, וואָס איז געשטאַ־נען ביי דער ווילִיע האַרט לעבן די גרויסע מילן, און דאָ פאַרלייגט אַ בית־המוסר. תלמידים פון סאַלאַנטער האָבן זיך מיט זייער רבינס תורה געלאָזן אויך איבער שטעט און שטעטלעך און אַפילו געגרינדעט באַזונדערע ישי־בות.

ו.

ניט ווייניק האָט רב נפתלי געטאָן אין מוסר, בעת ער האָט געלערנט אין דער סלאָבאָדקער ישיבה, וואָס הייסט טאַקע אויפן נאָמען פון מיסד פון דער מוסר־באַוועגונג. ער ווייס אָבער, אַז ניט אַלע מוסרניקעס האַלטן זיך ביי יעדן געבאָט פון דעם גרויסן רביך. נאָך ניטאָ קיין פולע דרייסיק יאָר פון זיין פּטירה, און די רעיונות זיינע ווערן שוין אויסגעטייטשט פאַרשיידן... אַז די ישיבה דאָ איז ניט די איינציקע מיט פאַרנעמען זיך מיט אייגענע דרכים אין מוסר, — איז שוין צו זען אויף דער בריק. דער גע־איילטער טראָט זיינער אַדורך דער געדיכטער באַוועגונג פון פאַר־נאַכט ווערט פּלוצעם פאַרקוועטשט אין אַ לעבעדיקן געלאַף. אַ ווילד שרייען ציט עולם פון אַלע זייטן. אין דער מיט קאָכט זיך אַ נידעריקער אויסגעדאַרטער ייד מיט אַ צעוואָרפּענער רויטער באָרד. אויף זיין קאָפּ

אַ קאַפּעליוש אויסגעקערט אויף דער לינקער זייט. די רבנישע קאַפּאָטע איז אַרומגעבונדן מיט אַ האַנטעך און פון אַ ריס אין אַן אַרבל שטעקט אַרויס דער גאַנצער אָרעם. די ביידע שיך פון באַזונדערער פּאָרעם און גרייס טאַנצן אַרום ניט־פאַרשנורעוועט אויף די פיס... טשיקאַווע קוקן זיך צו די מענטשן, ווי דער פּאָכעט איבער עטלעכע יוגנטלעכע מיט אַ סוקע־וואַטן וואַנדערשטאָק. די אויגן פלאַמען אים און איז אין איין געשריי:

— ס׳ברענט!.. יידן, אַ העליש פייער!!..

באַקאַנט איז רב נפתלין אויך אָט דער דרך־המוסר. נאָך בחייו פון רב ישראל סאלאַנטער האָט איינער פון זיינע נאָכפאָלגער זיך געהאַט אָפּ־געשלאָסן אויף יאָרן דאָ אין סלאָבאָדקע אין אַן אָפּגעזונדערט שטיבל. די גאַנצע פאַרבינדונג זיינע מיט דער אויסערלעכער וועלט איז געווען דורך צוויי לעכער, וואָס אַ שכן פלעגט אין זיי אַריינשטעלן פאַר אים דאָס עסן; אין איינער מילכיקס און אין דער צווייטער פליישיקס... אַרויסגעקומען פון זיין התבודדות, האָט ער אין מוסר געגומען שטעלן אַ הויפּטטראָפּ אויף ברעכן אין זיך די שלעכטע מידות, אויסראָטן יעדן געפיל פון פחד פאַר מענטשן און ניט נתפעל ווערן פאַר דער וועלט! ווי מיטלען פּראַקטישע אויף דערוועךבן אָט די תכונות, האָבן די תלמידים זיינע זיך אַריינגע־וואָרפן אין גריבלענישן פון די שוואַכקייטן ביים מענטשן, אויפצווייזן די לעכערלעכקייט פון זיינע געדאַכטע תענוגים און די שעדלעכקייט וואָס ליגט אין יעדער שלעכטער מידה. און אַליין שטעלן די זיך אַרויס צו שפּאָט מיטן הילוך און אופן ריידן, און געוווינען זיך אַזוי צו קוקן מיט ביטול אויף פּוסטן לייטישן חוזק... ליאַרעמט עס דאָ אַ מוסרניק פון אָט דעם חדר. דער שניידיקער בליק זיינער איז דאָ געהאַט געפאַלן אויף עטלעכע ישיבה־בחורים, וואָס גייען מיט דער בריק אין שטאָט אַריין, קיין קאָוונע. איז שוין אויפגעלאָפן אין אים אַ חשד, אַז ניט אַנדערש ווי די ציען זיך עס איצט צו אַ דבר־עבירה, און ער איז אויף זיי מיטן שטעקן... דער עולם אַרום וואַקסט, און דער גוואַלד שטייגט:

— ס׳ברענט!.. בקאָמפּאַניע, אַוודאי אין דער מאַפּו־ביבליאָטעק, אַ כליאָבע טאָן דאָרט די אַפּיקורסות, די גאַזעטעלעך און די ספרי־מינים... שוין געמינעוועטע בחורימלעך, האַ, געמינעוועטע?.. איר ווערט שוין

אויפגעקלערטע, מענטשן פון קולטור־הולטור, פון די הולטאַיעס און אַפּי־קורסים!.. אַ מוסד האָבן זיי זיך פאַרלייגט, די משכילים און ציוניסטן, אַ ביבליאָדרעק, אויף דעם טרייפענעם נאָמען פון מאַפּקע, ימח שמו וזכרו... און אָט געבדזלט זיי זיך שוין דאָ אַ מאַפּקע פאַר אַ רב, א מרור דאתרא, ביטער און פינצטער זאָל זיי זיין!.. אַ רוח עפּעס פון דעם עיט צבוע, אַ סיטרא אחרא, לויערט עס דאָ פון דעם פאַרשאָלטענעם באַרג, אָט דעם הר־המשחית!.. ניט קיין שקיעה־שטראַלן, נאָר גיהינום־פייערן באַלעקן עס אָט די סוכת־שטן פון דעם מסית ומדיח, מאַפּקעס ביידל דאָרט אויפן שפּיץ!.. אָבער אויך דאָ, אויף דער בריק ברענט. יידן, אַ העליש פייער!..

די שטרייטן צווישן די מוסרניקעס גופא און דער אַלגעמיינער ביטול ביי זיי פון איין שיטה און איינשטעל צו די אַנדערע, גיבן דאָ די יוגנט־לעכע די העזה צו מיטלאַכן מיט דעם עולם אַרום. בסך־הכל איז אָט דער שרייער אין זייערע אויגן ניט מער ווי אַ מתנגד פון דעם דרך־המוסר ביי זיי אין ישיבה... און כאָטש ניט אַלע פון די בחורימלעך שטויסן זיך אָן, אַז „עיט צבוע״, דער קלויאיקער רויבפויגל, איז אויך אַ ראָמאַן פון אברהם מאַפּו, וואָס לאַכט דאָ אויס די צבויאַקעס, ווייסן זיי אָבער דעם גאַנג פון די ווילדע מוסרניקעס — מבטל מאַכן דעם קעגענער מיט עפּעס אַ וואָרט פון יענעם אַליין אָדער פאַרדרייען אַ נאָמען. ענטפערט אים שוין אַריין איינער אין אַ חוזק־טאָן און מיט אַ צונעמעניש פון זיין גרויסן רבין אַליין:

— און אויף אייך, רב אשר גימפּל, קוקט נאָך דער „בעל החוריים״, אָט דאָרט פון זיינע צוויי לעכער... ער ווינקט עס און מוטיקט זיינע תלמי־דים צו לאָזן זיך איבער די גרויסע שניטקראָמען פול מיט מענטשן און אויפן קול בעטן דאָרט קויפן אַ הערינג אָדער בולבעס. און ווער גייט איבער די אַפּטייקן פאַרלאַנגען טשוועקעס? אייער דרך דאָך אויף ברעכן אין זיך דעם יצר־הבושה!..

— שוין די ריכטיקע חברה, די ריכטיקע; און אָט דער אויך אַ גי־לוח!.. — וואַרפט זיך דער ייד אויף איינעם פון די בחורים, און מיט זיין האַנט דער אָדערדיקער און געל געשפּרינקלטער גיט ער גלעטנדיק אַ פּיר איבער יענעמס קינבאַק און מאָרדע, וואָס זעען אים אויס צו גלאַט לויטן

עלטער, און ער וויל שוין דרינגען אַז אָט די עטלעכע חברה זיינען שוין אויך עובר אויף דעם האַרבן לאַוו פון ניט־גאָלן זיך... דאָ אָבער כאַפּט זיך דער מוסרניק, אַז מיט זיין חשד איז ער דאָ צו ווייט אַוועק. לויפט שוין זיין האַנט איבערן העכערן טייל פּנים פון אַ צווייטן און ווייכער איז אויך זיין טאָן: — גלאַט דער שטערן... די ביכלעך פון ביבליאָטעק און די גאַזעטן פאַדערן ניט קיין טיפן אַריינטראַכט, מאַכן ניט קיין קנייטשן. אָט ווו די סכנה איז!.. ווי דער רבי, זאָל געזונט זיין, פאַרטראָגט ניט קיין גלאַטע שטערנדלעך!..

— טאָר מען שוין, רב אשר גימפּל, גאָר ניט וויסן פון דער וועלט, פון לעבן?.. — וואַרפט אים צו אַ בחור.

— קינדערלעך, זעט ווי די פּאַלאַצן זיינען עס באַלויכטן, שטראַלן אַזוי, און מוזיק גיסט זיך... — גיט זיך באַלד אַ דריי אום זיין פּנים און די גאַנצע באַוועגונג פון זיין שליידערנדיקן גוף אויף דער זייט פון שטאָט, צו די גרויסע און שיינע הייזער אַרויף יאַנעווער גאַס. — טישן ברעכן זיך דאָרט פון די טייערסטע מאכלים און משקאות... נעכט גאַנצע טראָגט זיך דאָך פון די סאַלאָנען געזאַנג, און פאַרפּוצטע זכרים מיט נקבות אין טאַנץ!..

גאָר הייטער איז דער עולם אַרום. עס שטעלן זיך אָפּ אַרבעטער וואָס איילן זיך אַהיים. פּויערים פון דאָרף האַלטן אויך אָפּ אַ ווילע זייערע פורן. דאָ פעלט ניט גרישקע דער פּאָליציסט, וואָס פאַרשטייט יידיש, און פינטלט צו מיט אַ שמייכלדיק אייגל, אַ געוויינטע ניט צו דערזען אַ סך זאַכן פאַר אַ מטבע... פאַררוקט אָן אַ זייט האַלט זיך רב נפתלי. ער' קען גוט דעם יידן, אָבער איז ווייט פון אַזאַ גאַנג אין מוסר. נאָר צו חילול־השם קאָנען ברענגען אַזעלכע רייד און אַזאַ אויפפיר!.. טאָן דאָ וואָס קען, זעט ער ניט קיין מעגלעכקייט. רב אשר גימפּל איז אין שוווּנג, און וואָס נענטער אים קוקט אויס זיין ציל, שטייגט ביי אים דער קוראַזש!

— עולם־הזה, קינדערלעך, האַ?.. זעט נאָר, חי געלעבט!.. האָט זיך אין איין פּאַלאַץ דאָרט גאָר אויפגעהאַנגען אַ זון עפּעס צוליב אַ קאָפּ־ריז, און ביי יענע פון בונט שטראַליקן פענצטער האָט אַ טאָכטער זיך פון דער הייך אַרונטערגעוואָרפן. הייגט סמען זיך איז דאָך פון די טאָג־טעגלעכע זאַכן... און סתם סקאַנדאַלן און טראַגעדיעס אין די סאָרטן הייזער! נאָר

זייער „שלום־בית״, מיט די זייטיקע ליבקעס, פּילגשים און אַזוי בשר־הוץ... גטן זיך ביי אַט די, איז דאַך יעדן מאַנטיק און דאָנערשטיק... און פון ווילטאַג זיינען ניט ווייניק פון די אויסגעפּאַשעטע זינדעלעך און טעכטערלעך געצערטלטע שוין אויך ציציליסטן, מאַכן שטרייקן ביי זייערע אייגענע עלטערן און וואַרפן באַמבעס... און אַט ביי דעם פון פּאַלאַץ אויפן בערגל איז גאָר אַוועק דער לעצטער זון אויף אַ דועל מיט אַן אַרמיי־אָפיציר צוליב עפּעס אַ ציגיינערקע, אַ טענצערקע אַן אויסוואָרף. טרייסט זיך מסתמא דער אַלטער טאַטע און לאַבט זיך מיט זיין יוגנט־ליבע, דעם „אהבת ציון״ פון אברהמעלע מאַפּו, זכר זאַדיק לברכה; און דער הוסט פון אַט דעם משכיל, הילכט אָפּ איבער זעקס פּוסטע זאַלן... וויסן דאַרף מען אָבער, אַז אַט די אַלע העלדן, וואָס זוכן דאָס אויף זיך דעם טויט אָדער ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט זייערע לעבנס, — אַלע די זיינען געבילדעטע! ניט קיין „קרומע רוקנס״ און „פאַרשמאַלצענע קאַפּאָטעס״ האָבן זיי דערצויגן. גובערנאַנטקעס האָט מען פאַר זיי אויסגעשריבן, און לערערס ניט אַבי וועלכע, און קורסן באַזונדערע אויף טענץ, מוזיק, געזאַנג. מענטשן די סאַמע מאָדערנע!.. הערט איר שוין אַרויס, קינדערלעך, דעם ייאוש וואָס שפּאַרט פון דער מוזיק? האָט אויגן און קוקט אַן די וויסטע אבלות וואָס גיסט זיך מיט דעם ליכט!.. ווו נאָר בלענדנדיקער שימער, ווו נאָר קולטור היינטיקע, איז צרות צרורות!

אַ פּגם ניט קיין קליינעם זעט שוין רב נפתלי אין דער האַלטונג פון אים אַליין. מיט זיין עצם שטיין דאָ איז ער זיך דאָך מצטרף צו דעם עולם אַרום, וואָס כיכיקעט אַזוי און גיט צו מוט דעם מענטשן אין זיין דונערן און האַגלען מיט די שאַרפע ווערטער.... שפּאַרט ער זיך דורך נענטער און פאַרמעסט זיך צו אַוועקנעמען דעם שרייער פון דאַנען. מיט אַ פראַגע וועגן זיין גרויסן רבין פרווט ער אים אָנציען:

— שלום עליכם, רב אשר גימפּל, וואָס הערט זיך אין דעם עולם ה־מוסר? נייע אויפטוען עפּעס אין נאָוואַרעדאַק?..

— וואָס, אויסגערונען דאָס שמאַלץ?.. — לאָזט באַלד זיך ניט דער ייד פאַררייַדן און ווייזט רב נפתלין, אַז אויך פון אים ווייס ער ניט ווייניק, און שוין פלעכט ער אים אַריין אין זיינע אויספירן: — אַ מענטש

דאַכט געווען דער גרויסער מתמיד אוז פון די למדנים דאָ אין דער ישיבה. איז ער אָבער אויך אַ תמים, און דערצו ניט געוואָלט זען און ניט וויסן מער ווי דעם ספר; פון די גאָר קנאַפּע מעלות ביי די היגע פּאָליטיקאַנער. אַליין האָט אָבער אַזאַ געדאַרפט פאַרשטייך, אַז ער מוז זיין צוגעטוליעט נאָר צו אַ מקום־תורה. זוכט מען זיך טאַקע דערפאַר אויס אַ טאָכטער פון אַ ראש־ישיבה אָדער משגיח, און שוין בלייבן ביים לערנען. לאָזט זיך דווקא ער ריידן אַ שידוך פון אַ בעל־הבתישן הויז, און גענומען אַ מיידל אַ שיינע, אַ יפת־תואר. דער דרך־המוסר דאָך פון סלאָבאָדקער ישיבה!.. און דער שווער אַליין, טאַקע אויך אַ רייכער, אַ וואַלד־סוחר... אַהאַ, האָבן זיך די געשעפטן געגעבן דעם דריי!.. אַז מענטשן ציט צו עשירות, אויסערלעכן גלאַנץ!..

ווי אָן לשון איז רב נפתלי פון פאַרקריכן מיט אַ מענטשן פון די ווילדע מוסרניקעס. די קאָנען שוין ממש ניט פאַרטראָגן אַ זאַטן, איינגעאָרדנטן און צופרידענעם לעבן. צעכראַסטקייט און אָפּגעלאָזנקייט, — אָט דאָס קוויקט זייער אויג... מורמלט ער נאָר אַרויס:

— פון לערנען, פון לערנען בין איך חס ושלום ניט אַוועק. פון אַלץ קענט איר דאָך ניט וויסן...

— איך ווייס יע, און נאָך פון אַ סך זאַכן... אַז לערנען ביי רב יויזלען אין נאָווהאַרעדאָק פּאַסט דאָך ניט די פאַרריסענע לומדות־זוכער, טאָ פון וואַנען ביי זיי דער ריכטיקער פונדאַמענט אין מוסר און די יכולת צו קעמפן ווי אַ לייב פאַר די אייגענע השקפות און זאָגן דעם אמת יענעם אין די אויגן?.. איך ווייס, איך ווייס אויך, אַז איר זייט שוין באַלד געוואָרן אַ סוחר. און איצט מוז דער מפונק, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן וועג פון די געקנאָטענע אויף היילע געלכלעד און פוטער, — מוז ער נעבעך איצט זיך קערן צוריק צו דער תורה... ווערט איר אָבער אַ נישרף אָדער אַזוי אַ חסר־לחם מיט יאָרן פריער, באַלד נאָך דער חתונה, וואָלט איר דאָך שוין געהאט גאָר אַ סך אויפגעטאָן!.. דער שטן ווייס שוין וועמען עס לאָזט זיך צו אונטערשטעלן אַ פיסל פון רחבות מיט עשירות... אויף רבנות גייט איר. און עס ווילן אייך צוויי קהילות. און אַזוי וועגנדיק דיביידע אויף אייערע סוחרישע שעלעכלעך, האָט ביי אייך געגעבן דעם

צי אַרונטער דאָס וואַסער־שטעטל מיט אירע רייכע פּליטניקעס, און זיך שוין מיט זיי אַ ביסל פאַרפּלאָנטערט... אהאַ, אייך טראָגט דאָס איצט אַוודאי אין דער ישיבה אַריין, זיך מישב זיין!.. ווערט טאַקע געזאָגט אין גמרא: עבדי בישא בתר דעבדין מתמלכין; אַ קנעכט אַ שלעכטער, פריער טוט ער, און נאָך דעם גיב אים די עצה...

ז.

צוזאַמען מיט די שקיעה־שטראַלן נעמט איינגיין אין ישיבה דער שפּרודלדיק מונטערער גמרא־ניגון. די גרויסע און פאַרמוטשעטע ספרים פאַרמאַכן זיך לאַנגזאַם מיט אַ קוש איינער נאָכן אַנדערן איבער די לאַנגע רייען בענק און שטענדערס. שיטערלעך איז אינעווייניק דאָ דער עולם אין די הייסע זומער־חדשים. אין די שעהן קוויקן זיך בחורים אין דרויסן מיט דער פרישער פאַרנאַכטלופט, אַנדערע כאַפּן אַ שפּאַציר אין די פעלדער און ניט ווייניק זיינען אַוועק צום טייך זיך באָדן. דער גרויסער חלל פון ישיבה בלייבט אָבער ניט פאַרשטומט. פון דער טונקלקייט צעשלענגלט זיך אַ ברומעריי, וואָס נעמט כוואַליען די לופט מיט נאָגנדיקן געשאָקל, און לאַנגע צאַפּלדיקע שאָטנס וויגן די ווענט. דער בין־השמשות הילט דאָ איין יעדן באַזונדער אין אַ התבודדות, עפּנט הערצער אומרואיקע און מאָנט דעם חשבון־הנפש. די ישיבה פאַרגייט אין דבקותדיקן געכליפּ און ברעכט זיך מיט טיפן געיאָמער פון חרטה און תשובה. אין דער התעוררות טראָגן זיך זינגעוודיק פון אַלע זייטן ווערטער פון הייליקע ספרים, וואָס פלעכטן זיך מיט ציעוודיקן אומעט און שליסן זיך איין איינע אין די אַנדערע. ביז כלות־הנפש שאַלט אַ טיפע ברוסטשטים:

— כל אחד ואחד חייב לומר, אַ חוב ליגט אויף יעדן איינעם צו זאָגן...

— בשבילי נברא העולם, די וועלט איז באַשאַפן פאַר מיינט וועגן — פאַרענדיקט באַלד התלהבותדיק דעם מאמר פון גמרא אַ שטים פון אַ צווייטן ווינקל.

— לעולם חייב אדם לומר, ניט אויפהערן דאַרף זאָגן דער מענטש...

— רייסט זיך נאָך אַ קול, און ווידער איז משלים אַן אַנדערער:

— אימתי יגיעו מעשי למעשי אברהם, יצחק ויעקב, ווען זשע שוין וועלן דערגרייכן מיינע מעשים טובים צו די פון אברהם, יצחק און יעקב!..

דורך די צעעפנטע פענצטער הילכט דער אומרו איבער די געסעלעך אַרום. שוין דאָ הערט רב נפתלי אַרויס דעם דרך־המוסר אין זיין ישיבה. ניט וועגן דער נישטיקייט פון דעם בשר־ודם און די אַלע זיינע שוואַכקייטן ווערט דאָ געלערנט. באַטאָנט ווערט דווקא דער גייסטיקער מהות פון דעם מענטשן, דער יציר־עליון, וואָס איז געפורעמט בצלמו וכדמותו, אין גאָטס געשטאַלט און לויט זיין גלייכעניש, און איז דער תכלית פון דער גאַנצער בריאה, איר קרוין און ציר, און די גאַנצע וועלט איז באַשאפן פאַר זיינט וועגן. ביי אַזאַ דערהייבנקייט איז דאָך שוין קלאָר די גוואלדיקע אחריות, וואָס אָט דער בחיר־היצירים, דער אויסגעוויילטער פון באַשאַף, טראָגט אויף זיך און וואָס יעדער ניט־פּאַסיקער שריט זיינער קאָן פוגם זיין. ניט נאָר אויף זיך אַליין ברענגט ער שאָדן מיט אַ שלעכטן טאָט, נייערט אויף דער גאַנצער מענטשהייט און וועלט־פּיר. שטרעבן מוז ער דעריבער נאָר הויך, אויף אַרויף, צו מעשים גרויסע, טאָקע צו דער מדרגה פון אברהם, יצחק ויעקב, די אבות פון דער געטלעכער וועלט־דערקענונג!.. איז רב נפתלין אַזוי קלאָר דער מוסר־געדאַנק אין די ווערטער וואָס טראָגן זיך שוין באַענט ביי דעם גרויסן הילצערנעם בנין:

— אין אדם עובר עבירה, אַ מענטש איז עלול צו טאָן אַן עבירה... אלא אם כן נכנס בו רוח שטות, סיידן נאָר אין אים איז אַריין אַ רוח־שטות.

רעדלעך בחורים, פאַרטאָן אין שמועס, טרעפט רב נפתלי אין הויף. דאָס רוב זיינען עס פון די עלטערע אין ישיבה, וואָס לערנען שוין דאָ יאָרן. ניט ווייניק פון די זיינען גרויסע מקורבים צו דער הנהלה, אויסגע־בונדן און פאַרטרויט אין גאָר אַ סך ענינים, און יינגערע תלמידים ווייסן צו האָבן פאַר זיי באַזונדערן דרך־ארץ. זיי זיינען עס דער שוץ פון דעם גרויסן מוסד דאָ מיט דער מנהיגות, ביי יעדן נאָר אָנגריף פון קעגענער, און ביי אַ סכן אין די מיילער הייסן זיי „קאָזאַקן". אָפט לאָזן זיי זיך איבער נאָענטע און ווייטע מקומות מיט אַ שליחות צו אַריינזעצן אַ רב אַן אייגענעם, אָדער ראש־ישיבה און משגיח ווו אין אַ ישיבה, און דערמיט שטעלן זיי שוין אַוועק דעם תורה־מוסד אונטער דער השפעה פון סלאָבאָדקע. אַנדערע פון די זיינען שוין געוועזן אויך אין אויסלאַנד, אָנגעשפּאַרט

אַזש קיין פראַנקפורטביים מאַין, און שטייען אין פאַרבינדונג מיט די דאָרטיקע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס פון די מערב־יידן...

דאָס וואַרפן זיך מיט ווערטער געקינצלטע און אַזוי פרעמדע פאַרן אויער זיינעם, ר׳ב נפתלים, מאַכט אָפּשטעלן אַ ווײַלע זיין טראָט. אין דער האַלב־טונקלקייט ווייסלען זיך די מאָדערנע שטרויענע זומערהיט פון די קאַזאַקן. באַלד דערקאָנט ער זיי אויך לויט דעם אָנטו, די שיינע בגדים און די שיך אַזוי בלאַנקענדיקע... די אייבעריקייט פון מענטשן, די עליו־נות, וואָס ווערט דאָ נאָך אַנאַנד באַטאָנט, טייטשן עס שוין די אַריין אויך אין דעם זינען פון בכבודיקער האַלטונג און לייטישן אויסזען. מהאי טעמא אויך דער גערעג פון די אָ בחורים נאָך מאָדערנע פראַזעס און ווער־טער פון נאָר אַ באַזונדערן קלאַנג. דאָס גיט צו חשיבות דעם ריידער, האַלטן זיי, און מאַכט א רושם אויף דעם צוהערער. דער סיגנון פון די פּאָלי־טיקער, וואָס זיי כאַפּן אויף אין די צייטונגען, העלפט זיי עס אין דעם באַנוצן אַ לשון נקיה, ניט פּוגע צו זיין חלילה אין כבוד פון דעם מענטשן, דעם פּאַר פון דער וועלט.

טיפער אין הויף טרעפט רב נפתלי אויך אַנדערע וואָס זיינען געקומען דאָ הערן אַ וואָרט, און אַ מאָל אויך כאַפּן אַ שמועס מיטן אַלטן משגיח אַליין, דעם מנהל רוחני. ער זעט רבנים און לומדישע יידן, וואָס האָבן דאָ אַ מאָל געלערנט, און אַזוי מענטשן מיט אַ צובונד צו דער ישיבה. ביי איין רעדל האַלט אַ קאָוונער בעל־הבית אין דערציילן פון זיין גרויס הצלחה אויף די אַסיפות וועגן נעמען אַ רב פּאַר דער שטאָט. ניט אַלע מאָל געלינגט אים צו קריגן אַ וואָרט ביי די שטרענגע פּאַרזיצערס. ער קאָן אָבער ניט צוזען די סכנה וואָס עס דראָט דער יידישקייט. שרייט ער אַריין אין יע־נעמס רייד, אָדער נעמט צוזאַמען מענטשן אַרום זיך:

— איך זאָג זיי נאָר: איידער איר באַשטימט אַהער אַ גלח, שמדט אָפּ די קהילה! און ווילט איר דווקא אַ דרשן אַ מאָדערנעם, אַ מטיף, פאַרלייגט בעסער אַ טעאַטער מיט קאָמעדיאַנטן די אמתע. זוכט איר אַזאַ מיט שפּראַכן און מיט דעם קנאַקעדיקן העברעאיש, טאָ ברענגט אַרונטער נחום סאָקאָ־לאָוון פון „הצפירה״... שטאָט דאַרף אַ רב פון אַלטן שניט!

— אַז צו וואָס דער דראַסטישער סטיל און אַזאַ אַקוטע טראַנספאָרמאַ־

ציע פון אויסאיבן קריטיק?.. — איז גאָר געלאַסן איינער פון די בחורים, וואַרפט אָן מיט זיין אָפּגערונדעט און באַפּוצט לשון דעם פּחד פון אַ סכנה טאַקע באַלד ממש און איז שוין מרמז די יידן אַרום אים אויף אַ כשרן וועג צום פירן דאָ דעם קאַמף: — עלעמענטן געוויסע האָבן זיך זייער באַזונדער מיינונג, אָדער אינדיווידועלן געשמאַק, אין הילכות רב. האַנדלען די אָבער לעצטנס ווייט ניט לעגיטים. פון קוועלן פאַרטרוילעכע זיינען מיר אינפאָרמירט, אַז זיי האָבן זיך דיסקרעט פאַרבונדן מיט אַ גאַנץ קאָנקרעטער פּערזאָן פון זייערע קאַנדידאַטן און שוין נעכטן איינגעלאַדן אַהער. שטאָט ווערט אַזוי געשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט... די תורה־יידן, דאַרף מען אָבער פאַרשטיין, קאָנען דאָ ניט שווייגן, און וועלן געוויס ווייזן אַקטיווע רעאַביליטעט... די סטראַטעגישע טאַקטיק ביי דער פּאָזיציע איז ניט אַזאַ לייכטע. דער אויסגעוויילטער קאַנדידאַט זייערער איז אַן אַבסאָלוט פּעאיקער מענטש און האָט זיך זיינע פאָרצוגן, און אפשר טאַקע אויך דער אמתער ירא־שמים, ווי די מעריצים זיינע אַפּעלירן. גאָר אַ מלומד איז ער אין די חכמות־הגויים, און טאַקע אַ פילאָסאָף. היינט שרייבט ער און רעדט אויף עטלעכע לשונות און איז אַ טאַלאַנטפולער רעדנער, אַן אָראַטאָר!.. אין די אוניווערסיטעטן קאָן ער מסתמא פאַרנעמען אַ קאַטעדרע אויף פּילאָסאָפיע און יוריספּודענץ, און אַפילו זיין אַ פּראָפעסאָר אויף זייערע אמונות. פאַר די גויים קאָן ער געוויס אויך האַלטן די גלענצנדיקע לעקציעס וועגן תלמוד און מאַימאָנידעס, ווי זיי רופן דעם רמב"ם... די פראַגע איז נאָר, וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט א כיסא־רבנות, וואָס אויף אים זיינען מקדמת־דנא געזעסן גאוני־עולם, תורה־קאַפּיצעטען, קאָרפייען?.. קאָוונע זוכט דעם רב וואָס זיין קאָפּ ליגט פון פריסטער יוגנט טאַקע נאָר אין תורת־משה, וואָס איז גענוג ברייט און טיף!..

— דאָ גייט דאָך וועגן דעם „דבר יחזקאל"... — איז שווערלעך אַ יידן אַ צווייטן צו פאַרדייען. — קאָן מען אַזוי ריידן פון דעם מחבר פון אַזאַ ספר און אַ רב אין אַן אַלטער גרויסער קהילה?..

— דאָס איז שוין ווידער אַ פראַגע, און אַ קאַפּיטל גאָר אַ באַזונדער וועגן ספר וואָס אָקאָרשט דערמאָנט... — פאַרלירט זיך ניט דער בחור

און כאַפּט זיך באַלד נאָך פעסטער ביי זיין טאָן דעם קאַלט באַזאַכטן: — אַז בכלל, צו וואָס צושרייבן רייד וואָס מען האָט ניט געזאָגט, אינסינאַציעס? אַוודאי האָט אָט דער רב נאָך אַ סך סופּעריטעטן, און האָט ידיעות אויך אין ש״ס און פּוסקים. קיינער פּרוּווט דאָ ניט, חלילה, פאַרמינערן כהוא זה פון זיינע אַטריבוטן. קיין גאון איז ער אָבער ניט!..

ווי אַ סך אַנדערע אַרום, צעקייט אויך רב נפתלי קוים די פרעמדע ווערטער וואָס פאַלן דאָ. אין תוך גענומען, הערט ער אָבער ביי דער פראַגע פון אַ רב אין קאָוונע ניט אַרויס אַ וועלכן אונטערשייד צו דער מיינונג פריער פון דעם יידן און אויך ניט צו רב אשר גימפּלען, וואָס האָט אויף זיין שטייגער אַרויסגעשריען אויף דער בריק. דער נוסח ריידן פון בחור מאַכט אָבער שטאַרקן אין אים ווערטער אַ סך וואָס ער הערט אויך פון יראים ושלמים. די האָבן זיך זייער השערה, אַז אין אָט דער מחלוקת־הרבנות איז די ישיבה ווייט ניט אָפּן און האָט וועלכע באַזונדערע כוונות. פּרוּווט ער זיך עס קלאָר מאַכן מיט איינער זייערער אַ טענה:

— וואָס פאַר אַ פּסול קאָן מען אָבער געפינען אין דעם „ראש יוסף״, אַזאַ למדן?

— אַן ערב־פּסחדיקער!.. — האַקט אים איבער פון דער זייט אַ צווייטער בחור מיט רוגזה.

אַן ערב־פּסחדיקער למדן, ניט מער, איז שוין אָט דער וועלט־גאון, — בלייבט רב נפתלי דערשטוינט. אין דעם האַסטיקן טאָן, און נאָך אַן אַ וועלכן וואָרט אַ צוגעפּוצטן, פילט ער דעם פאַריבל אויף אים פּערזענלעך. אויך ער, הייסט עס, אַן אייגענער מענטש פון דאַנען, לייגט פלעקער אין די רעדער!.. וואָס דאָס ווערטל אליין מיינט, ווייס גוט רב נפתלי. די לומדישע שאַרפקייט פון אַנדערע פאַרבינדן ליצנים פון ישיבה מיט ערב־פּסח. די זאָרג נאָר דעמאָלט פון אַרויספּטרן דעם חמץ, היינט מצות־שמורה און מצות־מיצווה, און די הכנות צום סדר! איז דאָך אין דעם טאָג יעדן פרומען יידן דער קאָפּ פאַרדרייט... גיט זיך, אויב אַזוי, אַ דריי אויך דער קאָפּ וואָס איז אַ גאַנץ יאָר קרום, און קומט צו זיין ריכטיקן אָרט, דעם נאָרמאַלן. קאָן דערפאַר געמאָלט זיין, אַז גראָד ערב־פּסח זאָל מען פון דעם

קאַפּויערדיקן הערן אַ גלייכע זאַך, אַ סברה גאָר אַ געזונטע, — דער ערב־פּסחדיקער למדן...

שטאַרקט זיך אַלץ ביי רב נפתלין די מיינונג וואָס וויל האָבן, אַז די גאַנצע רייד פון אַ וועלט־גאון פאַר קאָוונע, אַ רב אַ חד־בדרא, — איז אפּשר ניט מער ווי אַ צוגעדריילטע המצאה. שוין אַזוי די פּאָליטיק פון די גרויסע ישיבות, טענהן מענטשן, ניט צו דערלאָזן ביי דער זייט אַ רב אַ באַרימטן. רוקט מען דערפאַר אַרויס איבערגעטריבענע פּאָדערונגען, מ׳שטעלט אויף צדדים מיט מחלוקותן פאַרקאָכטע, און אַז דער עולם איז שוין פאַרמאַטערט, — זעצט מען אַריין דעם כדאַייקן...

אויף אַ ווײַלע פאַרגעסט אָבער ניט רב נפתלי, אַז געקומען איז ער אַהער מיט אַן ענין גאָר אַן אייגענעם. ער אַליין האָט דאָך שוין אויך צו טאָן מיט רבנות, וואָס ציט אים בכלל ניט. דער מצב נאָר פון פרנסה טרייבט עס אים איצט צו מאַכן די תורה אַ קרדום לחפור — און ער קאָן זיך ניט באַשליסן וועגן דעם אָרט דעם פּאַסיקן... לויפט אים דורך אַ פרייד מיט דעם אויפלויכט פון דעם פענצטער אויבן דאָ אין שטיבל. דער אַלטער משגיח האָט שוין געענדיקט זיין התבודדות, און עס גיט אַ שיין די מעגלעכקייט אַריינצוקומען צו אים אַליין! אַ סך וועט אים באַלד זיין קלאָר, די פראַגע וואָס ברענגט אים אַהער, און שוין אויך די זאַכן וואָס נעמען אים לעצטנס באַזונדער אָרן... מוסרניקעס אַליין פון דאַנען, קומט אים אויס, נייגן אַלץ אָפּ פון דעם אַלטן מקורותדיקן יידישן וועג. מחותנים גאַנצע זיינען זיי שוין מיט די דייטשע ראַבינערס, וואָס זיינען אַ שם־דבר פון עם־הארצות און אָפּפרעמד אין יידישקייט. ניט תופס זיין קאָן אויך רב נפתלי דעם צוגאַנג פון דער ישיבה צו אַזאַ קאָוונער רבנות. ער פאַרדייעט ניט פּרטים אויך קלענערע. ביז גאָר איז אים דערווידער דאָס וואַרפן זיך מיט ווערטער, וואָס קוים אויפצוכאַפּן זייער זינען, און ווי יודעי־דבר זאָגן, קלייבן זיך די ריידער גופא אין זיי שווער פונאַנדער. מען דערציילט דאָך, אַז בחורים פון ישיבה טראָגן זיך אַרום מיט באַזונ־דערע העפטעלעך און כאַפּן אין זיי אויף פרעמדע און קלינגעוודיקע ווער־טער, אפילו פון רעדנער בונדיסטן!..

ח.

אין זיין דירהלע אויבן אויף דער סאָלקע פון דעם גרויסן ישיבה־בנין זיצט דער אַלטער משגיח, דער מיסד אַליין פון דעם וועלטבאַרימטן מוסד און דער שעפער פון דעם דרך־המוסר דאָ. אין זיין לעבנסוועג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַלערליי קעגנערס, און געפירט מיט זיי מילחמות. אַ סך איז אים בייגעשטאַנען זיין אומדערמידלעכע פלייס, אייזערנער אויסדויער און פיקחות... אָפּן איז פון שטענדיק זיין טיר און מיט פריינד־לעכן שמייכל דאָס פנים. ניט ווייניק אָבער ווייסן, אַז גאָרניט פשוט איז דאָסריידן מיט אים און אָפּט אויך אויסהאַלטן זיין בליק. טיף טיף איז רב נפתלין איינגעקריצט איינע אַ באַגעגעניש. נאָך זיין ערשטן יאָר אין ישיבה, וואָס איז דורך מיט גרויס התמדה און שטייג אין לערנען, איז ער ביים פאָרן אויף פסח אַהיים, צוגעגאַנגען זיך געזעגענען מיט אים. פון דעם גרויסן גרויען קאָפּ האָבן זיך אויגן קלוגע באַדעכטיק געברייטערט, גע־דרונגען אין אים דורך און דורך, און אַ שמייכל האָט זיך געשפרייט איבער דעם רויט אָנגעשטרענגטן פנים מיטן הויכן שטערן און געפאַלן גאָר מיט אַ פראַגע, אַזוי שטאַמלדיק:

— איר, איר לערנט דאָ?..

ניט פאַרגעסן וועט ער אָט יענעם טאָג, רב נפתלי. געצויגן און גע־צויגן האָט זיך דער בליק און זיך געשפּיזלט מיט אַזוי פיל רמזדיקע קאָ־לירן; און די אַלטע האַנט ווי אויסגעשטרעקט צום אַריינגעבן אין זיינע און דריקן זי, האָט זיך אַזוי לאַנגזאַם געוויגט הין און צוריק. און שוין „איר" הייסט ער, דער יונגער תלמיד, גאָר ווי אַ זייטיקער, אַ פרעמדער, וואָס אויב אַפילו ער לערנט יאָ דאָ, איז עס בטעות!.. נאָר אַ זכות איז אים בייגעשטאַנען וואָס ער האָט באַלד געכאַפּט דעם מיין פון די ווערטער און גלייך אויפן אָרט מודה געווען, אַז ער טוט טאַקע ווייניק אין מוסר, און מקבל געווען אויף להבא.... אַז ער שטייט נאָך היינט אויך ניט אין גאַנצן אין דעם עולם־המוסר און אַ סך דרכים פון סלאָבאָדקע זיינען אים פרעמדלעך, ווייס ניט נאָר ער אַליין, רב נפתלי, נאָר אויך די מנהיגים דאָ פון דער ישיבה...

די לופּט איז אייבערשטיבל זאַפּט נאָך מיט די דבקותדיקע מוסר־קולות, וואָס שפּאַרן אַהער דורכן קליינעם פענצטערל. די ישיבה אונטן איז שוין באַלויכטן און הילכט ווידער מיטן גמרא־ניגון, און פון זיין ווינקל דאָ קוקט עס אַרונטער פון מאָל צו מאָל דער אַלטער און זיין קאָפּ שאָקלט זיך אונטער מיט דרינגענדיקע בליקן. אונטער זיין אויג איז אויך אַלץ פון דער סלאָבאָדקער מוסר־וועלט און קיין זאַך ווערט ניט געטאָן אָן זיין וויסן... יעדער פונק מחשבה אָבער ביי רב נפתלין וועגן פּרוון אין אָנהייב רייד באַרירן אַ ביסל פון די זאַכן וואָס אים איז דאָ קשה און שוין הערן אַ וואָרט פון זיין מויל אַלייך, — לעשט זיך אויס ווי נאָר ער באַטרעט דעם שוועל. צוויי תחומים, וועלטן גאָר באַזונדערע, ווערן ביי אים די אַלע פון אַרום און, ווידער, דער אַליין, וואָס ער זעט פאַר זיך...

נאָך דעם שלום־עליכם, וואָס רב נפתלי באַקומט, וואַרפט זיך פאַר אים אין שיין פון נאַפטלעמפּל דער שטענדער וואָס בלייבט איבערגעבויגן דעם אַלטן איבער די קני. אויך דער ספר וואָס ליגט אים נאָענט צום אויג איז ווייטער אָפן און ער וואַרפט נאָר איבער זיין רויט טיכל איבער דעם בלאַט ווו ער האַלט. קיין הפסקה אין לערנען, הייסט עס, האָט ער ניט בדעה צו מאַכן... בכלל געפאַלט ניט לייכט רב נפתלין דאָס ריידן פאַרן אַלטן, כאָטש יאָרן ווי ער ווייזט אים אַרויס גרויס ידידות. מסדר איז ער זיך דאָס רוב זיינע געדאַנקען ביזן קלענסטן פּרט און שטעלט זיך איין וואָס באַזונדער צו באַטאָנען. געגוג אָבער אַ וואָרט זיינס און אָפּט אויך אַן אויסדוכט פון אַ טיפערן קנייטש איבער זיין שטערן אָדער אַ שאָס שטראַל פון אַ פאַרקוועטשט אויג און אַפילו אַ שטייפער צוזאַמענפּרעס פון זיינע געשלאָסענע ליפּן, — און די רייד גיט זיך אַ קער. ענינים גאַנצע ווערן פאַרווישט, פאַלן אָפּ, און זאַכן וואָס ער מיינט זיי אָפּצופּטרן אויף קורץ, פאַרנעמען זיך אין אַ גרונטיקן שמועס...

ווי אַן אורח ניט צו דער צייט, זעט באַלד רב נפתלי צו מקצר זיין אויך מיט זיינע פּערזענלעכע ענינים, וואָס אַ סך פון זיי זעען אים שוין דאָ אויס גאָר נישטיק. די עיקר חשיבות לייגט ער אויף די וואַקלענישן זיינע מכוח די צוויי קהילות, וואָס ווילן אים פאַר אַ רב. ווערטער געציילטע לאָזט ער נאָר פאַלן וועגן דעם וואַסער־שטעטל מיט אירע פאַרגרעבטע

פּליטניקעס, כאָטש זיי זאָגן אים צו אַזאַ פּעטע שׂכירות און אויך א דירה אַ גרויסע. ער כאַפּט זיך אָפּ ביי דעם קליינעם אָרעמען וואַלדשטעטל. די יידן דאָרט, אַזעלכע יראים ושלמים, ציען אים אַזוי. צווישן די איז ער מוכן ומזומן צו זיין אַ מסתּפּק במועט, אַבי שלוות־הנפש, און קאָנען זיך נעמען צו משלים זיין און ארויסגעבן כאָטש אַן ערשטן ספר, און בכלל טאָן פּעסט אין לערנען, און בעזרת־השם שטייגן!..

— שטייגן ריכטיק איז מיטשטייגן, צוזאַמען מיט אַ רבים ווערן דער־הייכט... — פאלט באַזאַכט אַ באַמערקונג, און ווי זיין שטייגער פאַרקוקט זיך דער אַלטער מיט אַ שפּילעוודיק שמייכל אין זיינע ציטערנדיקע נעגל, לאָזט דעם צוהערער זיך אויך אַריינטראַכטן, און נאָך אַ ווילע נעמט ער ציען ווייטער, אָפּגעהאַקט: —— אַ קנאַפּער דערגרייך איז צו לאָזן יענעם אין טאָל, און אַליין זאָל דער קאָפּ אַזש שווינדלען, פון גאווה... הסתּפּקות במועט, מיט ווייניק זיך באַנוגענען, שיקט זיך צו זאָגן אין די ענינים פון חומר, אין אַכילה, אַ דירה, אַ שוך. איז דאָס אויך מיט דער הסכּמה פון ווייב, וואָס איז אפשר גאָרניט געווווינט צו אַ לעבן בצימצום... בכלל אָבער, פּראַוועגען שלוות־הנפש און שרייבן ספרים אויפן חשבון פון ציבור, פאַרגעסן דעם יחיד?.. אַ חוב קדוש צו דערמאָנען דעם מענטשן, אַז ער איז אַ יצור־עליון, און וויכטיק איז זיין תּפקיד אויף דער וועלט, און אויפרירן אים צו גרויסע מעשׂים...

ביי יעדער געלעגנהייט, ווייס שוין רב נפתּלי, באַטאָנט דער אַלטער די עליונות, די דערהייבנקייט פון דעם מענטשן. זיין שיטה אין מוסר איז ניט גורס דאָס טייטלען אויף די שוואַכע זייטן פון דעם בשׂר־ודם, שטעלן דעם טראָפּ אויף זיין מאַכטלאָזיקייט און נישטיקייט. דער אָ דרך פון אַנ־דערע מוסרניקעס איז היינטיקע צייטן עלול, האַלט ער, אין גאַנצן צו דערדריקן דעם גייסט פון אַ בן־אָדם, אַריינגעבן אַ מינדערוווערטיקייט און אויסלעשן אַזוי אין אים דעם לעצטן פונק שטרעבן צום שטייג און דערהייבנקייט... די באַמערקונג וועגן שרייבן ספרים דערמאָנט אים באַלד, רב נפתּלין, אַז דער אַלטער אַליין האָט ניט נאָך אַרויסגעגעבן קיין אייגע־נעם ספר. תּלמידים אַנדערע פאַרצייכענען אָפּט זיינע שמועסן. עטלעכע ווייסן אויך פון צעטעלעך זיינע און בריוו קורצע מיט דער חתימה „הצפן“.

דעם וואָרט, וואָס הייסט דער באַהאַלטענער, דערקלערן זיי ווי אַ מין ראשי־תיבות פון זיין נאָמען. באַטראַכט מען אָבער עטוואָס זיין פיר, דאָס וויגען אין דער קליינער סאַלקע, זיין האַלטן זיך נאָר ביים טיטל „משגיח" און שטיין שטענדיק אין שאָטן, — זעט מען ווי צופאַסיק איז פאַר אים דער „הצפן". אַפילו די לאַנגע באָרד זיינע, ווי זי איז געדרייט, בייגט זיך אויף אַ זייט און וויקלט זיך ווי אין פאַלדן, און באַהאַלט זיך אויס פון מאַכן דעם הדרתדיקן איינדרוק...

אַ ציטערדיקער פיר פון דער אַלטער בלויאַדערדיקער האַנט איבערן געטאָקטן נאָז און דורך די געדיכטע שווערע ברעמען אַרויפצו דעם הויכן שטערן, — פירט רב נפתלין צוריק צום וואַסער־שטעטל. באַלד זעט ער ווי דאָס רויטע טיכל איז שוין ניטאָ אויפן אָפענעם בלאַט, און דער ספר ליגט פאַרמאַכט אויפן אָפגערוקטן שטענדער. גייט ביי אים אַוועק ברייט דאָס דערציילן פון דער עם־הארצות און ווילדער הפקרות אין אָט דער קהילה און פון זיינע שווערע געפילן דאָרט, ביים קומען נעמען די רבנות. די חרטה די גרויסע וואָס אים האָט באַנומען און געבראַכט אַזש צום געדאַנק וועגן נעלם ווערן וואָס פריער פון דעם מקום!.. דער שטראָם רייד האַקט זיך איבער מיטן שמייכלדיקן באַוועג, וואָס גיט זיך אַ טראָג פון די וואָנצעס ביי די ווינקלען מויל. לאַנגזאַם שטאַמלט דער אַלטער און קוקט אין די בעגל נאָך יעדע עטלעכע ווערטער:

— מזל־טוב שיקט זיך דאָ צו זאָגן דעם רב פון די פליטניקעס; ביי די פאָדערט זיך גאָר אַ סך צו אויפטאָן... עם־הארצות פרעסט די יידישקייט, און עוקר זיין די פורענות איז היינט דער עיקר פון אַ רב... אַ מענטש מיט טייערע כישרונות און מידות טובות, און אַ פיינע הסבה, אָן עין־הרע, און נאָך יונג, איז דאָך בחרות ביום קרב, מוז מען גיין ווו אַ רב איז אויסגע־שטעלט אויף קאַמף... אַ מלחמה פירן פאַר יידישקייט איז היינט גאָר נישט אַזוי פשוט, און די תכסיסי־מלחמה איז אַ תורה... שוין פון שטענדיק געפי־נען זיך אין דער ישיבה איין תלמידים, וואָס זיינען ניט תופס די חשיבות פון דעם, און טוען בכלל ווייניק אין מוסר. דעם פעלער זעען זיי איין, ווען זיי זיינען שוין רבנים;... מען פאַרלאָזט אָבער נישט; פון דאַנען קומט מען צו הילף... דער עיקר, עס איז אַן עת לעשות. און נישט פאַרגעסן אַז דער־

הויבן ווערט אַ מענטש נאָר דורך מעשים גרויסע!.. איז מזל־טוב!.. און דער באמת גרויסער מזל־טוב וועט קענען געזאָגט ווערן, אַז די קהילה וועט, אם ירצה השם, שטיין שוין אויף דעם ריכטיקן וועג און פון דעם שטעטל וועלן נעמען קומען אין ישיבה אַריין תלמידים...

ט.

שפּעט אין אָוונט איז רב נפתלי אַרויסגעקומען פון ישיבה צוזאַמען מיט אַן עלטערן שמייכלדיקן בחור, וואָס צו זיין שיינעם אָנטו איז איבער זיין אָדלערנאָז געווען איינגעקוועטשט אַ פּאָר גאָלדענע פּענסנע, און פון זיי האָט זיך חנעוודיק אַרונטערגעבאָמבלט אויף אַזאַ דין קייטעלע, ווי מען זעט עס ביי מענטשן פון דער גרויסער וועלט. מיד איז ער געווען, רב נפתלי, און האָט זיך געאײַלט דורך די געדרייטע פינצטערע געסעלעך צו זיין אַכסניה אין קאָוונע. זיין גאַנג איז אָבער כסדר געוואָרן צוריקגעהאַלטן און זיך באַלד איינגעפּאַסט מיט דעם געמאָסטענעם טראָט פון דעם הויכן פאַרפוצטן באַגלייטער. גערעדט האָט דער מער מיט רמזים און אַלץ אָנגע־וואָרפן אַ פּלאַן פון זייער מיטאַרבעט. ווי אַ מומחה שוין אויף איינאָרדענען רבנים אין שטעטלעך און אָנפירן מיט מחלוקותן, איז יעדעס וואָרט זיינס גע־שליפן און דער שמייכל שניידט קאַלט די פינצטערניש צווישן די האַלב־שלאָפנדיקע האָרפּאַשנע הייזקעס... אַזאַ אַלטע איינגעפונדעוועטע קהילה, ווי דאָס וואַסער־שטעטל, פּאַלט נישט גלאַט צו, און נאָך אַלס ערשטע רב־נות, — גיט ער רב נפתלין אָנצוהערן. פון דער ישיבה האָט מען גענוג גע־טאָן, צוגעגרייט דעם באָדן, שושקעט ער גאָר שטיל, און די טעג וועלן אין שטעטל ווידער זיין צוויי מענטשן. פון דער זייט וועט דאָרט יעדער פון זיי אַ טאָפּ טאָן ווייטער דעם דופק, לאָזן פאַלן אַ וואָרט, און עס וועט זיך שוין ווי־דער שאַפן די נייטיקע שטימונג... ברייטער רעדט ער וועגן דער וויכטי־קייט פאַר אַ נייעם רב צו קענען צוציען צו זיך מענטשן מיט שטאַרקער השפּעה אין דער קהילה, און זיך אַזוי אַרומנעמען מיט אַ פעסטן צד... אויך אַ מגיד, אַ גוטער בעל־דרשן און אויפטוער, וועט זיין באַלד אין שטעטל, וואָרפט ער צו, און דער וועט מיסד זיין אַ חברה תפארת־בחורים; וועט שוין דער רב האָבן אַרום זיך אויך אַ יונגע גוואַרדיע, וואָס איז גאָר וויכטיק!..
געהויבן איז שוין איצט זיין טאָן און קלינגט אַפילו באַפוילעריש:

— עלאַסטיטעט, קענען זיין בייגעוודיק און פאַרשטיין צו גיין אויך מיט דער צייט!.. כדי דורכצוזעצן וואָס פּרינציפּאַל, אַן עיקרדיקס, דאַרף מען זיך אָפּט מאָל מאַכן פאַרזען זאַכן קלענערע פּאָרוויזאָריש, אויף אַ ווייל... סלאָבאָדקע ווייס נישט ווייניק פון דעם וואַסער־שטעטל און פון דער פּסיכאָלאָגיע און די מענטאַליטעטן פון די מענטשן דאָרט. לייגט זי דערפאַר גרויס אַכט אויף דעם רעפּרעזאַנטיוון אויסזען פון דעם נייעם רב, און האָפּט אַז געוויס וועט ער וויסן צו פירן האַלטונג... אונדזערע גרויסע בעלי־מוסר זאָגן דאָך אָפּט מיט צער: גאונים פוילן הייבט אין זייערע פאַרשמאָלצענע קאַפּאָטעס...

אין דעם כסדרדיקן מיען פון רב נפתלין צו פאַרטרייבן פון זיך יעדן געדאַנק וועגן אַ וועלכער שייכות פון די רייד דאָ און צו דעם וואָס ער האָט פריער געהאַט געהערט אויף דער סאַלקע, — כאַפּט ער נישט אויף אין זיין פאַרלאָרנקייט די שווערע האַסטיקע טריט וואָס נעגטערן זיך פון אַ צווייטן געסל. אין סאַמע ווינקל דערהערט אָבער באַלד זיין אויער דייטלעך די שטים פון רב אשר גימפּלען:

— אַז אַ סלאַבאָדקער קאָזאַק קנעלט איין מיט אַ יונגן רב, איז מסתּמא וועגן עפּעס ביי אים אין קהילה א טאַנצקלאַס אָדער קאָרטנקלוב, און אַליין זאָל ער גיין יעדן טאָג אין אַ צילענדער־הוט און מיט ווייסע הענטשקעס. די ישיבה לאָזט זיך דאָך מיט די מאָדערנע וועגן און דערשפּרינגט שוין באַלד אין איר גאַלאָפּ אַזש אין יענע אָ טאַנצנדיקע סאַלאָנען... די מחדשים די גרויסע פון די היינטיקע בעלי־מוסר דאָ צאַצקענען זיך אַזוי מיט זייער גוואַלדאָוונער תרופה צו דערהייבן דעם מענטשן. שמייכלען הייסן זיי צו יעדן גאָרנישט און טריפהנעם ביין און אַריינלויבן אים; זיך מאַכן פאַרזען חסרונות און רק פּאַטשן אין פּלייצעס. דערמאָנט מען נאָך אַפילו דעם רשע דעם גרעסטן, אַז ער איז דער בחיר פון דער וועלט, אַ יצור־עליון, — איז ער שוין געוויס ביי דיר אין האַנט! אַזוי מיינט עס סלאַבאָדקע אַריינצונעמען די מנהיגות ביי יידן... „כי המלכות שלך היא ולעולמי עד תמלוך בכבוד", טייטשן שוין די ליצנים: כי המלכות שעלכל היא, פּירסטו דיין גרענדע ווי מיט אַ שעלכל, דאָ צוגעשטעלט אַ געוויכט, און דאָ אַרונטערגעהויבן, און דאָס צינגל פון וואָגשאָל, וואַרפט זיך הין און הער, — ווערסטו

אַלע מאָל דיינס דערגרייכן, ולעולמי עד תמלוך בכבוד... נישט דאָס איז אָבער דער ריכטיקער וועג!! אָפּן קעמפן דאַרף מען, מיט מסירת־נפש, און גיט אָפּטרעטן! „לא תגורו מפני איש", ניטאָ קיין מורא פֿאַר מענטשן!.. און אַפילו אַ מחלוקת, מיט צדדים, איז דאָך דער רב לכל הפחות זיכער יע מיט ווּעמען. סתם שטיל אין דער קהילה, איז רעכט אַז קיין איינער איז אויך נישט אויף זיין זייט... געדענקען מוז אַ מרא־דאתרא וואָס רב ישראל סאַ־לאַנטער פלעגט האַלטן אין זאָגן: אַ רב וואָס שטאָט וויל אים ניט אַרויס־טרייבן, איז קיין רב נישט; און אַ רב וואָס שטאָט טרייבט אים אַרויס, איז קיין מענטש ניט!..

ווידער גייען די ביידע אַליין און עס שווייגט אויך דער בחור פון ישיבה. ביי גאָר אַ שיין פון אַ ליכטיקן פענצטער מערקט אויפּפאַליק רב נפתלי אַ האַסטיקן וואָרף איבער זיין פּנים פון דעם שמייכלדיקן בליק, וואָס באַטאַפּט אים גאָר פאַרשעריש. ניט אַנדערש ווי דער מיטגייער זיינער וויל דאָ אַרויסהאָבן, צי אָט דער שרייער איז אים, רב נפתלין, שוין באַקאַנט פון פריער און בכלל די ווירקונג וואָס דער האָט געקענט אויף אים מאַכן מיט זיין מוסר... אַ וויטערדיקער אויגנוואָרף ברענגט אים אויף דעם גרויקאָפּיקן שוסטער פון דאַטשע, וואָס האָט פון זיין פּנים, רב נפתליס, געוואָלט אַרויס־לייענען מכוח דעם צווייטן שוסטער, דעם שכן. אים הילכט אָפּ די מיינונג וואָס דער אַ אַלטער האָט אויסגעקליגלט וועגן זיין קאָנקורענט. די יאָרן די גוטע — האָט ער אַ זאָג געטאָן — וואָס עס זיינען דאָ גרעסערע פאַר־טאָטשעס... ווי ענלעך קלינגען אים איצט, רב נפתלין, די ווערטער פון זיין באַגלייטער, דעם ישיבה־בחור, וואָס לאָזט דאָ אַזוי פון דער זייט פאַלן וועגן רב אשר גימפּלען:

— דער סדר־עולם דאַרף אויך אַזעלכע...

נאַקעטע מענטשן

א. די קאָמאַנדע

צו דער אַרבעט פון רעגולירן דעם טייכשטראָם, וואָס פליסט פאַרביי דעם בעריאָזע־וואַלד און שניידט זיך אַוועק דורך דעם ברייטן זומפיקן פעלד, האָט די קאָמאַנדע שוין ניט געזען קיין סוף און קיין ברעג. וואָכן לאַנג ווי די יידן בראָדזשען דאָ באָרוועסע, פאַרגלייכן די ברעגעס, רייסן די קוסטעס און איינגעפרעסענע גראָזן פון אונטערן וואַסער, הייבן אַרויס שטיינער פון דער טיף, רייניקן און פאַרטיפן דעם שטראָם, — און אָט האָט אַ שלאַקסרעגן דורך נאַכט ווידער צעשטערט און אַזוי פיל פאַרטראָגן און אָנגעטראָגן. פון פרימאָרגן אָן שטייען זיי די קאַצעטלער אין וואַסער, צעשפרייט איבער די פארטיילטע „אָפשניטן" פון דער אַרבעטשטעל, און שלעפן די בערג אָנגעטראָגענע שליים און געוויקסן.

שוין ניט קיין יונגע דאָס רוב אַרבעטער. און אויך די ייִנגערע — האָבן די יאָרן געטאָ און קאַצעט זיי אויך צעקאָדערט און גרוי געמאַכט. זיינען די מענטשן גאָר הילפלאָז. אומגעשיקט גראָבן זיי און מאַטערן זיך ווידער און ווידער מיטן ווילדן שטראָם. ניט איינער גליטשט זיך דאָ אויס און קאַטשעט זיך אַרונטער טיף אין טייכבעט אַריין. צעטראָגט זיך אַ טויטגעשריי פון דעם גופא אָדער פון די אַרומיקע. בלייבט דעמאָלט קיינער ניט אויף זיין אָרט; מ׳לויפט צו הילף. אַחוץ עטלעכע געוועזענע דאָקטוירים אַרבעטן אין דער קאָמאַנדע נאָך יידן, וואָס זיינען שוין געניט מיט אַרויסטרייסלען וואַסער פון אַ טרינקענדיקן. לאַנג אָבער זיך פאָרען אַרום אַזעלכן לאָזט ניט בער־נאַרד, דער קאַפּאָ. דאָס גרינע קוקעלע פון אָט דעם ברייטפלייציקן ריז איז אומעטום דאָ. מיט אַ פוסבריק שטעלט ער שוין אַליין פעסט, צי דער קאַ־צעטלער האָט נאָך לעבן. די איינגעשפּאַרטע רעטער באַפוילט זיין שטאָק זיך שטעלן צוריק ביי דער אַרבעט.

— עבודה! טירחה!.. — טרייבן זיך אָן יידן איינע די אַנדערע און וואָרענען פאַר די אלערליי אויפזעער, וואָס קאָנען יעדע מינוט אונטערקו־מען.

אַרויסגעריסן פון פאַרשיידענע שטעט און לענדער, זיינען די מענטשן צוזאַמען מיט נאָך טויזנטער צונויפגעשלעפּט געוואָרן אַהער אויף פּונאַנ־דערבויען און אויסברייטערן דעם גרויסן מיליטערישן אַעראָדראָם. מישפּחה האָט דאָ קיינער ניט, און ניט איינער ווייס שוין זיכער, אַז אַלע זיינע נאָ־ענטסטע זיינען אומגעבראַכט. האָט זיך דער עולם דאָ ביי דער אַרבעט צו־נויפגעגאָסן ווי איין געזינדל. מען חכמהט זיך דורך, מען רעדט זיך אויך איבער און מען פאַרשטייט זיך אויפן ווונק. און צוליב גאַר־זיכערקייט פאַר אַ פרעמדן אויער, — איז דאָס לשון צוגעשניטן נאָר פאַר זיך אַליין.

— כורעים! בעל מנגן!.. — טראָגט זיך באַלד אַדורך דער קאָמאַנדע אַ וואָרענונג, מ'זאָל זיך גוט אַ בייג טאָן איבער די כלים און ווייזן אַז מען אַרבעט, וואָרעם גאָר נאָענט דרייט זיך דאָ דער קאַפּאָ, וואָס זינגט און דעקלאַמירט אָפּט לידער זיינע, און נאָך מער קינסטלער איז ער אויף אויפ־שפּילן מיט זיין שטאָק.

די מורא פאַר בערנאַרדן איז גרויס. אַ שטאַרקע פיגור איז ער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פירשטנוואַלד, וואָס פון דאָרטן קומט עס יעדן טאָג די קאָמאַנדע אונטער זיין אָנפיר אַהער צו דער אַרבעט. נאָר זיין קוק אין דעם „איבערדערציאונגס־אַנשטאַלט", ווי די ס"ס־לייט רופן אָן דעם לאַגער, וואַרפט שוין אָן טויטשרעק אויף די מענטשן. ביי אַ פּראַקטיק פון איבער צען יאָר, באַטאָנט אָפּט בערנאַרד מיט חשיבות, מוז שוין יעדער איינער, וואָס פאַלט אַריין אין זיינע הענט, ווערן אַ מוסטער־קאַצעטלער. אויף אָט דער מלאכה איז ער עס מיט נאָך חברים זיינע אָפּגעקליבן געוואָרן פון דער גרויסער בערלינער טורמע, ווו ער האָט געהאַט אַ לעבן צו זיצן. די טויגעוו־דיקייט פון אים האָט זיך גאָר בולט גענומען וואַרפן אין די אויגן ביי די נייע אדונים זיינע, און גאָר שנעל איז ער אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן געוואָרן אַ וויכטיקער מיטהעלפער. זיין גרויסע שעה איז אָבער געקומען, ווען מויער, דער שעף זיינער, איז געוואָרן קאָמאַנדירט צו פאַרלייגן אַ לאַגער אַהער, אין דעם אָקופּירטן קאַנט פון באַלטיקום. בערנאַרד איז געווען פון

די ערשטע אין דער גרופּע, וואָס אַט דער ס״ס־שטורעמבאַנפירער האָט מיט־געבראַכט אויף צו העלפן אים, מויערן, איינשטעלן די געהעריקע אָרדע־נונג אויך אין דעם אַנשטאַלט. בלאָק־עלטסטער און קאַפּאָ איז היינט בער־נאַרד, און איז בכלל פון די ערשטע אין דעם „פּויסטקערן״, וואָס פלייסט זיך אין העלפן מויערן צו מאַכן א שם־דבר זיין קאַצעט פירשטנוואַלד.

— יוצא... קיין שרפה!.. — גיבן זיך יידן שפּעטער אַ ביסל אָנצוהערן, אַז ווי באַלד קיין אָנטרייבער זעט זיך ווידער ניט און געגוג שוין אָרייג־געאַרבעט, איז יוצא דערווייל, און עס ברענט ניט...

איין גליק דעם מאָרגן, וואָס בערנאַרד שטייט ניט אייך. אים טראָגט אַלץ; יעדע ווילע איז ער ווו אַנדערש. און די מענטשן קאָנען זיך אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם... שליידערן זיך בליקן און מערקן ווי ער דרייט זיך ביי דער בודקע, וואָס מיט עטלעכע טעג צוריק איז דאָרט נאָך געזעסן אַ סאַניטאַרין. אַהין שפּרינגט ער עס אָפּט אַריין און קומט באַלד אַרויס ווילד, ניט פאַרמאַכט די טיר.

— ליידיק נעבעך דאָס נעסט — ווינקען זיך איבער יידן — און דער פויגל אין אַ צווייטנס שטייג...

ביי דריי וואָכן איז דאָ אָפּגעזעסן אינגע. פון דער מינוט וואָס בערנאַרד האָט געהאַט באַמערקט דורך די דראָטן פון פּרויען־לאַגער דאָס שלאַנקע שוואַרצאויגיקע יידישע מיידל, האָט ער שוין ניט גערוט. גיך איז אים גע־לונגען אַריינצובאַקומען זי אין זיין קאָמאַנדע, און יעדן טאָג פלעגט זי עס מיטקומען אַהער און זיצן דאָ אין בודקע אַלס סאַניטאַרין. האָט אָבער אויגן קרויזע, דער מייסטער פון דער קאָמאַנדע, איז ער אויך אַ בעלן אויף אַ שיינהייט. גייט שוין איצט אינגע אַרויס פון לאַגער מיט אַן אַנדער גרופּע און אַרבעט אין קיך פון דער בוי־לייטונג... ניט איין ייד איז שוין אין שרעק צוליבן קאַפּאָ, און ד״ר שמואל בריל, דער געוועזענער ספּעציאַליסט פון כירורגישן מעסער אין דער ליטע, קומט דאָ אַרויס מיט זיינע היינטיקע „אַנאַליזן און דיאַגנאָזן״.

— אַזאַ מר נפש!.. דער איבערגעהאַקטער שיר־השירים וועט שוין זיין אויסגעזונגען אויף אונדזער קאָפּ...

— זאָל שוין ציטערן היילבאַך... — וואַרפט צו גבריאל זיוו אַ ווונק

אויף דער זייט פון זומפּיקן פעלד, וואָס דאָרט שטייט נאָך איינער און הערט ניט אויף צו אַרבעטן; די גרויקייט טאַנצט אים שוין אַרויס פון יעדן שפּראָץ האָר, און ער פּרוּווט אַפילו ניט אויפהייבן דעם קאָפּ, אָט אַ שמעק טאָן די לופט, זען צי עס לאָזט זיך אָפּרוען.

גבריאל ווייס אַריינצוטרעפן. אַז זיגפריד היילבאַך זאָל אַזוי פּלייסיק אַריינאַרבעטן, איז פאַר דעם עולם דאָ אַ נייס. נאָך אַנאַנד זוכט דער מענטש, מערקן אַלע, עפּעס אַ נאָענטקייט צו די אדונים פון לאַגער, פאַרשטייט אויך אַ פריינדל צו טאָן זיך מיט די קאַפּאָס, און טראָגט זיך אָפּט אַרום מיט פיינע שטיקלעך ברויט און קאַרטאָפל אין די קעשענעס און מיט אַ געדיכטער זופּ אין קענדל, און ביי דער אַרבעט קומט ער אָפּ מיט די לייכטסטע. ווי נאָר אינגע איז געוואָרן חשוב ביי בערנאַרדן, איז ער שוין געווען אירער אַ קרוב. די אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער האָט גענומען ווייזן צו אָט דעם יונג מיידל אין איר ניט־געהויבענער לאַגע, האָט זי אַ פּנים שטאַרק גע־רירט, און ער הייסט ביי איר „אַנקל”. באַלד איז ער אויך אויסגעוואַקסן אין דער קאָמאַנדע, און שוין כמעט געווען פּטור פון אַרבעטן.

— דער מחותן לערנט זיך נעבעך האַלטן אַ רידל... — חכמהט זיך אַ דייטשער ייד.

די יידן וואָס זיינע פון דער זעלבער געטאָ געבראַכט געוואָרן צוזאַ־מען מיט היילבאַכן קיין פירשטנוואַלד, ווייסן אַ סך צו דערציילן וועגן אָט דעם שטראַמען פעסטגעבויטן מענטשן מיט די שניטן אויפן איינגעפאַלענעם פּנים, וואָס זאָגן עדות אויף קאָרפּאָראַציע־חברשאַפט אין זיינע סטודענטישע יאָרן. זיי קאָנען אויך אינגען, און די מעטריקע פון איר קרובהשאַפט מיטן „אַנקל” שטאַמט נאָך ביי זיי פון פריער. פול מיט פּרעטענזיעס איז דער היילבאַך און בשום אופן וויל ער ניט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אויך ער איז ניט מער יחסן ווי די אַנדערע טויזנטער און מיליאָנען, וואָס טראָגן היינט זייער שווערן גורל. אַז ער איז גאָר קיין ייד ניט, און כמעט אַן אַריער, און זיין פרוי איז בכלל אַ ריינע אַריערין, — האָט ער געשריען ביים איינברענ־גען אים אין געטאָ. טעג איז ער געלאָפן אין קאָמענדאַנטור און פאַר די געשטאַפּאָ־לייט אויסגעלייגט זיינע זכותן און טענות. אַ פּריווילעגיע מיט איבער דריי הונדערט יאָר צוריק פון דעם לאַנדגראַף פון העסן־האָמבורג

האָט נאָך באַקומען זיינער אַ זיידע אויף צו זיין אַ הויפּמעקלער און ליפעראַנט. גרויסע פאַרדינסטן האָבן זיינע אבות פאַר דייטשלאַנד, און עס זייַנען גוט באַקאַנט די סאָציאַלע און קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס זייער פאַמיליע האָט פונדירט פאַר דער באַפעלקערונג אין זייער געגנט. און ער אַליין, אַט ווייזן אויף פּאַפּירן, איז געווען אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער שיפבוי־געזעלשאַפט, און געטראָגן דעם טיטל קאָמערצראַט, און יאָרנלאַנג אַפילו געווען ערן־קאָנסול פון אַ דרום־אַמעריקאַנער מדינה. אַן אייזערנעם קרייץ ווייזט ער, וואָס ער האָט באַקומען אַלס אָפיצער אין דער ערשטער וועלט־מילחמה. און די מזומנים וואָס ער האָט געגעבן אויף געזעלשאַפט־לעכע זאַכן! קוויטן האָט ער נאָך אויף גרויסע סומעס וואָס ער האָט אַ ריי יאָרן געגעבן לטובת די נאַציס. ער ווייזט אויך בריוו, פריינדשאַפטבריוו צו אים, געשריבן פון פּערזענלעכקייטן וואָס פאַרנעמען אויך היינט גאָר הויכע ערטער. און די אָרדנס זיינע פון קייזער!..

די פּאַפּירן און אָרדנס זיינען אין קאָמענדאַנטור געוואָרן אַוועקגענומען, און אַליין געפלויגן פון די טרעפּ, — האָט היילבאַך דערזען ווי פעסט די געטאָ־טויערן זיינען געשלאָסן אויף פאַר אים. איז שוין דאָ איצט אַוועק אַ קאַמף זיינער פאַר באַזונדערע רעכטן צווישן די יידן גופא. ניט אַנדערש ווי „הער קאָנסול" און „קאָמערצראַט" האָט זיין אויער ניט פאַרטראָגן, און ער איז באַשטאַנען אויף נאָך טיטלען. אַ ווינ־שטח און די פאַרציע שפּייז האָט אים געקומט גרעסערע. און וועגן אַרבעט האָט ער ניט געוואָלט הערן. אויף טייל פאָדערונגען איז אים ניט געווען שווער צו באַקומען אַ הסכמה מצד די קלענערע דייטשע באַאַמטע, וואָס זיינען ניט געווען אַזוי בקי אין אַרישן שולחן־ערוך און זייער וואָרט איז אָבער אויך קודש פאַרן יודענראַט.

דעם דרך זיינעם פון שווימען און זיך אַרויסהייבן אין לעבן האָט היילבאַך אויך איצט ניט פאַרלוירן. מיט גרויס פלייס האָט ער גענומען אָרגאַניזירן פּאַטריאָטישע קרייזן אויף שטודירן דייטשע געשיכטע און ליטעראַטור און צו שפּילן טעאַטער. גאָר געשטיגן איז אָבער זיין אַנזען אין די אויגן פון דייטשע אדונים מיטן פאַרלייגן אין געטאָ אַ קירך. אַ קלינגערייַ פון אַ גלאָק, געשענקט פון אַ דערבייאיקן קלויסטער, האָט אַ

זונטיק דאָ געעפנט די ערשטע צערעמאָניע פאַר דעם הייפל קריסטן ניט־אַריער. דריי דייטשע וואַכמייסטערס פון געטאָ זיינען בייגעווען, און איינער פון זיי האָט זיך אַפילו געבוקט צוזאַמען מיט די מתפללים. נאָך עטלעכע וואָכן האָט אויך דער קאָמענדאַנט אַליין באַוויליקט אקעגנצוקומען היילבאַכס אומאויפהערלעכע בקשות; פאַרבייגעגאַנגען איין מאָל אַ פאַרנאַכט, האָט ער טשיקאַווו אַריינגעבליקט אין דער „יודען־קאַפּעלע".

געמוטיקט אין אָט דער ראָלע, איז היילבאַך געגאַנגען ווייטער מיט זיין אַקטיוויטעט. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אַ יונג מיידל, וואָס אירע עלטערן זיינען פון געטאָ גענומען געוואָרן אין דער לעצטער אַקציע פון צוויי טויזנט אויסגעאַרבעטע מענטשן, און צוזאַמען מיט די אַלע אַרויס־געפירט און דערשאָסן. אָט דאָס מיידל האָט ער אָנגעהויבן שטיצן מיט קליינע שפּייזפּאַקעטן, וואָס ער פלעגט פון ערגעץ קריגן פאַר זיין קירכ־פאַנד, און האָט זי איינגערעדט איבערצוגיין אויף דעם קריסטלעכן גלויבן. די אַ מיסיאָנערישע אַרבעט זיינע האָט היילבאַך פאַרטראַכט דורכצופירן מיט גרויס פּאַראַד. פאַר אַ ברויט האָט אים אַ מאָלער, וואָס ער האָט אויפגעזוכט אין געטאָ, אויסגעמייסטערעוועט אַן איינלאַדונגס־פּלאַקאַט מיט קינסטלע־רישן גאָטישן שריפט און מיט קריסטלעכע סימבאָלן. דעם כיבוד אַלס טויפ־פּאַטער האָט באַקומען אַ געהילף פון קאָמענדאַנט, און דער האָט דעם אַפיש אויסגעהאַנגען ביי זיך אין ביוראָ און נאָך אַ צווייטן אַזאַ באַשטעלט פאַר דער געשטאַפּאָ אַליין. דאָ האָט זיך שוין היילבאַך געלאָזט קאָסטן אַ גאַנצע גלאָז צוקער, און דער פּלאַקאַט איז אַרויס ממש אויסגעצאַצקעט.

גאָר אַן אַנדער קבלת־פּנים האָט דער צווייטער פּלאַקאַט באַקומען אין די הויכע פענצטער. דאָקטאָר שטאַנג, דער רעפערענט פאַר ראַסן־ענינים, האָט באַלד אַרויסגערופן דעם קאָמענדאַנט און אים פּשוט געפרעגט, צי ער האַלט זיך פאַר ראוי אויף אָנפירן מיט אַ געטאָ. דערשיטערט איז ער געווען, דער מלומד, און האָט מיט פאַרביטערונג אויסגעדריקט זיינע טיפ־סטע ספיקות אין די ידיעות פון זיין מיטריידער אין די גרונטגעזעצן פון נירנבערג!.. איינגעהאַלטן האָט ער אים אויך אַ פרעג געטאָן, צי האָט ער גאָר ניט געהערט, אַז די קריסטלעכע קירך דינט די יידן פאַר אַ מיטל אויף דורכשמוגלען זיך אין דער אַרישער וועלט? יידן אין געטאָ, האָט ד"ר שטאַנג

דערקלערט, דאַרפן נאָר וויסן אויפצושטיין יעדן מאָרגן צו דער צוואַנגס־אַרבעט און צו שטעלן זיך צו די אַקציעס, ווען זיי ווערן באַפוילן. קיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, און ווער רעדט נאָך כאַפּן נשמות פאַרן קריסטנטום, — אָט די מיסיאָן־אַקציעס !..

נאָך אין זעלבן טאָג איז אין געטאָ געשלאָסן געוואָרן די קירך, און היילבאָך צוזאַמען מיט דעם מיידל אינגע, די קאַנדידאַטין צום טויפן, זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ליסטע צום אַרויסשיקן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

ב. איבערדערציאונג

דאָס נאַענטע אַרומדרייען זיך בערנאַרדס האָט היינט פאַר די מענטשן נאָך ניט באַטייט, אַז דאָ קומט ער עס אָן. צו אָפט דרייט ער זיך אום צום בערגל און זיינע אויגן בלייבן פאַרריסן אויף די באַראַקעס ביי דער בוי־לייטונג, ווו אינגע געפינט זיך איצט. די אַרבעט פון דער קאָמאַנדע ליגט אים היינט גאָר וויניק אין קאָפּ, שטאַרקט זיך ביי די מענטשן אַ מיינונג... אַז דעם קאַפּאָס טריט ווערן אָבער אייליק און ברענגען אים מיט יעדער סעקונדע נענטער, — שניידט גבריאלס אַ רוף:

— דער חכם בלילה !!..

צו די צונעמענישן פון קאַפּאָ איז צוגעקומען אַ שפּאָגל נייע, וואָס טראָגט דאָ אָן אויף די יידן די פאַבריקע נאַכט אין לאַגער און וואַרפט זיי אַריין אין ציטער. פאַר זייערע אויגן שטעלט זיך אַוועק דער בלאָק צוויי, ווו בערנאַרד איז עלטסטער.

אין זיין בלאָק מוזן די „פיגורן", ווי ער רופט די מענטשן, ליגן בעתן שלאָפן נאָר אויפן רוקן, אויסגעצויגן ווי די סטרונעס, און די פיס — אויסגעשטרעקט. האָט ער עס אָט דעם פּרינציפּ זיינעם באַזונדערש דעמאָנסטרירט די נאַכט פאַר געסט פון געשטאַפּאָ. זייער שפּעט האָבן די זיך אַריינגעלאָזט אין בלאָק, און טירן און פענצטער האָבן זיך ברייט צעעפנט אויף אָפּצופרישן די געפּרעסטע לופט לכבוד די גרויסע לייט. קאַלט און רעגנדיק איז געווען דער וועטער, און דער שטורעמדיקער ווינט פון ים האָט

פריי געגומען שפּאַצירן איבער די געלעגערס און גאָר צוזאַמענגעקאָרטשעט די טויט שלאָפנדיקע אונטער דעם קנאַפּן צודעק... דאָ ערשט האָט בער־נארד געוויזן זיין טויגעוודיקייט. אויפן וווּנק האָבן זיך זיינע אַרישע גע־הילפן געגעבן אַ טראָג פאַרביי די נאַרעס, און מיט שאַרפע ברעטלעך איבער די פּיאַטעס דורכגעפירט זיין „קאָנטראָל"...

דער קאַפּאָ איז דאָס מאָל אויך ניט דערגאַנגען ביז דער קאָמאַנדע. ווידער האָט ער זיך אַריינגעדרייט אין בודקע. די טיר פאַרמאַכט הינטער זיך, און מען זעט אים נאָך אַלץ ניט פון דאָרט. ווייסן יידן, אַז דאָס כאַפּט ער אַ דרעמל, ווי ער איז אָפט געוווינט, און בפרט נאָך אַזאַ טיכטיקער נאַכט ביי אים... שווימען שוין דאָ רייד וועגן דעם גאָר פרישן קאָנצערט בערנאַרדס אין בלאָק צוויי, און איינער דערמאָנט זיך:

— „נאַכט־פּוס־אַפּעל" האָט אַ הויכער גאַסט אָנגערופן מיט אָנקוועל אָט די קאָנטראָל... און נאָך מער האָט דער בערנאַרדן געלויבט, וואָס די קאַצעטלער זיינען שוין ביי אים כמעט אַלע איבערדערצויגן און ניט צו הערן פון זיי קיין פּיפּס אַפילו ביים אַריינבאַקומען אַ שניט אין שלאָף...

— און צוזאַמען מיט די „אומדערצויגענע" האָט דער הער קאָנסול קאָמערצראַט אויך אַריינגעכאַפּט זיינע צען שמיץ... — ווינקט צו אַ ייד אויף היילבאַכן. — סטאַש, דער פּאָליאַק, האָט ביים קאַטעוועון ניט פאַר־שטאַנען אַפילו אַ וואָרט פון זיינע שאַרפע און ביטערע טענות. משמעות דאָס ערשטע מאָל אויפן לעבן פון אָט דעם מיוחס...

— קיין אויג האָט ער שוין ניט צוגעמאַכט די רעשט נאַכט — גיט צו אַ שכן פון היילבאַכס נאַרע. — געקאָרטשעט אין יסורים האָט ער זיך, און געברומט און געטענהט, אַז ער וועט דעם וואַנדאַל באַגראָבן פאַר בער־נאַרדן... שפּעטער אָבער איז אים אויפגעקומען, אַז דער סטאַש זאָל גאָר זיין אונטערגעשיקט אויף אים פון דעם קאַפּאָ אַליין; אַזאַ רשע אַז ער פּלאַ־קערט!.. אין זיין אויפטרייסל האָט היילבאַך בכלל געלאָזט פאַלן ווערטער גאָר אין אַן אַנדער טאָן...

די בודקע־טיר האָט זיך נאָך גאַנץ ניט געעפנט, איז שוין דער עולם צוגעפאַלן צו דער אַרבעט. בערנאַרדס פּנים פון דער נאָענט זעט אָבער איצט ניט אויס גאָר הארב און שרעקט ניט אַזוי די מענטשן. נאָך עטלעכע

שטאַרקע ווערטער זיינע און געציילטע קלעפּ, וואָס פאַלן פון זיין שטאָק אי־בער א צוויי־דריי פּלייצעס, קומט דער קאפּאָ ארויף, ווי ביי אַ בעסערער שטימונג, אויף זיינע מעשיות. גוואַלדאָוונע זאַכן דערציילט ער אָן וועגן זיך אַליין. הערן די יידן פון זיין מויל, ווי יאָרן לאַנג האָט ער אָנגעפירט מיט אַ רויבער־באַנדע און איז געווען אויסגעבונדן מיט די שטאַרקסטע לייט אין דער וועלט. די גאַסנקאַמפן וואָס ער האָט געפירט מיט פּאָליציי זיינען וועלט באַרימט. זשורנאַלן זיינען געווען פול מיט די בילדער. עס זיינען אויך דאָ דריי ראָמאַנען וועגן אים, און אַפילו אַ פילם!..

דאָס אָפטע שמייכלען פון די יידן איז בערנאַרדן אויפפאַליק. שיינע זיינען טאָקע די מעשיות און העלדישע, — די גלייבן אָבער געוויס ניט... די חברים זיינע — די קאַפּאָס אין לאַגער און אַנדערע גוטע פריינד — גיבן זיך שוין מי, אַז מען זאָל וויסן וועגן אים אַלץ... בערנאַרד איז זיכער, אַז ביי די יידן אין די אויגן איז ער ניט מער ווי דער קרימינעלער, אַ גע־כאַפּטער פאַרברעכער וואָס איז פאַרמישפּט געוואָרן אויף יאָרן טורמע און איז נאָר צייטווייליק באַשעפטיקט אין די קאַצעטן... ווייס ער באַלד צו בייטן דעם טאָן, דער קאַפּאָ. עניוותדיק רעדט ער, ווי א שמח בחלקו:

— אין דעם לאַגער בין איך נאָך ניט פאַרפאַלן. פאַר מיר געניגט אויך, וואָס איך בין די רעכטע האַנט ביי מויערן. נאָך היינט פרי האָט דער לאַ־גער־פירער מיט מיר גערעדט אַ רעכטע ווײַלע. איך ווייס אַפילו ווען די נאָענטסטע אַקציע דאַרף ביי אונדז פאַרקומען.

ניט אַלץ וואָס בערנאַרד דערציילט זיך אָן איז קודש ביי די יידן. און מויער, ווייסן זיי אויך, האָט זיך זיינע גרעסערע מקורבים און איז בכלל ניט צוגעלאָזן צו די קאַפּאָס. ניט איין מאָל האָט ער אויך בערנאַרדן אריינ־געפּייערט זיינעם אַ פּאַטש. דער רמז אָבער וועגן אַן אַקציע, אַז אָט וועט דער עולם אין לאַגער ווידער געשטעלט ווערן צום סאָרטיר, און די שוואַ־כע״רע ״אַרבעטסקרעפטן״ וועלן ווערן אָפּגעטראַנספּאָרטירט צו די גאַז־קאַ־מערן, — יאָגט באַלד אַריין מענטשן אין שרעק. יעדער איינער פאַלט אַריין ווילד אין דער אַרבעט און פלייסט זיך צו ווייזן דעם קאַפּאָ, אַז ער איז נאָך נוציק...

באַשיימפּערלעך זעט בערנאַרד, ווי די חשיבות זיינע שטייגט. ציט ער

ווייטער זיינע רייד מיט וואַגיקער באַטאָנונג. ווי דערמאַנט זיך וואָס, הייבט ער אָן:

— גאַנץ מעגלעך, אַז איך וועל זיין צווישן די באַגלייטערס פון נאָ־ענטן טראַנספּאָרט... שוין געווען אין יענע ערטער און געאַרבעט... איך ווייס ניט וואָס אַנדערע דרייען מיטן נאָז וועגן די ריחות דאָרט. מיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ פאַבריק פון ווורשט און געריכערטע פלייש, און חזירים פלעגט מען ביי אונדז אַזוי פיל סמאַליען. ניטאָ קיין געשמאַקערער ריח!.. אויך אַ ליד וועגן דער קרעמאַטאָריע האָב איך געמאַכט, און אַ סך מאָל דעקלאַמירט מיט גרויס דערפאָלג. לידער שטעל איך צוזאַמען לייכט, אַז עס קומט נאָר אָרויף די לירישע שטימונג!..

שוין שטייט בערנאַרד צעשטראַלט, און די הענט פונאַנדערגעשפּרייט, צעגיסט ער זיך אין זיינעם אַ ליד:

וויירעד

וואָס שלאָפסטו ניט, קינד מיינס, —
טוט דיך שרעקן דען די נאַכט?
וואָס קימערט דיך, מיין קליינס,
אַז דו פאַרגייסט אין כליפּ און טראַכט?

מאַמע, מאַמע, פאַרכמאַרעט די שטערן,
געדיכטער רויך מאַכט לבנה שוואַרץ;
אויף ליכטערס פלעק מיין אויג אין טרערן,
אויף הימלס צער וויינט דאָס האַרץ!

טייער קינד, אויוונס ברענען אַזוי שיין,
אויסגערויכערט ווערט הייליקער באָדן,
ראַום פאַר דיר, צום הערשן דער אָדון, —
אייראָפּע אונדזער באַלד יודענריין!

נ אַ ק ע ט ע   מ ע נ ט ש ן

מאַמע גוטע, שאָטנס שרעקן,
קינדער־אויגן דורך שטערן קוקן,
געוויין זייערס טוט מיך וועקן —
ווי קעלבער פון די וואגאָנעס זיי מוקען!

נאַריש קינד, טו נאָר פאַרשטיין, —
ניט קיין מענטשן, טייוולס ראַסע.
איז גרויס דער שטן אָדער קליין —
פאַר אונדזער פאָלק אַ וויסטע משא!

ווען דער ייד אויף אונדזער וועלט נאָך,
אומעטום נישט ביסטו און קליין.
מיט זיסן חלום שלאָף זשע איין —
פעלקיש ווײַרעך כמאַרע דאָך!

די הענט ביי די מענטשן טרייסלען זיך און פאָלגן שוין שוואַך אין דער אַרבעט. דער אָנלויף פון קאָלירן פאַר די אויגן נעמט דערמאָנען פון שטאַרקן הונגער, און צו דער זופּ איז נאָך לאַנגע שעהן. די פיס אָבער, די פיס פּייניקן אַ סך אין גאַנצן אַוועק. אַכזריותדיק שניידט זיך דאָס וואַסער מיט די טייך־שטיינדלעך און בלאָטע; גיפטיק ברענען זיי אַריין אין די ווונדן — און וואָרענען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, אַז מיט בערנאַרדן שפּילט מען זיך ניט.

אַז אַחוץ א קאפּאָ האָט די קאָמאנדע אויך אַ מייסטער, דערמאָנט די מענטשן אַ שטים, וואָס עפנט זיך אויף זיי מיט אַ געבריל שוין פון ווייטן:

— טיפער אין וואַסער, טיפער אַ טראָט!.. מאָזעס אייערער וועט שוין אייך ניט לאָזן זיך דערטרינקען. ווו איז ער מיט זיין וווּנדערשטאָק?..

שטורמיש איז קרויזע, ווי יעדן מאָרגן, און די אַרבעט איז אים אַלע מאָל ווייניק. די תורה זיינע איז שוין די יידן דאָ גוט באַקאַנט. זיין לומדות נעמט זיך פון דער צייט ווען ער איז געווען אַ גרויסער מאַכער אין דער נאַצי־פּאַרטיי פון זיין שטאָט, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט געאַרבעט

אין אַ יידישער אונטערנעמונג אין מיזרח־פּרייסן. פון פלינקן שטיג אין דער פּאַרטיי האָבן זיך ביי קרויזען גאָר פאַרלוירן די גרענעצן צו זיין תקי־פות און ער איז דאָרט אַריין אין סיכסוכים מיט לייבן. היינט איז ער ווי גליקלעך וואָס ער איז צוריק ביי זיין אַלטן פאַך און וואָס גוטע ברידער האָבן אים דאָ איינגעאָרדנט... פאַרריסן טראָגט זיך איבער דער אַרבעט־שטעל דער קוק פון מייסטער און זיין גאַנצע אַטלעטישע פיגור מיטן אָנ־געגאָסענעם קאַרק בלוט. אויף זיין שטייגער נעמט ער זיך באַלד ווידער חכמהנען, און די שטים צעקלינגט זיך אָראַטאָריש:

— טיפער, מיינע ליבע! אַ מאָל גאָלד אויפן גרונט, ברילִיאַנטן... יאָ, אָבער אויך אָט די אַרטיקלען זיינען יידן בעלנים אַריינצוקריגן נאָר טרו־קענע און זויבערע, פיקס און פאַרטיק צום האַנדל אָדער פוצן זיך. קריכן אין די גריבער און אין וואַסער זאָל דער ניט־ייד, די „גאָיים"... אַלזאָ, טיפער אין וואַסער, נאָך טיפער!

— טיף זאָל שוין אָט דער רשע אין דער אדמה אַריין, וויפל אַ האָז קאָן אָפּלויפן אין אַ זומערטאָג!... — גליטשט זיך אויס אין טייך אַ ייד און בורטשעט אָפּ אויף זיין ווילנער אויסשפּראַך.

ביי קרויזען כאַפּן איבער די יידן דעם אָטעם. צו די אַלע געשרייען זיינע און ווערטלעך דאַרף ער האָבן פנימער געוועגדט צו אים און אויערן געהעריקע אויף באַנעמען די חכמה וואָס שטעקט אין זיינע רייד... דאָס קען ער אָבער ניט געניסן ביי די מייסטערס און די אַנדערע זיינע מיטאַר־בעטער. נאָר אַ טיפערער וואָרט, צעלייגט זיך ביי יענע אַ ביטולדיקער שמייכל. אין בוי־לייטונג, ווייס ער, איז אונטער די אויגן זיין צונאָמען אַפילו „טעאָלאָג" און „ביבל־קריטיקער"!.. אין דער קאָמאַנדע פילט ער זיך גאָר אַנדערש. צום גרעסטן טייל זעען אויס די מענטשן צו זיין אינטע־ליגענט און זיכער זיינען אַ רעכט ביסל פון זיי געווען אָנגעזעענע לייט. אַזעלכע צו איבערצייגן און נאָך איבערדערציען, איז טאַקע ניט לייכט. דאָס ריידן אַליין אָבער פאַר אַזאַ גרופּע לעבט אָפּ אין אים דעם אויטאָריטעט. דאָ קאָן ער ברייט אַ לופטער טאָן זיינע ראַסן־ידיעות, וואָס ער האָט זיך געהאַט אָנגעשלונגען, ווייזן קונסט אין פּאָלעמיק... אויך אָבער די יידן, שמייכלט ער, רייסן זיך צו אַרבעטן ביי אים. דאָס וואָרט „קאָמאַנדע קרויזע"

איז זיי אָפּט אַ שוץ אין לאַגער בעת די סעלעקציעס. עהע, ניט איינער פון די אַ אַלטע און אויסגעאַרבעטע, די „מוזולמענער״, וואָלטן שוין גע־האַט אַוועק מיטן רויך!..

צו פיל נחת האָט דאָ אָבער ניט קרויזע פון זיינע יידן. אַ כיטרע שווייגן באַנעמט זיי אַז ער רעדט, און ניט צו הערן פון זיי אַ וואָרט. זאָל ווער פאַרפירן מיט אים אַ וויכוח, אָט פּרווון אָפּפרעגן זיינע רייד, אָדער כאַטש אַזוי אַריינוואַרפן אַ פראַגע, זאָלן זיי עס, — אוי ווי זיי קאָנען!.. שלייפט זיך דעם מייסטערס קוק אין גבריאל זיוו. אָט דער ייד אַרבעט שוין ביי אים איבער אַ יאָר און איז פון די ערשטע אין זיין קאָמאַנדע. פון דער געגנט געבוירן איז ער, געווען זייער אַ רייכער און געהאַט אַ פאַב־ריק טאַקע דאָ ביי דער שטאָט. דעם אָ האָט ער שוין ניט איין מאָל באַמערקט, ווי ער איז אַזוי לופטיק אין ריידן צווישן די זייניקע. האָט אַזאַ אויך מורא צו אַריינגיין מיט אים אין אַ וויכוח?.. בייסט זיך קרויזעס צונג אַרויסרופּע־ריש צו גבריאלן:

— און דו, יודען־וויזע, האָסט שוין גאָר אויך ניט וואָס צו זאָגן, אַז עס גייט אין אַ מיינונג וועגן אייער פאָלק?..

וואָס האַפּטיקער עס ווערן די חכמות קרויזעס, אַלץ מער שטייגט ביי גבריאלן די פאַרזיכט מיטן עפענען דאָס מויל. פאַר זיינע אויגן שטעלן זיך שאַרף די צאַפּלדיקע יידן אויף די תליות — פאַרן „באַליידיקן דעם דייטשן פאָלק״. קליגט ער זיך מיט אַ וועלכער תשובה:

— מיר שטייען אין וואַסער, הער מייסטער, און איך זאָג איבער נאָר דעם פסוק פון תהילים: „כי באו מים עד נפש״, געקומען דאָס וואַסער ביז דער זעל...

ביי זיין נאָכקוקן די אַרבעט האָט קרויזע פאַר יעדער איינעם אַ ווערטל. אַ חלום פון צוגעפּאַלענער זופּ און שטיקלעך ברויט טראָגט ער אָן, ווען ער פרעגט היילבאָכן וועגן זיין אויסטויגן זיך אין שיילן קאַרטאָפל און אין האַקן האָלץ. מאָרגן נאָך, גיט ער אָנצוהערן, וועט מסתמא זיין אויף אים אַ פאָדערונג פון דער קיך ביי דער בוי־לייטונג... ווי פון העפלעכ־קייטס וועגן טוט ער שוין דאָ אַ פרעג דעם גאַנצן עולם:

— האָט איר אַלע אין לאַגער נעכטן געהאַט אַ פיינעם אָוונט־עסן?

— קיין בעסערן ניט אויף זיין ווייבס חתונה... — בורטשעט אָפּ דער ווילנער.

אַז קרויזע מיינט טאַקע באַלד אָוועקגיין, דינט פאַר די יידן ווי אַ סימן דער אָראַטאָרישער טאָן זיינער ווידער אין ריידן:

— אייערע ווילגעבוירענע, שרעקט זיך נאָר ניט פאַרן קריכן אין וואַסער און אין בלאָטע. טראַכט ניט צו פיל פון רעוומאַטיזם און פון צוקער, וועקסלשטאָפן און נאָך יידישע קראַנקייטן. עס גייען אייך זיכער צו חלום די סעזאָנען אין קיסינגען, מאַריענבאַד און קאַרלסבאַד. איצט מוזט איר נעבעך זיך קורירן דורך אַרבעט. אַ „נייע אייראָפּע", — אַ נייע יודענבאַד!..

אויפגעלייגט, פאַרגעסט ניט קרויזע אויך בערנאַרדן:

— ווערסט זיכער גוט אַכטונג געבן. אין דער בודקע האָסטו דאָך שוין ניט קיין אינטערעס און דיין קאָפּ איז פריי...

בערנאַרדס קאָפּ, ווייסן די יידן, איז ווייט ניט פריי, און דער שטאָך וואָס ער האָט באַקומען, קאָן נאָך אויסגיין צו זייערע קעפּ. אַזאַ אַז אים ברענט אָן אַ ליבע, און צו זייער גוטן מזל, — איז עס אַ יידיש מיידל!..

לאַנג נעמט ביז בליקן וואגן צו אַ קער טאָן זיך אויף דער זייט פון קאַפּאָ. נאָכן אָפּגיין פון מייסטער ווארפן מענטשן מיט טאָפּלטן פאַרזיכט זייערע אויגן אויף דעם גרויליקן אויפּפּאַסער, פּרווון אַ טאַפּ טאָן די באַוועגונגען זיינע, ווי האלט עס מיט אים. איז אָבער בערנאַרדן ניט צו מערקן. אומזיסט גראָבן די קאַצעטלער זייער קוק אין וועלדל אריין, צו די קוסטעס, אויף דער זייט פון די גרויסע האלעס. גייט אַוועק אַ געווינק, באַלד טראָגט זיך אויך אַ שושקעריי:

— ער רואהט זיך ניט...

דער טעמפּ פון דער אַרבעט ווערט אָבער ניט נאָכגעלאָזן. ניט זיכער איז מען, אַז דעם קאַפּאָס אייגעלע לויערט דאָ ניט פון ווו, און זעלטן ווער עס לאָזט זיך באַווירקן פון די וואָס זיינען אַזוי אייליק מיטן שליידערן פריי די בליקן און פון די וואָס שטעלן שוין אויך פעסט:

— ער רואהט זיך פאַרט ניט, ווי אויסגערונען, דער חכם בלילה...

ג. מנוחה

— מנוחה... מנוחה?.. — האָבן זיך די יידן ביים טייך צעמורמלט, און יעדער איינער האָט געגאַרט צו באַקומען דעם צוריקקוונק פון צווייטן, אַז דאָ שיינט טאַקע אַ מעגלעכקייט צו קאָנען זיך פאַררוען. באַלד איז שוין אַוועק אַ רוף איוף זיכער: — יוצא, דיינו, שוין צייט אויסגלייכן די עצמות!..

אַלבערט האָט זיך באַוויזן פון ווינקל. זעלטן דער פּאָסטן זאָל זיך ארויסשאַרן פון זיין ווינקעלע, בעת לעבן דער קאָמאַנדע געפינען זיך אַנ־דערע אויפזעער. מיט דער פאַרעלטערטער ביקס אין דער האַנט זיצט צווישן די ביימער דער „אַלטער קאָטער", ווי די אַנדערע דייטשן רופן אים, און חלומט פון זיין שיינעם וויינגאָרטן ביים טייך רהיין און פון זיין וויב מאַרטע מיט די געראָטענע אייניקלעך, וואָס האָדעווען זיך דאָרט ביי אים זינט דער איידעם איז פאַריקן יאָר געפאַלן אויפן פראָנט... די שטראַמע האַלטונג אַלבערטס בעתן גאַנג און זיין אָנגעצויגענע ביקס אויפן אַקסל לאָזן נאָך ניט די מענטשן וואַרפן באַלד די אַרבעט. זייערע אומגעדולדיקע בליקן ציען זיך מיט זיין האַסטיקן טראָט פאַזע דער ליידיקער בודקע און בלייבן מיט אים צוזאַמען שטיין, בעת די וויגנדיקע טיר טוט זיך פלוצעם אַ טראָג מיטן ווינט און קלאַפּט זיך אָפּ אין זיין לינקער דיך...

באַליידיקט אין זיין מיליטערישן שטאָלץ, שטעלט באַלד דער פּאָסטן אַ טראָט איוף צוריק. אַ דערצאָרנטער באַטראַכט ער אַקאָרשט געגוי די סי־טואַציע. די בודע, — ער קאָן זי. ביז מיט עטלעכע טעג צוריק פלעגט ער פון צווישן די צווייגן גאָר פיין מערקן, ווי בערנאַרד דרייט זיך דאָרט אַרום דער שיינער יידישקע... ווי פרעך די טיר פאָרט ארום און קאַטשעט זיך מיט געוויג אים אין פנים אַריין! און אָט איז זי גאָר ווי אין גאַנצן פאַר־מאַכט. ער זעט אָבער בפירוש, אַז די איז גרייט נאָר צו פאַרנאַרן און באַלד ווידער זיך אַ לאָז טאָן מיט אַ שפרונג... טאַקטיש פאַרנעמט זיך אַלבערט היגטערוויילעכטס און גייט אָפּ נאָך דריי טריט. דאָ ערשט שטעלט ער די לינקע פוס פאָרויס און זיין גאַנצער קערפּער מיטן קאָפּ אין דער שפּיץ בייגט זיך אין אָנגרייפערישן געשטרעק. געשפּאַנט וואַרט ער אָפּ ביז די טיר קומט נאָענט צו אים. און דעמאָלט — וואַרפט ער זיך שטורמיש אקע־

גן און שטויסט זי צוריק מיט פולער קראַפט; קוים וואָס זי צעשיט זיך ניט צוזאַמען מיט דער גאַנצער בודע!..

פאַרבייגייענדיק שטעלט זיך אָפּ אַלבערט אויך היינט לעבן היילבאַכן, וואָס איז פון זיין געגנט און געווען ביי זיי באַרימט. צוויי זין זיינע, דעם פּאָסטנס, האָבן אויך געאַרבעט אין די היילבאַך־ווערק, און ער איז אים שטענדיק פיין געקומען אַנטקעגן, דער שעף... אַז די ווייטערדיקע טריט אַלבערטס פאַרנעמען זיך העכער מיטן טייך, ווייס שוין דער עולם, אַז דאָס גייט ער צו גבריאל זיוון. וואגן א סך צו אַרויסלאָזן די מכשירים פון זייערע הענט און אויסגלייכן זייערע ביינער. אַנדערע ציען זיך שוין אויך אָפּ פון זייער אָרט, גייען אַרויס פון וואַסער און פון בלאָטע און פּרוּוון מיט אַ שפּרונג אַ וואַרעם טאָן די פאַרגליווערטע גלידער. דער קאָפּ אַלבערטס, פאַרשטייען די יידן, דרייט אים מיט אייגענער זאָרג און ער רייסט זיך ווייניק וועגן דער אַרבעט.

— זיף, איך קום צו דיר... — לויפט שוין פאַרויס דעם פּאָסטנס הייזעריקע שטים.

אין אַלבערטס ריידן אויף „דו" צו גבריאל זיוו — פילט זיך אַ ניט־באַטירלעכקייט. דאָס אָפּהיטן געענוי די אַלע פּונקטן, וואָס זיינען האַרב אָנגעזאָגט די פּאָסטנס אין זייער אויפפירן זיך מיט יידן — פּאַלט אים לייכט ניט אַלע מאָל. גאָר ניט אָנגענעם איז אים געווען דאָ צו טרעפן היילבאַכן, און די ערשטע צייט האָט ער דעם מענטשן ניט געקאָנט קוקן אין די אויגן... אויך אָבער אין זיין ווענדן זיך צו אָט דעם זיוו פילט זיך דער אַלטער פּאָסטן ניט צו גוט. וואָס אמת, דער איז ניט קיין דייטשער און ערשט דאָ אין דער קאָמאַנדע איז ער אים אויפגעפאַלן, — זיך דורכ־שמועסן איז אָבער נאָר מיט אים. ער רעדט טאָקע גאָר ווייניק, און זייט קוים אַרויס אַ וואָרט, — און אַלץ איז אַזוי קלאָר. צו אָט דעם קלוגן יידן קומט ער זיך עס אויך מישב זיין, אַלבערט, מכוח די ענינים און פּלענער, וואָס בריען זיך אים אויס אין קאָפּ דורך נאַכט אין קאַזאַרמע און דורכן טאָג דאָ אין וואַלד.

— מען וועט אייך, יידן, יאָ לאָזן לעבן! — הייבט ער אָן מיט אַ גוטן וואָרט ווי יעדן מאָל איידער ער קומט אַרויס מיט זיינע אייגענע ענינים —

נאָך דעם ענדגילטיקן ניצחון וועט דאָס דייטשע פאָלק זיין גרויסציגיק אויך בנוגע אייך... יאָ, זאָגן מיר, גאָט באַהיט... — כאַפּט ער אויף פּלוצעם דעם איראָנישן צוק איבער גבריאלס פּנים — זאָגן מיר אָבער, אַז ניט געוווּנען... וועלן דאָך אונדז פעלן ארבעטסהענט אויף אָפּבויען דאָס לאַנד... מענטש, מיט א יאָר צוריק בין איך געווען ביי מיין ברודער אין קאַסעל, האָסט גאָר ניט קיין באַגריף, דו מענטש, ווי נאָר די איין שטאָט איז שוין דעמאָלט געווען רואינירט!.. און די קריגס־געפאַנגענע און די אַלע אָנגעבראַכטע אַרבעטער וועלן דאָך צוריקפאָרן אין זייערע לענדער. מוזן מיר אין דעם פאַל די יידן געוויס האָבן... יאָ, איר בלייבט לעבן, אָן צווייפל!

יעדעס וואָרט וואָס דער פאָסטן רעדט טראָגט זיך איבער דורך דער קאָמאַנדע, און מענטשן קוקן זיך אָן און זעען ווי אויך ביי אַזאַ דייטשן אַרבעט די לאָגיק בנוגע די יידן... באַלד ווייס מען אויך, אַז געקומען איז ער דאָ וועגן דעם בריוו אהיים. וואָס ער גרייט זיך צו שרייבן. מער ווי נאָך צוויי חדשים, מיינט דער אַלטער, קאָן זיך ניט ציען די מילחמה, וואָרעם דער דייטשער ניצחון איז דאָך אויף דער האַנט. איז טאַקע שפּעט־סטנס ענדע אויגוסט האָט אים די פאַמיליע צו דערוואַרטן אַ באַפּרייטן. שרייבט ער עס היינט אָוונט. ליתר תוקף האָט ער פון אונטער דער פאָלע צוגעוואָרפן זיוון עטלעכע צייטונגען, ווי ער טוט עס שוין אָפּט אין געהיים. זאָל ער טאַקע, דער ייד, ריכטיק אַ לייען טאָן, ווען אים וועט זיך אונטערמאַכן אַ מעגלעכקייט צו פאַרשטעקן זיך מיט דעם, וועט ער זען, ווי ווייט רעכט ער האָט מיטן בריוו, אַלבערט... גאָרניט זאָגט אים דאָ גבריאל. ער מיינט נאָר, אַז גוט וואָלט געווען צו וויסן אויך די לעצטע נייס... לאָזט זיך באַלד אַלבערט צו די אַרומיקע פאָסטנס און מייסטערס אַ זוך צו טאָן אַ צייטונג אַ היינטיקע. מורא צו לאָזן די יידן אַליין האָט ער ניט; קיינער פון זיי וועט ניט וואגן לויפן. די שמירה, ווייס דער פאָסטן, איז גאָר אַ שטרענגע אַרום און אַרום דעם גאַנצן אַרבעטפּלאַץ און פון דעם אַעראָדראָם דערביי. דערצו האָט מויער, דער לאַגער־פירער, זיך באוואָרנט מיטן אָפּשערן זיינע קאצעטלער די קעפּ ביז דער הויט, זיי אָנטאָן אין געשטרייפטע אַרעסטאַנטן־בגדים און אויף דער האַנט יעדערן איינגעטאַטואירט אַ נומער...

די געלעגנהייט פון ניט האָבן דערוויל אַ שומר לעבן זיך נוצט אויס דאָקטאָר אַרטור ראָזענבאַך, אַ בערלינער קינדער־אַרצט. מיט אַ שפּרונג איז ער ביי די קוסטעס, און פון דאָרט פאַרנעמט ער זיך צו דער טעכנישער קאָמאַנדע. ער שאַרט זיך פאַרזיכטיק און גנבעט זיך צום באַראַק פון די עלעקטריקער. דאָרט האָבן זיך די יידן אין געהיים צוזאַמענגעשטעלט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט און הערן אָפּט די ניט־דייטשע סטאַנציעס... באַגלייטן מענטשן מיט ציטערדיקע בליקן דעם דאָקטאָר און ווינטשן, אַז אים זאָל נאָר געלינגען צו אָננאַשן זיך וואָס מער גוטע חדשות פון דעם אַפּיקומן, ווי ס׳הייסט ביי די יידישע קאַצעטלער אַזאַ אויסבאַהאַלטענע כלי.

צו שטאַרק שטייט נאָך דאָ דער קאַפּאָ פאַר די אויגן. אַ סך זיינען אַלץ ניט זיכער, אַז אַזאַ לויערט ניט פון ערגעץ... אָט די מורא צו פאַר־טרייבן גיט זיך ניט איינער די מי, און עס שטאַרקט זיך די סברה, אַז דער איז טאַקע אַוועק אויף לענגער:

— דעם חכם בלילה, הייסט עס, כאַפּט די ניכפּה... ווי נאָר דער האָט געזען, אַז קרויזע פאַרנעמט זיך צו די גרויסע האַלעס, האָט עס אים גע־געבן אַ טראָג אויף דער אַנדערער זייט, צו די באַראַקעס פון דער בוי־לייטונג, דאָרט ווו איינגע...

— אַז נעכטן אָוונט האָט ער זי ניט געקאָנט זען... אין ווינט און רעגן האָט ער זיך ביז שפּעט געדרייט אַרום פרויען־לאַגער. ער האָט אַפילו דעם „אָנקל״ געבראַכט צום צוים און אים געהייסן זי אַרויסרופן. ניט געוויזן האָט זי זיך אָבער, איינגע!..

— האָט זיך בערנאַרדס צעקאָכטע יוכע טאַקע באַלד אויסגעגאָסן אויף די קאַצעטלער אין בלאָק — קרעכצט אָפּ דער ווילנער — דער טריומף זיי־נער איבער אונדזערע פּיס!..

— זיין אָנזען איז טאַקע גאָר געשטיגן... — גיט צו נאָך אַ ליטוואַק — היינט פרי איז ער געשטאַנען אַזוי נאָענט צו מויערן, און גאַנצע מינוטן גערעדט צו אים. די קאָמאַנדעס מוזן האָבן סאַניטאַרע הילף, האָט ער גע־טענהט, אַזוי פיל פאַרוואונדעטע... און מויער האָט צוגעפינטלט ביי זיין שמייכעלע...

דער הערלעכער אַרום גיט אריין גאָר ווייניק געמיטלעכקייט די

מענטשן, וואָס פּרוּוון אויסגלייכן זייערעביינער אויפן גראָז. אַ סך הייבן אויס זייערע וווּנדיקע פּיאַטעס אַ קעגן דער זון און גאַרן פון איר אַ היילונג. די צעבלימטע פליינען מיטן טייך־אַרויף וואַרפן שרעק מיט די בנינים פון דער בוי־לייטונג, וואָס קוקן אַזוי נאָענט אויף אַהער. אַזוי פיל הויכע שררות זיצן דאָרט. אויך דער מייסטער טראָגט זיך אָן דאָס רוב פון אָט דער זייט. דאָס שמעקעוודיקע וועלדל לויערט אויך נאָך. ווער ווייס וועלכע אויגן ביי־זע קוקן אַרויס אויך איצט. פאַרן פּרוּוון גענוּסן פון די קילע שאָטנס און שטעלן דאָרט טיפער אַ טראָט, — זיינען די יידן געוואָרנט מיטן דערשיסן אויפן אָרט... אַקעגנאיבער דעם וועלדל קאָנען זיי זען דעם גרויסן אַעראָ־דראָם, וואָס די הונדערטער און טויזנטער מענטשן ווערן דאָרט אַרויסגעריסן, ביים בויען די ריזיקע האַלעס און נאָך באַזונדערש ביי די אונטערערדישע בנינים. יענע קאַצעטלער קוקן דאַך אויף זיי, די אַרבעטער פון דער מעליאָ־ראַציע־קאָמאַנדע דאָ, ווי אויף דאַטשניקעס... ניטאָ אַרום קיין שטעל וואָס קאָן אָנקוויקן דאָס אויג. ביז וויטאָג רעגט דאָס רידזלען פון וואַסער, אָט דאָס טייכל, איינגעבעט צווישן באַגראָזטע ראַנדן, קוסטעס און קאַלירטע שטיינדעלעך, — ווי עס כיכיקעט פאַרביסן און גאָרגלט מיט זייער בלוט!..

פאַרשטעקט אַ ביסל אָן אַ זייט, זיינען עטלעכע יידן אַריינגעטאָן אין די בלעטער, וואָס זיינען דאָ צוגעפאַלן פון דעם פאָסטן. נאָך מערערע דרייען זיך אַרום זיי, און ווייסן שוין די גאַנצע חדשות פון המנס מגילה, אַלץ וואָס עס שרייבט די אָפיציעלע היטלער־צייטונג, און נאָך מער, — וואָס עס לאָזט זיך מפרש זיין, אַרויסטייטשן. —

— ערב דעם קריעת ים סוף!... אַ לעבעדיקע מגילה; מ׳קלאַפּט המ־נען!.. אויפן מיזרח ווערן געפּראַוועט גאָר בכבודיקע הקפות; די שטענ־דערס איבערן גאַנצן אויבנאָן האָבן דאָרט אַ פליאַך געטאָן מיט אַ בראַזג, אַזש די באַלעבאַטים לויפן אָן ראש!.. בשמיים ממעל אין ארץ עמלק — אַ מבול קניידלעך!.. נאָך אַזעלכע מלקות איז ביי זיי דער אמתער יום־כיפור. און דער חזן כאָרכלט פון מקום בית מיט א ווידוי: אשמנו, טפלנו שקר, תעינו, תעתענו... דעם אשמדאי וואַרפט אין קדחות; ער וויל שוין הערן דעם וכך היה מונה אָבער רב ראובן איז ביי זייניקע: ראשית חכמה — כורעים!..

אין פּאָליטיק־זאַכן זיינען די יידן גאָר פּאַרזיכטיק און באַנוצן זייערע פאַרשטעלטע ווערטער אויך ביים אָפּזיין פון אַ פרעמדן אויער. אויף די פּריי־דיקע נייס שטויסן זיך אָן אויך די וויניק־באַהאַוונטע אין דעם לשון און זיי פאַרשטייען באַלד, אַז די אַמעריקאַנער מיט די ענגלענדער האַלטן שוין ביים דורכפירן זייער אינוואַזיע דורכן ים... בכלל, הערן זיי, איז די צייטונג אַ לעבעדיקע, פול מיט דייטשע מפלות. אויפן מזרח־פראָנט רינגלען זיי די רוסן פעסט אַרום: די פּאָדערשטע פּאָזיציעס זיינען געפאַלן מיט אַ טראַסק, און די אַרמיי לויפט אין בהלה... אַ לופט־אָפענסיווע איבער דייטשלאַנד, און זי איז געוואָרן שטאַרק באַמבאַרדירט... נאָך די גוטע קלעפּ איז ביי דייטשן דער אמתער יום־כיפור, און געבעלס, וואָס הייסט אויך דער חזן, האָט אין בערלין געהאַלטן אַ רעדע אין אַ געבראָכענעם טאָן; ער איז שוין מודה, אַז די דייטשן האָבן געמאַכט פעלערן און זיינען צו ווייט פאַר־קראָכן... היטלערן, ווידער, וואַרפט אין קדחת; ער וויל שוין הערן די פּאָדע־רונגען פון צווייטן צד און די פּונקטן אויף שליסן אַ וואָפנשטילשטאַנד. רוז־וועלט אָבער לאָזט זיך ניט איבערקליגן; צו ערשט, האַלט ער, מוז זיך דער שונא אונטערגעבן אין גאַנצן, קאַפּיטולירן...

די בעלי־נייס זיינען געהויבן און צעטראָגן צווישן עולם די גוטע בשו־רות. ניט אַלע ווילן אָבער אָננעמען אָט דעם „קורס", ווי עס הייסט דאָ דער סך־הכל פון די לעצטע ידיעות. דער עיקר זיינען עס די „פּראָפּעסיאָנעלע פּעסימיסטן", וואָס דער ייאוש האָט זיי שוין אין גאַנצן דורכגעפרעסן. קרעכצט אָפּ איינער אַ שוואַרצזעער:

— וואָלט עס געווען ריכטיק נאָר אין צענטל...

— בערג ישועות ונחמות... — וואַרפט צו אַ צווייטער, וואָס האָט נאָך זיין באַזונדער צונאָמען „חושך מצרים". — פאַרטאָג האָט די לייכענקאָמאַנדע אין לאַגער צונויפגעטראָגן פון די באַראַקעס אַ באַרג מיט מתים נאָר פאַר דער לעצטער נאַכט. געווען דאָרט געוויס אויף אַ פולן לאַסטאויטאָ, פון אָט די וואָס פירן אַרויס די קערפּערס, און ווי מען רעדט, אין אַ זייף־פאַבריק... אָט דעם באַרג ישועות ונחמות האָב איך יאָ מיט מיינע אייגענע אויגן גע־זען...

— קוקט אָבער אָן די „פּאָעזיע"!.. — לאָזן מענטשן ניט נאָך די פּע־

סימיסטן. — באַלד צוויי זייטן מיט טרויער־רעמלעך, אָט די נעקראָלאָגן נאָך געפאַלענע זעלנער, און נאָר פון דער איין געגנט ווו די מגילה דערשיינט!

— אַ רשימה נעמען נאָר פון די קרבנות אין דער גרויסער אַקציע ביי אונדז אין שטאָט, מיט צוויי אַ האַלב יאָר צוריק, וואָלט געקענט פול מאַכן גאַנצע צענדליקע אַזעלכע מגילות — שמייכלט אָפּ ביטער „חושך מצרים״.

— זיי לעבן!! — שפּרינגט אויף דעם יידנס אַ בן־עיר — די דייטשן האָבן זיי נאָר אַריבערגעפירט, אונדזערע פרויען און קינדער און עלטערן, אַלס ניט־אַרבעטנדיקע עלעמענטן, אין באַזונדערע ערטער, אין סאַנאַטאָריעס, זאָגט מען. וואָרעם וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן געקאָנט באַגיין מיינע דריי פּיצלעך קינדער?.. געוויס לעבן זיי; אַז אַנדערש איז גאָר ניט אַרויפּצו־נעמען אויפן מוח!..

געציילטע פון דער קאָמאַנדע זענען פאַרטאָן אין שטילן דעם הונגער. ביי מענטשן ווייזן זיך אויסבאַהאַלטענע ברעקלעך קעז און נאָך רעשטלעך פון דער נעכטיקער פּאַרציע. אַנדערע נעמען אַרויס פון זייערע קעשענעס שאָ־לעכץ פון קאַרטאָפל און אַפילו מיט גאַנצע שטיקלעך קאַרטאָפל אַליין. ביי די קאָן מען זען אויך פליישביינער און אַזוי אָפּפאַל פון עסן, וואָס זיי גראָבן אַרויס מיט סכנות ווו פון מיסטקאַסטנס... די צוויי הונדערט פּופציק גראַם ברויט האָבן כמעט אַלע נאָך נעכטן אָוונט, באַלד ביים באַקומען, אַריינגע־שלונגען פאַר איין מאָל. קוקן אָט די „איין־עסערס״ מיט חרטה און קינאה אויף דעם פּראָפעסאָר הערמאַן הירש, וואָס איז געווען דירעקטאָר אין אַ באַ־רימטן קליניק אין ווין. באַזאָכט עסט ער זיך, דער אַלטער, און ציילט יעדן קיי; נאָך יעדן דריי פינגער בלייבט שטיין ס׳מויל, און באַלד ווידער דריי באַ־וועגונגען מיט אַן אָפּשטעל. די מענטשן לאַכן שוין נישט פון דער סיסטעם, וואָס דער הירש האָט זיך אויסגעאַרבעט אויף צו פאַרטרייבן דעם הונגער. דווקא אויף דעם גאַנצן מעת־לעת, טענהט ער, מוז ווערן צעטיילט דאָס ברויט, און יעדער ביסן ווערט געהאַלטן אין מויל וואָס לענגער און איבערגעקייט ניט ווייניקער ווי צוואַנציק מאָל...

— אויף וויפל חתנים גייט היינט אַ כלה? — נעמען זיך יידן טרייסטן מיט דעם ברויט, וואָס מען וועט באַקומען ערשט היינט אָוונט. ביי צוויי קי־לאָ אַ לעבל, וואָס די ליטוואַקעס רופן עס אויף זייער דייטש „בראַוט״, אַ כלה אין ריכטיקן דייטש. איז שוין אַזוי מגולגל געוואָרן דאָס ווערטל און פאַר־

נעמט גאָר אַ חשובן אָרט אין די שמועסן פון יעדן טאָג: אויף וויפל חתנים, קאַצעטלער הייסט עס, וועט עס היינט גיין די כלה, אַ ברויט...

אויף אַזוי ווייט אַ נביא איז שוין דאָ קיינער ניט. אַז קאַרטאָפל וועט אָבער זיין אין דער זופּ, וואָס ווערט באַלד געבראַכט אַהער, שטעלט פעסט אַ ייד מיט זיין צעשפּאָלטענעם קאָפּ. ער אַליין האָט פאַרטאָג אַרום דער לאַגער־קיך באַמערקט די „תפּוחים״, און פאַרן פרווון זיך נאָר צושאַרן נעענטער האָט ער עס דעם ווונד...

אין אַן אַנדער וועלט טראָגן זיך הייליבאַכס מעשיות. מיט דער לאַנגער גראַבליע אין האַנט שטייט ער נאָך ביי דער קופּע אַרויסגעריסענע גראָז און טרעט ניט אָפּ פון זיין אַרבעטשטעל. דאָ טאַקע רעדט ער עס פאַר זיינע פריינד, וואָס דערמאָנען אויך אָפט זייער אַמאָליקן ייחוס אין דייטשלאַנד און שענקען ניט אויף זייערע טיטלען. אַ גוטער צוהערער איז דאָ אַלפרעד סימאָן, אויך פון די גרינדער פון דער קירך אין געטאָ. פאַר אָט די דערציילט עס היילבאַך אַזוי נאַקעט פון דעם שטרייט זיינעם וועגן אַריערטום. מיט זיין שטראַמער האַלטונג, אויך אין דער געשטרייפטער אַרעסטאַנטן־פּי־זשאַמע, קוקט ער אויס ביי אַ סכן ווי עפּעס אַן אַנגעהעריקער פון אַן אוני־פאַרמירטן גראַד. טשיקאַווע לייגט מען צו פון ניט ווייט אַן אויער. —

דערזען וואָס דער נייער קורס אין דייטשלאַנד באַטייט פאַר אים, רעדט זיך היילבאַך באַזאַכט, האָט ער זיך געכאַפּט טאָן וואָס נאָר עס לאָזט זיך. דורך אַדוואָקאַטן און מאַכערס, וואָס האָבן אים אָפּגעקאָסט אַ שלל, איז אים געלונ־גען צו אָנזאַמלען דערווייזונגען, אַז דער אמתער פאָטער זיינער איז גאָר גע־ווען אַ ריינער אַריער און נישט דער יידישער געזעצלעכער מאַן פון זיין מו־טער. פאַרן געריכט האָט ער אויך געשאַפן אירן אַ טאָגבוך און ליבע־בריוו, וואָס אין זיי פיגורירט גאָר אינטים דער אַמאָליקער שטאַלמייסטער זייערער, סטעפאַן. אַלץ פעסטע דאָקומענטן אויף פופציק פּראָצענט אַריער!.. אַ באַזונדער צוגאָב פון רעכט קומט דאָ אויך צו, וואָס זיין ווייב איז אַ פּולע אַריערין, אומבאַשטרייטלעך, און בעת זייער התונה איז ער, היילבאַך, שוין געווען ניט־מאָזאַאיש. יאָ, שוין לענגער ווי ער האָט איינגעזען, אַז יידישקייט איז אַ קנאָפּער געשעפט... ניט קיין קליינער פּלוס איז אויך וואָס זיין שטוב פירט זיך דורכאויס אין עכט־דייטשן גייסט, און ער „געפינט זיך אין נאַציאָ־נאַלן זינען גאַנץ שיין אויף דער אַנדער זייט פון דער יידישער באַריער״ —

איז אין איין שטעל באַטאָנט פון גערוכט אַליין. אַ פּאָזיטיווע באַמערקונג, טאַ־קע פון זעלבן גערוכט, איז אויך דאָ וועגן די עקאָנאָמישע נוצן זיינע פּאַרן פאָ־טערלאַנד...

די רעכטן באַלד אויף דער האַנט, האָט היילבאַך אויפן ענלעכן וועג שוין גענומען מאַכן פאַר אַ האַלב־אַריערין אויך זיין מוטער. און דאָ שרייט ער אַזש אויס:

— פינף און זיבעציק פּראָצענט אַריער, און דער וועג אין דריטן רייך איז פאַר מיר ברייט אָפן!..

באַלד קומט אָבער היילבאַכס אַ טיפער קרעכץ. דער שריט וועגן דער מאַ־מען, מיינט ער, איז געווען געאיילט און צוגעהאַלפן די גאַנצע זאַך צום פלאַץ... אונטערגערוקט האָט זיך לכתחילה דער שלימזל גאָר פון אַן אַנדער זייט. די פּראָקוראַטור האָט זיך געכאַפּט, אַז זיינער אַ ברודער און קינדער פון אַ פאַרשטאָרבענער שוועסטער לעבן אין אויסלאַנד. איז אויב ער איז ניט דער אמתער זון פון דעם גרינדער און שעף פון פירמע היילבאַך, גייט דאָך אַריבער די ירושה צו יענע, און די גרויסע פאַרמעגנס אויסער דייטשלאַנד פאַלן אַריין אין הענט פון וועלט־יידנטום...

אַז דער שלימזל נעמט די אייבערהאַנט, ווייסן שוין צרות גאָר ניט פון קיין אָפּהאַלט. אין סאַמע קאָך פון די פּראָצעסן האָט ער באַקומען אַ מעלדונג, אַז דאָס ווייב האָט אים אָפּגעגט און אַלע זיינע געהערט איר, לויט די און די פּאַראַגראַפן... זאָגן אַז די זאַך איז געקומען גאָר פלוצעם, קאָן ער ניט. אַן אידעאַל צוזאַמענלעבן איז צווישן זיי ביידן קיין מאָל ניט געווען. אַחוץ וואָס זי איז יינגער פאַר אים מיט איבער פינף און צוואַנציק יאָר, איז נאָך דאָ אַ מישפּחה אירע, וואָס האָט באַלד נאָך דער חתונה זיך אויף אים אָנגעוואָרפן. וואָס בעסערע שטעלעס ער האָט זיי געגעבן ביי זיך און זיי ממש אויפגעריכט, זיינען אַלע געוואַקסן זייערע פּרעטענזיעס, — און דאָס ווייב געהעצט. איז זיי אָט בייגעשטאַנען די צייט מיט די אַריער־פּאַראַגראַפן!.. קלאָר אַז ער האָט באַלד אָנגעגעבן אַן אַפּעלאַציע אין גערוכט, און גרויסע יוריסטן האָבן אים פאַרזיכערט, אַז דער גאַנצער גט איז אַפילו פאָרמעל ניט אין אָרדענונג, און געזעצלעך איז זי נאָך זיין פרוי... און אויך דעם פּראָצעס האָט ער געלאָזן אין גאַנג ביים אַרויספירן אין געטאָ.

וועגן עתיד איז היילבאַכס טאָן ווידער ניט געבראָכן. מען טוט דאָרט פאַר אים אין זיין היים, איז ער זיכער. אַחוץ זיינע אַדוואָקאַטן און פריינד, רוט געוויס ניט די אַרבעטערשאַפט פון זיינע ווערק. אָן זיין פירנדיקער האַנט גייט דאָרט אונטער. עס שוויגט אויך ניט די קירך מיטן אַרציביסקופּ. פּרעסביטער איז ער געווען אין דער גרויסער היסטאָרישער קאַטעדראַלע ביי זיי אין שטאָט... מיט ביטול פאַלט זיינער אַ ווונק אויף דער זייט פון די מענטשן איבערן פלאַץ:

— איך בין דאָך ניט קיין קרעמער, אַפּטייקער אָדער אַדוואָקאַט; דייטש־לאַנד דאַרף מיך האָבן!..

די טשיקאַווע(ס)ן ביי די מענטשן, וואָס כאַפּן נאָך אויף פון דער זייט די נאַקעטע רייד דאָ, וואָס נאָר אין קאַצעט קאָן אַ מענטש ריידן אַזוי אָפן, — גייען אַריבער אין אַ ביטערן שמייכל. דער אָנווונק היילבאַכס וועגן די „יידי־שע פּרנסות" קלינגט אין זייערע אויערן טאַקע אָריגינעל דייטש... קוקט מען זיך אָן איינע די אַנדערע, און דר' בריל מורמלט אַרויס:

— דער איז שוין אַזוי פאַרשפּילט אין זיין ראָלע, אַז ניט צו אויסניכטערן זיך אויך דאָ!.

— הער קאָנסול, קאָמערצראַט דאָקטאָר זיגפריד היילבאַך, — פּרוווט גבריאל זיוו צוואָרפן גאָר תמימותדיק: — דאָס שטיין אויף די פּיאַטעס איז דאָך אייך געוויס נישט אנגענעם, און אויך צו זיצן דאַרף איך היינט גע־פאַלן ניט גאָר לייכט... האָבן מיר די ערע אייך איינצולאַדן צום אָפּלייגן זיך אויפן גראָז. די „נייע אייראָפּע" בויט זיך, אַז מען וועט אַ ווילע אויך נישט וואכן איבער איר מיט דער גראַבליע אין האַנט...

די מיזרח־יידן זיינען היילבאַכן סתם דערווידער, און ער זעט זיי נאָר אויסצומיידן. ניט אָבער צו אָפּטרייבן די פון זיך! מיט די חכמות זייערע דערלויבן זיי זיך שוין צו קריכן גאָר ווייט, און דער עיקר — אַריינזאָגן... האַלט דער הער קאָנסול נידעריקער פאַר זיין כבוד צו אויסריידן אַזעלכע־נע פאַר זייער פירונג. רעדט ער נאָר אין אַלגעמיין:

— אַרבעט הייסט ניט קוקן אין דער לופט אַריין... יאָ, און אַז די אויפ־זעערס גייען אַוועק, שענקען זיי דאָך אונדז צוטרוי, איז ניט רעכט מיס־ברויכן...

אַזאַ פּילאָזאָפיע פון אַ קאַצעטלער איז שוין סתם אַ חידוש. יאָרן ווי די מענטשן זיינען געשמידט אין יאָך פון דער דייטשער צוואַנגסאַרבעט און האָבן שוין באַוויזן צו אויסברעכן די אַלע שיינע מוסר־רייד... קלאָר ווערט יעדערן, אַז דער היילבאַך האָט נאָך גאָר ניט פאַרזוכט דעם אמתן טעם פון אַ קאַצעט און היינט איז די אַרבעט ביי אים ניט מער ווי אַ זאַך פון אַ שטימונג... פאַרשווייגט ניט גבריאל:

— הער קאָנסול, וועט אייך זיין באַשערט צו אַרבעטן ווייטער, אַפילו אַזוי לייכט ווי היינט, באַשטעלן מיר אָט די זעלבע מאָראַל און פילאָזאָפיע צו הערן פון אייער מויל אין אַ צוויי חדשים אַרום.

— אויך נאָך יאָומקיפור! — שיסט אויס היילבאַך שפּאָטעריש און מיט אַ „יידישן" האַנטבאַוועג. — נאָך אַלעמען בין איך אַ דייטש...

„נאָך אַלעמען"... די מיינונג וועגן סימנים דאָך פון אַן ענדערונג ביי היילבאַכן פאַרשטאַרקט זיך ביי די יידן, וואָס זיינען נענטער מיט אים. ער לאָזט זיך טאַקע נאָך מיט זיין אַלטן אויסגעפּאָרענעם וועג; איז אָבער שוין פאַרביי דער גאַלאָפּ אויף אַלץ וואָס ביי אים איז פאַרבונדן מיט יידיש־קייט, טענהן זיי, און ער איז שוין ניט אַזוי אָנגרייפעריש... ווייניק זיינען אָבער געניינט צו גריבלען זיך אין אָט דעם מענטשן. די רייד זיינע וויען נאָך אויף גאָר אַ סכן מיט בייזער פּרעמדקייט און וואַרפן אָן אַ ניט־היימ־לעכקייט.

ד. קידוש לבנה

— ווען האָבן מיר יום־כיפּור? טאַקע וויפל איז נאָך ביז די יום־טובים?..

ווי סתם פאַלט די פראַגע ביי עטלעכע, און אַ שוידער נעמט דורך אַלעמען. דער דרויסן האַלט ערשט אָנהייב יוני, אָבער גאָר בלוטיק שטייט די קאַצעטלער פאַר די אויגן דער פאַרגאַנגענער ווינטער. שוין דאָס דער־מאָנען די האַרבסט־יום־טובים טרייבט מענטשן צום שרעקלעכן געדאַנק, אַז דער נאַצי־יאָך, ווער ווייסט, קאָן זיך פאַרציען ווידער ביז אין די גרויסע רעגנס, קעלט און שנייען!.. קערעווען זיך בליקן און זוכן חיים־דוד

תרשישן. צוזאַמען מיט זיין סך תורה און דינים און מינהגים טראָגט אָט דער לומדישער ייד אין זיין קאָפּ אויף דעם לוח. אין יידישע זאַכן ווענדט מען זיך צו אים אין גאַנצן לאַגער, און ער וויס צו ענטפערן גענוי.

מיט דעם רופן ר׳ חיים דודן מיינען שוין די מענטשן אויך צו אַ רייץ טאָן היילבאַכן, וואָס מיידט אָט דעם אויס באַזונדערש. דאָס שאָקלען זיך פון דעם יידן, זיין פאַרמאַכן פרום די אויגן און אונטערזינגען, — פירט אָפּט אַרויס דעם קאָמערצראַט פון די כלים. ער זעט אין אים דורכויס אַזיע... ווייכט ער פון אַזאַ ווי מעגלעך, און ביים גיין, מערקן אַלע, ווי היילבאַך קליגט זיך נאָר ניט צו זיין לעבן תרשישן אין ריי. גאָר אומגליקלעך איז ער געווען, אַז אויף אַ קורצער צייט איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שותפותער נאַרע מיט דעם און געדאַרפט הערן זיין קריאת־שמע אויפן געלעגער, און בכלל דאָס אונטערברומען פון אָט דעם „שאָקלענדיקן און זינגענדיקן ייד־לייך", ווי ער רופט אים...

תרשיש זעט זיך אָבער ניט. נאָר אַ פרייע מינוט, זוכט ער זיך אָפּ אַ ווינקל און איז זיך מתיחד מיט תפילות אָדער טראַכט זיך אַריין אין מוסר... באַלד גיט מען זיך איבער:

— ר׳ חיים דוד האַלט זיך ביים אָרעם און קאָפּ.

קיינער פון די יידן וועט אים ניט שטערן. דאָס דאַוונט ער איצט. צע־רעדט מען זיך וואָס תרשיש האַלט זיך אַזוי מיט די הענט. די באַקאַנטע זיינע פון דער היים פאַרבינדן עס מיט אַ קינדער־אַקציע. אין זייער שטאָט האָט ר׳ חיים דוד, וואָס איז א מוסמך אויף רבנות, געפירט זיין אייזן־געשעפט, און אויך ניט אויפגעהערט צו לערנען תורה. צו דער אַקציע האָבן די דייטשן מיטגעבראַכט גרויסע הינט, אויף העלפן זיי ביים אַרויסרייסן די עופעלעך פון די עלטערנס הענט. האָט זיך זיין פרוי אין איין קינד איינגע־קלאַמערט, און פון אַ קראַמף זיינען די הענט איר געוואָרן פאַרשטאַרט. זי האָט געגומען אויך בילן, און איז דערשאָסן געוואָרן אויף אָן אָרט. דעם צווייטן קינד האָט געהאַלטן ר׳ חיים דוד, דער טאַטע. איז איינער אַ וואָלפ־הונט אויף אים אַרויפגעשפרונגען, מיט אַ זעץ איבערן קאָפּ אַנידערגעוואָרפן און אַרויסגעריסן אַ שטיק פלייש פון דער האַנט...

אַז דער ייד האָט זיך גענומען מאַכן דעם חשבון־הנפש פון זיין אומ־

גליק, האָט ער איינגעזען אַ רמז אויף אין דעם וואָס אים האָט פּאַסירט מיטן כלב. דער זעץ איז דאָך ניט געווען סתם אין קאָפּ, נייערט אויף די האָר איבערן שטערן, און דער ביס — אין אייבערשטן מוסקל פון לינקן אָרעם. געגוי אין די ביידע שטעלן וואָס אַ ייד לייגט תפילין!.. אַרויסגעפירט האָבן די דייטשן אין דער אַקציע די הונדערטער קינדער, און ר׳ חיים דוד ווייס, אַז די דרכי הבורא איז ניט משיג צו זיין. גלאָט אָבער פּאַרביילאָזן, מיינט ער, און זיך אַפילו ניט געבן די מי צו אויפכאַפּן וואָס עס בעט זיך ממש אין דער השגחה פּרטית, — איז סתם פּאַרמאַכט די אויגן. און קאָן דען אַ מענטש וויסן? מסתמא איז ער ווען ניכשל געוואָרן, אָדער געווען ניט זהיר, אין מקיים זיין די מיצוות תפילין, אַזאַ מיצווה!.. אַ רמז וועגן זעלבן ענין זעט אויף תרשיש טאָקע אין דעם עונש, וואָס היינט קאָן ער שוין בכלל ניט מקיים זיין די מיצווה. ביי די לעצטע זוכונגען אין לאַגער, האָבן די דייטשן פון אים אויך אַוועקגענומען דעם טייערן זעקעלע, וואָס ער האָט אַזוי אָפּגעהיט, — און קיין ייד האָט שוין דאָ ניט קיין פּאָר תפילין!.. דער אַ צער פּייניקט ביז גאָר ר׳ חיים דודן יעדן מאָרגן, וואָס דעמאָלט איז די צייט צו באַקרוינען זיך מיט דער הייליקער צירונג. ליגט ביים דאַווענען זיין רעכטע האַנט אויף דעם לינקן אָרעם, און די פינגער פון דער לינקער האַנט זיינען ווי אַ שין צעשפּרייט און דריקן דעם שטערן ביז צו די האָר.

לאַנג נעמט ניט און ר׳ חיים דוד צעשאָקלט זיך שטאַרק מיטן גאַנצן גוף. דער קאָפּ זיינער בייגט זיך אויף אַרונטער און וואַרפט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס, און באַלד גייט ער אַזוי אויס דריי טריט אויף הינטן. ווייסן יידן, אַז מען קאָן שוין צו אים ריידן... הערט מען אַ תשובה פון אים וועגן די יום־טובים. היינט האָבן מיר אַ קיימא לן, זאָגט ער, דעם זעקסטן יוני 1944, און לויטן יידישן לוח ט״ו סיוון תש״ד, — איז פּונקט נאָך דריי אַ האַלב חדשים ראש־השנה... מיט זייערע ווייטערדיקע פראַגעס לאָזט זיך דאָ שוואַך דעם רעדל קאַצעטלער איינצוהאַלטן לעבן זיך אָט דעם מענטשן, וואָס ציט נאָך דאָ דעם לעבעדיקן פאָדעם פון פולער יידישקייט. גאָר די רייד קוקן אים אויס ווי דברים בטלים, און ער האָט נאָך אַזוי פיל צו זאָגן תפילות, און אַריינטראַכטן אין לערנען, און בכלל אַ טראַכט טאָן... פּרוווט ד״ר בריל פּאַרוואַרפן גאָר אַ „כירורגישע״ באַמערקונג:

— ווי קומט עס, ר׳ חיים דוד, אַז איר שווימט ניט מיט דער מאָדע

און האַלט זיך ניט היינט ביי די פּיאַטקעלעך? נאָך אייער שטיין און גיין זיינען ביי אייך די רגליים גאָר ניט אָנגערירט...

— יפה שאלה, געטראָפן אין פּינטל! — שרייט אויס תרשיש און רירט זיך שוין ניט. — טאַקע אַ מיצווה לספר!..

ווי פאַרגעסן די אַלע אַנדערע ענינים זיינע, נעמט ר' חיים דוד דערציילן אויפגעלייגט, ווי אַזוי האָט עס אים די נאַכט אָפּגעגליקט. בייגעשטאַנען איז אים די מיצווה פון קידוש לבנה!.. דאַכט אַזאַ לייכטע מיצווה; אין דער ערשטער העלפט פון יידישן חודש דאַרף מען זיך שטעלן מיטן פּנים אַקעגן דער לבנה און זי מקדש זיין מיט אַ ברכה און אַ קורצער תפילה. איז אָבער די לעצטע וואָכן דער הימל רק פאַרוואָלקנט, און טאָמער אַ שטיקל אויסלייטערונג — איז אין לאַגער להכעיס דער אַפּעל, אָדער באַראַקעס־שפּערע, און בכלל די שמירה אויף יעדן טראָט. און אָט גייט אַוועק דער ערשטער האַלבער חודש און די נאַכט איז די סאַמע לעצטע!.. אַז דער עולם האָט זיך צעלייגט שלאָפן, האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט פון באַראַק, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל הינטער אַ וואַנט, און פון דאַנען גענומען אָפּהיטן די לבנה. גיי אָבער וויים, אַז בערנאַרד קאָן נאָך אַלץ ניט איינרוען, וואָס ביים צוים פון פרויען־לאַגער קומט שוין ניט אַרויס צו אים אינגע!.. דרייט ער זיך אַרום, און מאַכט ווידער אַ פּרווו צו טרעפן זי. באַמערקט ער ניט ווייט אַ מענטשן, איז ער באַלד אויף אים מיט אַ שפּרונג:

— אַנטלויפן זוכסטו!!

נעם איך אים דערקלערן, אַז דאָס וואַרט איך אויף אַ לויטערן הימל, ד'י לבנה זאָל זיך ווייזן, אַ תפילה אַזאַ איז דאָ, לויטן יידישן דין... פון בערנאַרדס געשריי איז צוגעקומען דאָ מויער, דער לאַגער־פירער אַליין, וואָס וואַקסט אַלע מאָל אויס אומגעריכט מיט זיין שיטערן געגנגעלע און מאָגער אויסגעצויגענעם גוף. פּלייסט זיך שוין דער קאַפּאָ צו ווייזן זיין לומדות אין הילכות קאַצעט:

— אַ לבנה זוכן, קוקן אין הימל, וואַרטן אויף אויסלייטערונג, באַמקען צו גאָט... מיט אַזעלכע פּאָעזיע בויט מען ניט די „נייע אייראָפּע"!.. נייך, דו ביסט נאָך גאָר אַ שוואַכער קאַצעטלער... אַרבעטן מוז מען דאָ, גראָבן ערד, האַקן שטיינער, טריקענען זומפּן; מיט די אויגן שטענדיק אַרונטער.

און דאָס וועט אייך געבן דערהייבונג! „אַרבעט מאַכט פריי״, איז אונדזער לאָזונג!

— ווי לייכט דו ביסט אַנגעטאָן אין אַזאַ פייכטן קילן וועטער. פאַרוואָס האָסטו ניט גענומען דיין דעקע אויף זיך?.. — טריפט מיט באַדויער מויערס לענגלעך באַברילט פּנים און עס ציט זיך שטיל און געלאַסן פון זיינע דינע ליפּן: — שלאָפסט אויך ניט און רוסט זיך ניט אויס... זוכסט צו זיין קראַנק, און ניט קאָנען אַרבעטן. סאַבאָטאַזש...

דער סאַמעט ווייכער טאָן שלאָגט מיך אדורך מיט שוידער. אָט גיט מיר שוין דער לאַגער־פירער אַ סיגאַרעטל, ווי זיין שטייגער אָפט, און איז מכבד מיט פייער פון זיין שפּיל־ברויניגנל!.. ווידוי עטלעכע ווערטער זאָל איך נאָר באַווייזן זאָגן!..

אין זיין האַנט איז אָבער דאָס מאָל אומגעלאָפן אַ טאַשנלעמפּל, וואָס האָט מיר אַריינגעלויכטן אין פּנים. צוויי לאַנגע צאַרטע פינגער פון זיין צווייטער האַנט האָבן מיר אַ קוועטש געטאָן די אונטערשטע וויעס אויף אַראָפּ און אויסגעברייטערט מיינע אויגן. די שטימונג זיינע איז גראָד געווען פּסיכאָלאָגיש. און נאָך אַן אריינבליק מיר טיף אין די אויגן, — קומט דער באַשלוס:

— צו דיין גליק נעם איך אָן, אַז דו ביסט דום, ביז גאָר... בערנאַרד, גיב אויף דעם אַכט.

— יאַוואָל! — קומט באַלד דער קאַפּאָ צו זיין טאָן און נעמט זיך צו מיר: — דיך מוז מען אַקאָרשט איבערדערציען... צוויי עמער פולע וואַסער ברענג!

— האַלבע עמער. — וואַרפט צו מויער פאַר זיין אָפּגיין און גיט נאָך צו פאָטערלעך צו מיר: — איך פאַרליר נאָך ניט וועגן דיר די האָפענונג. דאָס מאָל נאָר.

אויפן פרייען אַפּעלפּלאַץ האָט מיר בערנאַרד אין גרויסן ווינט באַפוילן צו שטיין אומבאַוועגט און מיך אין גאַנצן אָפּגעגאָסן מיט דעם וואַסער. די צוויי עמער האָט ער מיר נאָך דעם געהייסן האַלטן צו איינעם אין יעדער האַנט — ביז מען וועט מיר הייסן גיין. לעבן מיר אויפן פּלאַץ זיינען שוין פון פריער געשטאַנען אויף „דערציאונג״ נאָך צוויי יידן. איינער האָט פון זיין בלאָק־עלטסטן באַקומען אַ שטראָף צו שטיין געבויגן טיף די קני

אויף דעם קווערשניט פון אַ שמאָלן קלאָץ — ווי אַ פויגל. דער צווייטער איז געשטאַנען אויף די אַלע פיר — ווי אַ הונט.

בערנאַרד אַוועק, איז באַלד אַרויסגעפאַלן דער רעגן, מיט די דונערן און בליצן. שטיקער צייט האָט שוין צו אונדז אויפן פּלאַץ ניט אַרויסגעשטעקט קיין אויפזעער דעם נאָז. מיר האָבן פון ווייטן געזען, ווי די געסט פון געשטאַפּאָ קומען אָן, און ווי אין די באַראַקעס ווערט לעבעדיק. יעדער בלאָק־עלטסטער אין זיין מלוכה פּלייסט זיך צו ווייזן טאַלאַנט... און מיר זיינען אין דעם רעכטן שפּיל זיך געשטאַנען רואיק, ווי גאָר פאַרגעסענע. ווילעוויילעס פלעגן מיר זיך אַפילו ריזיקירן צו מאַכן אַ באַוועגונג און אַ וואָרעם טאָן די פאַרקאַלייטע גלידער...

ערשט דאָ איז געקומען דער נס בתוך נס. אין סאַמע געטומל הערט מיט אַ מאָל אויף דער רעגן, דער שטורעמווינט צעיאָגט די וואָלקנס, און אויפן לויטערן הימל ווייזט זיך אַ לבנה אַ פּראַכט! בילדשיין אויסגעצוואָגן, ליכטיק און קלאָר, און געשיינט האָט זי מיט טויזנט חנען... איר בלאַסקייט אָבער און איר קליינקייט קעגן דער זון האָט דאָ נאָך מער דערמאָנט דעם עונש וואָס זי האָט באַקומען — די פּגימת הלבנה. אין דער שטיל האָב איך זיך באַלד צערעדט מיט די ביידע שכנים מיינע אויפן פּלאַץ וועגן דער אגדה פון בריאת העולם. די לבנה, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צו געוועלטיקן איבער דער נאַכט, און די זון, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צו געוועלטיקן איבער דעם טאָג, — זיינען ביידע געווען פון איין גרייס, ווי עס ווערט דערציילט. איז געקומען די לבנה צום ריבונו־של־עולם מיט א טענה: פּאַסט עס דען פאַר צוויי מלכים צו באַנוצן זיך מיט איין קרוין? — טאָ ווער טאַקע דו קלענער, האָט באַקומען אַן ענטפער די גרויסהאַלטעריין...

די ס״ס פון לאַגער האָבן אַרומגעטאַנצט די געסט. די קאַפּאָס און זייערע משרתים האָבן געווילדעוועט, און בערנאַרד האָט גאָר פאַרגעסן זיין ליבע און שוין ניט אַרויס צום צוים. טאָ ווער האָט געקאָנט שטערן צו מקדש זיין די לבנה?.. אין אויער איז מיר ניט געגאַנגען די רייד פון איינעם פון די שכנים מיינע. דער וואָס איז געשטאַנען אויף די אַלע פיר האָט זיך גענומען אונטערוויצלען, וואָס איך קען ניט צוזען דעם צער פון דער „נעבעכדיקער״ לבנה און גיי עס אויך מתפלל זיין, אַז זי זאָל באַקומען

איר ערשטן גרויסן געשטאַלט און שיינען זאָל זי ווידער ווי דער „אור החמה פון שבעת ימי בראשית". קיין אַנדערע דאגות, הייסט עס, האָב איך שוין ניט...

פריי געשפּרונגען קעגן דער לבנה האָב איך, ווי דער מינהג, און יעדעס וואָרט איז אַרויס מיט כוונה:

— כשם שאני רוקד כנגדך... אָט אַזוי ווי איך טו שפּרינגען קעגן דיר און קאָן דיך ניט אָנרירן, אַזוי זאָלן ניט קאָנען אָנרירן די שונאים מיך צום בייזן... תפּול עליהם אימתה ופחד, אַן אימה זאָל פאַלן אויף זיי!..

באַלד האָבן זיך אויפן פּלאַץ טאַקע מצטרף געווען אויך די ביידע שכנים, און איך גיב אַ זאָג דעם שלום עליכם.

— עליכם שלום — ענטפערט דער „פויגל".

— עליכם שלום — ענטפערט דער „הונט".

דער שוידער אונדזערער איז פאַרביי מיטן שפּרינגען, ווי קעלט, ווו נעץ? זאָל זען די לבנה, אַז אויך יידן אין געשטרייפטע קאַצעט־בגדים און מיט די פליישׂ־איינגעשטעמפּלטע נומערן, — אויך זיי דערוואַרטן איר!..

אַרום צוויי אין דער נאַכט האָט אַ ס״ס־וואַך אונדז ענדלעך דערלויבט גיין אין די באַראַקעס. האָב איך ביזן גאַנג נאָך געכאַפּט אַ דרעמל, און ווי נאָר דער טאָג האָט זיך איינגעוואָרעמט, הוסט איך שוין אויך ניט. די לבנה אָבער שטראַלט נאָך אַלץ פאַר מיינע אויגן און שמייכלט אַזוי צו ביי יעדן וואָרט, — אַז זיין זאָל שוין טאַקע ווי עס ווערט אין קידוש־לבנה געזאָגט: סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל, אָמן!..

ה. קריעת ים סוף

בערנאַרד, דער קאַפּאָ, ווערט פאַרפאַלן ניט באַמערקט און וואַקסט אַזוי אויך אויס. לויפנדיק איינער איבערן צווייטן צו דער אַרבעט, באַמערקן די קאַצעטלער, ווי ער שטייט שוין לעבן היילבאַכן. אויף שנעל כאַפּט ער פון קעשענע אַרויס עטלעכע קאַרטאָפל און גיט עס איבער — פון אינגען. ער פרעגט אויך, צי די אַרבעט איז אים ניט צו שווער. דער קער בערנאַרדס באַלד אָבער צום בערגל לאָזט ניט די מענטשן זיך באַ־

רואיקן. פון דעם אָרט איז אָפּן פאַרן אויג דער גאַנצער פּלאַץ מיט די קאַ־צעטלער, — און ראָזענבאַך איז נאָך ניטאָ! וואָס זאַמט ער זיך היינט אַזוי לאַנג ביי דער ראַדיאָ?.. אַז בערנאַרד שטייגט ניט העכער און זעצט זיך באַלד אָפּ, — גלייבן זיך ניט די אויגן. נאָך לייכטער ווערט, אַז דער קאָפּ זיינער נעמט זיך ראַנגלען מיט אַ דרעמל, און טרייבט אים יעדע ווײַלע פון זיך. אויך דער שטאָק מערקט זיך ניט לעבן אים.

— נאָך אַזאַ לעבעדיקער נאַכט אין בלאָק — שמייכלען יידן — מוז זיך אפּנים אזא אויך פאַררוען...

— און די ליבע־שמערצן און קדחות־אַרומלויפעניש?.. — חכמהן זיך אַנדערע.

דאָס גערייד האַקט זיך אָפּ אין דער אויפגעציטערטער לופט. יעדער ווײַ־טערדיקער קלאַנג בלייבט פאַרפרוירן אין די טויט צעשראָקענע. קרויזע איז גאָר נאָענט, און פון בערגל לאָזט זיך אים שוין אַנטקעגן דער קאַפּאָ. צעקאָכט קוקט אויס דער מייסטער און אַ ווילדע רוגזה שפּאַרט פון אים. פאַלט צו יע־דער מיט די לעצטע כוחות צו דער אַרבעט און קריכט נאָך טיפער אין וואַ־סער און זומפּ, — שטילן כאָטש אַ ביסל דעם צאָרן פון דעם אָדון, וואָס פלאַ־קערט אַזוי!

— דו בערנאַרד! פאַלט פּלוצעם אַ בריל אויף דער זייט פון קאַפּאָ — וואָס האָסטו צו קריכן אַרום קיך פון דער בוי־לייטונג?..

די יידן אָטעמען טיף אָפּ. און ס׳פאַלט דער טעמפּ פון דער אַרבעט. קרוי־זעס צאָרן איז גאָר אַ קוויקונג פאַר זיי.

די מוסר־רייד צו בערנאַרדן ווערן האַפטיק צעטראָגן איבער די ווייטערע ווינקלען פון אַרבעטפּלאַץ. ער קאָכט זיך דער מייסטער:

— און אַז אַ פּרוי איז אין קאַצעט, מעג מען שוין מיט איר טאָן אַלץ? די אַ אַנשטאַלטן האָבן גאַנץ באַזונדערע אויפגאַבעס... ליבע פאַדערסטו! אַ מענטש האַלט זיך פאַר אַ פּאָעט, און ווייס אַפילו ניט, אַז אָט דער אַרטיקל איז פאַרבונדן מיט קעגנזייטיקייט, און איין סאָרט מענטש מוז זיין כאָטש אין אַ מינימום צוגעפּאַסט צום צווייטן... דער מיידלס פאָטער איז געווען אַ פּראָ־פעסאָר פון כעמיע, איר מוטער איז געווען אַ באַרימטע מוזיקערין, און אַליין האָט זי געהאַט אַ העכסט קולטורעלע דערציאונג און איז זייער געבילדעט.

און דו, — איך האָב שוין לענגער געהאַט דעם כבוד צו אַריינבליקן אין אַ קאַרטאָטעק...

— און דער הער מייסטער — האָט איבער בערנאַרד — ווייס שוין אין די עטלעכע טעג אַזוי פיל איינצלהייטן פון דער אינגע!..

— גרעסערע חכמים איז ניט געלונגען צו אַרונטערשלאָגן מיך פון רייד...

— וויצלט זיך קרויזע און ציט שוין ווייטער אין אָראַטאָרישן טאָן — אַלזאָ, ווער איז זיין מאַיעסטעט דער הער בערנאַרד? אַן אונטערגעוואָרפן קינד, האָט פּאָליציי אים איבערגעגעבן אין אַ קינדערהויז. צו צען יאָר איז ער שוין אין אַן אַנשטאַלט פון יונגע פאַרברעכער. שפּעטער אַנטלויפט ער און אָרדנט זיך איין אַלס חזיר־שטעכער און פלייש־רויכערער ביי אַ לינקן וווּרשטמאַכער. מיט דער צייט האָט זיך אונדזער העלד דערוואָרבן אַ זייטיקע מלאכה — גנבענען וועש פון בוידעמער. און ביי איינער אַזאַ טראַנזאַקציע זיינען די צאַר־טע הענט נעבעך געווען געצוווּנגען צו באַנוצן אַן אייזנשטאַנג — און אַוועק־געלייגט אַן אַלטן פויער מיט זיין ווייב... יאָ, מיט רעספּעקט צו אָנגעבן נאָר עטלעכע שטריכן פון אַ ביאָגראַפיע, וואָס איז דער „אָפּהאַלט" ביי אַזאַ ריז צו גיין אין דער אַרמיי און זיין איצט אויפן פראָנט...

— איך אַרבעט אויפן זעלבן פראָנט ווי דער מייסטער... — שיסט אָפּ בערנאַרד. — און ביי דער געשטאַפּאָ בין איך אָפּגעשאַצט אַלס אומפאַרבייט־לעך.

אַחוץ וואָס קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זייער אַרבעט, קענען זיך נאָך די יידן אַ ביסל דורכריידן. זיפצט אָפּ איינער:

— אַן בושה, און אַפילו אָן וועלכער מורא. גאָר ווי די אינגע איז ניט קיין יידישקע און ניטאָ די חוקים און תקנות פון ק"ק נון!.. קאַצעטלער אין זייערע אויגן, ניט מער ווי שטומע בהמות...

די נירנבערגער געזעצן אָפּצוהיטן די ריינקייט פון דער אַרישער ראַסע גייט ווייניק אָן גבריאלן. וואָס דער קאַפּאָ קריגט אָבער געצוואָגן, אָט דאָס געפעלט אים:

— אַז צוויי גנבים קריגן זיך, זאָגט מען, קומט דער פויער צו זיין קו. און אַז צוויי פּולבלוטיקע פון דער מיוחסדיקער אומה סיכסוכן זיך איבער אַ בת־ישראל, הערן מיך דאָך עפּעס חידושים וועגן אונדזער חתן!..

— אין וואָס אָבער איז אַריינגעטאָן דער דימיון פון אַ גנב קטן און רוצח

פון אַ פּאָר זקנים! — חקרנט זיך דאָקטאָר בריל — דער גאַנצער לעבנס־חלום פון אַזאַ טראָגט אים אויס דווקא צו זיין אַ וועלט־גזלן, גאַסן־מילחמות פירן, און דורך זשורנאַלן און ראָמאַנען און פילמען זאָלן ווערן מפורסם זיינע מעשים־טובים...

— פאַר דער הנאה וועלן מיר אָבער טייער באַצאָלן. — קלאָגט זיך שוין חושך מצרים און וואָרנט פאַר דעם צאָרן פון קאַפּאַ — נאָך דעם שאַרפן שאָס אין זיין עבר אַריין, איז אַזאַ איצט אויף אונדז אש־להבה!..

גרויס ווערט דאָ באמת די מורא פון די יידן, בעת פון די קוסטעס גיט זיך אַ וויז — דאָקטאָר ראָזענבאַך!.. צען חרטות זיינען שוין די מענטשן באַפאַלן, הלמאי זיי האָבן נישט אָפּגעהאַלטן דעם דאָקטאָר פון דעם אָפּגנבע־נען זיך און לאָזן זיך הערן ראַדיאָ־נייס, און נאָך פון ניט־דייטשע סטאַנציעס דורך אַ געהיימען אַפּאַראַט!.. וואָס האַפּטיקער דער געשפּרעך ווערט צווישן דיביידע ביים בערגל, שטאַרקט זיך ביי יעדן די זיכערקייט, אַז ראָזענבאַכן וועט דאָך געלינגען. מיט קלאַפּיקע הערצער קוקט עולם נאָך, ווי ער גיט אַ פאַל אין זומפּ און נעמט זיך שלייכן דורך די הויכע גראָז. אָט אָט דוכט זיך, אַז ער פאַרקריכט אין גאָר מסוכנדיקע ערטער און זעט זיך שוין ניט... פריי ערשט ווערט דער אָטעם, אַז אַרטור שטייט שוין ווידער צווישן זייניקע מיטן רידל אין האַנט...

— חדשות, חדשות!... — האָבן מענטשן קיין געדולד ניט און וואַרפן זייערע רופן צום דאָקטאָר, וואָס סאַפּעט אַזוי שווער און קוים וואָס ער האַלט זיך אויף זיינע פיס.

— אַ כזית אפיקומן!... — הערט נישט אויף דער פאַרלאַנג צו הערן אַ ביסל נייס פון דעם געהיימען ראַדיאָ.

ניט דאָ האָט געטראָפן די קרעטשמע ראָזענבאַך. ניטאָ קיין נייס, טענהט ער. ווער אָבער גלייבט אים? בליקן באַטאַפּן פאַרשעריש דעם אויסדרוק פון די טיף־געקאַרבטע ווינקלען אַרום זיין מויל און פון דעם פאַרמעטהייטל, וואָס איז דין פאַרצויגן איבערן נאַז און די אַנדערע שפּיציק־אויסגעטאָרטשעטע ביינער. ווער קען אָבער אויפכאַפּן נאָר לויט שפּורן פון אַן אַמאָליקן פּנים, וואָס איז די מענטשן דאָ געבליבן? מיט מסירה וואַרפן זיך אָבער די אויגן. ווי נאָר די הייבן זיך אויס ביים דאָקטאָר, פינקלען זיי אַוועק ביז גאָר, — און

באַהאַלטן אויס משמעות פייערדיקס... טאָ וואָס פּראָוועט ער דעם אָנשטעל, אַרטור, און דערציילט גאָר ניט?

אַוודאי האָט ער נייס. אַניט, וואָס האָט ער זיך פּלוצעם צו שושקען אַזוי מיט גבריאלן, וואָס שטייט לעבן אים מיטן רידל?... גריבלען זיך שוין מענטשן אין די באַוועגונגען אויך פון דעם און וואַרטן וואָס צו הערן פון זיין מויל. נעמט זיוו גאָר מוסרן די אַרומיקע און הייסט זיינע רייד איבערגעבן אויך ווייטער. דער עולם שפּילט זיך מיט פייער, זאָגט ער, מען פאַרגעסט, אַז פאַרן לייענען נייס און ריידן פּאָליטיק איז שוין נישט איין ייד אַרויף אויף דער תליה. טראַכט גאָר ניט קיינער, אַז מיט זיין האַלטונג דאָ קאָן ער אומ־ברענגען זיך אַליין און צענדליקער אַנדערע?...

צו געשפּאַנט זיינען אָבער דר׳ ראָזענבאַך און גבריאל. צוזאַמען מיט זייער שושקען זיך ווייטער לאָזן זיי נישט אָפּ זייערע בליקן פון מייסטער און קאַפּאָ. פעסט שטעלן זיי ווידער און ווידער אַמאָל, אַז די צווייביים בערגל זיינען ביז גאָר פאַרנומען אַלץ אין זייער גערייד, און ס׳האַלט נאָך ניט, אַז זיי זאָלן זיך אומקוקן אויף די יידן... גיט זיך די שושקעריי זייערע אַ קער שוין אויף שכנישע אויערן. און באַלד נעמט זיך טראָגן צווישן אייפעריקן עולם:

— קריעת ים סוף!.. און מיט הצלחה גדולה!..

גבריאלס וואָרענונג ווירקט. אויסגעשרייען הערן זיך ניט, און יעדער בלייבט צוגעשמידט צו זיין אָרט. די שימחה שפּאַרט אויס אין אַרבעט־באַ־וועג. גלידער און אינסטרומענטן גיסן זיך צונויף, און דער פּלאַץ פּלאַקערט אויף מיט ברעניקן אימפּעט. אין די שטיינער, אין דער בלאָטע און שטראָם וואַסער פייערן די מענטשן זייערע געפילן. קיינער זעט נישט וואָס ער טוט. ליפּן פּלאַמיקע נאָר שעפּטשן:

— אַ ברעג גאָר גיך מיט פּיתום ורעמסס!... המנם סוף!... אַ גאולה!..

צו שטאַרק איז אָבער די נייס, אַז די יידן זאָלן זיך קאָנען אויף לענגער באַהערשן. יאָרן שוין ווי יעדן טאָג און יעדע שעה וואַרט די וועלט אויף דעם פאַרמעסט פון די אַמעריקאַנער און ענגלענדער צו דורכברעכן דעם דייטשן פראָנט דורך אַ ים־אינוואַזיע. און אָט איז עס געלונגען, און זייערע אַרמייען פאַרפעסטיקן זיך שוין אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט... פון איבערראַשונג איז איין ייד בכלל ניט מסוגל צו תופס זיין די ידיעה. מינוטן גאַנצע קערט

ער זיך מיט צעגלאָצטע אויגן צו איינעם און צו נאָך איינעם פון זיינע אַרו־מיקע. און אַז דער מוח זיינער כאַפּט שוין אויף — פּאַרט ער אַריין דעם שכן אין באַק... די שטייגיקע שטימונג ברענגט עטלעכע אויך צום וואַרפן די אינסטרומענטן. טיף אַ זעץ אין דר׳ערד אַריין גיט פּלוצעם אַ ייד זיין קרייצ־האַק — און פאַרקוקט זיך אין הימל. אַנדערע כאַפּן שוין אַ שפּאַציר און פּרווון אויף יעדן טראָט צוליגן אַן אויער... כמעט יעדער זאָגט וואָס. שטומען קאָ־נען אויך ניט די „פּראָפעסיאָנעלע". די שטענדיקע אויסזיכטלאָזיקייט צע־גיסט זיך דעם חושך־מיצרים אויפן פּנים ווי אַ ניצחון־שמייכעלע:

— די מילחמה האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן... אַז נאָר אויף דורכ־בראָדזשען אַ מיקווה, דעם שטיקל ים ביי צרפת, די הכנות וואָס מען האָט געמאַכט!..

צו תרשישן קומט צו גבריאל זיוו מיט נייס טאָקע באַזונדער פאַר אים. אין די פּרטים פון קריעת ים סוף, דערציילט ער, ווערט בפירוש אָנגעגעבן, אַז גאָר אַ סך האָט צום ניצחון מיטגעהאָלפן די לבנה. איר שיין האָט פּרעכטיק באַלויכטן דעם וועג פון די אַריינדרינגלער איבערן וואַסער... הכמהט זיך גבריאל:

— ר׳ חיים דוד און גענעראַל אייזענהויער, יעדער פון זיין פּאָזיציע האָט די נאַכט מקדש געווען די לבנה...

ר׳ חיים דוד איז ממש פול מיט שימחה. ליצנות אָבער פּראָווען פון אַ מיצווה־זאַך — איז ניט רעכט... כאַפּט ער זיך באַלד, אַז די התנהגות זיינע איז דאָ אויך ניט ווי ס׳באַדאַרף. ער אַליין האָט ביי אַזאַ בשורה נאָך אויך ניט דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם כול־יכול, — ווי גאָר ניטאָ קיין בעל־מלחמות!... אַז מען פאַרגעסט דעם עיקר, פאַלן מענטשן אַריין אַפילו ביי אַזאַ גרויסן נס — אין חוזק־מאַכעריי. היינט די פאַרצווייפלטע רייד פון די מענטשן, וואָס די צרות האָבן זיי שוין דערבראַכט צו ייאוש און גאָר צע־טרייסלט די יסודות פון ביטחון, רחמנא ליצלן!.. טונקט ער אָפּ די הענט אין טייך, ר׳ חיים דוד, הייבט אויף די אויגן צום הימל, צעשאָקלט זיך און מאַכט די ברכה אויף אַ בשורה טובה:

— ברוך... הטוב והמיטיב!..

מענטשן פאַרגעסן ניט אויך היילבאַכן. אויסגעהערט די ידיעה, האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן אויסגעצויגן, ווי ביי אַ פייערלעכן אַקט. באַלד נעמט ער

געמיטלעך אויסטיילן די עטלעכע שכנים צו איין קאַרטאָפל, און מען הערט פון אים אויך אַ וואָרט:

— ענדלעך! דער נאַרישער קריג גייט דאָך צו ענדע...

— ניט מער ווי אַ נאַרישער?.. — פאַלט צו אַ באַמערקונג פון דר׳ ראָזענבאַך.

— דאָס פאָלק איז אין אָרדענונג!.. — פאַרשטייט באַלד היילבאַך דעם רמז אייף דעם מוראדיקן פאַרברעכן פון דייטשלאַנד. — מיט אַל־בערטן קאָן מען לעבן. ניט גאָר לייכט איז אַ קרויזע. עס לאָזט זיך אָבער דורכקומען אויך מיט אזעלכע; די זיינען דער עיקר מוילהעלדן... אַ וועלט־פלאָג זיינען די בערנאַרדס, די שמוציקע שוים פון דער מענטשהייט. צום גליק זיינען זיי ניט קיין סך, און שווימען אַרויף נאָר אין אַ שטורעם...

אין זיין חקירהן כאַפּט זיך היילבאַך, אַז דאָ רעדט ער מיט דעם מענטשן אַליין, וואָס האָט עס געבראַכט די גרויסע נייס... הייבט ער זיך אָן צו טאַפּן אין די קעשענעס און פרעגט פאַרלוירן אַ שכן זיינעם אויפן קול, צי אַ האַלבע קאַרטאָפל וועט אויך זיין גענוג פאַר ראָזענבאַכן... פאַרציט דער ד״ר אַ שמייכל און וואַרפט צו די אַרומיקע דאָס ווערטל, וואָס ער האָט דאָ איבערגעכאַפּט פון די ליטוואַקעס:

— וויפל דאַרף מען האָבן אויף אַ פּאָר הויזן פאַר אַ יתום?...

לאָכן מענטשן, און היילבאַך נעמט זיך אַנטשולדיקן. די קאַרטאָפל איז ביי אים די לעצטע. פון גרויס שימחה האָט ער ביים אויסטיילן פאַרגעסן אויף זיך אַליין... הייבט אויס ראָזענבאַך זיין האַלבע קאַרטאָפל:

— לחיים!

— לחיים... — ענטפערט היילבאַך אויף יידישלעך, און באַלד כאַפּט ער זיך פריידיק — לחיים טובים ולשלום!...

בליקן פאַרחידושטע טראָגן זיך אַדורך צווישן עולם. און ד״ר שמואל בריל ווינקט צו:

— די שמיץ אַ פּנים האָבן עס וווּנדערלעך אַרויפגעטריבן דעם זיכרון ביי דעם הער קאָמערצראַט און אַזוי אָפּגעפרישט אין מויל דעם לשון־קודש...

ישראל קאַפּלאַן

ו. קראַפּעווע־מאַרש

דאָס באַווייזן זיך פון פּאָסטן — גיט אַן אומרואיקן קער אויף אים די אויגן פון דער גאַנצער קאָמאַנדע. אין געאייל אַזאַ ציט ער זיך אויף אַהער, אַל־בערט, כאַטש ער זעט קלאָר, אַז אַרום די מענטשן געפינען זיך גאַנצע צוויי אויפזעערס. די יידן מערקן אויך ווי דער אַלטער דרייט אַוועק דעם קאָפּ פאַרביי היילבאַכן און מיידט אויס בפירוש זיוון. ער פאַרנעמט זיך אויף דער זייט פון מייסטער, וואָס זיצט איבער אַ פונאַנדערגעוויקלטן פּלאַן פון דעם אַרבעטספּלאַץ. שוין פון ווייטן פאַכעט ער צו אים מיט אַן עקסטרע־בלאַט, וואָס שרייט מיט גרויסע אותיות און מיט אַ קאַרטע פון דער אינוואַזיע. ער ווייס שוין פון דער גרויסער דייטשער מפּלה, אַלבערט, און צוזאַמען מיט די נייס האָט ער אַ פּנים אויך באַוויזן צו אַריינשלינגען דעם געוויינטלעכן יידן־העצערישן קאָמענטאַר.

קורץ שטעקט קרויזעס קאָפּ אין די אותיות. באַלד לויפן שוין זיינע אויגן איבער די יידן, ווי פון זייערע פּענימער לייענט ער עס ווייטער. דעם גאַנצן אַרום צינדט זיין בליק.

— ווי פרעך זיי קוקן דאָ אויס — קערעוועט ער מיט ציינקריץ אויף אַלבערטס בליק צו דער קאָמאַנדע. — אַזוי הייטער היינט אָט די טרעגער פון דייטשן אומגליק!!

דאָס געריידּ צווישן מייסטער און פּאָסטן גייט אַוועק מיט אויגן און רוגזהדיקע תנועות. די ליפּן ביי קרויזען בייסן זיך אַן אויפהער. אויף זיין פּייף איז דער קאַפּאָ מיט אַ שפּרונג לעבן אים. ווי פריינדשאַפט נאָר וואָלט צווישן די בייד געהערשט, נעמט אים איבער קרויזע:

— בערנאַרד, דאַרפסט ווייזן שיינעם איינפאַל; דיר פעלט דאָך ניט פאַנטאַזיע מיט גייסט!..

די יידן קוקן נאָך ווי די דריי באַוועגן זיך אין זייער ריידן אַלץ העכער מיטן בערגל. פון ווייטן באַקומט דער שמועס שוין דעם איינדרוק פון אַ באַראַטונג, און גאָר חשוב איז דאָרט אַ פּנים בערנאַרדס וואָרט. לאַנג ציט זיך ביי די קאַצעטלער יעדע מינוט, און נישט איינער גייט אַרויס פון די כלים, כדי נאָר צו ווייזן אַרבעט... דער באַפאַלענער פּחד מאַכט ווי פאַר־

געסן די גאַנצע אינוואַזיע. פאַרטריבן איז אויך דער נאַגענדיקער הונגער. און כאָטש די שעה פון קעסל נענטערט זיך פאָרט, איז פון די אויגן אַוועקגע־ווישט יעדער פאַרשטעל פון אַ קאַרטאָפל, וואָס מען דערוואַרט אַזוי אין היינ־טיקע זופּ. די גליעוודיקע געדאַנקען צילעווען יעדן בגנבהדיקן בליק צו יענ־נע דאָרט, וואָס זייערע רייד פּאַכען אַזוי גרויליק איבער דעם גאַנצן עולם.

— די חברה קדישא קאָן נאָך אַ פּנים ניט דערטראַכטן דעם ריכטיקן מקח, וואָס מען דאַרף דאָ פון אונדז שינדן... — ווינקט צו גבריאל.

קיינער האָט שוין ניט באַוויזן צו פאַרדייען די חכמה. אַ פלינקע באַוועגונג בערגל־אַרונטער האָט שטורמיש פאַרלאָשן יעדן פונק פון מונטערן געדאַנק. אין ווילדן האַסט האָבן זיך די אויפזעערס אַ צי געטאָן צום פּלאַץ!.. נאָך פעסטער כאַפּן זיך מענטשן צו דער אַרבעט און זוכן שוץ אין אויפ־ריכטן דעם זומפּיקן אַרום. ניט אָבער צו ביישטיין דעם גיפטיקן צאָרן, וואָס שיסט פון די פּנימער ביי די דריי. דער אָטעם רייסט זיך אַוועק פון קרויזעס אַרויספאַל:

— די קאָמאַנדע האָט זיך היינט ניט צוגערירט צו דער אַרבעט!!! סאַבאָטאַזש ווערט געטריבן, מיטינגען ווערן דאָ געפּירט!.. וואָס, אָן אויפשטאַנד מאַכן, אַנטלויפן?.. די באַנדע האָט זיכער געוווער

ווי באַקאַנט דער נוסח איז די יידן! ניט איינעם בליצן אויף די באַשול־דיקונגען, וואָס די געשטאַפּאָ האָט שוין געהאַט גרייט אויף צו „מאָטיווירן" די אַקציעס אירע אין געטאָ... אַ וואָרט אָבער לאָזט ניט פאַלן קרויזע וועגן דער אינוואַזיע, וואָס פלאַקערט ביי אים אַזוי מיט היסטעריע... ווער האָט עס אים אָט די רייד שוין אַריינגעבלאָזן?... אָבער אָט שוין אויך אַל־בערט. מיטן ביקס פאָרויס, שרייט פון אים אַ באַפעל:

— ראַש זיך אויסטאָן! מוטער נאַקעט!

קלעפּ, קולות און ווייטערדיקע משונהדיקע באַפעלן טוען זיך אַ שאָט און שליידערן די מענטשן פון איין חוזק־לאַגע אין דער אַנדערער. אַ צעיור־שעטער לויפט אַרום דער קאַפּאָ מיט זיין שטאָק. נאָך דעם ווי דער הערשער פון דער אַרבעטשטעל און דער מיליטערמאַן האָבן אויף זיין אַנווייז געעפנט דעם ספּעקטאַקל — איז ער דער הויפט־רעזשיסער. שטאָלץ איז ער מיט דעם כבוד, וואָס איז אים צוגעפאַלן, און מיט געשיק און שווונג פּלייסט ער

זיך דורכצופירן די „נומערן״ אָדער „סטראָפּעס״, ווי ער רופט אָפּט די מעשים זיינע.

אין איין לאַנגער ריי נעמען ביי בערנאַרדן מאַרשירן די נאַקעטע אויף אַלע פיר, אויף די הענט און פיס. דער „הינטמאַרש״ ציט זיך אַוועק איבער מאָך און שטעכיקן גראָז און האַלט נאָך קוים דעם אָנפיר — איינס, צוויי!.. ווי מיט אַ וויכטיקער שליחות לאָזט זיך געשווינד פאָרויס דער אַלטער אַלבערט. דערלאָפן צום ראַנד וואַלד אויף צווייטער זייט בערגל, נעמט ער מיט גלייכע טריט אַרומגיין די הויכע קראָפּעווע, וואָס וואַקסט דאָרט אַזוי פיל. אין מינוטן איז ער שוין צוריק, און מיט אויספּלייס ראַ־פּאָרטירט ער וואָס פאַרן קאַפּאָ.

— האַלט! — שפּרינגט אַרויס אַ געבריל פון בערנאַרדן. — די גע־וויקסן קעגנאיבער האַלטן צירקא אַכט מעטער די ברייט און צירקא ניינצן מעטער די לענג. באַוועגט זיך ווער שלעכט, ניט לויטן געגעבענעם מאַרש, וועט ער פאַר יעדן מאָל אין דער ברייט דאַרפן אָפּמאַרשירן דורך די זעלבע געוויקסן אַ צווייטן מאָל אין דער לענג, צירקא ניינצן מעטער... הינט־מאַרש! איינס, צוויי... לאַנגזאַם!

שוין ביי דער קראָפּעווע, איז דער מאַרש פּלוצעם געבליבן שטיין. פון דער ריי אַרויס האָט זיך אַ הייב געטאָן היילבאַך. דעם קאַפּאָס געבריל נעמט ער אויף מיט פאַרקוועטשטע ליפּן און שטעלט זיך אין גאַנצער הייך אַלבערטן אין פּנים אַריין. שטום וואַרט זיין בליק אויף אַ תשובה... אין זיין פאַרלוירנקייט קומט דעם אַלטן באַלד צו הילף קרויזע. יעדע אָנגעלאָפּענע מחשבה צעשטרייט ביי אים זיין געלערנט וואָרט:

— יידישע חוצפּה! זייער תלמוד אַליין זאָגט: „דעם בעסטן גוי — טויט אַוועק!״...

— מאַרש!! — דונערט אָפּ בערנאַרד. — די ריי גייט!

געסמאַליעט האָט די קראָפּעווע די הויט ביזן ביין און די ווונדיקע פּיאַטעס. נאָכן „דורכלאָזן״ די מענטשן הין און צוריק אין דער ברייט, זיינען געקומען באַפעלן צו גיין אויף די אַלע פיר דעם זעלבן וועג הינטערוויי־לעכטס, זייטוועלטס. און פּלוצעם — זיך שטעלן, און מאַרשירן זיגזאַג אויס לענג דער געדיכטעניש. און ווידער אויף אַלע פיר מאַרשירן אין דער ברייט, און ווידער אין דער לענג... דער אַלטער אַלבערט שטייט אויף

דער וואַך, דער ביקס פול געלאָדן אין דער האַנט און גרייט צו לייגן אויפן אָרט יעדן ווידערשפעניקער און שונא פון פאָטערלאַנד. גאָר אויפגעלייגט איז קרויזע. מיט שטראַליקע אויגן באַגלייט ער דאָ יעדן באַוועג און איז אין התפעלות פון בערנאַרדס דרעסור. ער רינגלט אימפּעדיק די מענטשן און קוקט נאָך שטרענג, די באַפעלן זאָלן אויסגעפירט ווערן פּינקטלעך. אַלע ווילע בייגט ער זיך צו זען, אויב די קראָפּעווע רירט טאַקע אָן פעסט יעדן טייל גוף באַזונדער.

— אַ פּאַרשטשיק... — קרעכצט אַרויס בריל. — אונדזער אדון כאַפּט זיך שוין צו שטודירן אַן אַנדער פאַך, אים גענדזלט זיך גאָר אַרבעטן מיטן בעזעמל אַלס באַד־גוי. אַ וויסטער סוף קומט אָבער אויף די!...

— און איצט זיך לעשן!.. — קומט שוין בערנאַרדס אַ נייע „סטראָפּע”.

דערציטערט ווערן די יידן. צום וואַסער גלייך דערביי ווערן זיי געטריבן. זיי קאָנען דאָס אָרט; ניט לאַנג צוריק אין דער שטעל געאַרבעט, וויסן זיי ווי טיף דאָ איז און שטראָמיק!... בעטן זיי זיך, די שלאַבעריקע, וואָס האַלטן זיך קוים אויף די פיס. אַנדערע נעמען טענהן, אַז זיי קאָנען בכלל ניט שווימען. די ערשט בריינגען אַריין קרויזען אין היסטערישן געלעכטער:

— כאַ־כאַ! יידן קאָנען שוין ניט מאַכן מיט די הענט... שוואַך נעבעך אויף לאָזן זיך מיט עלנבויגנס, כאַ־כאַ...

— מאַרש! — איז בערנאַרד אומגעדולדיק, און באַלד כאַפּט ער זיך: — האַלט, די ריי ווערט איבערגעשטעלט!

די טענות פון די מענטשן גיבן אַריין דעם קאַפּאָ ווידער אײַנפאַל. אויף לעצט שטעלט ער איצט אַוועק די ניט־שווימער, און די פאָדערשטע אין ריי פּטרט ער אָפּ מיט גאָר וויניק קונצן און טרייבט זיי אַוועק מיטן טייך ביז דעם וואַלד. דאָרט וואַרט שוין דער פּאָסטן, וואָס פירט זיי אָפּ אין די ביימער. ביי דער צווייטער וואַסער־„סטראָפּע” בלייבט דער קאַפּאָ מיטן מייסטער.

— אַז מיר קאָנען ניט שווימען — הערן ניט אויף די מענטשן צו טענהן — מיר קאָנען ניט!..

— אָט דאָס דאַרפט איר טאַקע דערווייזן... — איז אויפגעלייגט בער־

נאַרד, און באַקומט אַ פּאַטש אין פּלייצע פון מייסטער, וואָס איז באַגייס־טערט פון זיין שאַרפזין. — — —

קרויזע שענקט ניט אויף זיין ביר. ווי דער זייגער גיט אים אַ ווייז נאָענט צו צען, זעט ער שוין צו פאַרענדיקן מיטן שפּיל. ניט אָפּצורייסן אָבער בערנאַרדן. דער איז ביים טייך אַזוי פאַרטאָן אין „לעשן" די יידן, אַז צוויי דערטרונקענע זיינען ביי אים נאָר אַן אָנהייב... מיט התפּעלותדיקן שמייכל פאַרבעט קרויזע דעם קאַפּאָ צום ביר, און די אַנדערע שפּאַנענדיקע „סטראַפּעס", וואָס דער ברענט נאָך צו דורכפירן, באַקומט ער די פאַר־זיכערונג אויף גאָר אין גיכן... האָפּערדיק ביז גאָר ווערט בערנאַרד פון דעם מייסטערס פיינקייט. מיט אים צוזאַמען גייט ער עס צו דער קאַנטינע, און פון דאָרט, ווו קאַטאָרזשניקעס טאָרן אינעווייניק ניט אַריינקומען, וועט עס אים קרויזע אַליין אַרויסטראָגן דעם קופל, און אפשר נאָך וואָס כיבוד!

— אַן אַפּעל מוז אָבער זיין! — נעמט באַלד פאָדערן אַלבערט.

זעקס און דרייסיק קעפּ האָט ער אין דער פרי געגומען פון לאַגער, דער עלטערער פּאָסטן, און געגוי די צאָל מוז ער נאָך דער אַרבעט צושטעלן צום טויער. אויסער אָבער די צוויי דערטרונקענע, וואָס איינער פון זיי איז פּראָפעסאָר הירש, און אויך דעם צווייטן קאָן ער אין פּנים און וועט זיך פאַר אים קאָנען אונטערשרייבן אין ראַפּאָרט, — איז ער ניט זיכער מיט די איבעריקע. צו לעבעדיק איז דאָ געווען... דאָס ביר וועט אָבער ניט אַנטלויפן. באַשטייט אַלבערט אויף זיין פליכט און פאַרהאַלט די צוויי אײדער זיי גייען אָפּ.

שוין אויסשטעלנדיק די רייען, קומט אַריין בערנאַרד אין באַגייסטע־רונג. ווי די שפּיזיקע זונשטראַלן ברעכן זיך און גליען איבער די פאַר־סמאַליעטע לייבער!... ער האָט געפּאַטשט איבער פּלייצעס ווי אַ בעקער אַ געראָטענעם ברויט. מיט די פינגער האָט ער געפירט ליניעס איבער דעם הויט און געשפּרונגען פון התלהבות. יעדער קערפּער כמעט האָט זיך אַנדערש צעבליט, און די אַלע רייען צוזאמען, — ווי זיי שפּיגלען זיך בונט אין דער זון!... איבערראַשט איז ער יעדע ווילע ביים ענדערן דעם קוקווינקל. אָט דאָמינירט פאַר זיין אויג אַזאַ צונטערקייט, און אָט

פאַרטראָגט זיך שוין דאָס אַלגעמיינע אויסזען אין וויאַלעט, און אַט שלאָגט זיך אָפּ מיט בלוי... בערנאַרד רופט אויס:

— הער מייסטער, פאַרן צוריקגיין פון דער אַרבעט מאכן מיר ווידער אַזאַ אַפּעל!. די לייבער וועלן שוין זיין ברווינלעך; און אויפן פּאָן פון זון־אונטערגאַנג, דאָ ביים שטראָמיקן וואַסער, וועט עס זיין דער פאַרבנ־שפּיל!...יאָ, הער מייסטער, מאָרגן וואָלט דאָ אויפן פּלאַץ געווען גאָר נייטיק אַ סאַניטאַרע הילף, אַז די זאָלן קאָנען גוט אַרבעטן...

— ווידער אַ גאָר געשיקטע אַנצוהערעניש... — באַלעקט זיך קרויזע מיט אַ שמייכל.

בערנאַרד ווייס שוין ניט ווו צו פאַלן. שפּרינגט אים אָן אַ זאָרג פון דער האַלטונג דאָ ביי די מענטשן. ווי די קרימען זיך עס, אַז מען באַרירט זיי דעם קערפּער! גאָר שוואַך איבערדערצויגן זיינען נאָך אַט די מאַנ־זשעטן־טיפּן, אַז פּשוט אַ חרפּה פאַר קרויזען!... צעברילט זיך דער קאַפּאָ און נעמט אויך מוסרן:

— גלעטן דאַרף מען אייך אַוודאי!... דער שיינער אויפפיר! אַט ליגן פּאַר אייערע פיס די צוויי. ווי לאָזט איר עס זיי אין טיפן וואַסער אויף הפקר? גאָר קיינע קאַלעגיאַלע געפילן, קיין ברודערשאַפט!... שוין איין מאָל קאַצעטלער!..

אַז שולדיק זיינען זיי גאָר אַליין, איז דאָ בערנאַרד די יידן קנאַפּ וואָס מחדש. זיי זעען אָבער שוין פאַרויס די קלעפּ, וואָס זיי וועלן אויך שווייגנ־דיק אַריינכאַפּן היינט, ביים ווייזן מידקייט אין טראָגן די טויטע דעם וועג פון פינף קילאָמעטער צוריק אין לאַגער אַריין... איז זיי שוין אָנגע־נעם צו הערן דעם מייסטערס וואָרט, וואָס קומט מיט אַ טאָן פון ברייטן זשעסט:

— רו! ביז אייער זופּ קומט קאָנט איר זיך פריי קראַצן. יאָ, חג הקראַצען!... — און שוין דערוועקט זיך אין קרויזען דער דרשן. — יאָ, חג הקראַצען, ווי דאָס קלינגט, טאַקע געניי ווי חג הפליטה!.. יעדער ייד האַלט דאָך פאַר זיין ערנפליכט צו באַשווינדלען אַ גוי כאָטש איין מאָל אין זיין לעבן; און דעמאָלט פייערט ער זיין חג הפליטה. וואָס מער איינעם געלינגט צו אַריינכאַפּן רייכע פאַרמעגנס פון גויים, ווערט דער חג הפליטה זיינער אָפּגעריכט מיט גרעסטער צערעמאָניע. זיין כבוד שטייגט

גאָר הויך און ער ווערט פון יידישן פאָלק געוויילט אין די געהיימע זיקני ציון... אַלזאָ, זייט באַגריסט, איר ליבע באַנדע, צו אייער חג הקראַצען!...

— צו רפואה!... — פּרוווט ד״ר בריל איינשטילן אַ ביסל דאָס אויקענעץ פון די יידן, וואָס איז אויסגעבראָכן באַלד ווי די דייטשן זיינען ניט געוואָרן. — געהאַט אַזאַ מרחץ, און אַט הייסט דער אָדון אַליין דאַטשע פראַווען. טאָ וואָס איז דאָס קרימען זיך?.. אוי, סאַראַ יסורים משוגענע ביים אַ דריי טאָן דעם קאָפּ, אוי, אוי!...

אויך דער שטענדיקער לץ פון קאָמאַנדע האַלט דאָ ניט אויס. די מענטשן נישטערן, ווענדן שלאַבעריק זייערע עינויימדיקע בליקן אויף אַלע זייטן. נאַקעטע וואַרפן זיי זיך אַרום ביים ראַנד וואַלד און קליגן זיך, ווי לייכטער צו באַוועגן אַ גליד. נאָר אַ ריר, שפּרינגט זיי עס אויף. דער נאַגנדיקער ברען טריקנט דעם צעקוואַרטן פאַרמעטהויט ביז פּלאַצן און שפּריצט מיט גליאיקן פיבער. מיט אוי־אוי יאָכצט די לופט... שטילן די יסורים מיט אַ ווערטל וויל אויך גבריאל זיוו:

— געהערט, עמלק כאַפּט אַזעלכענע מכות, און דאָ קרימט זיך ישראליק פון די פּירעזשקעס, וואָס מען איז אים לכבוד דעם מכבד!... אונדזערע לייבער האָבן דאָך די זכיה צו אויספּוצן זיך מיט די פּרעכטיקע פּאָעטישע בלימעלעך פון אונדזער געניאַלן קראָפּעווע־סטראַטעג!..

צום פאַרגעסן אַ ביסל די יסורים — מאַכט אַלבערט. אַ לענגערע ווײַלע איז ער געזעסן פאַררוקט אונטער אַ בוים און ניט אויפגעהערט צו שפּייען און צו שטאָפּן זיין פּיפּקע מיט נאָך טאַבאַק. האָט אים אַט גאָר אַ הייב געטאָן און ער דרייט זיך שוין אַרום דערביי. פּאַמעלעך נעמט ער זיך אויך נענטערן, און בלייבט שטיין פאַר די צוויי דערטרונקענע. ציט ער טיף די פּיפּקע און צעשפּייט זיך גאָר שטאַרק:

— דער פּראָפעסאָר, אַ שאָד.. ניט איין מאָל מיר געגעבן דאָ גוטע מעדיצינישע עצות... נאָך היינט אים געוואָלט ווייזן מיין פרויס רעצעפּט און אָן אָפּשריפט פון אירן אַ מאָגן־אַנאַליז, וואָס זי האָט אין אַ בריוו צוגע־שיקט... אַ גרויסער ספּעציאַליסט געווען, אַ שאָד...

— און אויך אויף זיין אייגענעם מאָגן איז הירש געווען דער מומחה, מוזן מיר טאַקע איצט קאָנסטאַטירן — וואַרפט אַריין ד״ר בריל אויף זיין ליטווישן יידיש און האָט הנאה, וואָס דער פּאָסטן שטעלט אויס נאָז און

אויערן. — ביים פּאַרטיידיקן זיין קיי־טעאָריע, פּלעגט ער מיט אַ פּראָפּעסאָ־רישן אויטאָריטעט פּאַרויסזעצן, אַז פון הונגער וועט ער ניט שטאַרבן...

— דאָס קאַפּיטל תהילים איז עס, וואָס מיר אַלע וואָלטן דאָ געדאַרפט זאָגן אויף די קדושים?.. — בייזערט זיך ר׳ חיים דוד אויף דער ליצנות. שפּירט אַלבערט ווי די יידן לייגן בפירוש ניט קיין אַכט אויף אים. ציט ער ווייטער זיינע רייד מיטן באַמי שוין וואָס אויסברענגען:

— די קאָמאַנדע איז אָבער היינט ניט געווען אין אָרדענונג. פרעך באַליידיקט דעם דייטשן פאָלק, און פּראָוואָצירט!...

— און ווען באַליידיקט ניט אַ ייד? און אַז ער טוט וואָס, איז דאָך גאָר בייז!.. — האָקט אים איבער גבריאל, וואָס דערשפּירט דאָ באַלד קרויזעס עברי. — אַפּילו די צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך אַזוי געבעטן ביים קאַפּאָ, ער זאָל זיי ניט טרייבן טיף; אויך די זיינען אומגעקומען דורך אונדז. אַזוי האָט געפּסקנט דער זעלבער בערנאַרד, וואָס האָט נאָך בכיוון געהאַט פאַרטריבן די אַלע אַנדערע אין וואַלד אַריין, ווייט פון טייך. און פון דעם קאַפּאָס פּסק־דין האָט דאָך אָנגעקוואָלן דער מייסטער...

— איך זאָג עס ניט; און ביים דערטרינקען די מענטשן בין איך אַפּילו ניט געווען און ניט געוווסט פון דעם פּלאַן; אַז איך פאַרשטיי בכלל ווייניק אין פּאָליטיק... — איז דער טאָן אַלבערטס ווידער אַן אַנדערער, און ער רעדט שוין גאָר צו היילבאַכן: — קרויזע רייסט זיך צוריק אין דער פּאַרטיי, זאָגט מען, און ווערט ווידער אַ גרויסער מאַן... בערנאַרד, ווידער, האָט פריער אויפן בערגל ניט אויפגעהערט צו דערמאָנען די אינגע, אָט די פון בודע, אַז ער זאָל זי צוריקקריגן. וועגן זיין באַגנעדיקונג האָט אים דער מייסטער טאַקע בפירוש פאַרשפּראָכן צו דורכפירן, אויב נאָר ער וועט ווייזן פיינע אַרבעט... פאַרוואָס איך האָב זיך געמישט אין דעם שפּיל, ווייס איך טאַקע ניט...

— נאָר שיינע ווערטער!... — שפּרינגט אויף אומדערוואַרט היילבאַך. — אַז עס קומט אָבער צו וואָס, איז קרויזע דער וואָרטזאָגער און בערנאַרד דער פירער, און דאָס לעמעלע אַלבערט גייט אין שפּאַן. אַך יאָ, נאָך דעם ווייס ניט דער הער אַלבערט אַליין ווי עס צו דערקלערן...

— אַז איך האָב גאָר אין גאַנצן ניט געדאַרפט זיין דערביי... — צעקראַצט זיך אַלבערט אין הינטערקאָפּ. — ווי דענקסטו?

— איך פאַרשטיי אָבער ניט, הער פּאָסטן, פאַרוואָס איר דערציילט עס מיר בכלל. — קאָן זיך היילבאַך ניט באַרואיקן. — וועגן דער ראָלע אייערער, וואָס איר האָט געשפּילט אין דער פיינער קאָמעדיע, ווילט איר דווקא הערן פון אַ נאַקעטן און אַזוי געשענדטן?.. הער פּאָסטן, לויט פאַר־אָרדענונגען טאָרן מיר דאָ אַלע גאָר ניט ריידן צו איך פּריוואַט, און איר צו אונדז דאַרפט לאָזן הערן נאָר באַפעלן...

— יאָ, איך ווייס דאָך אָבער ווער איר זייט, הער קאַמערצראַט, און פּערזענלעך זייט איר זייער וויכטיק אין מיינע אויגן... אַזאַ צייט. סאָל־דאַטן־פליכט. און ניט מער ווי אַ פּשוטער דייטש...

— אַנטשולדיקט, הער פּאָסטן, איך בין אָבער ניט קיין אַריער...

ז. וואָס וועט זיין מיט אונדזערע לעבנס?

קיין איינער פון דער קאָמאַנדע טראַכט נאָך ניט וועגן אַרויפציען וואָס אויף דעם בלויזן קערפּער. שוידערן מאַכט נאָר דער געדאַנק צו באַרירן די הויט, וואָס איז אַזוי פאַרשרפּעט פון דער קראָפּעוועו. פריי־זיינען איצט די מענטשן אין באַוועגן זיך ביים ראַנד וואַלד און פריי פילן זיי זיך אויך אין ריידן. דער פּאָסטן האָט געקאָנט זיין גאָר זיכער, אַז קיין איינער פון די צעמורשטע פאַרשוינען וועט ניט לויפן, און פון דער צאָל קעפּ וועט אים ניט פעלן. האָט ער ביי דער שטייגיקער היץ פון טאָג זיך טיפער פאַררוקט אין שאָטן פון דיביימער, און נאָך אַ לענגערן פּיפּקענען און כראַקענען אויך איינגעשלאָפן.

דאָס לייכטע ווינטל איז גאָר ניט מילד צו די נאַקעטע לייבער. אַלץ רייצט די הויט און מאַכט זי פּולווערן. די זונשטראַלן, די קילע שאָטנס און פרישע וואַלדלופט, — אַלץ ברענגט ווייטאָג. אויך דער ווייטער גערויש פון די בעטאָן־מאַשינעס, וואָס דערגרייכט קוים פון די נייע האַלעס ביים אַעראָדראָם, און דאָס זשומען פון די אעראָפּלאַנען, וואָס פליען פאַרביי, לאָזן ניט די מענטשן זיך געפינען אַן אָרט. גרויסע מחותנים מיט דער העליש צעבלימטער הויט זיינען געוואָרן אַזוי פיל פליגעלעך און וואַלדבינען...

די מענטשן הערן ניט אויף צו זוכן מיטלען אויף באַרואיקן זייערע

ווייטאָגן. בלאָזן זיי אויף זיך, און איינער אויפן צווייטן. מען דרייט זיך און טאַנצט אַרום אין ווינט און קעגן ווינט. באַלד זעט יעדערער צו האַלטן וואָס אין דער האַנט און פּאַכען איבער זיך, אָדער איינער איבער דעם צווייטן, קעגנזייטיק. אַ סך כאַפּן זיך צו צווייגן. באַלד זיינען אין גאַנג ר׳יטלעך מיט וואָס גרעסערע בלעטער...

— אַ פייערלעשער־קאָמאַנדע!... — ברייטערט בריל זיין בליק איבערן עולם, וואָס איז צעוואָרפן אין גרופּעס און טוט אַלץ אויף צו לינדערן די יסורים.

— אַתה בחרתנו... — וואַרפט צו חושך מצרים אויף דער זייט פון ר׳ חיים דודן, וואָס אַרבעט מיט די צווייגעלעך צוזאַמען מיט גבריאלן און ד״ר בריל.

פון גרויס שטוינען שפּירט ניט תרשיש קיין ווייטאָג ביים אויפשפּרונג פון זיינע פּלייצעס. ער מערקט אויך ניט, ווי די צווייגעלעך לאָזן זיך אַרויס פון זיינע הענט. אַזעלכענע רייד קאָן ער בשום אופן ניט פאַרשטיין. ער כאַפּט זיך צו פאַרריכטן דאָס היטל אויפן קאָפּ און קאָן ניט שווייגן:

— און „והייתם לי סגולה מכל העמים״, איר וועט זיין מיין באַזונדער אייגנס פון צווישן אַלע אומות? און אשר קידשנו במצוותיו״, ער האָט אונדז געהייליקט מיט זיינע געבאָטן?... יאָ, אַ בונד אַזאַ מיט זיין הייליקן נאָמען!... אַזוי אָבער אַ פּאַרטיי, אַ היינטיקע און מאָדערנע, איז פאַר־שטענדלעך פאַר יעדן איינעם בתכלית הפשטות. דער קאַנדידאַט ווערט ביים אַריינטרעטן אין אַזאַ געוואָרנט פּרינציפּיעל, אַז ער זאָל נאָר ניט אויסקוקן אויף פּראַקטישע נוצן דורך זיין חברשאַפט. מיט די חברים דאָרט ווערט אָפט געקנעלט, אַז זייער פליכט איז צו זיין דער אַוואַנגאַרד, קעמפן פאַרן אידעאַל פון דער באַוועגונג און זיין גרייטפול אויף קרבנות... איז שוין דער מענטש אַזוי געפאַלן, אַז ער איז ניט בכוח צו באַגרייפן אויך אַזאַ מין „פּאַרטיי״, וואָס די פּרינציפּן אירע זיינען געמיינט טאַקע לשמה און זי האַלט זיך שוין ביי זיי טויזנטער יאָרן?...

טיפער אַריינגייין אין אַזאַ וויכוח לאָזט שוין ניט גבריאל. אים געפאַלט עס אויך ניט שווער. מיט אַ שמייכלדיקן קאָפּשאָקל פאַרקערעוועט זיך ביי אים שאַרף דער שמועס:

— מיר פּאַכען מיט די צווייגן, און דעם עיקר מיטל צום לעשן זיך פאַרגעסן מיר... מען שווייגט גאַר וועגן דעם קריעת ים סוף!

— טאָ פאַרוואָס בעט ער ניט קיין שלום, דער המן? — שטעלט באַלד אַ פּעסימיסטישע קשיה איינער פון די „פּראָפעסיאָנעלע". — ווי מען רעדט דאָך אַלץ, איז ער שוין לאַנג צעפּאַלמעסט פון מיזרח און פון מערב!...

— אַ צעריסענער שוד... — דערקלערט באַזאַכט אַ ליטווישער ייד. — רעדט מען וויפל קאָן אויסהאַלטן אַ שוד, איז געמיינט כל זמן ער איז נאָך גאַנץ. צערייסט ער זיך, איז טראָג און טראַג. אָט דאָס זיינען היינט די עמלקים...

אויב שוין אַ משל, וויל אַ לאָדזשער סוחרישער ייד מקרב זיין מער צום שכל די שוועריקייטן פון היטלערן:

— דאָס איז דער מאַן אויף דער דראָזשקע... המן איז היינט אין דער לאַגע פון יענעם פאַרשויך, וואָס שטייגט ניט אַרויס און טרייבט דעם דראָזשקאַר אַלץ ווייטער צו פאָרן, ווייל ער האָט ניט צו באַצאָלן... ער ווייס דען ניט, אַז ווי נאָר ער בעט שלום, ווערט אים צוגעטראָגן דער חשבון?...

אַ שמייכל אַ פרייער קאָרטשעט זיך היילבאַכן איבער די שניטן פון פּנים. דאָס שטרענג צוגעלייגטע אויער מאַכט אים לייכטער צום אויפ־כאַפּן דעם יידיש. עס שרעקן אים אויך ניט די מענטשן מיט זייערע בליקן, וואָס מאַנען דאָ פון אים קאָנטיק אַ מיינונג. דאָס וואָרט זיינס איז אָבער אין ריינעם דייטש, אָן אַ וועלכן רמזימדיקן צומיש, און קומט אַרויס ווי געזאָגט מער צו זיך אַליין:

— קרעמערישע מעשיות און באַגריפן... אויף אָפּשאַצן די מילחמה היינט דאַרף מען זיין אַן עכטער אייראָפּעער, מיליטעריש געבילדעט און קענען גוט דייטשלאַנד... דער דייטש איז נאָך מעכטיק, און די אַלע קאַמפן קומען נאָך אַלץ פאַר אין פרעמדע לענדער... פאַרן אייגענעם באָדן וועט נאָך דאָס פאָלק קעמפן ביזן לעצטן לעבן!

— און וואָס וועט זיין מיט אונדזערע לעבנס? — וויל שוין אַ ייד הערן נאָך אַ וואָרט פון דער הויכער מיינונג.

היילבאַך פּאַכעט ווייטער מיט די צווייגלעך און האַלט זיין דערקלע־

רונג פאַר געענדיקט. פאַרשטייז קאָן ער ניט, וואָס די יידן קוקן שוין אויף אים ווי אין גאַנצן אַן אייגענעם. האָבן עס די ווערטער זיינע צו אַלבערטן אַזוי געווירקט? זיינען זיי אפשר גאָר געווען איבעריק. יעדנ־פאַלס, ניט פאַר מענטשן אין די אויגן... גבריאלס אַ ביטול־מאַך מיט דער האַנט פּרוּווט באַרואיקן דעם יידן, וואָס וואַרט נאָך מיט אַן אָפן מויל אויף אַ תשובה פון היילבאַכן. און ער לאָזט שוין הערן אויך זיינעם אַ דורכגעטראַכטן וואָרט:

— אויף ווי ווייט די עמלקים זיינען גרייט צו געבן זייער לעצטן לעבן, בין איך ניט אַזאַ עקספּערט. די מילחמה קאָן אָבער געבן אַ פּלאַץ נאָך איידער די ווערן באַווייזן צו פאַרענדיקן מיט אונדז...

— און וואָס ווערט טאַקע דעמאָלט זיין מיט אונדזערע לעבנס?.. — טראָגט שוין אַריין נאָך אַ ייד אַן אַנדער טאָן אין דער פריערדיקער פראַגע.

אַז די באַפרייאונג וועט קומען... וואָס די יידן וועלן טאָן מיט זייערע חרובע לעבנס, — דערלאַנגט שוין ווייניק די פאַנטאַזיע. געציילטע נאָר קאָנען האָפן צו האָבן נאָך ווידער זייערע פרויען און קינדער און נאָענט־סטע; ניט איינער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען זייער אומקום. די געשעפטן און פאַרמעגנס זיינען אָוועקגענומען, און די דירות באַזעצט פון היימישע רוצחים. טויטשרעק יאָגט אָן נאָר דער געדאַנק צו גיין נאָך צוריק אין די אַלטע היימען!.. קראַנקע און צעבראָכענע און חרובע, — וועלן זיי עס דאַרפן בויען אַלץ פון דאָס ניי!

— אונדזער ר׳ חיים דוד זוכט זיך אויס ווו אַ מקום, און ווערט רב — וואַרפט אַריין בריל אין זיין לייכטן טאָן.

— דער ערשטער ביישפּיל, און שוין אַ פאַלשער! — לאַכט זיך אויס גבריאל. — ר׳ חיים דוד איז יאָרן געווען אַ סוחר. טאָר אַזאַ ניט זיין קיין רב.

— אַ נייע מעשה! — שפּרינגט אויף דער לאָדזשער און מיט אים נאָך סוחרישע יידן. — נאָר ראַיעל האַנדלען, קאָן זיין דער מענטש העכסט אנשטענדיק און מאָראַליש...

— אַז ר׳ חיים דודן איז די קראָם גאָר צוגעפאַלן בירושה — שטעלן זיך איין די שטאָטישע זיינע. — קומט דאָך אויס, אַז אַ מענטש וואָס

לערנט די תורה לשמה און וויל זי ניט מאַכן פאַר אַ קרדום לחפור, איז שוין פּסול אויף רבנות !..

— די מוחות אונדזערע זיינען נאָך ניט פאַרסמאַליעט... — לאָזט ניט נאָך גבריאל. — פינף מאָל אַ טאָג לכל הפחות איז אָבער דער קרעמער געוויינטלעך געצוואונגען צו מאַכן אַנשטעל און „ריין געשעפטלעך" אַריינ־בראָקן אַ ליגן ?.. אַ צענדליק יאָר אַז מ׳האַלט אַ קראָם, וואָס איז דורכן חודש אָפּן וויניקסטנס צוואַנציק טעג ; טאָ גיט זשע אַ כפל... מיר זיינען מוטער נאַקעט, לאָמיר זיין אויך אָפּנהאַרציק !

אין ר׳ חיים דודס אויגן נעמט זיך פאַרטראָגן דער גאַנצער שמועס אין גדר פון קלות־דעת און ליצנות, און קאָן נאָך דערגיין צו זילזולים פּערזענלעכע. דאַרף ער דערביי געוויס ניט זיין ; ציט ער זיך אָפּ וואָס ווייטער... על כל פנים, די זון איז שוין באַלד איבערן קאָפּ, און ער האָט נאָך צו זאָגן. אפשר וועט ער אויך אַריינכאַפּן מינחה. ווער ווייס וויפל שטע־רונגען דער טאָג קאָן נאָך ברענגען !..

דאָס רעדל ברייטערט זיך אַרום גבריאלן, וואָס אין זיין איינגע־שפּאַרטקייט וויל ער קיינעם ניט נאָכגעבן. איינעם אַן עלטערן בוכהאַלטער שטויסט ער סתם אָפּ. ווער נאָך ווי דער וואָס האָט יאָרן געאַרבעט, טענהט ער, אין גרויסע פירמעס און געוויס דאָרט „באַאַרבעט חשבונות און רעטו־שירט באַלאַנסן", — ווער נאָך ווי אַזאַ ווייס דעם גאַנצן אמת !.. די אַנדערע דאָ גיט ער אַ לופטער פון דער סוחרישער פּראַקטיק. ער דערמאָנט פון „נאמנות פרנסה", צאָלונגען־הבטחות, סחורה־באַשטעלונגען, אַרויסקריגן קרעדיט און געבן קרעדיט, שטייערן און צאָל־דעקלאַראַציעס און נאָך „קאָ־מערציעלע געגנג און קאָמבינאַציעס"... אין גאַלאָפּ פאַרט שוין אַרויף גב־ריאלס אויג אויף היילבאַכן. אויך אים טוט ער קונדייסקע אַ כאַפּ :

— הער קאָנסול קאָמערצראַט ! איר פאַרשטייט דאָך געוויס וועגן וואָס דאָ גייט. אַלזאָ, ווילן מיר הערן קורץ און בינדיק אייער הויכגע־שעצטע מיינונג : טאָר אַ געוועזענער געשעפטמאַן זיין אַ ראַבינער, אָדער ניט ?..

ווי אַ געניטן יעגער וואָלט געלונגען אומגעריכט אַ נעם צו טאָן אַ ווילדן אָקס ביי די הערנער, פּילט דאָ היילבאַך אין די טשיקאַווע בליקן

פון אַלע זייטן אויף אים מיט זיוון... זעט ער זיך נאָר צו האַלטן קאַלט, און ער קליגט זיך מיט יעדן וואָרט:

— די געשעפטסוועלט איז אַ גאַנץ ברייטע, און די יסודות פון האַנדל זייגען פאַרשיידן לויט די ערטער... יעדנפאלס, מיר פערזענלעך זיינען וויניק באַקאַנט די סוחרישע סיסטעמען און עטיק פון מיזרח־איראָפּע...

— הער קאַמערצראַט! — צינדט זיך אָן גבריאל. — אויף אַט דעם דערבייאיקן בערגל אַז איר גייט אַרויף, קאָנט איר פון וויטן דייטלעך זען, אויף דער צווייטער זייט רעכטס, די קוימענס פון איין פאַבריק מיינער. יאָרן לאַנג בין איך געווען ענג פאַרבונדן מיט דייטשע און ענגלישע קאָמ־פּאַניעס. איר רעדט דאָ מיט מענטשן וואָס קאָנען זיך אויס אין דעם היי־ליקן מערב־קאָמערץ... נאָר אָן פילאָזאָפיעס! איר אַליין, ד״ר היילבאַך, דאַרפט אויך וויסן, אַז אַ געשעפטמאַן, אין תוך גענומען, איז אומעטום דער זעלבער... טאָ שטעלט זיך פאָר אַ קרעמער ביי אייך אין אַן אָרט־שאַפט וואָס ווערט אַ ראַבינער אין אַ געמיינדע טאָקע אויך ביי דעם ריין...

צו פיל פאַר איין טאָג!.. היילבאַך פאַרדייעט נאָך ניט וואָס ביי אים אין מוח קערט זיך שוין פון האַלבער נאַכט, בעת דער אויסוואָרף אין באַראַק האָט אים אויך אַוועקגעשטעלט אין ריי אויף צו באַקומען די שמיץ!.. נאָך דעם איז געקומען די קראָפּעווע... ניין, ער האָט ניט קיין חרטה אויף די ווערטער צו אַלבערטן. ווען ניט די פיזישע מורא, זאָגט ער אַריין נאָך שאַרפער בערגנאַרדן און אויך קרויזען... דאָ גייט אָבער אויף אים אָן אַנ־דרינג גאָר גאָר אַ נייער!.. זאָל ער שוין אויך באַשפייען דעם שטאַנד, וואָס האָט אים געגעבן אַ לעבן רייכקייט און כבוד און אפילו דעם טיטל. עד היום טראָגט ער דאָך מיט שטאָלץ — קאָמערצראַט!.. איז זיין תשובה נאָך מער אויסמיידנדיק און מיט שטאַמל:

— אַזאַ פראַגע, הער זיוו, וואָס איר שטעלט, איז אין אַלגעמיין, קאָן מען זאָגן, אַ געזעלשאַפטלעכע... אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער קולטור־ספערע, פאַרשטייט זיך, פון מאָראַל, גייסטיקן באַנעם...

— גלאַט, און שוין גאָר פאַרדרייט!.. — פאַרט אַריין בריל איראָניש.

— דאָס לעבן, הער קאָנסול, האָט אייך אַ פּנים געפירט צום פאַרקריפּלען גלייכע זאַכן און מסתמא אויך צו גיין אין גאַנץ באַזונדערע וועגן... די

פּראַגע אָבער צו אייך איז גאָר דייטלעך: טאָר אַ סוחר זיין אַ גייסטלעכער און רעליגיעזער פּירער, בכלל, זאָל זיין ביי בודיסטן!..

מיטן פינגער אין אויג גייט מען אים, זעט שוין היילבאַך קלאָר. דאָ איז שוין געצילעוועט קעגן דעם גאַנצן לעבנסוועג זיינעם!.. קאָן זיין, אַז ער האָט פּראַגעס גאָר דעליקאַטע גענומען צו לייכט און אַלץ זיך געלאָזט נאָר מיט פּראַקטישע וועגן. אַריינטראַכטן זיך אין ניט־באַקוועמערע פּראָבלעמען פלעגט ער זען צו אויסמיידן. ניט ווייניק מחשבות וועגן דעם פּייניקן אים טאַקע לעצטנס און שפּאָרן אויך מיט חרטה־געפילן... ניט אָבער פון די מענטשן דאַרף ער עס הערן באַמערקונגען, אַרונטערגעשלינגען זייערע רמזים; אין די טיפענישן פון דער נשמה רייסן זיי זיך!.. פאַר די אַ יידן האָט ער טאַקע שטענדיק מורא געהאַט. דער גאַנצער וועזן זייערער פלעגט אים אויסקוקן אַנגרייפעריש, ווי זיי טראָגן קעגן אים אַן אויסגעשטעלטן וועקסל, אָדער גאָר אַן אורטייל!..

גאָר ניט ניחא איז היילבאַכן, וואָס אַלפרעד סימאָן, זיין פריינד, נעמט זיך אָן פאַר אים. דער פרעגט אים אָבער ניט און טאַנצט אַרויס:

— אָפּשיי, מיינע הערן! איר האָט דען אַ באַגריף, ווער עס איז דער הער קאָנסול קאָמערצראַט דאָקטאָר זיגפריד היילבאַך? ניט איינער פון די אַלע דאָ וואָלטן טעג געדאַרפט וואַרטן ביז זיינער אַ דריטער סעקרעטאַר וועט מיט אים ריידן אַ וואָרט!..

— עס רעדט נאָך פון אייך די גאווה, הער געהיימראַט אַלפרעד סימאָן! — שמייכלט גבריאל. — שוין צייט אָבער אָוועקצוואַרפן... אָט דעקאָרירן אונדז די זעלבע „אָרדנס”, און קוקט אויך אָן די אַנדערע ערנצייכנס איבער אייער לייב.. „גלייכגעשאַלטעט” זיינען מיר דאָ אַלע, און אויך מיט אייך קאָן זיך יעדער פון אונדז נאָך טרעפן אין דעם זעלבן שטיקל זייף...

היילבאַך קראַצט זיך, ווישט דעם שוויס פון זיך און ווייס, אַז די ווערטער זיינען געצילט דער עיקר צו אים... פאַלש זאָל האָבן געווען, הייסט עס, זיין אָפּפרעמדן זיך פון אייגענע, דאָס בייטן אמונות און באגער צו באַהעפטן זיך מיט די שטאַרקע... ווילד איז געווען אויך דאָס קריכן און אַריינדרייען זיך אין ערטער וואָס ער איז ניט געוואונטשן, אויך ווען אַנטקעגן איז אים דאָרט געקומען אַ שמייכל פון פריינדלעכן אָנבליק... גאָר

פאַרלוירן דעם קאָפּ האָט ער מיטן אָנקום פון נאַצי־רעזשים. די עקלדיקע קאָמבינאַציעס זיינע מיט טאַטע־מאַמע!..

— די קעסלען!.. — גיט זיך אַ טראַג איבערן פּלאַץ די בשורה פון זופּ, וואָס האָט זיך באַוויזן פון ווייטן.

אָפּגעהאַקט מיטן אויגפּינטל איז יעדער אַנדער געדאַנק ביים עולם, און גרויס איז דער געאייל צום אָנטאָן וואָס אויף זיך. פון זיינע מחשבות שלאָגט זיך נאָך ניט אַרויס היילבאַך. לאַנגזאַם און שווער ציען זיך צו די בגדים זיינע טריט.

ח. צווישן גאולה און חלף

צוזאַמען מיט זופּ קומט אויך נייס. די יידן וואָס פאָרן מיט די קעס־לען איבער אַ סך שטעלן, הערן זיך אָן כסדר כלערליי זאַכן, און זיי צע־טראָגן עס ווייטער איבער די קאָמאַנדעס. די לעצטע נייס האָבן באַלד געבראַכט צו אַרטור ראָזענבאַכן אַ יידן מיט טענות. צעהיצט איז דער מענטש און עס גייען אים ניט איין אַפילו די דריי שטיקער קאַרטאָפל, וואָס זיינען אים אין זופּ צוגעפאַלן. דאָס וואָס ער הערט איצט, פאַרדרייעט זיך אים ניט מיט דעם וואָס אַרטור האָט געהאַט דערציילט. און ער איז דורכויס בייז:

— וואָס ט׳איר געזאָגט, דאָקטאָר, אַז דער קריעת ים סוף איז פאַר־געקומען נאָר ביי עפּעס אַ ווינקל פון פראַנקרייך? אָט רעדט מען דאָך, אַז אויך אין דענעמאַרק, האָלאַנד און נאָרוועגן!..

— מיט מיינע אויערן האָב איך געהערט נאָר וועגן נאָרמאַנדיע, אַ פּראָווינץ אין פראַנקרייך.

אַ בערשטל־מאַכער איז דער ייד געווען אין קאָוונע, איז נישט אויס־געבונדן אין גאַנג פון די פראָנטן, אָבער די מילחמה ציט זיך שוין פאַר אים איבער געמוג. מאַכט אים אויפשפּרינגען ראָזענבאַכס קאַלטע זאַכלעכ־קייט:

— דאָס אַלץ?.. — אָט זאָגט איר דאָך אַליין, אַז אויך נאָרמאַנדיע, איז דאָך שוין — נאָרוועגן!..

— ניין, — שמייכלט אַרטור אַקאַדעמיש: — „נאָרמאַנדיע״ האָט נאָר אַן ענלעכן קלאַנג ווי „נאָרוועגן״. דער נאָמען איז טאַקע אויך פילאָלאָגיש און היסטאָריש פאַרבונדן מיט נאָרוועגן. רעדט מען אָבער פון קריעת ים סוף, איז דאָס געשען ניט אין נאָרוועגן נאָר אין פראַנקרייך.

— מיט וועמען רעדסטו? — טוט אַ חבר פון בערשטל־מאַכער אַ צי אים מיט צאָרן: — זעסט דאָך, אַז דער קאָן צונויפשלעפּן „ענלעכע קלאַנגען״ מיט „פילאָלאָגיעס און היסטאָריעס״, אַבי נאָר פון דעם קריעת ים סוף צו מאַכן אַ האָן!.. מסתמא נאָך צו ווייניק צרות פאַרזוכט...

אַ סך פון די מענטשן אַרום, ווייס אַרטור, זיינען באַהאַוונט אין היס־טאָריע און געאָגראַפיע ניט ווייניקער ווי ער. וואַרטן דאָ אָבער אויף אַ וואָרט פון זיי, פאַלט אים גאָר ניט איין. דאָס וועלן נאָר גוטע נייס — איז גובר אויף אַלץ... איז אים שוין ניחא וואָס אַ קעניגסבערגער ייד פּרוּווט דאָ אריינטראָגן א סוחרישן טאַלק. פון זיין איינפאַל אַליין פאַרגייט דער אין קראַצן:

— אַז איבעריק דער גאַנצער שפּאָר... פון די רשעים איז שוין אַ תּל. דער סוף איז נאָר אַ מעשה פון טעג!..

— אַ מחייה אָט די מענטשן — קרעכצט באַלד אַריין אַ פּעסימיסט — זיבן מאָל אַ טאָג קומט דאָך ביי זיי משיח.

דעם שמועס זיך אויסברייטערן שטערט בערנאַרד, וואָס לויפט אָן אין געאייל און שוין ניט באַוויזן צו קאָמאַנדעווען ביים קעסל. אויפגע־לייגט איז דער קאַפּאָ און צערעדט זיך באַלד. קרויזע איז אַזוי גוט צו אים!.. אויפן וועג צו דער קאַנטינע האָט ער אויך געשאַפּן אַ ליד אַזאַ שיינעם. די נייס פון טאָג און די בילדער דאָ פון קראָפּעווע־מאַרש און פון דעם לעשן — האָבן אים אַריינגעגעבן איין פערז נאָכן צווייטן. עס הייבט זיך אָן:

ער קריכט דורך ים, יענקי פיינד, —
די דייטשע מויער ברעכן מיינט!
אונדזער פאָלק איז פעלדזן פעסט —
פון קעגנער בלייבט ניט קיין רעשט!..

גאַקעטע מענטשן

רעפריין:

אין קראַפּעווע אינוואַזיע מאַך, דו ייִד, —
בלוט דיינס און פּיין באַשיינט הערלעך מיין ליד!
ברען אין לייב, אין שטראָם דיר אַ טויט־באַד —
דיין גאַנץ לעבן איז מיט דייטשער גנאָד!

גאַנצע פיר סטראָפעס זיינען ביי אים אַרויס, רימט זיך דער קאַפּאָ, און אויסער דעם רעפריין. און דער מייסטער האָט אַזוי געלאַכט!.. ביי דער קאַנטינע האָט ער דורכן פענצטער אַליין געהערט, ווי קרויזע האָט גע־רעד׳ט דאָרט ביים ביר מיט די אַנדערע אַרום די טישן. ער האָט אַזוי פיין דערציילט, ווי אַזוי ביי אים אין אַ קאָמאַנדע איז עס „דורכגעגאַנגען״ מיט ד׳ער אינוואַזיע. דער עולם האָט געגאַפט ביי יעדן וואָרט!.. באַלד טאַקע האָט אים קרויזע געגעבן אַ רוף, ברנאַרדן, ער זאָל דעקלאַמירן דאָס ליד. אַך, האָט ער באַקומען אַפּלאָדיסמענטן!.. איין מייסטער האָט צוגעפּאַסט אַ מאָטיוו און גענומען דאָס ליד זינגען. און נאָך יעדער סטראָפע — די גאַנצע קאַנטינע מיטן רעפריין!.. קרויזע זאָגט, אַז מען וואָלט עס גע־דאַרפט איינזינגען מיט די מענטשן פון קאָמאַנדע, און אויפן וועג צום לאַגער זאָל זיין אַ מאַרש!.. נאָך איין טויטער אַז עס איז דאָ היינט, ווערן די אַלע דריי געטראָגן פאַרויס, און איבער יעדן איינעם אַ גרויסע אויפ־שריפט פון אַ הויפּטפירער ביי די אַליאירטע, — רוזוועלט, טשערטשיל, סטאַלין!.. זיין האַרץ צעעפנט דער קאַפּאָ:

— קרויזע קומט זיכער צוריק צו זיין פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי, און ער וועט נאָך שטייגן. אַחוץ דעם לאַגער־פירער, פאַרשפּרעכט אויך ער צו טאָן פאַר מייך באַגנעדיקונג. זיי עצהן מיר אָנגעבן אַ ביטע צו גיין אויפן פראָנט...

בערנאַרדס פּאַטעטישע התלהבות און די מעשיות פון דער הצלחה זיינער, גיבן דערוויייל עטלעכע דאָ די מעגלעכקייט צו אָפּציען זיך אַ ביסל. אין ד׳ער מיטאָג־פּויזע לאָזט זיך אין דעם אַרום טרעפן מענטשן אויך פון אַנ־דערע קאָמאַנדעס, און מען קאָן הערן וואָס פון זיי, און אַ מאָל אויך כאַפּן אַ שטיקל ברויט. גיט אַ שטראָם באַלד אַ נייס, אַז אַ קאָמיסיע גאָר אַ

השובע האָט זיך דאָ איצט אַרומגעדרייט איבער עטלעכע שטעלן. ס׳רעדט זיך אַ פּנים וועגן קירצן די אַרבעט, אָדער גאָר אָפּשטעלן. און ווער ווייס וויפל קאַצעטלער בלייבן איבעריק!.. נאָך אַן ערגערע ידיעה האָט אָנגעטראָגן די שלאָסער־קאָמאַנדע, וואָס קומט ערשט פון לאַגער, ווי יעדן טאָג, אויף צום אַרבעטן אין די האַלעס ביז האַלבער נאַכט. אַ גרויסע צאָל וואַגאָנעס, דערציילן די מענטשן, זיינען אָנגעבראַכט אויף דער ליניע הינטער די „שוינונגס־באַראַקעס״, וואָס פון דאָרט גייען אָפּ יעדן מאָל די טראַנספּאָרטן פון די אָפּגעסאָרטירטע קאַצעטלער, און אין לאַגער מערקן זיך טאַקע הכנות ווי צו די גרויסע סעלעקציעס...

מענטשן זיינען אָן לשון. אַ שטים כאַפּט זיך אַרויס נאָר פון חושך־מיצרים:

— די גאולה פאַר דעם נאָז, דער חלף אויף דעם האַלדז...

בליקן אויסגעשטעלטע, וואָס בערנאַרד באַמערקט פּלוצלונג, גיבן אים אַ קער דאָס פּנים אויף הינטן. אינגע! פון דער זייט פון בוי־לייטונג טראָגט זיך הויך איר שיין געשניצטע פיגור און פּלאָטערט אין דעם פּאַסקעוואַטן קאַצעטן־אַנטו. רונד און קינדיש באַוועגט זיך דער אָפּגעשוירן קאָפּ אויף דעם שפּילעוודיקן אַכצן־יאָריקן קערפּער. דער לויכטיקער שוואַרצחנעוודיקער אָנבליק גיט אַ צי דעם קאָפּאָ איר אַנטקעגן... צוזאַמען מיט אינגען זעט ער יאָסטן, קרויזעס אַ שטיקל געהילף, וואָס קוקט אויס גאָר־נידעריק און נאָך מער משונהדיק פונאַנדערגעוואַקסן. דער גיט אים אַ ווייז אויף דעם מיידל, ווי אויף אַ לעבעדיקן פּאַקעט:

— דער מייסטער שיקט דיר אָפּ די צוריק.

ניט קיין גרויסער חכם דער יאָסט, און דאָס ריידן קומט ביי אים אָפּט אַרויס ווי ניט דערזאָגט. וואָס אָבער ער שיסט אַרויס, איז געדיכט און בולט. ניט איין מאָל האָט ער שוין פאַר די יידן אַ פּלאַפּל געטאָן מיט גאָר וויכטיקע זאַכן... פּאַרזיכטיק און אָפּגעשלאָסן, לאָזט ער זיך באַלד צום טייך און נעמט זיך דאָרט קנורען אין דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט.

בערנאַרד גלייבט קוים די אייגענע אויגן. ער שרייט אויס פון איבעראַשונג:

— קרויזע איז אַלע מאָל דער מאַן פון יושר און דייטשער ערע!

דער קאָפּאָ לאָזט ניט אָפּ אינגען. ער שטראַלט ביי איר צעקושן זיך

מיט היילבאַכן, און צוזאַמען מיט איר קאָן ער ווי אויך ניט באַנעמען דעם ווילדן קראַצן פון אָנקל און פון די אַנדערע אַרום... אינגען פאַלט אָבער ביז גאָר אויף היילבאַכס צעשויבערטע פאַרטראַכטקייט. ווי זי וואָלט אים אויפגעריסן פון שווערע אומרואיקע מחשבות, קוקט ער אויס. און דאָס קענדל זופּ שטייט ניט אָנגערירט!.. די מענטשן וואָס זי פרעגט, ווייסן גאָר, אַז ער זיצט שוין אַזוי אַ שטיק צייט. עפּעס האָט ער געהאַט פריער אַ רייד מיט גבריאל זיוו און אַנדערע, און מער הערט מען ניט פון אים אַ וואָרט. און וואָס שייך דער זופּ, איז סתם אַ פּיין פאַר די אַרומיקע; זייערע האָבן זיי שוין לאַנג אַריינגעשלונגען, און ווינטשן זיך כאָטש נאָך צו איין לעפל!.. דאָס פאַררייַדן זיך ליידט ניט בערנאַרד. ער איילט זי, און וואַרפט אַרויס:

— אָנקל, מירן שוין זען אַ גוטן זאַלב פאַר בייסונגען.

פאַרקוועטשט די ליפּן קוקן נאָך מענטשן דעם קאַפּאָ, ווי ער לאָזט זיך מיט זיין קרבן צו דער בודע. צעשאָקלט טרויעריק דעם קאָפּ אלפרעד סימאָן:

— טראַנזאַקציעס מיט אַן עלנט הילפלאָזן מיידל...

— און טראַנזאַקציעס מיט נשמות?.. — שפּרינגט אויף ר' חיים דוד.

פון יאָסטן זיינען נאָך די מענטשן ניט לייז. מיט טענות לויפט ער אָן. ווי אָפּט שוין איז ער בייז, הלמאי מען פאָלגט אים ניט וועגן זאַכן, וואָס ער האָט פון זיי אָפּילו ניט גערעדט אָדער דערמאָנט. שיט ער זיינע רייד אָפּגעהאַקט:

— מען זיצט!... צו אַ שיף מוז זיין גוט פאַרפּאַקט; פּיין אָבער אָפּריי־ניקן די געצייג פריער, און ריכטיק צוזאַמענלייגן!... אַ סכן אָנגעזאָגט פון בוי־לייטונג צו זיין גרייט אין וועג, און מיר אויך... דער מייסטער געהייסן גיך מאַכן און גוט!.. געקראָגן עפּעס אַ פריילעכע ידיעה, טרינקט ער דאָרט אין קיך מיט נאָך עטלעכע...

פאַר יאָסטן ציטערט דער עולם קנאַפּ וואָס. אַ שטאָק אין דער האַנט האַלט ער אויך ניט. און גיט ער אַזוי אַ קלאַפּ, איז עס אומגעלומפּערט. פאַר אים איז אָבער גענוג צו זען ביי די מענטשן אַ באַוועג פון ארויסרירן זיך, און ער קייקלט זיך שוין אַוועק פאַרויס; און באַלד קנורעט ער זיך אַ ברוגזער איינער אַליין ווידער ביי דער אַרבעט... איילט זיך ניט קיינער,

און מען פּרוווט זיך אָקאָרשט אַרויפנעמען אויפן מוח די ווערטער וואָס זיינען דאָ געפאַלן. גבריאל זיוו קליגט זיך צו אַרויסוויזן ניכטערקייט מיטן מישן עברי פון זיין אמאָליקן געשעפטלעכן געברויך:

— דער קורס אונדזערער וויגט זיך צווישן אַ לאַגער־ליקווידאַציע מיט אַן אַלגעמיינער עקספּעדיציע פון דעם גאַנצן אַסאָרטימענט קאַצעט־לער ערגעץ אין אַ ווייטערן אָרט פון מיזרח־פראָנט, פון איין זייט, אָדער נאָר אַ פאַרקלענערונג פון דער צאָל קאָמאנדעס, פון דער אנדער זייט. איז אויב טאָקע אַ קירצונג, קאָנען מיר דערוואַרטן אַ סעלעקציע. און ווידער גייען אַוועק אויסגעאַרבעטע מענטשן, די „מוזולמענער״, מיט די טראַנס־פּאָרטן...

— אויב טאָקע אַ סעלעקציע... — וועגט שוין איבער די לאַגע חושך־מיצרים — גאָר לייכט זיך פאָרצושטעלן דעם איינדרוק, וואָס אונטערהינ־קענדיקע און צעקראַצטע לייבער און פּנימער וועלן מאַכן אַלס אַרבעטס־קרעפטן... און ביים סאָרטירן דינט אונדז שוין ניט מער די קמיע „קאָ־מאַנדע קרויזע״; ער פאָרט דאָך געוויס אַוועק, דער מייסטער, אַז ער האָט אָפּגעשיקט אינגען... מאָרגן אין דער צייט קאָנען מיר נאָך פאָרן אין די וואַגאָנעס...

— אונטער דער גנעדיקער באַגלייטונג פון בערנאַרדן... — טראָגט אַריין זיין טאָן בריל: — אונטערוועגס דעקלאַמירט ער אונדז פון זיין ראָמאַנטישן קאַמף. ליריש וועט ער אַ ראָל טאָן זיין טאַקטיק און די סטראַטעגיעס אויף אָפּצוקריגן די הארצדאַמע; מיר וועלן הערן פּאָעזיע פון דעם פּוס־אַפּעל, קראָפּעווע־מאַרש, לעש־אָפּעראַציע, און נאָך קאָמבי־נירטע „סטראָפּעס״...

ברילן אַז אים קומט אויף אַ ווערטל, שטעלט ער זיך ניט אָפּ. פאַר־פאַרט ער שוין אויך מענטשן פון דער קאָמאנדע:

— און דער כוהן גדול פון ליריק וועט אין די וואַגאָנעס שמירן די אויסדערוויילטע מיט אַ זאַלב, אין נאָמען פון דער הייליקער ליבע... נע־בעך, ניט באַשערט געווען טאָקע דער האַרצדאַמע צו ווערן געזאַלבט מיטן הייליקן וואַסער...

היילבאַך זיצט ניט ווייט, קראַצט זיך צו גלייך מיט די אַנדערע, און זיין אויער איז אויך ווי צוגעניגט. די אַלע רייד גייען אים אָבער משמעות

פֿאַרביי און ניט צו מערקן אַ באַוועג אויף זיין פּנים. ניט צו אויפכאַפּן אויך זיין בליק, כאָטש די אויגן זיינען ברייט צעעפֿנט... אַ ריס גיט אים מיט אלעמען דעם קאַפּאָס רוף צו דער אַרבעט. נאָך פֿאַרקלערט, טוט ער אַ נעם דעם קענדל, איילט פֿאַרביי די מענטשן, וואָס שטעלן זיך אויס אין די רייען, זוכט אויף ר׳ חיים דודן און טראָגט אים צו די זופּ.

— אייער האַרץ איז געוויס גוט — שמייכלט פֿריינדלעך דער ייִד. — ביי מיר באַשטייט אָבער אַ חשש, אַז אין דער זופּ קומט יאָ אַריין וועגן פּעטס, און ניט־כשרע. איז דאָך עסן אַ צווייטע פּאָרציע געוויס ניט רעכט...

אונטערן מאַרש פֿון בערנאַרדן רירן זיך די רייען. לאַנגזאַם לאָזט ער די מענטשן גיין דעם שטיקל וועג און פֿאַרקוקט זיך אויך פֿון דעם צעהר־געטן טאַקט. מילד ביז גאָר איז דער קאַפּאָ צו היילבאַכן און קאָן ניט פֿאַרשטיין, וואָס דאָס מאָל נעמט ער ניט אָן זיין אָנבאָט צו בלייבן אויסער דער אַרבעט... ביי דער זייט פֿון ר׳ חיים דודן גייט ער אין ריי, און צוזאַמען פֿאַלט זייער בליק אויף די צוויי דערטרונקענע, וואָס ליגן פֿאַזע וועג צוגעדעקט מיט עטלעכע צווייגן... אין ווייטערן גאַנג גיט אַ פֿאַל היילבאכס ביינערדיקע האַנט אין ר׳ חיים דודס, און זיי קוקן זיך איבער ווי צוויי קעגנערס נאָך אַ לאַנגן לאַנגן רונד אין אַ האַרטנעקיקן קאַמף.

אין קראַנקן-בודע

א. אַ פּאַקעט קומט

— עסן! הונגער!... ברויט, ברויט!...

— שוין ווידער דער מאַדזשאַר!... — רייסן זיך אויף פון שלאָף ווייטאָגדיקע קולות.

— שטיל אים שוין איין, בינדער... — נעמען זיך דורך דער פינצטערקייט טראָגן בקשות צו דעם קראַנקן, וואָס זיין נאַרע איז לעבן דעם יידן פון אונגאַרן און ער ווייס שוין צו אָפּהאַלטן די שפּרינגענישן זיינע און האַמעווען אים אין זיין אומבאַהאָלפענער מעקעריי.

שווער דעם עולם ווידער איינצושלאָפן אין דער ביטערער קעלט. שוין מיטן מאַרץ און די טעג זוניקע, דורך נאָכט אָבער הערשט נאָך אין דעם בייערישן הויכלאַנד גאָר פעסט דער ווינטער. אין דער בודע, וואָס ליגט איינגעגראָבן אין דער ערד, איז שוין פון נעכטן אָן ניט געהייצט. איבערן קאָפּ פינקלט דער פראָסט פון די נידעריקע דאכברעטלעך, וואָס זיינען פון דרויסן איבערגעדעקט מיט אַ דינער שיכט מאָך. שוין זיכער איצט מיטערנאַכט, און אפשר אַרום איינס, — פּרווון טרעפן די מענטשן. זינט אין דעם קאַצעט זייַנען געוואָרן אוועקגענומען ביז לעצט די זייגערלעך איז מען דאָ געוווינט מיטן משער זיין די שעהן... דער אונגאַרער איז שוין שטיל. בינדער האָט אים מסתמא געגעבן וואָס אין מויל. ער פאַרציט אים שוין אויך דעם נאָמען אויף אונגאַריש און נעמט מיט אים איינחזרן:

— יאקאָבפּי, געדענק נאָר... די ברויטזופּ געוועזן געשמאַק, וואָס נעכטן? אַהאָ, גוט געשמעקט!... טאָ געדענק, יאקאָבפּי, אַז דו ביסט הינטערשטעליק אין צוויי נאָרמעס ברויט. כ'האָב דאָס פאַר דיר אויסגעבאָרגט. יאָ?.. מוז מען דאָס זען קאָמבינירן פון פּאַקעט... חוץ דעם, ווייסטו דאָך, אַז דיין עסגעשיר איז געגאַנגען פאַרלוירן. פינף ציגאַרעטן האָב איך אויסגעלייגט פאַר

דעם שיסעלע. יאָ?.. דאַרף איך דאָס באַקומען פון דיין פּאַקעט!.. און דו ביסט דאָך אַזוי שוואַך, שטאָפּ איך דיר די גאַנצע צייט צוקער אין מויל; ווייסטו דאָך... אויך דאָס האָב איך אויסגעבאָרגט. יאָ?..

— אַלץ דער פּאַקעט... — קרעכצט אָפּ פון זיין נאַרע ברוך בליט, וואָס ליגט שוין דאָ עטלעכע וואָכן און קען כמעט יעדן איינעם — אָט דאָס קליינע פּעקל לאָזט עס ניט שלאָפן אויך דעם יאקאָבפּי, וואָס צו זיין שפּרינגעניש זעט זיך ניט קיין ענדע, און דער קאָפּ!...

איבער אַ וואָך ווי מען האָט דעם אונגאַרישן יידן אַריינגעפירט אַ הער אין קראַנקן־בודע אַ צעקאַליעטשעטן. פון די פריש־געבראַכטע איז ער אין לאַגער און ערשט ניט לאַנג איז אומגעבראַכט געוואָרן די פרוי מיט די אַלע זעקס קינדער זיינע; איז אים דאָ גאָר שוואַך געקראָכן אין קאָפּ אַריין די תורה פון אַ קאַצעטלער. זיין שטיין ביים אַפּעל האָט איינעם אַ ראַטע־פירער אויסגעזוען אין גאַנצן ניט שטראַם. איז שוין דעם ס״ס אויך ניט געפעלן געוועזן זיין צוקלאַפּן אַ פּוס צו אַ פּוס און שפּעטער אַ ווילדע זיין טראַט ביים מאַרשירן. האָט ער ווי אַ מומחה גענומען אויף זיך „אויסצוגלייכן דעם יידישן רוקן״ און שוין פאַר איין וועגס „אויסקורירן די פּלאַטפיס״. צווישן די רייען עלעקטריזירטע דראָטן, אין לאַגער־צוים, האָט ער דעם מענטשן דורך נאַכט אַוועקגעשטעלט. פאַר טאָג ווי נאָר ער איז אַרויס, האָט אים אויף דעם פרייען פלאַץ ערשט גאָר שטאַרק פאַרשווינדלט; איז ער אומגעפאַלן, און דווקא אויפן קאָפּ. אַחוץ אַ טיפן ווונד אין שטערן, גיט אים דאָ אָפּט אַ טראַג מיט קאָנוואולסיעס פון דער נאַרע און ער צעשפּריינגט זיך אין ציטער איבערן שמאָלן דורכגאַנג.

— אַז טרייבן ביזנעס, איז ביי בינדערן רעכט אויך פון אַזאַ איינעם!..— בורטשעט מיט אָפּעקל יוסף גרויער, אַן עלטערער בחור פון ליטע. — פאַרשטאָפּט זיין „קעסטניק״ דאָס מויל מיט אַ ביסן ברויט, שטאָפּט ער אים שוין ווידער און ווידער אין דעם אָפּגעשוואַכטן מוח, רעדט אין אים אַריין פון אַ באַרג חובות!..

— אָבער אויך אַזאַ בעל־רחמנות נעמט זיך רעכענען מיט מענטשן, אַפילו מיט די פון אונדזער בודע, די מוסולמאַנען... — ענטפערט ברוך מיט אַ שוואַכן קול צוריק זיין שכן און פרוווט שוין, ווי זיין שטייגער, אַריינטייטשן אַ שטיקל זינען אויך אין בינדערס איינקנעלעניש. — אָט דער טיפּ

קלערט דאָס איבער, אַזביים פאַרטיילן דעם פּאַקעט קאָן זיך נאָך ווער איינ־שטעלן און ניט לאָזן אים באַרויבן אַן אומבאַהאָלפענעם!..

בינדער איז איבערן גאַנצן לאַגער גוט באַקאַנט. ניט ווייניק פון די פּוילישע יידן קענען אים אויך פון דער היים און דערציילן, אַז יאָרן איז ער אלס משרת געשטאַנען אין מאַרק און געשלעפּט קונים אין אַ קראָם אַריין. שפּעטער איז ער שוין פאַר זיך געווען אַ שטיקל הענדלער און יאַרידניק און זיך דעראַרבעט ביז אַ וואַיאַזשאַר און צייטנווייז אַ מעקלער. אין לאַדזשער געטאָ איז ער געווען פון די ערשטע פּאָליציסטן, און ביי די טראַנספּאָרטן, פלעגט זיין גלאַט צינגל גאָר באַזונדער זיין אין גאַנג. ער האָט רק באַרואיקט די מענטשן, זיי פאַרזיכערט אַז דאָס פאָרט מען אַריבער אין זאַטע און לייכטע אַרבעטשטעלן, — און הונדערטער האָבן זיך געלאָזט איינריידן... אין אוישוויץ זיינען אויך פון אים אַוועקגענומען געוואָרן די פרוי און קינ־דער און ער ווייס אויך ניט וועגן זייער גורל. טאַקע דאָרט אין לאַגער איז ער מיט די ס״ס געוואָרן גאָר אַ גרויסער מקורב און שוין אויך אַ חשוב ביי די קאַפּאָס און אַ גאַנצער דורכמאַכער...

דאָ אין דעם דאַכאַו־לאַגער איז בינדער דערגאַנגען אַפילו צו אַ ראַנג פון אַ בלאָקן־עלטסטער. פון גרויס פריינדשאַפט מיט די דייטשן איז גאָר פּלוצעם אויף אים אַרויפגעשפּרונגען דער כלב פון ראַפּאָרטפירער. „איינ־שטיין״, דער קלוגער וואָלפהונט וואָס טרעט געוויינלעך ניט אָפּ פון זיין באַלעבאָס און קוקט נאָר אויף זיין ווונק, איז מיט געלאָף אַריבער דעם ברייטן אַפּעל־פּלאַץ און זיך איינגעפרעסן דווקא אין בינדערן, וואָס האָט זיך ספּאָרטמעסיק געוואָרעמט האַלב־נאַקעט קעגן דער מיטאָגזון. ניט גע־האָלפן האָט די איבערראַשטע מינע פון דעם אָדון און זיין מאַכן פון וויטן מיט דער האַנט, — אַ שטיק פלייש האָט דער כלב אַרויסגעריסן בינדערן פון אָרעם, און דערצו נאָך עטלעכע ביסן איבערן קערפּער. אין דער קראַנקן־בו־דע טרייסט זיך בינדער, וואָס דער ראַפּאָרטפירער האָט גלייך אויסגעדריקט זיין באַדויערונג און נאָך דעם צוגעשיקט אים אַהער אַ פיינעם שטיק פערדן־וווּרשט מיט אַ צושריפט: „פלייש היילט פלייש״...

— דער ראַפּאָרטפירער צי דער הונט, עפּעס האָבן זיי פון אים דאָך אַרויסגעריסן... — לאָזט בליט די לעצטע טעג הערן זיין מיינונג וועגן

בינדערן, און מיט זיין מאַטער שטים חזרט ער עס איבער דאָ אין דער פינצטער.

— אַ מענטש בייט זיך ניט — וואַרפט אין דער שושקעריי אַריין אַ ייד פון אַ דערבייאיקער נאַרע — אויך דאָ אין קראַנקן־בודע זוכט ער זיך דאָך אויס געשעפטן, בינדער. און אַז עס וועט זיך נאָך אַ ווייז טאָן דער פּאַקעט !.. אוי, ווען וועט מען אים שוין טאַקע דערזען, אָט דעם קלוגן אוצרל, אויך דאָ ביי אונדז !

לאַנג לאַנג רעדט מען שוין אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פון שפּייז־פּאַקעטן, — פּאַקעטן פון רויטן קרייץ פאַר יעדן קאַצעטלער ! ענדלעך האָט מען אַזאַ מתנה טאַקע געגומען פאַרטיילן. ניט צו גרויס דאָס קאַרטאָן־שאַכטל, — ווער אין קאַצעט האָט אָבער פאַר דער גאַנצער צייט געזען פלייש־ אָדער פיש־קאָנסערוון, ווייסע ציגעלעך צוקער, עכטע ביסקוויטן און שווייצאַרישע ציגאַרעטן !.. באַקומען האָבן שוין אין לאַגער כמעט אַלע, בלאָקן איינער נאָכן אַנדערן. איבער אַ וואָך אָבער ווי די פּאַרטיילונג איז גע־בליבן שטיין ביי די דריי בודעס, וואָס ליגן דאָ אָן אַ זייט און זיינען באַשטימט פאַר אַלערליי קראַנקייטן. צוזאַמען מיט דער פערטער בודע דערביי, דער אמבולאַנס, ווו די דאָקטוירים נעמען אויף קראַנקע און ווינען אַליין אויך דאָרט, הייסט דער אַ בלאָק ביי די דייטשן „קאַ־בע״, ווי אַ פאַרקירצונג פון „קראַנקענבאַו״. אַ פוס אָבער פון די אדונים קומט ניט אַריין אין דעם „פאַרפּעסטעטן״ ווינקל און די אינערלעכע פירונג ליגט דאָ אין די הענט פון די יידן אַליין, די דאָקטוירים, סאַניטאַרן און אַזוי אויפזעערס — און דער תחום הייסט אַפילו „די יידישע מלוכה״... רועך דאָ ניט די יידן און פרעסן זיך, הלמאי האָט זיך עס דער פאַקעט אָפּגעהאַלטן דווקא ביי זיי, די שווערקראַנקע און פאַרשמאַכטע !..

אַ דערקלערונג זעען דאָ איין אַ סך אין די פאַרוויילונגען, וואָס זיינען לעצטנס אין פולן גאַנג. אַ חוץ די ס״ס, וואָס צו זיי געהערט דאָך אַלץ און זיי הערן ניט אויף צו פראַוען בעלער מיט אָרגיעס, האָבן די אַרישע קאַפּאָס און זייערע געהילפן זיך גאַר שטאַרק צעהוליעט פון דעם טאָג אָן, וואָס אין לאַגער האָט זיך באַוויזן דער פאַקעט. איצט האָבן זיך געגומען פיין פאַרברענגען אויך די „יעלות״, די יידישע קאַפּאָס און אַנדערע יחסנים. אַ

מער זיכערן אָרט האָבן זיי זיך אויסגעפונען דאָ אין דעם אָפּגעזונדערטן ווינקל, אין דער „יידישער מלוכה". נאָך מיט עטלעכע שעה פריער איז אין אַמבולאַנס געווען לעבעדיק, אַפילו מיט געוועזענע אַקטיאָרן. די קינסטלער האָט מען ארויסגעזוכט פון צווישן די מענטשן איבערן גאַנצן לאַגער און פאַרן פאַרווילן ווערן זיי באַלוינט מיט אַלערליי פּראָדוקטן. טאָ ווער ווייס וואָס פאַר אַ קאָמבינאַציעס עס האָבן זיך שוין צעשפּילט אויפן חשבון פון די קראַנקע בודעס!..

וואָס טיפער אין דער נאַכט אַריין שטאַרקט זיך די קעלט. דאָס פענצטער אונטערן דאַך אין עק בודע איז שוין לענגער אָן עטלעכע שייבעלעך, און דאָס פאַראָסטעטע בלעך וואָס פאַרשטעלט די לעכער רייסט זיך אויך מיטן ווינט. קעגן דעם געפרוירענעם באָדן העלפט אַזוי ווייניק דאָס ביסל שטרוי אונטערן קערפּער. און זיך פעסט אַרומוויקלען מיט דער דעקע קאָנען אויך ניט אַלע, מחמת די ווונדן, וואָס ניט באַרירן זיי! דרייען זיך מענטשן נאָר נענטער איינער צום אַנדערן אין דער צונויפגעשפּאַרטער ענגשאַפט און מיען זיך אויפכאַפּן אַפילו דעם וואַרעמען אָטעם. ווי אַנטוישט איז יוסף גרויער, וואָס פון דעם שכן זיינעם ביי דער וואַנט שפּירט זיך ניט אַ וועלכע וואַרעמקייט. אַ גליווערדיקע קעלט גאָר אַזאַ נעמט אַלץ ווייען פון אים. באַלד ווערט גרויערן קלאָר, אַז דער איז שוין אין גאַנצן אויסגעגאַנגען. מיט דריי טעג צוריק האָט מען אים פון דער אַרבעט געבראַכט אַ טויט צעמזיקטן. אַ שטעקן האָט דער מייסטער צעבראָכן איבער זיין פּלייצע. אין אַמבולאַנס דאָ, אָן די נייטיקע אינסטרומענטן, האָט דער דאָקטאָר נאָר געקאָנט אַ טראַכט טאָן פון צעבראָכענע ביינער און איבערגעשיקט דעם יידן אַ הער אין דער בודע פון כירורגיש קראַנקע. איבער פופציק זיינען שוין אָבער דאָ געלעגן, האָט ער ניט גערוט, יוסף, און צוגענומען לעבן זיך דעם נייעם. דער איז ניט לאַנג פון זיין פרעשבורג, אין סלאָוואַקיע. ציווילע זיינען נאָך די קליי־דער זיינע. משמעות ער איז פון די לעצטע גרויסע פּאַרטיעס, וואָס קומען אָן אויפהער אין לאַגער און די ס"ס באַווייזן ניט גלייך אָוועקצונעמען אַלץ פון זיי. מיט זיך האָט ער אַ טאָרבעלע עסן און אויך דעם פּאַקעט, וואָס ער האָט שוין געהאַט באַקומען אין זיין בלאָק.

מיט זיין פאַרבונדענער קני דרייט זיך יוסף קוים אום אויף דער צווייטער זייט. צו ברוך בליטן, וואָס איז צעפּרעסן פון ווונדן און אייטער־

גערוך שפּאַרט פון אים. אַ דערציטערטער וועקט ער אים און שושקעט וועגן טויט פון דעם יידן.

— מיילאַך... — וואַרפט ברוך אַרויס אין זיין טשוכעניש זיך דעם פאַמיליע־נאָמען פון אַ טאַטן מיט אַ זון וואָס זיינען ניט לאַנג געשטאָרבן אין איין טאָג און ער דערמאָנט זיי אָפּט.

באַלד איז ער שוין אין גאַנצן וואַך:

— ניטאָ שוין דער?... יוסף, אַלץ זיינע געהערט דיר!... דריי טעג האָט זיך דער מענטש געמאַטערט, און ווער איז צו אים צוגעגאַנגען? אפשר בינ־דער? דו האָסט אַלץ געטאָן פאַר אים. קוים וואָס דו רירסט זיך אַליין און זשיפּעסט, האָסטו אים צוגעזען און באַדינט. נאָך נעכטן אָוונט ביסטו צו־געשטאַנען צום דאָקטאָר אַזוי שאַרף, ער זאָל זען דאָך ווי צו פאַרלייכטערן דעם חולה אין זיינע יסורים!... נאָר דו האָסט רעכט, יוסף, ס'איז דיינע!

— רעכט... — פאַרשטייט ניט גרויער — איך האָב ניט געקאָנט צוזען ווי אַ מענטש ליידט. וועלכע רעכט?..

דעם אויסדרוק איבער דעם פּנים פון אָט דעם קליינוווּקסיקן מענטשל מיטן הויכן שטערן, — ווי בליט וויל דאָ אין דער פינצטער אויפכאַפּן! ניט איין מאָל האָט ער געהאַט געזען, ווי דער יוסף זאָגט זיך אָפּ עקשנות־דיק צו נעמען פון אַ דייטשן ברויט אָדער אַנדערע געשענקטע עסנוואַרג; מעג ער זיין ווי הונגעריק און דער גוטהאַרציקער געבער ווי באַליידיקט. אַ פּרינציפּ אַזאַ האָט ער זיך, ווייסן שוין אַ סך. באקאַנט איז אויך, אַז ביזן אַריינפאַלן אין געטאָ און נאָך דעם דאָ אין קאַצעט איז די גאַנצע וועלט פון אָט דעם מענטשן, וואָס איז שוין ניט גאָר יונג, געווען ערגעץ אין דער ליטווישער פּראָווינץ. אין זיין שטעטל דאָרט האָט ער געלערנט אין חדרים און אין אַ צווייטן מקום דערביי — אין אַ ישיבה. ער האָט אויך געהאַלטן ביי ווערן אַ שוחט, און זיך אָפּגעשראָקן פאַר דעם בלוט. האָט ער שוין יאָרן אָפּגעאַרבעט אין אַ מיל, אַ פאַרוואַלטער איז ער דאָרט געווען, און געטראָגן אויף זיך דעם עול־פּרנסה פון אַ מאַמען און אַ שוועסטער, אַ גרושה מיט אירע קינדער, וואָס זיינען שוין אַלע אומגעקומען... בליט קאָן דאָ אָבער פאַרט ניט משלים זיין מיט אַזאַ עקשנות פון דעם גרוי־

ערן — ביי דער איצטיקער לאַגע ניט וועלן געניסן פון דעם איבערבלייב; פּרוווט ער גלייך באַווירקן אויף אים מיט סתם אַן אַריינזאַג:

— יוסף, דו ביסט אַ מאָדנער, אַ שטיק פּאַראַדאָקס...

דער געמורמל פון גרויערן און בליטן מישט זיך אָפּט דורך מיט דעם רייסיקן פּיף פון דרויסנווינט וואָס שפּאַרט דורך דעם פענצטער. אין דעם גיט זיך אַ טראָג פון מיטן בודע, אַרום איוועלע, אַ פריילעך לידל:

אינטע לעק,	טעלעק, טעלעק,
אינטע לעק,	טעל, טעל!..

ניט ווייניק כאַפּן זיך אויף פון דעם געזאַנג. לודזן און פּילן זאָגט אָבער זעלטן ווער אַ וואָרט, אַפילו ניט בינדער, זייער שכן און בעל־יועץ. לודז און פיל זיינען דאָ דער „שטובענדינסט", די דינערס אין בודע, און האָבן גרויסע באַקאַנטשאַפט מיט די ס"ס און העכערע קאַפּאָס אין לאַגער. די לידלעך און ווערטלעך פון דיביידע זיבעצן־יאָריקע ייִנגלעך, ווייסן אַלע, זיינען אויך אָנגעהערטע פון זייערע דייטשן, אָדער זיי אַליין מאַכן נאָך אויפן זעלבן שטייגער. יאָרן ווי די יוגנטלעכע זיינען אין די לאַגערן. דאָ האָבן זיי זיך געהאָדעוועט און אַריין אין לעבן און ווייסן שוין כמעט ניט פון אַ וועלכער אַנדער וועלט. ווי קינדער האָבן זיי זיך אויך געפלייסט צו באַקומען אַ גוטע מיינונג ביי דעם ס"ס־מאַן, קאַפּאָ און מייסטער, האָבן אַרומגעטאַנצט די אַ לערער זייערע און מיען זיך אָנצוהאַלטן דעם טאָן פון די אין ריידן. דאָס לידל האָבן זיי איצט אויסגעזונגען קעגן בליטן, וואָס איז אַן „אינטעלעקט", אָדער אַ „טעלעק", ווי די דייטשן רופן אָט די טיי־פּן און האַסן זיי גאָר באַזונדער. „אויסגעקוקטע אויגן האָבן די פון קנורען זיך אין די ביכער — פלעגט אויך לאַכן אָבערשאַרפירער זילקע — און נאָר אַ בוכשטאַב, פאַרגייט זיי דער שטערן אין קנייטשן, און אין אַלץ זו־כן זיי אַ געדאַנק"... גאַנץ אָפט זיינען טאַקע די „אינטעלעקטן" פרעך, מאַכן אַזוינע גרימאַסן. „כוצפּע יודאַאיקאַ" פלעגט אויף זייער אָנבליק אַלץ שרייען אונטערשאַרפירער ראָשמאַן און ביי אַן אַקציע זיינען זיי ביי אים

אין קראַנקן־בודע

געגאַנגען די ערשטע... ברוך בליט ליגט שוין דאָ לענגער און מען ווייס אַז ער איז געווען אַ שול־דירעקטאָר ; און זינט לעבן אים האָט זיך באַוויזן גרויער, פאַלט דאָ אין גאַנצן דער רעספּעקט פאַר דעם „שטובענדינסט"... מינוטן גאַנצע לאָזן שוין דאָ לודז און פיל ניט אָפּ דאָס לידל און בלע־קעכצן נאָך אין דער פינצטער :

טעלעק, טעלעק טעל, טעל !..

גאָר ניט נתפּעל פאַר די ביידע יינגלעך, ציט בליט אין דער שטיל ווייטער מיט זיין שמועס, און ער האָט שוין נייע מאָטיוון :

— הער נאָר, יוסף, מיט פלעגמאָניקער האַלט מען זיך דאָ בכלל ניט. שוין איבער אַ וואָך ווי דער דאָקטאָר האָט דיר געגעבן דעם כיק. נאָך אַ טאָג צוויי, און דו גייסט ווידער צום בויפלאַץ... ביי דער אַרבעט האָט דיר דער קאַפּאָ געגעבן אַ שטויס, ביסטו אַרויפגעפאַלן אויף אַ פאַרראָסטן דראָט ; האָסטו באַקומען דיין באָנדע. וואָלטן דיינע שיך אָבער ניט געווען קיין הילצערנע, און גאָר פיין אויסגעטראָגן, איז דאָך דיין פאַלן ניט אַזוי אומגעשיקט. דערצו אַז דו טראָגסט נאָך דיקע וואָלענע הויזן, און ניט די צעפּעדעמטע פּיזשאַמע פון גראָזליינען, שניידט זיך דאָך ניט אַריין אַזוי טיף דער אייזן ביי דיר אין קני !.. שיך !.. ביי מיר האָט זיך דאָך אָנגעהויבן פון טראָט. פריער גאָר אָנגעריבן אַ פוס, האָב איך ניט געקאָנט אַרומ־וויקלען די טיכלעך. האָבן באַלד אַרויסגעטאנצט פראָסטביילן, וואָס זיי־נען געוואָרן פאַראייטערט און זיך צעגאָסן אין געשווירן. האָב איך זיי שוין היינט ביז אין די פאַכוועס אַריין... נעם, יוסף, שוין אַריבער די שיך. ביי זיין צוקאָפּנס האָט ער זיי געלייגט. און לעבן זיי טאַקע אויך די הויזן. נעם עס ! און צו זיך אויך דאָס אַלע אַנדערע. פון דעם פאַקעט כאַפּ זיך שוין איבער דאָס האַרץ. ביסט אַ געראַטעוועטער ! וואָס חלומסטו ?

אַ צייט נאָך שעפּטשעט בליט, רעדט אַריין, און איז ווידער פאַרחי־דושט פון גרויערס רייד :

— ווי קאָן מען דאָס ?.. על כל פּנים, ניט אָט שוין... דערקלערן עס ?.. ביכער פלעג איך יע לייענען, און גראָד אַ סך. מיט פילאָסאָפיע האָב איך זיך ווייניק אינטערעסירט. כ׳גלייב אָבער אַז עס איז דאָ אַזאַ מין זאַך,

מאַראַלישע עסטעטיק. יע, מאַראַלישע עסטעטיק. מוז זיין... עפּעס כבוד פאַר אַ מענטשן! פאַר אַ ווילדע צוריק נאָך געלעבט, איז שוין זיך וואַרפן אויף זיין איבערבלייב... אַז ווי קאָן מען עס!

— כי־כאַ!.. — דערהערט זיך אַ פאַרשטיקטער געלעכטער פון די יחסנדיקע נאַרעס ביים אייוועלע, און אָט שוין די שטובדינער מיט אַ באַפעל: — רו־הע! אונערצאָגענע אונד עקעלהאַפטע איהר דאָרט... איינס אונד צוויי, שלאַפען, פערדאַמט!!

גרויער האַלט צו מיט כוח ברוכן דעם מויל. ביי די נייע געשווירן, וואָס האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט, איז היינט געוויס ניט פאַר אים צו פאַרנעמען זיך מיט אָט די חברה, און שוין אויך מיט זייער בינדערן. וואָס ער אַליין, גרויער, גייט ניט אַרויס מיט אַ וואָרט קעגן די צוויי חוצפּהני־קעס און מיידט אויס כסדר זיי צו אַ מוסר טאָן, — האָט ער שוין זיין פאַרענטפער. אים שרעקט, איז ער געווווינט צו זאָגן, די סכנה פון א גראָבן וואָרט. אַ וועלכער נאָר שמועס מיט אַזעלכענע קאָן אַרויסברענגען די מי־אוסטע ווערטער. און ער היט זיך שטאַרק פון דעם. אַ פּרינציפּ אַ היילי־קער!

אין דער פינצטערער שטילקייט נעמט ער דערציילן בליטן פון זיין ערשטן טאָג צוואַנגאַרבעט. די פּלוצלינגע דייטשע אָקופּאַציע און דער בלוטיקער בייט פון דער לאַגע האָט די יידן שיר ניט אַריינגעטריבן אין טירוף. ווי ער ווייס עס אויך זיכער, בליט, האָבן מענטשן פאַר־לוירן זייער גלייכגעוויכט און גענומען אויסלאָזן דעם צאָרן איינער אויפן צווייטן. געוואָרן זיינען לייז די צינגער און אויף יעדן טראַט גראָבע אָנ־פאַלן און זידלווערטער, זידלווערטער... מעשה־ניסים האָט אים, יוספן, אויסגעמיטן די שחיטה אין שטעטל און מיט צרות איז ער דערלאָפן קיין קאָוונע. איין פרימאָרגן האָבן אים דאָרט די דייטשן אַ כאַפּ געטאָן און אַוועקגעשטעלט מיט נאָך יידן גראָבן ערד. שוין אין די ערשטע שעהן האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסעריי צווישן די מענטשן און אַ מבול פון ווער־טער האַסטיקע און רויע האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון מיילער. געשפּרונ־גען גאָר פון די כלים איז דאָ איינער דווקא אַן עלטערער. דער האַלט ניט ריכטיק דעם רידל, האָט ער געליאַרעמט, און דער גראָבט בכלל שוואַך,

און צוליב יענעם וועט אַרויסקומען קרום דער קאַנאַל — און קלעפּ וועט קריגן די גאַנצע גרופּע!..

שאַרף זיינען געווען אויך די צוריקענטפערס, און נאָך פּראָסטער די רייד זיינע אַלץ ווייטער. און אָט:

— העי, קונצנמאַכער, דו אונטערוועלט, ווו סט'זיך דאָרט פאַררוקט?!..

דורכגעקריגט זיך אַ פּנים שוין מיט אַלעמען, האָט עס דער ייד דער־טאַפּט מיך. איך האָב זיך אָבער באַהערשט און געשוויגן. דאָס האָט אים שוין גאָר אויפגעבראַכט. אין אַ רגע אַרום איז ער לעבן מיר, און זיין צאָרן האָט זיך גאָר גאָר אַ גאָס געטאָן... ענדלעך האָב איך זיך אָפּגערופן געלאַסן:

— פעטער, וויפל איר וועט ניט וואַרפן נאָך פון אייערע ווערטער, וועט איר פון מיר ניט הערן קיין איין גראָבן וואָרט.

שטיל איז געבליבן דער מענטש. אויסגעשפרייט די אָרעמס, האָבן ביי אים ביידע הענט געגעבן קאָנוווּלסיוו אַ פּאַל איבערן גאַנצן פּנים, און ער איז אַוועק מיט אַ טרייסלדיקער פּלייצע.

אין יענער רגע האָט מיר אַ בליאַסק געטאָן: דער ניסיון מוז ווערן אַ פּרינציפּ!... וואָס ערגער און ביטערער די צייטן, אַלץ מער מוזסטו היטן דעם מויל פון אַ גראָבן וואָרט, — זהיר והיזהר פון טומאת שפתיים!... פאַר די יאָרן געטאָ און דאָ איז קאַצעט בין איך שוין ניט איין מאָל געווען אַ־רויסגעבראַכט פון די כלים און אָט־אָט ניכשל געוואָרן מיט אַ וואָרט. באַלד אָבער האָלט מיך אָפּ עפּעס אַ געפיל, אַז טאָמער חס ושלום וועל איך דאָ ניכשל, איז שוין אויס מיט דעם גאַנצן ביטחון מיינעם פון דורכטראָגן די צרות און דערלעבן ווען די פרייהייט!..

צופרידן איז גרויער וואָס זיין שושקען איז אַדורך אַזוי שטיל און קיי־נעם ניט אויפגעוועקט. גאָר גוט איז וואָס ברוך דרעמלט שוין ווידער. דער שלאָף — דער איינציקער מיטל קעגן זיינע יסורים. מאָרגן אָבער פרי, פאַר־געסט ער ניט, דאַרף מען אים ווידער שניידן, ברוכן, עפּענען די נייע גע־שווילעכצן, און ער איז אַזוי שוואַך. דערצו האָט ער נאָך נישט פאַר אים קיין טיכלעך אָדער וואָס אַנדערש צו מאַכן דעם באַנדאַזש. פון אַמבולאַנץ ווערט צו יעדן וווּנד געגעבן נאָר אַ שטיקל ליגנין. איז טאַקע גלייך אויפן פרימאָרגן די ערשטע אַרבעט צו אַ זוך טאָן אין דעם נאָכבלייב פון שכן.

די שטילקייט אין בודע האַלט נישט אָן לאַנג. ווידער צעמעקעט זיך דער אונגאַרער:

— עסן! הונגער!... ברויט, ברויט!..

— דרעקיודע דו, פּרעסע האַלטן! — צעשרייען זיך לודז און פּיל. — דער פּאַקעט האָט שוין פאַרשמעקט, דער פּאַקעט... רוהע!

קיין רו ברענגט ניט אַריין דער באַפעל. איין ייד דערמאָנט זיך ווי דער טאַטע און די מאַמע פון פּילן, וואָס זיין אמתער נאָמען איז פּיוול, זיינען צו־זאַמען מיט זייערע קלענערע קינדער אַוועק אין אַן אַקציע. מיט אַ יאָר דריי צוריק איז עס געווען און דער פּיל האָט שוין דעמאָלט געהאַט זיין דייטש, וואָס האָט אים געשיצט... קרעכצט אָפּ שטיל דער ייד:

— מיט דעם „דרעקיודע" קאָנען זיך אָט די ביידע אויך טרעפן אין איין שטיקל זייף...

— וואָס, טאַקע אויך אונדזער לאַגער וועט ליפערן די מתים? — וואַרפט זיך איבער מיט אַ מורמל אַ קאָפּ פון אַ שכנותדיקער נאַרע — פון אַ זייפן־פאַבריק דערביי, זאָגט מען, איז דאָ אַ פאָדערונג אויף רוישטאָף!..

— אַז די ביידע יינגלעך זיינען שוין ניט קיין יחסנים ביי זייערע דייטשן, דאָס איז אָבער געוויס זיכער — סודעט אַריין נאָך אַ ייד. דער שטאָלץ נאָר ניט ביי איינעם פון די יאַטעס אין לאַגער, אַז אַ קנעפּל וואַרפט אויף אים אַ געפּעליק אויג און מאַכט אים פאַר זיין פערזענלעכן משרת! אַ „פּיפּעל" ווערט ער דאָך, איין קלייניקייט... די אדונים נוצן אָבער אויס דעם פּיפּעל אויף זייערע נידעריקסטע באַפרידיקונגען. זיי ווייסן נעבעך ניט, די קינדער, ווי ווייט זיי ווערן פאַרקריפּלט פון נאָרמאַלן לעבן... און אָט האָבן די גוטע דייטשן אַריינגעוואָרפן זייערע ליבלינגען גאָר אהער, מחוץ למחנה!

— לודז זאָל טאַקע זיין אָנגעשטעקט מיט דער מיאוסער קרענק... — רוימט אַריין דערביי נאָך ווער. — ער זאָלט זיך אָבער צו ווערן גאָר אין גיכן אַ קאַפּאָ. בינדער גיט אים דאָ די עצות...

— רוהע! דאָס קוואַטשען דאָרט!.. — לאָזן זיך הערן ווידער די שטוב־דינער — איר ווילט ניט ווערן געזונט, זיך אַרויסמאַכן פון דער אַרבעט... קומט אָבער אַן אַקציע, אַ טראַנספּאָרט, זייט איר פון די ערשטע!..

אין קראַנקן־בודע

גועגנדיקט מיט דעם מוסר, צעזינגען זיך הייטער די בײדע:

אין לאָנדאָן ביי דער טעמזע
ליגט איין גרויסער בריטן־שווין;
הייסן הייסט ער, דער פאַרפלוכטער,
מיסטער נעוויל טשעמבערלאַין!..

פיל הערט אָבער אין מיטן אויף מיטצוזינגען. אַחוץ וואָס ביי לודזן, צע־שרייט ער זיך, איז די שטים הייזעריק, קומט ביי אים אַרויס אַזוי לעכערלעך יעדעס דייטשע וואָרט. ער דערמאָנט אים טאָקע:

— אונטערשאַרפירער לאַסקאַר פלעגט דאָך אַזוי שפּאַסן פון דיין אויס־שפּראַך!..

— און וואָס האָט אויף דיין קרומען נאָז געזאָגט קונצע?.. — שווייגט נישט לודז.

דער ווינט פון דרויסן רייסט זיך שוין מיט ליכטיק ווייסע שנייעלעך וואָס שטעכן זיך אין פּנים. נורען זיך מענטשן נאָך טיפער אונטער דער דע־קע און קליגן זיך צו איינשלאָפן. פון אַרום אייז קאַלטן אייוועלע שיילט זיך אויס די שעפּטשעריי בינדערס:

— יאַקאָבפּי, געדענק נאָר... דריי נאָרמעס ברויט, צוקער פופצן צי־געלעך. יאָ?..

ב. מאָראַלישע עסטעטיק

— דער גאָנג!! — גיבן זיך מענטשן אַ ריס פון שלאָף — אויפשטיין, דער גאָנג!

— וואָס גאָנג? — נאָך שעהן... — גייט אַקעגן אַ געברום שלומעריש — דער גאָנג גייט זיי צו חלום!...

— און אייך נאָר דער פּאַקעט... — לאָזן די ערשטע ניט נאָך — יאָ געווען דער גאָנג; זיך אָנטאָן!

— ווייסעך, ניט געווען... דער פּאַקעט וועט טאָקע היינט זיין?..

די באַוועגונג וואָס דערטראָגט זיך פון די אַנדערע בודעס שלאָגט שוין אַרויס יעדן ספק וועגן גאַנג און טרייבט אַלעמען אין גאַאַייל. איבערן גאַנצן לאַגער מוז זיין אין מינוטן דער העפטלינג אַנגעטאָן און די נאַרע זיינע פאַר־בעט; און באַלד גלייך דאָס וואַשן זיך, די „קאַפּע", דער אַפּעל און אַרויס־מאַרש צו דער אַרבעט! אויך אין „קראַנקענבאַו", וואָס די מענטשן בלייבן דאָ אין די בודעס, מוז מען זיין גרייט. פעלן אויס אַרבעטס־קרעפטן, פאָדערט מען באַלד פון דאָנען אַרויס די מער־געזונטע. קומט אָן די לאַסט־אויטאָ פון „טראַנספּאָרט", מוזן די אָפּגעקליבענע אין מינוטן אַריינשטייגן...

עטלעכע וואָכן שוין ווי פאַרטאָג לאָזט הערן נאָר איין־איינציק קלאַנג דער גאָנג, וואָס דאַרף אויפוועקן די אַלע דריי טויזנט איבער דעם גרויסן ברייטן שטח פון לאַגער. שוין ביי זיין אויפשטיין קאָן ווערן געפּרוווט דער העפטלינג, זאָגט דער נייער לאַגערפירער; דאָ לאָזט זיך פעסטשטעלן, ווי ווייט יעדער איינער טויג זיך אויס אין וואַכזאַמקייט, אָרדענונגספּולקייט און פּינקטלעכקייט, וואָס זיינען דער הויפּט־פונדאַמענט פון אַ קאַצעט. לאָזט שוין מענטשן ניט שלאָפן פון ערשטן דרעמל. אָן אָפּדוכט נאָר פון אַ קלאַנג הייבט זיי פון געלעגער — דער גאָנג!.. ווי יעדער איינער באַמיט זיך ניט פאַרן שלאָף צו אָרדענען די זאַכן זיינע, אַז ביים אויפשטיין זאָל אַלץ זיין גלייך ביי דער האַנט, איז אין דער פינצטער איצט קוים צו דערטאַפּן. גאָר שווער גייט מיטן אָרויפטאָן די שיך, וואָס פון פראָסט און נעץ זיינען זיי צעווייקט און איינגעצויגן, — אַז ניט אַריינצושטעקן דעם פוס דעם געשוואָלענעם און מיט פראָסטביילן! חכמהט זיך אַ ייד וואָס איז שוין דאָ באַלד פאַרטיק, נאָר אָט האָבן זיך אים די פאַרשטאַרטע פינגער פאַרעקשנט ביים איינשנורעווען:

— זיבן אויגן און זיבן אויערן און זיבן הענט און פיס מוז האָבן דער העפטלינג אין קאַצעט. באַמערקסטו וואָס ניט, כאַפּסט ניט אויף באַלד די סכנה, ביסט ניט פאַרטיק איינס און צוויי, שפּרינגסט ניט צו, ציסט זיך ניט אָפּ, — ביסטו אַ פאַרלאָרענער. זיי אָבער אַ בריה אין אַזאַ פינצטערניש!..

— און מיט די אַלע זיבן זאַכן, און נאָך זיבן און זיבעציק בריהשקייטן, גייט מען אויך אין סאַמע העלן טאָג אַוועק מיטן טראַנספּאָרט — גיט צו ווער פון דער פינצטער. — איי יאָ, יידן טרייסטן זיך שוין, אַז די לעצטע פאַר־טיעס זאָלן האָבן זיין אָפּגעפירט ניט אין קרעמאַטאָריע נאָר עפּעס אין אַ

„שאַנונגס״־לאַגער. און אַז מען טיילט שוין אַ פּאַקעט, איז אפשר טאַקע אַ באַווייז אויף אַן אנדער באַציאונג...

דער אויפשיין פון די עלעקטרישע לעמפלעך, וואָס ווערן אויטאָמאַטיש אָנגעצונדן איבערן שטח אַרום, זאָגט אָן אויך אין דער בודע, אַז אין לאַגער האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער טאָג מיט זיינע אַלע גזרות און משונהדיקע צוטראַכטענישן. אין ליכט כאַפּט זיך יעדער אַרומקוקן אַרום זיך, אויפזוכן וואָס אים פעלט נאָך און זיך צו רעכט מאַכן. פאַר יוסף גרויערן אַנטפּלעקט זיך אַ נאַקעטער אין גאַנצן דער שכן וואָס איז די נאַכט אויסגעגאַנגען. לעבן דעם קערפּער ליגט צוגעוואָרפן עפּעס אַ דעקעלע פול מיט לעכער און נאָך עטלעכע טראַנטעס. דער איבערבלייב פון דעם העפטלינג, הייסט עס, צום איבערגעבן זיעם באַקליידונגס־אַפּטייל, לויט דער אָרדענונג אין לאַגער. און פון די אַלע זאַכן זיינע און אויך פּאַקעט — קיין סימן!.. אים פאַרקוועטשן זיך די אויגן און איבער זיי טוען אַ פּאַל ברייט צעעפנט דיביידע הענט; אין די ליפּן שניידן זיך היין און הער די ציין; און באַלד גראַבט זיך אין געלעגער דער קאָפּ מיטן גאַנצן צוקנדיקן פּנים. אַ טיפע חרפּה באַנעמט אויך אַנדערע. מענטשן ווילן זיך איבעררייידן מיט בליטן, שלאָפט נאָך דער, און גאָר שטאַרק אַ פּנים, און קיינער וויל דעם בעל־יסורים ניט וועקן. איבער די נאַרעס צעטראָגט זיך אַ ביטערער געמורמל און השודיקע בליקן וואַרפן זיך ווייטאָגדיק און אומ־באַהאָלפן צו די ביידע שטובדינערס און צו בינדערן, זייער שכן און אויך שטילער שותף. פיל און לודז ליגן נאָך אונטער זייער באַרג וואַרעמע דעקעס, וואָס באַוועגט זיך און שפּרינגט פון אַ קוועליקער כיכיקעריי. און אָט שפּאַרט פון דאָרט אַרויס:

— כאַ־כאַ!.. מאָראַלישע עסטעטיק... כאַ־כאַ־כאַ!...

דאָס ליכט אין דער בודע ברענגט אויף, ווי יעדן מאָרגן, טענות און ווי־דער טענות. דערזען די צעפּלאַצטע געשווירן ביים שכן, כאַפּט זיך איינער, אַז אָט דער שאַרפער ריח פון דעם אייטער האָט עס אים אַזוי געזעצט אין נאָז און ניט געלאָזט שלאָפן. ווייס שוין איצט אויך אַ צווייטער דערבייאיקער קראַנקער, וואָס איז דאָס געווען דער הייסער שפּריץ איבער זיין פּנים פּלוצ־לינג אין דער נאַכט, — אַז דער האַלט אין איין טאַפּן און דריקן די וווּנדן!.. אַ חשבון אַ היציקער גייט אַוועק מיט די וואָס דרייען זיך פון ווייטאָגן און

פאַרקייקלען זיך אויף אַ פרעמדן געלעגער, דריקן אָן יענעמס אַ ווונד אָדער צעשעדיקטן גליד — און אַ מוראדיקער געשריי רייסט איין דורך נאַכט די בודע... לאָזט מען שוין דאָ ניט פאַרביי דעם אונגאַרער מיט זיינע אַרויס־שפּרינגעענישן. איז ער באַלד מיט זיין מעקעריי:

— עסן! הונגער!... ברויט, ברויט!...

אַ יונגער בחור פאַלט אַרויס מיט אַ געוואַלד, אַז ביי אים איז ניט געוואָרן טאַקע דאָס ברויט, דאָס לעצטע שטיקל ברויט, וואָס ער האָט זיך געמאָרדעוועט און געהאַלטן אויף היינט פרי. אָפּכאַפּן דאָס האַרץ! אין זיין שרייען באַטאַנט ער אַלץ, אַז ער ווייס, ער איז זיכער, ווער האָט עס אים געטאָן. דער אַ פיינער מענטש געניסט אָפּט פון אים, האָט ער עס געוווּסט ווו צו דערטאַפּן... פון ביטערניש איז ער מכריז ומודיע:

— מער טו איך ניט קיין טובות, אסור זאָל מיר זיין!

— נאָר אָן שבועות! — הייבט אויס דעם קאָפּ גרויער — טוט ווער באמת מענטשן טובות, וועט ער עס אויך ווייטער מוזן...

די אַלע רייד האַקן זיך פלוצעם אָפּ, אַז אין אַריינגאַנג וויזט זיך דאָקטאָר קראָן, דער אייבעראַרצט פון קא־בע. די מיילער זיינען שוין אין איין קול:

— דער פּאַקעט??!

אויף זיינע באַזונדערע מאַנירן, וואָס דאַרפן אַלע מאָל דערמאָנען דעם עולם אַז ער איז פון פּראַג, אַ רעזידענץ אין האַרץ פון אייראָפּע, און אַליין טאַקע אַן עכטער אייראָפּעער — פירט איבער דער דאָקטאָר שמייכלדיק זיין ווייס־צאַרטע האַנט אונטער דער גלאַט־ראַזירטער מאָרדע. די גאַנצע זאַך מיטן פּאַקעט, הייסט עס, איז אים שוין דערווידער. אַ טרעפל אַרונטער, איז זיין שמייכל נאָך ברייטער, דער אָרעם אויסגעהויבן און דאָס האַנטלעפל שאָקלט זיך לאַנגזאַם לאַנגזאַם. פאַרשטייען די מענטשן אַז די זאַך נעמט יע גיין אויף אַ דרך, און מעגלעך נאָך היינט... וואָס די בודע ווייס זיכער שוין די מינוט, — אַז אַנדערע מוזן זיך דאָ אַ ריר טאָן. וועגן דעם קומט עס דער פּריאיקער וויזיט. אַרבעטס־קרעפטן ווערן געזוכט. אויפן לאַגערפּלאַץ גייט דאָך איצט דער אַפּעל, איז געקומען צום דאָקטאָר אַ פאָדערונג. ווי יעדן טאָג האָט ער שוין נעכטן פאַרנאַכט אַרויסגעשיקט די מער־געזונטע. איצט נעמט ער פיר מענטשן נאָר אויף אַ פּאָר שעה און זאָגט צו אויך לייכטע אַרבעט.

אויף די באַמערקונגען פֿון אַלע זייטן, אַז די וואָס ער נעמט דאָ שטעלן נאָך קוים אַ טראָט, — גיט זיך דער דאָקטאָר טיף אַ בויג און אַ קלאַפּ אין האַרצן מיט הכנעה. אַ קאַצעט איז דאָ, דערמאָנט ער עס.

ניט גאָר אָנגענעם נעמט זיך דער דאָקטער פילן, אַז גרויער פּאַרטשעפּעט אים מיט די שטובדינערס. צו פיל רעדט מען וועגן זיינע בשותפותדיקע אינטערעסן מיט זיי און פון די הכנסות וואָס ער האָט פון די אַלע קראַנקן־בודעס. אַ שטרעק פון געלעגער טוט זיך גרויערס האַנט און זיין פינגער ווייזט אויף די ביידע יוגנטלעכע:

— גאַנץ קרעפטיקע און ווייט ניט קיין פאַרשמאַכטע; נאכסאָל זאָל זיי דער הער אייבעראַרצט ניט שיקן אויף די עטלעכע שעה אַרבעט? זידלען יידן, און די נאָך שיינע מעשים זייערע, וועלן זיי דאָ באַווייזן פאַרן טאָג...

לאָזט זיך דאָקטאָר קראַן אַרונטער אַ טרעפּ נאָך נידעריקער און זייט אַרויס קליגעריש צום ליטוואַק אַ וואָרט, וואָס ער האָט איבערגעכאַפּט טאַקע פון גרויערס אַ לאַנדסמאַן, — אַ וואָרט וועגן יושר אין אַ קאַצעט:

— צו אַ קרומען פּוס וויל מען אַ גלייכן שוך?..

דער פריערדיקער רמז פון דאָקטאָר וועגן פּעקל נאָך היינט — ברענגט אַריין אַ גאָר אַנדער שטימונג. גלייך מיט זיין אָפּגיין זיינען שוין די שטובדינערס אויף די פיס און אין אייוועלע נעמט זיך ווייזן פייער. מיט ברייטער האַנט וואַרפן זיי אַריין די שטיקלעך האָלץ און ציגעלך בריקעט, וואָס זיי האָבן פאַר דער בודע איינגעהאַנדלט. פּענעצלעך ברויט און נאָך וואָס פון עסנוואַרג גיבן זיי די קאַצעטלער וואָס קלייבן דאָס צוזאַמען אויף זייערע אַרבעטשטעלן און גנבענען אַריין מיט זיך אַ הער אין לאַגער. היינט וועלן זיך די הענט ביי די קראַנקע, ווייסן פיל און לודז, ניט אַזוי טרייסלען ביים אַרונטערשניידן פון דער פּאַרציע ברויט, און די בודע־הוצאות וועלן זיין גוט איינגעקאַסירט... אין מינוטן איז שוין לעבעדיק די „בירזשע". אַרום אייוועלע גייט אָוועק די בייטעניש פון ברויט אויף קאַרטאָפל, פון מאַרמעלאַד און קעז פון דעם נעכטיקן צושלאַק, וואָס איז געגאַנגען מיט דער ברויט־פּאַרציע, אויף זאַכן פון דעם צושלאַק וואָס קומט היינט און מען ווייס נאָך נישט וואָס דאָס קאָן זיין. „אויף בלינד" ווערן אַ סך מיסחרים געמאַכט, און די חשדים און שטרייטן פון פריער אַ ווײלע גיסן זיך אַריבער אין דעם יריד... גרויס איז דער האַנדל מיט די שטובדינערס. אין זייער „קאָנצעסיע", וואָס מען רופט דאָ,

קריגט מען פון געבראָטענע קאַרטאָפל־שאָלעכץ, פּענעצלעך ברויט, סיגאַרעטן גאַנצע און האַלבע און טאַבאַק אין „פּראַשקעס" ביז כמעט־נייע שיך און הויזן, און אַפילו אַ דעקע. ניט ווייניק העלפט זיי לעצטנס צו בינדער, וואָס קריכט אַרום איבערן לאַגער און ברענגט אַן אַזוי פיל סחורה פון די פּאַקעטן. ער גיט עס דאָ אַ סכן אויף באָרג, אויפן חשבון פון דעם פּאַקעט, וואָס דאַרף אויך אָ־הער קומען... לאָזן זיך מענטשן טאַקע וויל גיין און שוין אויף דער שטעל צעברעקלען זיי דעם געבאָרגטן ברויט אין וואַסער און שטעלן צו קאָכן. דער האַנדל מיט דער „קאָנצעסיע" גיט זיי שוין דעם זכות זיך צו באַנוצן מיט דעם איוועלע. ניט פיל געטראַכט, נעמען אַנדערע אויף באָרג אויך אַ לעפעלע צוקער — אויף צופּראַווען גאָר־גאָר די ברויטזופּ!

אַן אָנגעלייגטער אַנזאָגער פון דעם נייעם טאָג איז פּרומאַנסקי. דער שרייבער איז ער פון אַמבולאַנץ, זיין ערשטער באַזוך אָבער יעדן מאָרגן אי־בער די קראַנקן־בודעס — ברענגט נייס פון די פראָנטן. שלעכטע ידיעות הערט מען כמעט פון אים ניט. היינט שטראַלט ער ממש. אַ פּאָר טעג שוין ווי זיין שטים דערביי איז ניט אַזוי שטיל און סודותדיק, און נעכטן האָט ער אויך געוואָרפן דעם פאַרשטעלטן לשון, דאָס באַנוצן רמזים און צומישן ווער־טער פון סידור און תנ"ך, מחמת מורא פאַר אַ דייטשן אויער... אויף די טרעפּלעך אויבן ביי דער טיר שטייט ער מיט זיין איינגעפאַלענעם און לופּ־טיקן פיגורל, וואָס זעט אויס אַזוי קינדעריש אין דער קאַצעט־פּיזשאַמע. די שטים איז אָבער מעטאַל און פאַרטראַגט זיך מיטן רעדנערישן קוויטש אויף די מיטינגען פון די לינקע יידישע באַוועגונגען אין פּוילן, און אויך מיטן ני־גון פון גמרא. צום פאַרשטאַרקן דעם אמת פון זיינע רייד הייבט ער אָן מיט דעם טאָן און נוסח פון ראַדיאָ:

— פּריוואַטהייטס־סטאַנציע, דאָנערשטיק, פופצנטער מאַרץ טויזנט ניין הונדערט פינף און פערציק...

אַזוינע גוטע נייס! די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן אַ נייע אַלגעמיינע אָפענסיווע אין מזרח־פּרייסן, טויזנטער דייטשע געפאַנגענע, און איבער הונ־דערט טויזנט זיינען פעסט אַרומגערינגלט אויף אַן ענגן שטח צווישן דאַנציק און גדיניע, און די ביידע שטעט האַלטן שוין ביים פאַלן... שטעט איינע נאָך די אַנדערע פאַלן אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן, און דער דונאי איז שוין דאָרט כמעט אין גאַנצן אין די הענט פון די רוסן!.. אויפן מערב־פראָנט

זיינען די אַליאירטע אַריבער דעם ריין אין נאָך אַ פּונקט, און זייער מאַרש איבער דער דייטשער ערד גייט ווייטער. דערצו האָבן די אַמעריקאַנער געמאַכט אַן אינוואַזיע אויף נאָך צוויי יאַפּאַנישע אינדזלען...

— האָבן זיי אַ פּנים יע אַן אפּיקומן... — דריקט אויס באַזאַכט זיין פרייד אויך גרויער, וואָס האָט דאָ אַ נאָמען פון אַ פּעסימיסט און וויל אַלץ ניט גלייבן, אַז פּרומאַנסקי מיט די נאָענטע מענטשן זיינע האַלטן דאָ אין לאַ־גער ערגעץ פאַרשמעקט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַטל, אַן אַפּיקומן, ווי עס הייסט ביי אַ סך קאַצעטלער.

— אַ רייד נאָך! — קען דאָ באַלד ווער ניט פאַרטראָגן בכלל די ספקות.
— דער אַמבולאַנץ־שרייבער איז אין קאָנספּיראַציע נאָך פון ישיבה, און האָט מיט זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט שוין אָנגעשפּאַרט אַזש קיין פּאַריז. צי ער האָט אַן אפּיקומן!...

— מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז דאָך שוין ביי אייך געווען פאַרנומען גאַנץ מיזרח־פּרייסן, און אַט שטייט מען נאָך ביי דאַנציק? ניט קלאָר איז אויך וועגן דונאַי און ריין... — כאַפּט זיך גרויער אויף סתירות אין זעלבן פּרו־מאַנסקין, וואָס אין זיינע אויגן איז ער אויך שטענדיק מגזם מיט די ניצחו־נות פון דער רויטער אַרמיי און פּטרט אָפּ אויף קורץ די אויפטוען פון דעם קאַפּיטאַליסטישן מערב...

— די פּעסימיסטן!!! — פאַרשרייט מען פון אַלע זייטן, און איינער גיט צו: — די אָ, אַז אין זייער האַנט קומט אַריין אויך דער שטאַרקסטער און דיקסטער געוואַנט, טאַפּן זיי עס, דרייען און דריבלען ביז צווישן זייערע פינגערלעך איז שוין דאָ נאָר פעדעם...

— איז וויפל נאָך די ליידן, חבר פּרומאַנסקי? — לויפט ווי יעדן מאָרגן די פראַגע צו דעם נייסברענגער.

— טעג געציילטע; אויפן שוועל, אויפן שוועל...

— די גאולה, די גאולה... — קרעכצט אָפּ ווער טרוקן און פאַרבי־טערט — דעם פּאַקעט קריגט מען טאַקע היינט?...

— טויטע וויפל דאָ? — רייסט איבער דעם זיסן שמועס אַ מענטש פון ד'ער לייכענקאָמאַנדע.

ווי פון זינען אַרויס דאָ ביי אַ סכן דער שטענדיקער מאָרגן־וויזיט פון

דער קאָמאַנדע אויף צונויפנעמען די טויטע איבערן לאַגער און טאָן אַרום זיי. אַפילו די שטובדינערס האָבן ניט באַלד דעם פּאַרטיקן ענטפער:

— טויטע?... יאָ, איינער איז זיכער דאָ.

— איז שנעל אַ זוך געטאָן און צוגרייטן אַלע, אַלע... די אַרבעט ברענט און די קאָמאַנדע איז היינט געקירצט. מיר קומען באַלד אָפּנעמען... און אַן קונצן! דער לאַגער־פירער אַליין פרעגט זיך נאָך שוין עטלעכע טעג אויף דער צאָל וואָס מיר נעמען אַרויס פון קאַ־בע... אַזאַ עיפּושדיקע לופט!.. — ציט זיך אָפּ דער מענטש און מאַכט הינטער זיך ברייט אָפן די טיר.

— חברה־קדישא דווקא דאָ די מבינים אויף פרישע לופט!... — שרייט זיי נאָך אַ ייד פון לעבן טיר און פאַרמאַכט זי צוריק.

— פרישע לופט... — שמייכלט גרויער — שוין דריי טעג ווי די דאָק־טוירים אַרבעטן אָן באַנדאַזש־שטאָף, און אין בודע פוילט מען דאָ מיט בערג אייטער. לופט!

אַז זיינע רייד הערט שוין כמעט קיינער ניט, מערקט גרויער לויט דער רירעוודיקייט און דער שושקעריי וואָס כאַפּט אַרום אַ סכן. אַ דינגעריי גייט מיט די שטובדינערס וואָס זיינען צוגעשפּרונגען צו אַ נאַרע און ווילן אַרויס־נעמען אַ קערפּער. באַלד זיינען זיי אין אַ צווייטער שטעל, וואָס אויך שכנים דאָרט אַרום ווייסן נישט אַלע אַז דער מענטש דאָ איז שוין פון נעכטן טויט. געמוטיקט דורך דעם פּאַקעט וואָס קומט היינט און אָט דורך די פּראָנטנייס די גוטע, זיינען שוין אַנדערע ניט אַזוי אין שרעק פאַר די אָרדענונגס־מאַ־כער און נעמען זיך אויך אַליין רעכט... גרויערן צעפּינטלען זיך די אויגן און רגעס גאַנצע קען ער ניט פאַרשטיין וואָס בינדער טוט דאָ לעבן אים. ער גאָר איז זיך מתעסק מיטן בר־מינן, דעם יידן פון פרעשבורג, גלייכט אים אויס און דעקט אים אַריבער מיט דער אונטערגעוואָרפענער דעקע... ברעכט ער אויס מיט אַ געשריי:

— אויפן מוח ניט אַרויפצונעמען!... פריער אַזוי מבזה געווען, נאָ־קעט אויסגעטאָן, און איצט טרייבן די מאַכינאַציעס!.. און וואָס קאָן אַרן אַזעלכע לייט, אַז מאָרגן גייט שוין דער מת גאָר אַוועק אויף זייף!..

— מאָראַלישע עסטעטיק, וואָס שוין ווידער, דו?! — פאַלן צו לודז און

פיל מיט זייער הויכן טאָן און אויף „דו״, ווי די דייטשן ריידן מיט אַ יידן און וואָס גיט טאַקע צו, זיינען די בחורימלעך זיכער, גאָרע חשיבות און תקיפות.

שטופּט אָפּ בינדער די ביידע יינגלעך צאַרט און מיט אַ שמייכל, ווי אַ טויגעוודיקער מדריך, און חשיבותדיק גייט ער אַליין אַרויס מיט זיין געהויבענעם לשון:

— מיט מיר רעדט, הער גרויער... שעהן אין גאַנצן ווי דער איז אַ בר־מנין. טאָ וואָס דער ברען?... און מכוח די זייף האָט מען ערשט נאָר געוומען ריידן; הערט נאָר וואָס איך זאָג אייך... דערצו איז דער אָרעם ביי אָט דעם ניט באַצייכנט מיט קיין נומער; אַ פרישער אין לאַגער, און איז די ס״ס גאָר ווייניק באַקאַנט. לאָזט זיך דאָך היינט קאָמבינירן... באַלד טיילט מען די פּאָרציע, איז אַ העלפט פון דעם ברויט אייערס. און אויך אַ טייל פון דעם צושלאַק. בייטאָג גייט די זופּ; אין גאַנצן אייערע. און טאַקע דער פּאַקעט! זאָל נאָר דורכגיין, וועט אייך געוויס ניט זיין געעוולט. איר רעדט דאָך מיט מיר!..

די שטובדינערס האַלטן אָבער אַז זיי קענען גרויערן בעסער און ווילן שוין ניט ביי אים אויספירן. זינגען זיי אים גאָר אויף אַ לידל, וואָס זיי האָבן שוין אויף אים:

מאָראַלישע עסטעטיק,
מאָראַלישע קאָסמעטיק, —
טיק, טיק!..

מיט אַ פאַרפרוירענעם שמייכל שטייט אין אַריינגאַנג און הערט זיך צו דער קאַפּאָ אַליין פון דער לייכענקאָמאַנדע. באַלד נעמט ער ציילן די צונויפגעלייגטע ביי דער טיר און די פליייצעס טוען זיך אים אַ הייב:

— דאָס אין גאַנצן?.. מעשים גיט דאָך אָן דער לאַגער־פירער. יעדן טאָג, טענהט ער, ווערן אַריינגעליפערט אַזוי פיל קראַנקע, און טויטע פון דאַנען איז ניטאָ וואָס צו זען!.. ער לאַכט פון דעם דאָקטאָר קראָן וואָס דערקלערט אים אַלץ, אַז דער פּאַקעט, דאָס וואַרטן אויף די „קלוגע זאַכן״, אָט די באַלדיקע האָפענונגען אַליין, גיט אַריין אַפילו אַ גוססן מוט און קראַפט צו

ציען... אַלע ווילן אָפּלעקן פון די פּאַקעטן וואָס בלייבן איבער. דער גרעס־טער מחותן איז אָבער דאָ, לכל הדעות, די ס״ס. און מיט זיי שפּילט מען זיך ניט. פיל און לודז, איר קענט זיי דאָך אַ ביסל. טאָ גיט אַרויס נאָך!...

ווי רויבער זיינען זיי היינט, די מענטשן פון לייכענקאָמאַנדע. ניט אַנ־דערש, אויך זיי פאַרשטעכן זיך ניט די פינגער ביי די פּאַקעטן, באַשליסט די בודע, און מיט די ס״ס זיינען זיי דאָ שטיקלעך מחותנים... יענעמס רווחים טרייבן שוין גאָר צו מאַכן דעם חשבון פון דעם אייגענעם אָנווער; מיט פאַר־ביטערטן ייאוש גיט זיך פון איבער אַ געלעגער אַ באַוועג אַ צעקוואַרט הענטל:

— מיסהרים!.. גיסט אָפּ אַ מענטשן דיין מיטאָג, מיט קאַרטאָפל, און דער אָפּרייד אַזוי דייטלעך: פון פעקל דריי סיגאַרעטן אָדער פופצן שטיקלעך צוקער; און גיב איך נאָך אַ מיטאָג, אַ צווייטן, איז שוין מיינע דאָס גאַנצע שאַכטל קאָנסערוון. איז וימת!...

אַ ביטערער שמייכל באַנעמט דעם עולם, און איינער קומט אַרויס מיט אַ כיטרער וואָרענונג:

— בינדער, פון די געשעפטן מיטן מאַדזשאַר, דיין קעסטניק, זאָל זיך ביי דיר אַקאָרשט ניט אויסלאָזן דאָס זעלבע...

קאַלט איז דער אַלטער קאַפּאָ און געניט. גלייך איז ער ביי זיין מענטשן, וואָס קוקט אים שוין אויס מיט אַ צעעפנט מויל. אַ וואַרעם שטיקל פון אַן אָפּגע־באַקטן קאַרטאָפל גיט ער אים אַריין און נעמט מיט אים חזרן זיין „יאַ־קאָבבפּי"...

יאָ, דער פאַקעט קומט! מיט דער לייכענקאָמאַנדע איז געווען אַרויס פיל, און אָט איז ער דאָ מיט לעבעדיקע נייס — אין אַמבולאַנץ איז שוין פריי אַ ווינקל!... אין איין אָטעם דערציילט ער שוין, אַז היינט וועט דאָרט אין אַמבולאַנץ זיין גאָר אַ גרויסער אָוונט, אַ באַל אַן אמתער, פון די אַלע מיטאַר־בעטער פון קא־בע, די דאָקטוירים, שטובדינערס און פלעגערס. אַרטיסטן וועלן זיין די בעסטע. ווי נאָר זיי קערן זיך מיט די קאָמאַנדעס פון דער אַר־בעט, וועט מען מיט זיי אַ רייד טאָן. צרות איז אָבער מיט דער באַלוינונג. פון ברויט אָדער זופּ ווילן זיי מער ניט הערן. זיי זיינען שוין אָנגעשלאָגן מיט אַזוי פיל פון די „קלוגע" זאַכן, אַז גיב זיי נאָר סיגאַרעטן!..

אין קראַנקן־בודע

ג. קיזגרובע

עטלעכע מאָל ווי יוסף גרויער ווענדט זיך דעם פּרימאָרגן צו בליטן און באַקומט ניט קיין תשובה. ביים גאַנג האָט מען אים ניט געקאָנט דערוועקן און אָט סאַפּעט ער אַזוי שווער. די געשווירן זיינע, און באַזונדער די פון אונ־טער דער פּאַכווע, מאַטערן אים אויס. עפּנט אים אויף דער דאָקטאָר איינעם, טאַנצט אַרויס אַ צווייטער און אַ דריטער, און נאָך גרעסערע. איצט האָט ער געוויס גרויסע היץ. דאָס פּנים איז אַזוי רויט און דער שטערן פּייערט... דער שוידער אַדורך יוספן ברענגט אַרויס פאַר זיינע אויגן די טעג פון זייער ערשטן צוזאַמענטרעפן. אין דעם גרויסן לאַגער ביים באַלטישן ים, מיט אַ יאָר דריי צוריק, איז עס געווען. געבראַכט געוואָרן איז אָט דער מענטש דעמאָלט מיט אַ גרופּע מענער, וואָס זייערע פרויען און קינדער זיינען געהאַט פאַר עטלעכע טעג צוריק דערשאָסן געוואָרן, און שווער געווען מיט אים זיך צו־זאַמענריידן. מענטשן פלעגן אָבער אויף אים ווייזן מיט אָפּשיי — ברוך בליט, געוועזן דירעקטאָר אין אַ גרויסן שול און באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער עסקן אין דעם דערבייאיקן כרך. אין אַ וואָכן צוויי אַרום האָט בליט אָנגע־הויבן אַרבעטן מיט אים אין איין קאָמאַנדע, און זייער וועג גייט שוין צוזאַ־מען דורך די וויטערדיקע לאַגערן און פּלאָגן. דאָ אין קראַנקן־בודע זיינען זיי גאָר געוואָרן נאָענט.

מיט שלאַבעריקע טריט נעמט זיך גרויער באַוועגן צום דרויסן. אים האַלט ניט אָפּ דאָס פרישע קאַלטע ווינטל וואָס פאַרכאַפּט באַלד זיין אָטעם מיט אַזאַ שאַרפקייט און מאַכט שווינדלען דעם קאָפּ. ווי אָפּגעווינט ער איז שוין פון פרייער לופט!... מיט אָנשטרענג קומט אים אָן יעדער בייג אויף צונויפנעמען שניי אין זיין זופּקענדל. טרוקן זיינען די גרייפלעך און שיטער צעוואָרפן איבער דער ערד. וויפל ער קלייבט ניט, האָט ער נאָך גאָר ווייניק אויף צולייגן ברוכן צום קאָפּ... ווי מיד ער איז און דורכגענומען פון קעלט, גייט ער נאָך ניט צוריק. מיט יעדן בייג, פילט ער, קלייבט ער וואָס פאַר זיך. ער אַליין זוכט עפּעס אַ דערלייכטערונג, אַ פאַרטרייב פון דער אומהיימ־לעכער שטימונג פון דעם גאַנג אָן... ניט אָבער צונויפצונעמען שניי, כאָטש אַ האַלב קענדל, און דערקריכן ווו צו אַ קראַן — איז ניט פאַר זיין

כוח. קוים אַ לעבעדיקער פֿאַלט ער אַריין צוריק אין בודע. פֿאַר דעם מאַרגאַ־רין אָדער קעז, וואָס וועט גיין מסתמא אין דעם הײַנטיקן צושלאָק, נעמט ער אין דער „קאָנצעסיע" אײַנהאַנדלען אַ קענדל וואַסער פֿון דעם פּולן עמער.

איינע נאָך די אַנדערע לייגט צו יוסף די קאַלטע טיכלעך און וואַכט איבער דעם פֿיבערדיקן. אַ מונטערקייט באַנעמט אים, ווען אַ האַנט פֿון ברוכן טוט זיך אַ ריר און אַ טראַג צום פּנים און לייגט זיך אָפּ אויפֿן קאָמפּרעס. באַלד אויך אַ לויכטיקער באַוועג פֿון די ליפּן:

— מאַמאַ אַנגעזאָגט, נאָר צוזאַמען!... מײַלאַך לייב און עגאָן... קיזגרובע...

— די חלומות ברוכס און די באַטראַכטונגען זײַנע — קענען ווײַט פֿאַר־טראָגן. שוין דעם ערשטן מאָל, אַז ער האָט זיך ענדלעך פֿונאַנדערגערעדט דאָרט אין לאַגער ביים באַלטישן ים, געדענקט יוסף, האָט מען געהערט פֿון אים גאָר באַזונדערע טענות — קעגן זיך אַליין. חלומט זיך אים בײַנאַכט, איז געווען זײַן טענה, אָדער ער פֿאַרטראַכט זיך אַזוי אַ ווײַלע, — איז אַלץ די פֿרוי מיט די דריי קינדער. ער האָט דאָך געהאַט אָבער אויך אַ טאַטן און אַ מאַמען, צעגיסט זיך זײַן האַרץ, און שוועסטער און ברידער מיט די פֿאַמיליעס זייע־רע, וואָס זײַנען אַלע צוזאַמען אומגעקומען אויך אין זעלבן טאָג. אַ בראָך ניט אויך וועגן טאַטע־מאַמען!... דאָ אין לאַגער האָט זיך בײַ אים לעצטנס אָנגעהויבן מיט די מײַלאַכס.

קערנדיק זיך פֿאַרנאַכט מיט אַ חדשים צוויי צוריק פֿון דער אַרבעט, איז ברוך בליט צוזאַמען מיט זײַן קאָמאַנדע געגאַנגען פֿאַרבײַ דעם ברייטן און טיפֿן זשוויר־שטח, די קיזגרובע, ווי די דײַטשן רופֿן, וואָס דאָרט אין אַ זײַט לייגט מען עס די לאַגער־מתים. געוואָרפֿן אַ בליק צום אַרײַנפֿאַר אין דער ניי־דער, האָט אים אַ שוידער געטאָן וואָס פֿון דעם שניי־אַרויס צווישן די קוס־טעס ביים ראַנד וועג. איז ער באַלד צוגעשפּרונגען צו אַ פּאַטרול, און מיטן אויסרייד פֿון אַ נייטיקער באַדערפֿעניש האָט ער באַקומען אַ צושטים אָפּצוווײַ־טערן זיך אַ ווײַלע פֿון די רייען. צוגעלאָפֿן צו די קוסטעס, דערזעט ער — קער־פּערס. נאַקעט ליגן די אין שניי, פֿראָסט פֿאַרגליווערטע; די מײַלער אויפֿגע־ריסן, פֿון דעם נאָכזען און אַרויסציען די גאָלדענע ציין; און אויף דער לינקער

ברוסט ביי יעדן איינעם אויפגעשריבן מיט גרויסע ציפער זיין לאַגער־נומער. אין ווינקל ביים וועג־אויסדריי האָט זיך אַ פּנים שטאַרק אַ בייג געטאָן דער אַנגעפּאַקטער וואָגן, וואָס ווערט געשלעפּט דורך דער לייכענקאָמאַנדע, און פון אויבן זיינען עס די אַרונטערגעפאַלן... פון די פינף קערפּערס פאַרכאַפּן באַזונדער זיין אויג צוויי — אַ טאַטע מיט אַ זון!

צוריק אין ריי, האָט ער זיך צערעדט פון די ביידע, און שוין אויך דעם גאַנצן אָוונט אין לאַגער. דערציילט האָט ער פון אַן אָפּקלייב פון יינגערע אַר־בעטס־קרעפטן, וואָס איז דאָ לענגער געהאַט געוועזן. אין אַ בעסערן אָרט ווערן די איבערגעשיקטע, האָט מען אין לאַגער געשמועסט, און די עלטערע זיינען פון ווייטן געשטאַנען אין רעדלעך און מקנא געווען. פּלוצעם לויפט צו אַ בחורל צו אַ רעדל ניט ווייט פון אים, בליטן, און פאַלט אַרויף מיט אַ געכליפּ אויף איינעם אַ נידעריקן און איינגעדאַרטן:

— מאַמאַ האָט אָנגעזאָגט, נאָר צוזאַמען!.. זיך ניט שיידן, טו אַלץ, פּאַפּאַ!..

שוין אויפן אָרט האָט בליט געוווסט, אַז דאָס איינגעפאַלענע מענטשל איז דער געוועזענער אינהאַבער פון אַ גרויסן גאַלאַנטעריי־געשעפט אין רי־גע. דערגאַנגען איז ער אַפילו די נעמען. לייב מיילאַך הייסט דער טאַטע, און זיין זון — עוזר, אָדער עגאָן. אויף דער אַקציע אויף פרויען און קינדער ביי זיי דאָרט אין שטאָט האָט דער סאָרטירער, אַן עלטערער ס״ס, אָנערקענט, אַז דאָס בחורל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ געוויקסיק יינגל, קאָן זיין דאָך אַן אַרבעטסקראַפט און אים געשיקט אויף דער בעסערער זייט. האָט עס די מאַמע אים צוגעוואָרפן אָט די געזעגענונג — זיך האַלטן מיטן טאַטן נאָר צוזאַמען!

די ווערטער פון דער מאַמען האָט בליטן שוין ניט אָפּגעלאָזט יענעם אָוונט, נאָכן דערזען אין שניי דעם טאַטן מיטן זון. אין דעם ביטערן און פינצ־טערן לאַגער האָט אָבער משונהדיק געקלונגען די גאַנצע מעשה זיינע און מענטשן האָבן מיט באַדויער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף זיין זייט — אַ גייס־טיקער מוסולמאַן... אין זעלבן אָוונט, שוין גאָר שפּעט, האָט בליט אויפגע־זוכט דעם קאַפּאָ פון דער לייכענקאָמאַנדע און זיך אָנגעבאָטן אויף מיטאַר־בעטן דעם מאָרגנדיקן טאָג ביי אים...

בליט דערמאָנט אָפּט די אַלע פינף וואָס ער האָט געבראַכט צו קבורה. איצט אַז ער כאַפּט זיך אויף פון היץ, פילט זיך אַ ציטער גאָר אַ באַזונדערער אין יעדן וואָרט זיינעם וועגן דעם טאַטן און זון, וואָס זיי האָט ער אין דעם מאַסן־קבר געלייגט ממש איינעם לעבן צווייטן. די אויגן זיינען אים שוין ברייט צעעפנט און די ליפּן נאָך אין פּלאָנטער:

— צוזאַמען, צוזאַמען... זיך ניט שיידן... מאַמאַ!

אין די צעעפנטע אויגן לויכט בליטן אַריין אַ צופרידנקייט פון אַ סך פנימער וואָס באַגריסן אים מיטן נאָכלאָז פון דער היץ. צו גלייך מערקט ער אויף דעם קאָפּשאָקל פון איינעם צום אַנדערן ביי די זעלבע מענטשן — זייער באַדויערן איבער זיינע „פּאַנטאַזיעס“, ווי אים איז שוין באַקאַנט. עס פאַלט אויך אַ זאָג מיט אַ ביטערן שמייכל:

— דער פּאַקעט, היינט טאַקע זיכער?... וועגן דעם עפּעס הערן, צי פון היץ צי פון חלום...

גרויער אַליין, יוסף, — קען בליט ניט תופס זיין — ער אויך האָט שוין דאָ ניט קיין בעסערע חכמה צו זאָגן אים!

אין מינוטן ווייס ער פון די אַלע נייס אין בודע. קלאָר ווערט אים אויך דאָס לידל פון די שטובדינערס, וואָס זיי האָבן זיך צעזונגען אַזוי פאַרשייט און מיט זייער שפּאָטערישן צופּיף:

מאַראַלישע עסטעטיק,	מאָראַ טיק,
מאַראַלישע קאָסמעטיק,	מאָראַ טיק,
טיק טיק!	טיק טיק!

ווי שיין נעמט בליטן אויסזען די נאַכט וואָס איז אָקערשט פאַרביי! די פינצטערניש צעשטראַלט זיך פאַר זיינע אויגן מיט אַ לויטערער שטילקייט. סאָראַ מאָראַלישע שטימונג האָט זיך געפילט. אַחוץ די שטובדינערס, נעבעך ביידע יינגלעך די פאַרקריפּלטע, האָבן מענטשן ניט געהייבן קיין קול, געזען צו פאַרשווייגן איינער דעם אַנדערן און זיך געשטאַרקט ניט פוגע צו זיין בכבוד אַפילו פון אַ טויטן... ווי הערלעך האָט געקלונגען די פילאָסאָפיע פון טומאת־שפתיים! אין דער פינצטערקייט פון נאַכט — ווי גאָר קיין קאַצעט, קיין היטלער, אויס רישעות אויף דער וועלט... און אָט רייסט ער מיט די

לעצטע כוחות די מענטשן פון די קוסטעס און פון שניי. מיילאַך, דער טאַטע, נעמט אים האַרציק וואָס פאַרטרויען. עס שמייכלט אויך דער זון, אַזוי ליב־לעך...

אַ דריי טוט זיך ברוך בליט איבער זיין געלעגער און פרוווט זיך זעצן. ברייט צעעפנט די אויגן, גייט זיין קוק איבער דער בודע וואָס איז שוין אין פולן גאַנג פון טאָג. טענות און רייסערייען באַנעמט זיין אויער, און ביים איי־זועלע קאָכט די בירזשע... ווייניק באַמערקן אים איצט, בליטן, און גאָר די נאָענטסטע הערן קוים די ווערטער ביי זיין פלוצלינגען פאַל אין אָנמאַכט:

— בין חושך לאור...

אַז זיין ברוך איז שוין ניטאָ — זעט זיך גאָר ניט אָן אויף גרויערן. ער שטייט שוין לעבן די נייע מענטשן, וואָס זיינען געוואָרן אַהער אַריינגעפירט. דער פלעגער וואָס באַגלייט זיי דאַרף עס דאָ זען צו אָפּלייגן אָט די „עקזעמ־פלאַרן פון דער מאָרגן־אויסגאַבע", ווי ער רופט שטענדיק די ערשטע פאַ־ציענטן וואָס דער אַמבולאַנץ צעשיקט איבער די קראַנקן־בודעס. גרויער זעט אָבער ווי דער סאַניטאַר מיט די צוויי שטובדינערס זיינען שוין פאַרגאַנ־גען אין אַ שמועס וועגן גאָר אַנדערע זאַכן. וואָס איז שוין גרייט, ווייס ער, אויף דעם כיבוד פאַר דעם היינטיקן אַמבולאַנץ־אָוונט. ער הערט אויך מבי־נות אויף אַקטיאָרן און וועגן די מקחים פאַר זייערע „נומערן", וואָס עס פאַר־לאַנגט יעדער פון די קאָמיקערס, טענצערס און קונצן־מאַכערס...

וואַרט שוין ניט גרויער אויף די אויפזעערס און נעמט זיך אַליין עפּעס טאָן פאַר די פריש־אַריינגעבראַכטע. אַ שווער־פאַרוווּנדעטן לייגט ער אָפּ לעבן זיך, אויף דעם פריי־געוואָרענעם אָרט ביי דער וואַנט. דעם מענטשן קענען דאָ כמעט אַלע און ער הייסט ביי אַ סכן דער „לאַגער־גבאי". ביי נאָר אַ געלעגנהייט זוכט ער זיך אויס אַ ווינקל און נעמט צוזאַמען יידן צום דאַוו־נען... אין דער בודע ווו ער איז געשלאָפן האָט דער פאַטרול פון אַ וואַכטורעם אַריינגעשאָסן, און די קויל איז אים אַריינגעפלויגן אין בויך. פון לאַנגווייל דורך נאַכט האָבן זיי ניט אַ פּנים וואָס אַנדערש צו טאָן, די שומרים פון לאַ־גער... נאָך איינער פון די נייע קראַנקע, אַ יונגער בחור, קאָן בכלל ניט ליגן. אויסגעשאָטן איז ער מיט געשווירן און ער ווייס זיך ניט ווי צו דרייען. אַ לייכטער קראַנקער קומט אויס צו זיין דער דריטער, אויך אַ יינגערער. שפּעט

אין אָוונט האָט ער זיך צוגעשאַרט צום פענצטערל פון פּראָדוקטן־קאַמער און שוין פון דאָרט געהאַט אַרויסגעצויגן אַ פינף קאַרטאָפל. פאַר אַזאַ מעשה האָט אים באַלד דער דעזשור, אונטערשאַרפירער טיגעל, געהייסן אויפהענגען פאַר די ביידע הענט אויפן תליה־סלופּ אויף גאַנצע 2 שעה. דאָס בחורל האָט אַזוי לאַנג געקאָמבינירט ביז אים איז געלונגען צו אַרויסציען פון קנופּ איין האַנט. דאָ האָט זיך דער רימען אין גאַנצן אָפּגעלאָזן און ער איז פון די עטלעכע מע־טער הייך אַרונטערגעפאַלן, און נאָך אַרויסגעלאָזן אַ ווייטאָג־געשריי. דאָס האָט שוין געקאָנט ברענגען אין גאַנצן לאַגער צו אַ „פּאַניק״, האָט באַלד פעסטגעשטעלט דער דעזשור. אונטערשאַרפירער טיגעל באַשטראָפט אָבער ניט קיין קראַנקע; איז דער פּאַציענט פאַרשריבן אויף פופציק שמיץ און דאַרף עס דאָ פריער געזונט ווערן.

פון דער זייט וואַרפט גרויער בליקן אויף די שטובדינערס וואָס האָבן זיך געלאָזן איבער דער בודע. אין דעם זוכן פרייע נאַרעס פאַר קראַנקע זיי־נען זיי שוין עטלעכע מאָל אים פאַרבייגעגאַנגען און מאַכן זיך ניט וויסן פון דעם פּלאַץ וואָס זיי קאָנען דאָ ליידיק מאַכן לעבן אים!... מיט אַ כוח גיט זיך יוסף אַ טראָג צו דער טיר. זיין האַסטיקער טראָט רופט אַרויס אין בודע אַ פאַרוווּנדערונג, און נאָך מער וואָס ניט צו מערקן אויף זיין פּנים קיין סימן ווייטאָג פון דעם נאָכשלעפּנדיקן פוס מיט דער אויפגעשניטענער קני.

וואָס דער געלאַף איז געווען, נעמט די מענטשן אין בודע ווערן קלאָר בעת גרויער ווייזט זיך צוריק. צעפלעמלט דאָס טויט בלאַסע פּנים, פאַלט ער צו צו זיין נאַרע און גיך־גיך נעמט ער ריען פון דעם שטרוי אַרויס. מיט יע־דער שמאַטע וואָס ער טוט אָן אויף זיך, וואַרפט ער אַרויס אַ בינטל ווערטער:

— די לייכענקאָמאַנדע קומט נאָך ברוכן, און איך גיי מיט... דאַכט אַז דער נייער שכן איז איינגעשלאָפן, גיט אויף אים אַכטונג!... און קומט אַריין דער דאָקטער גאָרדאָן, אונדזער כירורג, לאָזט אים ניט אָפּ. צו אָפּערירן, זאָגט ער, פעלן אים דאָ אַלע מיטלען. זאָל ער אָבער זען דאָך וואָס צו טאָן, פאַרלייכ־טערן דעם מענטשן די יסורים!.. יאָ, דאָס פּעקל טאַקע היינט, אָבער ניט קיין גאַנצן. זיך פאַררעכנט אין צאָל, זאָגן זיי אין אַמבולאַנץ. די הוליאַנקעס! און היינט גרייט מען זיך גאָר אויף גרויס... וועל איך נאָך ניט זיין צוריק ביים אויסטיילן, טאָ זעט אַרויסקריגן פאַר מיר דער עיקר די סיגאַרעטן. פינף שטיק צוגעזאָגט דעם קאַפּאָ פון דער קאָמאַנדע...

וויניק גלייבן אַז גרויער וועט אויסהאַלטן דעם טאָג. ניט קיין לייכטע אַרבעט אין דער לייכענקאָמאַנדע, און נאָך אַזאַ מוסולמאַן!.. לייען אים אויס צוויי צו שטיקלעך ברויט און אַנדערע שטעלן זיך ניט אָפּ מיט אַ טענה צו די שטובדינערס:

— אַ שטיקל בגד גיט אים, אַ פּאָר טיכלעך וואַרעמע אויף די פיס, אַז שוין ניט די שיך... כאָטש עפּעס פון דעם וואָס איז געבליבן פון זיין שכן!..

— און אַז מען האָט זיך נעכטן אָפּגעבעטן אַ שמאַטע צו פאַרשטאָפּן די לאָך פון דער אויסגעבראָכענער שויב?.. אַליין ליגט מען דאָך ווייט פון פענצטער, ביים אייוועלע און אונטער די וואַרעמע דעקעס... ווען ניט דער ווינט דורך נאַכט, וואָלט דער זעלבער מענטש אפשר נאָך איצט געלעבט...

ניט קיין לייכטע אַרבעט האָט בינדער מיט זיינע ביידע שכנים. די הענט זיינען אים פאַרטאָן מיטן צוריקהאַלטן די שטובדינערס און מיטן פאַטשן זיי איבער די מיילער. נאָך אַ גרעסערער אָנשטרענג פילט זיך ביי אים אויפן פנים, אַז ער נעמט זיך עס אַליין צום ריידן מיט גרויערן. ווי זיין שטייגער, גייט ער צו מיט פראַקטישע דערקלערונגען:

— די עשרת הדיברות זיינען דאָך הייליק. ניטאָ וואָס צו ריידן!.. צום דורכפירן זיי אָבער אין לעבן, גייט עס ניט אָן דעם דרייאיקן צוגאָב: קאָנסטו, מאַך; האָסטו, האַלט; ווייסטו, שוויג!.. הער גרויער, די איילעניש אייערע טויג ניט, און אַ יאָלד צו זיין טויג געוויס ניט. וואָס זייט איר געלאָפן און וווהין טראָגט אייך? אַז אַ מענטש ווייס ניט זיינע כוחות; איר זייט דאָך שוין באַלד אויך אַליין קרוב למקח... לייגט זיך בעסער צוריק אויף אייער געלעגער, און מען וועט שוין זען צו פאַררייבן מיט אייערע צדיקים, די לייכענקאָמאַנדע... פאַרגעסט ניט, גרויער, אַז אַחוץ דער פאָרציע קומט טאַקע באַלד דער פּאַקעט, און איר וועט אויך ניט צולייגן... איר רעדט דאָך מיט מיר!

איצט איז אים שוין קלאָר, גרויערן, וואָס אָט דער בינדער מיט זיין ריידן דערמאָנט עס אים כסדר. מיט אַזאַ טאָן האָט אין שטעטל גערעדט וועגן זיין אַרבעט און וועגן זיך אַליין — דער גרויסער פאַרטאַטש און ויסטער עם־הארץ. די אַ טיפן ווייסן ניט פון וועלכע ספקות, און ביי די שווערסטע פראַגן לאָזן זיי באַלד פאַלן מיט געהויבענער אויטאָריטעט זייער וואָרט, וואָס קלינגט ווי אַ באַפעל... דאָס שאַרפע צינגל בינדערס און די זיכערקייט וואָס

ער גייט אַנוואַרפן, פאַרטראַגט זיך אויך אַזוי ענלעך מיט די אַגענטן פון צווייפלהאַפטע געשעפטן, וואָס ווי נאָר זיי נעמען אַריין דאָס געלט אָדער קריגן אַרויס די חתימה — קענען זיי דיך ניט... וויל ער דאָ גאָרניט אַריינ־גיין אין וויכוחים, גרויער:

— ברוך גייט ניט אויף הוליאַנקעס, און אויך ניט אויף זייף... ווי סחורה אויף דער פאָליצע זיך וואַלגערן דאָ ביי אייך, אויף טרייבן פון אים ביזנעס... דער פּאַקעט, דער אמתער פּאַקעט פאַלט אַריין צו מיר, אין גאַנצן. אָט גיי איך אים מלווה זיין, און טאַקע זען צו לייגן אויך אין דעם ווינקל פון זיינע מיילאַכס. איך וויס דעם אָרט!...

אויף אַזאַ איינעם האָט שוין בינדער ניט צו פאַרלירן נאָך קיין איין וואָרט. אַ שאַרפן קער טוט ער זיך און בייגט זיך באַלד איבער זיין „קעסט־ניק“. ער וואַרפט אים וואָס אַריין אין מויל און מאַכט שוין מיט אים אַ גע־נעראַל־פּראָבע:

— יאַקאָבפּי, באַלד דער פּאַקעט, איז געדענק...

דער אָנגריף אויף גרויערן לאָזט אָבער ניט אָפּ. צוזאַמען מיט אַ ווייסן פּראָסט רייסט זיך אַריין פון דער טיר־עפענונג אַ שאַרפער געשריי. אַ צעקאָכטער שטייט לעבן דעם קאַפּאָ פון דער לייכענקאָמאַנדע דער דאָקטאָר קראָן:

— אַהאַ!!.. דער יושר־זוכער, טאַקע אָט דער!.. אין דרויסן האָב איך אים באַמערקט שוין גאַנץ פרי. שניי גאָר געקליבן... פריער אַ ווילע האָט ערווידער אַרומגעטאַנצט. אַן אַגענט גאָר געוואָרן אויף ליפערן טוי־טע... פאַר אַזאַ טויט קראַנקן — קומט שוין דער דאָקטאָר צוריק צו זיין טאַקט און שמייכל — יאָ, וואָס פאַר אַן אָרט איז אייגנטלעך פאַר אים אין קאַ־בע?.. די גאַנצע בודע וויס געוויס, מיט וואָס פאַר אַ שווערן האַרצן איך האָב היינט פרי געמוזט אויספירן דעם באַפעל און פון דאַנען געשיקט נאָך גאָר שוואַכע מענטשן צו דער אַרבעט. וועלן אַלע דאָ זיין מיט מיר אויף איינשטימיק, אַז דער אָ פּאַציענט מוז ווערן פון דאַנען אויסגעשריבן. יאָ, און נאָך ביי דעם שטאַרקן מאַנגל פון פּלאַץ...

איינשטימיק מיט אים, אָדער ניט אַזוי איינשטימיק — גייט איבעריקס דעם דאָקטאָר ניט אָן. דעם טאָן דעם גוטן אויפהיטן, ווייסן שוין מענטשן, איז ביי אים דער עיקר. ביי זיין קערן זיך צום אָפּגיין צעגיסט גאָר ברייט

דעם שמייכל איבער זיין פּנים אַ געזאַנג אַ צווייִשטימיקער. די ווערטער פון אַרויסגעשפּרונגענעם לידל כאַפּט ער ניט אויף; ער פילט אָבער אַ לעבעדיקן אָפּהילך אויף די רייד זיינע אין די ביידע שטובדינערס:

מאַראַ טיק, מאַראַ טיק, טיק טיק!..

דער אויסלאַכערישער צופּייף באַקומט באַלד אויך אַ רוגזהדיקן בייטאָן, ווען פון בודע ווערט אַרויסגעטראָגן בליט. דאָ וואַרפן זיך די צוויי אַריבער אויף זייער אַנדער קאָמפּאָזיציע:

אינטע אינטע, טעלעק טעלעק, טעל טעל!..

די ווויליונגערישקייט ווערט פלוצעם אָפּגעהאַקט דורך אַ טיפער שפּאַנונג וואָס פאַרכאַפּט דעם גאַנצן עולם. אין שיין פון פענצטערל ביי דער הינטערוואַנט הייבט זיך דער קאָפּ פון דעם גוסס מיט דער קויל אין בויך — און אַ דערווידער גיט זיך אַ טראָג דורך אַלעמען צו די צוויי הער־שערס פון דער קראַנקנגרוב. די באַקן ביי דעם יידן און די ביידע ליפּן שטאַרקן זיך וואָס אַרויסטרייסלען, און די אויגן אַזוי צונטער... קוים הערט זיך זיין קרעכציקער קול וואָס רייסט זיך דורך דער פייכטער און קאַלטער טונקלקייט אין דער געפּרעסטער ענגשאַפט פון דער יסורימפולער ערדבודע:

— יידן, ענטפערט אָמן... לעילוי נשמה פון דעם ניפטר... יתגדל ויתקדש...

ניט-זיכער

א.

וואָס דער עלטער רוקט זיך מער אויף ר׳ מיכלען, שטאַרקן זיך אין אים אַלץ די ספקות וועגן זיין תורה און מעשים טובים אויף דער וועלט. די זיכערקייט אין זיין פרומען ערלעכן לעבן ברעקלט זיך ביי אים כסדר. עס פאַלט ביי אים אָפּ די פעסטקייט, אַז אַ וועלכער זכות וועט אים ביישטיין אין דעם ווייטן וועג... אַן אַנגעשטעלטער כל ימיו, האָט ער שטענדיק גע־אַרבעט באמונה און קיינער האָט צו אים קיין טענות ניט געהאַט. וועט ער אָבער דאָס אַלץ קענען זאָגן מיט אַ פול מויל אויף דאָרט, אָט אַז מען וועט אים געבן אַ פרעג אויף דעם עולם האמת? שוין יאָרן ווי ער איז אַ קובע עתים לתורה; זיצן אַ פרייע מינוט אָן אַ ספר, איז ביי אים אַן אָפּקו־מעניש. איז אָבער זיין תורה אַלע מאָל לשמה? ניט זיכער איז ער אויך אין די ריינע כוונות זיינע ביים געבן צדקה, העלפן מענטשן... פּסולים זוכט ר׳ מיכל אויך ביי זיינע קינדער, וואָס אַלע זיינען זיי באַרופן פאַר פיינע יידן און יודעי־ספר און איינער פון זיי איז אַפילו אַ באַרימטער רב.

שוער האָט לעצטנס געווירקט אויף ר׳ מיכלען דאָס שטאַרבן פון זיין ווייב, זיין אשת־נעורים, וואָס קרוב זעכציק יאָר האָט ער מיט איר אָפּגע־לעבט. דרייט זיך שוין אים איצט אין מוח אַזוי פיל אויף וועגן טויט, אָט די לעצטע מינוטן אין מענטשנס לעבן, און באַלד נאָך דעם... די אָ מחשבות שרעקן ביז גאָר ר׳ מיכלען. גייט ער שוין ניט אויף לוויות אויך פון די נאָענטע זיינע. זעלטן זעט מען אים אין אַ שטוב פון אבלים אָדער ביי אַ הספד. אויך סתם דרשות פון מגידים איז ער שוין ניט להוט צו הערן. ר׳ מיכל קען ניט פאַרגעסן דעם דרשן פון מאה שערים. דאַכט שטענדיק מיט זיינע פריילעכע מעשיות און משלים, איז ער דאָ ניט לאַנג אַרויס מיט אַזעלכענע ציורים פון דעם יום המוות!.. וואָס מער ר׳ מיכל זוכט צו אָפּ־

טרייסלען זיך פון יעדן פיצל געדאַנק וועגן אָט די גרויליקייטן, — יאָגן זיי אים נאָך, פאַרגנבענען זיך אין אים און לאָזן ניט צו רו.

צו שטילן זיין אומרו — איז ר׳ מיכל אין איין געיעג נאָך מיצוות. אַ סך, אַ סך וויל ער נאָך אויף דער וועלט אַריינכאַפּן. אַחוץ זיין תפילה און תורה האָט ער מיט גרויס אימפּעט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מעשי־צדקה. פון די לעצטע זיינע גיט ער. מיט די אַלטע פיס שפּאַנט ער אויס גאַסן גאַנצע און קוואַרטאַלן, זאַמלט געלט ביי פריינד און באַקאַנטע און צעטיילט עס אויך אין די הייזער פון באַדערפטיקע אלמנות און יתומים און פון געדריקטע תלמידי־חכמים. נאָר זיין פאַרטאָן. אין די מעשים טובים זיינע זעט זיך ר׳ מיכל געמוטיקט און באַשירעמט פון די שווערע געדאַנקען.

ווי אַ דערלייכטערונג האָט אַרויסגעטאַנצט פון ר׳ מיכלס אויגן, בשעת דער לוח האָט אים געוויזן אַ פרייטיק דעם טאָג פון זיין ווייבס יאָרצייט. יוכבדס אָנבליק אין אירע לעצטע מינוטן שטייט אַלץ פאַר אים, און דער ערשטער יאָרצייט אירער וועט אים נאָך טרייבן און טרייבן ווער ווייס אין וועלכע מאַוימדיקע מחשבותן. אין דעם טאָג אָבער פון ערב־שבת איז מען אַלע מאָל קורץ מיט דער צייט. אויף דעם פרייטיק האָט זיך ר׳ מיכל נאָך אָפּגעלייגט אַ סך אַרבעטן. באַלאָדן איז ער געווען שוין פון נעכטן; אַ וועלט האָט ער אויסגעשפּרייזט און געטיילט צדקה גאָר אַ סך, ביז דער לעצטער פּרוטה זיינער אין קעשענע. אַז די שקיעה איז אים ממש אונטער־געשפּרונגען און ער איז אַריין אין שבת, — האָט ר׳ מיכל שוין אָנגענומען דעם טאָג ווי אַ באַרואיקנדיקן צייכן פאַר אים פון היינט אָן אויף להבא. אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, יוכבד!

ניט איין מאָל ווי ר׳ מיכל איז איבערגעכאַפּט מיט זיינע חשבונות. אויף דער נאַכט האָט שוין אים אויסגעוויזן, אַז ער זאָל האָבן געוועזן צו אייליק מיטן באַרואיקן זיך. אַ זייטיקע ידיעה גאָר פון דער צייטונג, וואָס איז אים צוגעפאַלן ביים שבתדיקן טיש, האָט אַ צופּ געטאָן די שטימונג זיינע און אים גענומען טראָגן אין דערמאָנונגען און נאַכטראַכטענישן. קורץ געשריבן איז געווען, אַז דער מאַטעמאַטיק־פּראָפעסאָר משה בונים, וואָס איז געפאָרן קיין חוץ־לארץ בשליחות פון ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט צוליב קראַנקייט איבערגעריסן זיין נסיעה און זיך צוריקגעקערט.

בעצם קאָן ער דעם פּראָפעסאָר זייער ווייניק, קומט גלייך אויף אין ר׳

מיכלן אַ פּרווו צו ווערן זיך דאָ מיט זיך אַליין. דער הויכער טאָן, וואָס צעזינגט זיך פון זיין האַלדז באַלד ביי די זמירות, מאַכט אים אָבער ניט פאַרגעסן, אַז יוכבד עליה השלום איז געבוירן אין דעם זעלבן שטעטל ווו בונים. מיט די עלטערן זיינע איז זיין פרוי דאָ געווען אויפגעטראָגן ביז אירע לעצטע טעג, און געשטאָרבן איז דער אַלטער בונים צו דער זעלבער צייט וואָס זי... דאָס בענטשן נאָכן עסן שטאַרקט ר׳ מיכל מיט טיפערע כוונות ביי יעדן וואָרט. צום סוף אָבער באַמבלט זיך ביי אים די פראַגע, וואָס אָט די ידיעה וועגן פּראָפעסאָר קומט דווקא צום ערשטן יאָרצייט פון די ביידע.

פון וועלן זיין וואָס מער פאַרטאָן האָט ר׳ מיכל דעם שבת געהאַט צו־געלייגט אַן אויער צו יעדן שמועס פון יידן אין די רעדלעך, און איז גע־גאַנגען הערן מגידים. די נייע וואָך נעמט ער אויף מיט אַ פאַרשטאַרקטער עסקנות; ענינים אָן אַ שיעור אָט ער זיך אויפגעזוכט. נאָך עטלעכע טעג באַצווינגט ער שוין ניט דעם שפּיל פון קאָץ און מויז מיט זיך אַליין. פּראָ־פעסאָר בונים, און אים, צו לאַנגע יאָר, דער טאַטע זיינער און יוכבד — לאָזן אים ניט אָפּ. פעדעמער ציען זיך פון אָט די דריי צו אים און וויקלען אים אַריין. שעה פאַר שעה און טאָג פאַר טאָג וועבט זיך פאַר זיינע אויגן אַ בילד פון מיט יאָרן צוריק. אָט באַנעמט אים אַ פּחד, און אָט צעשטראַלט זיך זיין האַרץ מיט טיפע האָפענונגען און עס קוועלט אין אים אַ זיכער־קייט, אַ פעסטקייט.

ב.

ווייט שפּאַנט אַוועק ר׳ מיכלס זיכרון, אַזש מיט אַ יאָר זעכציק צו־ריק. צוזאַמען מיט זיינע עלטערן שטייגט ער אין אַ זומערטאָג אַרונטער פון דער באַן ביי אַ שטעטל אין זייער גאַליציע. אַ כלה פאַר אים אָנקוקן זיינען זיי עס אַלע געפאָרן אַהער. אריינקומענדיק אין שטעטל מערקט זיך אַ צערודערונג. מענטשן גייען אַרום צעטראָגן און פאַרטרויערט. הערן זיי, אַז אַ מגיפה אַ ווילדע הערשט דאָ, און די צאָל קרבנות שטייגט אַלץ... פון גאַסטהויז איז דער טאַטע זיך געגאַנגען טרעפן מיט דעם צד הכלה, און

איז גלייך געקומען צוריק. אַ שטוב דאָרט מיט קראַנקע. דאָס מיידל איז גאָר שטאַרק געטראָפן און איז פאַרביי. עס איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, זענען זיי ביידע, ער און דער טאַטע, אַוועק דאַווגען מינחה. טרעפן זיי אַ גרויסן עולם אויפן שולהויף, און מען שרייט, און עס קאָכט זיך, און — טענות. אַ סך רייסן זיך דאָרט אַריינצוקומען אין קהל־שטוב און שומרים שטאַרקע האַלטן זיי אָפּ. אַן אסיפה פון די טובי העיר קומט דאָ פאָר און מען לאָזט ניט צו דעם המון־עם.

— מען יישובט זיך, און מענטשן פאַלן ווי פליגן! — איז גרויס דער ליאַרעם.

— וואָס פאַרציט מען דאָ מיט דער לוויה? — שטורעמט מען — דאָך האַרצלאָזיקייט, הימל־געשריי!

— ווי איז אָבער דער דין, אַז די גאַנצע זאַך זאָל זיך, חלילה וחס, אויסלאָזן נאָך ערגער?.. — פּרוווט ווער פון דער זייט דערווידערן מיט אַ חקרנדיקן טאָן.

דערוויסן זיי זיך דאָ, טאַטע און זון, אַז נעכטן איז אין שטעטל גע־שטאָרבן אַ ייד אַ בעל־הבית. שוין אַ זקן געווען און לעצטנס אונטערגע־קרענקט. האָט ער אויסגעהויכט די נשמה מיט אַ געוויינטלעכן טויט, בדרך כל הארץ. איז ביי מענטשן אויפגעקומען אַ פּלאַן צו אַרויסהעלפן זיך דאָ דורך דעם בר־מינן. אַ בריוו וועט מען אים מיטגעבן צו ר׳ ישראל רוזשינער, נשמתו בגנזי מרומים, וואָס די יידן פון דער קהילה געהערן צו די רביים פון זיין דינאַסטיע, — און ער וועט שוין דאָרטן ניט שווייגן!..

ביז שפּעט אין דער פאַריקער נאַכט זיינען געזעסן שטיבלשע יונגע לייט, בעלי־מליצה, און אויסגעלייגט אין אַ האַרצרייסנדיקן לשון־קודש וועגן דער גאַנצער מגיפה. זאָל ער דאָרט טאַקע וויסן גענוי, וואָס פאַר אַ פּלאָג עס איז אָנגעשיקט געוואָרן אויף די מענטשן. פאַרטאָג האָט מען געוועקט דעם סופר, אים געשיקט אין מיקווה, און ביראה ובטהרה האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ געגנדזענער פעדער אין דער האַנט צום אַרויפשרייבן דעם בריוו אויף אַ ליכטיקן פּאַרמעט און מיט געדרוקטע גרויסע אותיות. וואָרעם ווי באַוווסט, איז ביי ר׳ ישראלן אין זיינע לעצטע יאָרן געווען אָפּ־געשוואַכט די ראייה. און עולם וואַרט שוין אָט־אָט אויף דער ישועה!

עס איז שוין אָבער פאַרנאַכט, און די לוויה איז נאָך ניט פאָרגעקומען.

פון אין דער פרי זאַמלען זיך מענטשן און שטייען פאַר דעם הויז פון ניפטר, און חברה־קדישא לייגט אַלץ אָפּ די קבורה. לאָזט מען זיך זוכן די גבאים און ראשי הקהל, — ערשט די האַלטן גאָר אָפּ אַן אסיפה אין קהל־שטוב!

דער טאַטע מיט אים האָבן זיך ניט געדאַרפט לאַנג אַרומדרייען צווישן המון. דער כלהס פאָטער, וואָס איז אויך געווען אַ פּרנס, האָט דורכן פענצטער באמערקט די אורחים. זיינען זיי שוין לאַנג ניט געבליבן אין דרויסן. אויף דער אסיפה פאַלן זיי ביידע אַריין אין מיטן פון אַ ברענענ־דיקן וויכוח. טאַקע מכוח דעם בריוו צום רוזשינער גייט עס דאָ. אַנדערע זיינען עפּעס ניט גורס די זאַך און עס איז דאָ אַ היתנגדות. שאַרף קעגן זיי־נען אפּנים די גאָר חשובע בעלי־בתים און לומדים. קיינער פון זיי לאָזט חס ושלום ניט פאַלן אַ וואָרט קעגן ניפטר. אדרבא, יעדער גיט צו, אַז ער איז געווען אַ בעל צדקה און מכניס־אורח, ניט געווען ווייט פון אַ ספר און גאָר אַ גרויסער מוקיר רבנן, און בכלל אַן ערלעכער ייד כל ימיו. אלא וואָס דען? זיי, די קעגנער, טראַכטן איבער די זאַך מער געניי, טאַקע ווי דאַרטן וועט עס פאַרקומען.

אין קבר קומט דאָך, ווי געווינטלעך, באַלד צו דער מלאך־דומה און גיט זיך צום מת אַ נעם מיט די פּראַגעלעך זיינע. דאַן, דאַן נעמט מען אים פירן דורך די מדורי־מטה, אָט די מוראדיקע וועגן פון שטרויכלונגען און עינויים קשים, און טאַקע פאַרביי דער שאול־תחתיה, — חיבוט הקבר! און אַז מען דערקומט שוין צו די מדורי־מעלה, — איז דאָך דער בית־דין, מיט מקטרגים... גיט אָבער דער ניפטר אַ ווייז אַזאַ בריוו, מוז אים דער מלאך־דומה פירן גלייך־באַלד צום רוזשינער. דאָ באַקומט ער, דער שליח הקהל, דעם מלכותדיקן שלום־עליכם פון ר׳ ישראלן אַליין, וואָס פאַרטיפט זיך באַלד אין בריוו. און אַז שוין דורכגעלייענט? וועט דאָך דער מלאך־דומה, וואָס שטייט ווו אין דרויסן און וואַרט, נעמען רופן דעם מת צוריק, ער זאָל גיין דורכמאַכן די אַלע מעשות. וועט אָבער ר׳ ישראל לאָזן זיינעם אַ חסיד אַריינפאַלן אין אַזוינע ידיים? איין ווונק זיינער, און יענער טראָגט זיך אָפּ מיט חרפּה, — און דער ניפטר בלייבט שוין אין דער מחיצה פון רוזשינער.

אין רוזשינערס מחיצה!.. קיינער פון די אַלע בעלי־חשבונס ווייזן דאָ

חס ושלום ניט אַרויס קיין קינאה. אַ זכות, זאָגן זיי, טאַקע דער גאָר ניט־געווינטלעכער און וואָס לייגט זיך שווער אויפן שכל, דאַרף דאָ עפּעס האָבן דער ניפטר, וואָס איז אין תוך גענומען נאָר דער ערלעכער ייד, און פּשוטער... אַ ווייס־גרויער פּרנס פאַרגייט זיך, ריידנדיק נאָר פון דעם אַריבערשפּרינגען, אָט דאָס ניט האָבן צו דורכמאַכן נאָך דער קבורה די אַלע גרויליקע זאַכן!.. האָקט אים איבער באַלד איינער און שרייט אויס: לא תעמוד על דם רעך! ווי קען מען עס בלייבן רואיק ביי אַזאַ אומקום?! נאָר פּאָר די לעצטע פּאָר שעה זיינען אין שטעטל געשטאָרבן נאָך צוויי מענטשן, און ער גופא, דער בעל טענה, האָט געלאָזט אין שטוב א קינד, אַז איין גאָט זאָל זיך נאָר דערבאַרעמען. און אָט אַזאַ געלעגנהייט מיטן בריוו, אַזאַ צופאַל!.. קומט אַרויס אַ שאַרפער ייד מיט אַ תשובה, און גאָר פון אַן אַנדער קוק, — דער רוזשינער. ר׳ ישראל האָט דאָך בחייו זיך אויפגעפירט אַזוי גרויס. איבערטרעטן דעם שוועל פון זיין פּאַלאַץ האָט מען זעלטן וועמען געלאָזן. היינט אַבי ווער זאָל טאַקע צו אים אליין צוקומען, — דאָס האָט גאָר ניט געקאָנט געמאָלט זיין. אויף דעם האָט ער גאָר שטאַרק מקפּיד געווען, כידוע... דערוועקט זיך דאָך, אויב אַזוי, אַ חשש, צי קאָן דער רוזשינער אָט אין אַ שליחה ניט לויט זיין טעם און הרגל — ניט איינזען אַ פּחיתות־הכבוד? און דעמאָלט — איז דאָך כּייער! אָט טאַקע נאָר דערפּאַר, הזרט דער ייד כסדר איבער, נאָר דערפאַר איז ער עס ניט גורס די זאַך. ווער ווייס, וואָס מען קען זיך צוליבן בריוו, חלילה, נאָך אָנמאַכן!..

אַ בראָך און אַ שטורמישער ריס אין דער טיר האָבן כהרף עין געמאַכט אַ סוף צו די וויכּוחים אין קהל־שטוב. מיט צאָרן שפּאַרט דער המון:

— אַ שטאָט גוססט, און דאָ חכמהעט מען זיך!

— רוצחים!!

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די לוויה. בעת דער קבורה איז שוין געווען פינצטער, און לאָמטערנעס האָבן באַלויכטן דעם בית־עלמין. טיף אַריינגעקוקט אין אָפענעם קבר, האָט ער, דער יונגער אורח, מיט זיינע אויגן געזען, ווי אַ צונויפגעראָלטער פּאַרמעט ווערט אַריינגעלייגט דעם בר־מינן אין דער האַנט אַריין. פונקט לעבן אים איז געשטאַנען דעם ניפטרס זון, וואָס האָט געריסן קריעה, און ביי זיין האַנט אַ קליין יינגל. דער

פאַרטרויערטער טאַטע האָט אַלץ געבויגן דאָס קעפּל פון קינד אין גרוב אַריין, ער זאָל זען און געדענקען...

אין דריי טעג ארום האָט די מגיפה אין שטעטל נאָכגעלאָזט. וועגן נס האָט ער מיט זיינע עלטערן זיך דערוווסט שוין זייענדיק צוריק אין דער היים. אין דער טעלעגראַמע צום טאַטן האָט מען אים אויך געגעבן צו וויסן, אַז די כלה בעסערט זיך. און די איז טאַקע געווען די באַשערטע, זיין יוכבד, — וואָס אָט איצט איז עס געווען איר ערשטער יאָרצייט.

אַ נאָענטקייט נעסטיקט שוין אין אים לענגער צו דעם פאָטער מיטן זון, וואָס זיינען לעבן אים געשטאַנען דעמאָלט אויפן ראַנד קבר, און ער מיט זיי צוזאַמען האָבן געקוקט אין דער האַנט אַריין... ר׳ מיכל געדענקט נאָך ווי היינט די טיפע שפּאַנונג, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט, דערהערנדיק אַז אָט די צוויי קומען קיין ארץ־ישראל און באַזעצן זיך אין ירושלים. מיט אַ יאָר פופצן צוריק איז עס געווען. זיין יוכבד גייט אַריין פון גאַס, און ווי אַלע מאָל ברענגט זי אַן נייס. דערציילט זי, אַז אַן עלטערע פאַרפאַלק פון איר געבוירן־שטעטל זיינען עולה. די האָבן געראָטענע קינדער, און איינער אַ זון, גאָר אַ גרויסער מלומד, ווערט דאָ אַ פּראָפעסאָר, און ער קומט עס מיט זיי צוזאַמען. פון יוכבדס ווייטערדיקע רייד ווערט אים קלאָר, אַז דער טאַטע פון פּראָפעסאָר איז עס אָט דער, וואָס האָט דעמאָלט געריסן קריעה ביים קבר, און דער פּראָפעסאָר אַליין, — דאָס יינגעלע...

ניט צו אָפט פלעגט ער זיך דאָ טרעפן מיט די אַלטע בונימס, און מיט זייער זון דעם פּראָפעסאָר זעט ער זיך זעלטן. עפּעס אַ שטאָלצע אָנגעצוי־גנקייט האָט זיך געפילט אין זייער שטוב. וועגן יענעם טאָג אין שטעטל האָט ער פאַר זיי בכלל אויסגעמיטן צו אַרויפברענגען אויף די ליפּן. און דווקא דאָס פאַרשווייגן האָט נאָך מער געמאכט צוואַקסן אין אים אַ גע־בונדנקייט צו דעם טאַטן און זון... אויך יוכבד זאָל דאָ זיין פאַרבונדן. דאָס שטאַרבן אירער כמעט אין זעלבן טאָג וואָס דער אַלטער בונים, האָט עס אויפגעבראַכט אין אים דאָס געפיל. און אָט די ידיעה וועגן דעם זונס קראַנקייט אין טאָג פון דעם ערשטן יאָרצייט! אַז יוכבד פלעגט טאַקע אַלץ ריידן פון יענעם נס אין שטעטל, און ווי דער ניפטר האָט זי אַרויס־געריסן פון דעם מלאך המוות׳ס נעגל, און דורך זיין האַנט ממש איז גע־

וואָרן זייער שידוך... ווערן זיי אַלע געריפן איצט אַהין לויט א מין ריי? איז שוין אָט דער רמז צו אים, ר׳ מיכלען?..

דאָס גראָבן זיך אין דער פארהוילנקייט קערט און קערט זיין געדאנק, און ס׳בליצט אים דאָ אויף אַ האָפענונג, א ישועה גאָר. דאָס בייזיין דע־מאָלט און דאָס זען דעם פאַרמעט ממש אין דער האַנט פון ניפטר — איז ניט קיין קליינער זכות. וועט אָט דער אַלטער גאָר ניט מגין זיין אויף די, וואָס זייער אויג און האַרץ איז געשמידט צו אים אַ גאַנץ לעבן?.. קלאָרער ווערט ר׳ מיכלען מכוח דעם פראָפעסאָר. אַ גרויסער מענטש איז ער, און זיין נסיעה קיין חוץ־לארץ איז געוויס געווען אַ וויכטיקע. און אַז מען וואַרפט אַלץ אין מיטן און מען איילט קיין ארץ־ישראל — איז עס ניט סתם. בונימס מחלה איז אפנים גאָר אַן ערנסטע; און א יידישער מענטש פאַר־לירט ניט דעם חשבון און ווייס, אַז מיטן צומאַכן די אויגן איז נאָך ניט אַלץ געענדיקט. ניין, דער פראָפעסאָר פאַרגעסט שוין גאָר ניט, וואָס אין ד׳עם אותו יום קען אים דעם זיידנס האַנט אויפטאָן דאָ, אין דער אדמת־קודש!.. וועט ער דאָרט ביים זיידן אויך ניט קענען זאָגן אַ וואָרט פאַר אים, ר׳ מיכלען? מזכה זיין מיט אַ מליץ־יושר?... ציט אים אַזוי צום מרפא־קליניק, ווו דאָרט ליגט איצט בונים. אָט זיין כאָטש אַ ווײַלע לעבן אים וויל ר׳ מיכל. אין צונויפטרעף פון זייערע ביידנס בליקן האָבן שוין פאר אים ניט איין מאָל דורכגעשוועבט זאַכן גאָר ווייטע...

אין דער פארלוירנקייט זיינער נעמט ר׳ מיכל זען אין בונימען אָט אַ בוים אַ שטאַמיקן, וואָס די וואָרצלען זיינע דערלאַנגען גאָר ווייט און זייער יניקה קומט פון טיף־טיף. און אָט מאָלט ער זיך — אַ זייל געפעסטיקט אויף אַ פעלדז אין שטורמישן ים. רייסט זיך דער טרינקענדיקער צו אים, וואַרפט זיך און גאַרט צו אָנכאַפּן אַ וועלכן אָנבונד, כאָטש אַ פעדעמל...

ג

אריינגעקומען אין פאַלאַטע, טוען זיך באַלד ר׳ מיכלען אַ וויג די אַלטע פיס, דער שטעקן נעמט זיך קערעווען מיט אים, און ער זוכט זיך אַ פלאַץ שוין ווו אַן אַ זייט. די ליבע פריינדלעכע באַגריסונג פון פראָפעסאָר, וואָס זיצט אין בעט אַ בלאַסער, קאָן ניט אָפּווענדן ר׳ מיכלס צילנדיקן פרעג־

בליק פון די מענטשן וואָס ער טרעפט דאָ. אַ שמועס אַפּנים גייט דאָ אָן אַ געמיינזאַמער, און דעם געלעכטער פון דאַנען האָט ער שוין געהערט ביי דער טיר. אָט די הייטערע שטימונג דאָ באַגרייפט ער שוין בכלל ניט!... היינטוועלטיקע מלומדים אפנים אָט דער עולם. בית־מדרש־יידן זעט זיך דאָ ווייניק ווער צו זיין. גאָר זייטיקע קוקן זיי אים אויס, כאָטש זיי זייַנען עס געקומען מקיים זיין די מיצווה פון ביקור־חולים. שטאַרק מסופק איז ר׳ מיכל אין דער אמתער זאָרג זייערער פאַרן חולה. מיט גליאיקע אויגן זוכט ער אַרויס די פּרוי פון פּראָפעסאָר, גייט צו נענטער און טוט זיך אַ וווּנד פאַרשעריש:

— פון ווען? פון ווען אָן איז ער עס קראַנק?

— שוין לענגער ווי מיין מאַן איז ניט געזונט.

— פון ווען אָן אָבער ליגט ער עס דאָ אין קליניק, פון וועלכן טאָג? — איז שוין ר׳ מיכל גאָר שטרענג, און דער שטעקן צעטאַנצט זיך האַפּטיק אין דיל אַריין פון ציטער אין זיינע הענט.

— דעם דינסטיק פאַר מיטאָג האָט ער זיך גענומען שפּירן ניט גוט, האָט מען אים אַהער געבראַכט.

— נאָך דינסטיק! — האַלט ניט אויס ר׳ מיכל — מיטוואָך אַפילו אויף דער נאַכט אַז מען גיט מיר צו וויסן, וואָלטן דאָך דאָנערשטיק פרי, אָט נעכטן אין בית־מדרש צו קריאת־התורה, געמאַכט פאַר אים אַ מי־שברך!

ער זעצט זיך אין אַנמאַכט שוין נענטער צום בעט און רעדט מער צו זיך אַליין:

— מאָרגן פרי, שבת, אם ירצה השם, וועט מען שוין, פאַרשטייט זיך, טאָן אַלץ, אַלץ וואָס לאָזט זיך.

ייאושדיק טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט אויף די מענטשן און דרייט זיך אום אין גאַנצן צום חולה. איבער זיין פּנים נעמט גיין אַ האַרציקער שמייכל, וואַרעם און מוטגיביק איז די שטים:

— איר, איר זעט זיך נאָר צו האַלטן.

— ביז מאָרגן פרי... — איז אויפגעלייגט דער פּראָפעסאָר.

— טאַקע גלייך ביים ערשטן מנין — פאַרשטאַרקט ר׳ מיכל זיין הבטחה. — זעקס פרי דאַוונט מען שוין ביי אונדז אין בית־מדרש.

ווי פאַר אַ גאָר אייגענעם נעמט ר׳ מיכל זיך פאַרענטפערן פאַר דעם

ניט־קומען ביז היינט אים מבקר־חולה זיין. ווי אַזוי האָט ער זיך עס בכלל דערוווּסט וועגן דער קראַנקייט? געוועזן איז עס פּאַריקן פרייטיק־צו־נאַכטס, און שבת עסט ער דאָך ביים יינגסטן זון, וואָס וווינט צוזאַמען מיט זיין שווער. האָבן זיי די ביידע אַ געוווינהייט אַריינצוקוקן בשעתן עסן אין די בלעטער. איז דאָס מאָל ביי די פיש, לייענט דער זון ארויס, אַז פּראָפעסאָר בונים מיט זיין פרוי זיינען צוריקגעקומען פון חוץ־לארץ. נו, איז דאָך ברוכים הבאים, מ׳וועט געוויס זיך טרעפן און זיך געבן דעם שלום־עליכם. ערשט ביי די פליישׂ הייבט דער מחותן אויף דעם קאָפּ אָט פון זיין בלאַט און זאָגט: פּראָפעסאָר בונים איז ניט בקו הבריאות. אַ בפירושע ידיעה גאָר ביי אים, אַז צוליב זיין מחלה האָט דער פּראָפעסאָר איבערגעריסן די נסיעה.

— אַך, די צייטונגען. עס האָט זיך פּשוט פארבענקט נאָך ארץ־ישׂראל...

— האַקט איבער דער חולה מיט אַ לוסטיק געלעכטערל, וואָס קלינגט ר׳ מיכלען אויך אַנוווּנקעריש, אַז די מאָס רייד זיינע איז שוין דאָ איבער און איבער.

— אין אַ וועלט פון דיעטע — פאַלט ר׳ מיכלען צו פון דער זייט אַ הימלעכע שטים — טאָ ווו נאָך קאָן עס היינט אַ מענטש אַריינאַכלען אין איין אוונטברויט אי פיש אי פליישׂ, בשׂר ודגים, אויב ניט אַ ייד פרייטיק־צו־נאַכטס דאָ אין ירושלים? האָט טאַקע אונדזער ר׳ משה בונים זיך געאיילט צוריק אַהער...

נישתומטדיק הייבט ר׳ מיכל דעם קאָפּ און בייגט דעם אויער נענטער צו דעם בעל־הסבר. די אויגן צעפינטלען זיך אים אין שרעק. דער מענטש זעט זיך אַן איבער חמישים, און אפשר שוין ביי שישים, און זיצט עס ביי אַ חולה מסוכן, — חוזקט אויך אַזאַ פון יידישן שבת און פון ירושלים!.. פליסט זיך באַלד בונים צו פאַררייבן דעם שמייכל פון זיין פּנים און פאַרנעמט זיך מיט אַ בייזער:

— נו־נו, דאָקטאָר גילבוע, איר טשעפּעט זיך אַקאָרשט ניט מיט מיינעם אַן אַלטן ידיד!.. ר׳ מיכל, דאַרפט איר וויסן, איז אַן איידעם פון אונדזער שטעטל. און, וואַרט נאָר, אָט דער שידוך זיינער?.. איך ווייס, איך ווייס, ר׳ מיכל, פון אייער מויל אַליין דאַכט זיך געהערט, און אייער פרוי, עליה השלום, פלעגט ביי מיינע עלטערן אַלץ דערציילן. אַ מיסטעריע

אַ גאַנצע דאָ מיט מיינעם אַ זיידן; שוין איין מאָל אַ פיינע מעשה!.. ווי טאַקע, ר׳ מיכל, האָט מיין זיידע אייך צוגעהאָלפן עפעס מיט אַ גוטן זיווג?..

פאַרשטייט שוין גאָר ניט ר׳ מיכל. אויך אַזאַ בונים! מיט וואָס פאַר אַ קלות רעדט ער עס וועגן שוכני עפר, און אַלץ וואָס עס איז געווען מיטן זיידן, הייסט בײַ אים — אַ „פיינע מעשה״!.. דאָס אַרומנעמען זיך מיט די היינטוועלטיקע ברענגט שוין צו דעם. טאָ ווי קען שוין אַזאַ איינעם ליגן אין קאָפּ דאָס מאַכן אַ חשבון־הנפש און דאָס געבן אַ טראַכט וועגן אַ ביסל ווייטער?.. אַ חרטה נעמט דורכשלאָגן ר׳ מיכלן אויף זיין גאַנצן קומען אַהער. ער קען זיך אָבער ניט פועלן צו לאָזן גאָר סתם דעם חולה. דער זעט נעבעך ניט די שווערד, וואָס הענגט איבער זיין קאָפּ, און איז דאָך אַזוי זקוק צו רחמי שמים. רוקט ער זיך צו נאָך נענטער צו בונימען, קוקט אים שאַרף אַריין און פרעגט פשוט, וואָס איז דאָס שמייכלען, און בכלל ווי איז ער עס אַזוי פריילעך...

שווער בונימען צו פאַרבאַרגן זיין פאַרוואונדער. ווייזט ער ר׳ מיכלן דעם קאָמפּרעס אויף זיין ברוסט, און די צוריקפראגע זיינע איז שוין מיט אַ גאָר ברייטן שמייכל:

— יסורים ממרקין עוונותיו של אדם... איר האָט דען פאַרגעסן, ר׳ מיכל, אַז יסורים לייטערן די זינד? און „חביבין עלי יסורים״? רבי הקדוש האָט זיך דאָך געלאָבט מיט זיינעליידן. היינט אַז דאָס איז אַזאַ גרויסע זאַך, דאַרף מען זיך טאַקע פרייען!..

— אָבער ניט דאָס לאַכן, און נאָך אויפן קול!.. — איז ר׳ מיכלן דער־ווידער די געחכמטע תשובה, וואָס קלינגט אים ווי א ליצנות. די וואַרעמ־קייט־האַרציקייט אָבער זיינע צו בונימען לאָזט אים ניט אָפּ. בייגט ער זיך פאַר־טרוילעך איבער דעם חולה און נעמט מיט אַ האַנט פאַרשטעלן דעם שמייכל פון זיינע ליפּן. די צווייטע האַנט גייט מיט אַ פינגער אויף אויבן און ווייזט סודותדיק צום הימל. איינשטעלעריש צעווינקט זיך ר׳ מיכל און מורמלט אַרויס ציטערדיק, בלחש: — אַז בכלל דאַרף אַ חולה אויסמיידן אַ פריי־לעכע מינע. אַ זיפץ אָבער, א קרעכץ, דאָס שאַדט שוין גאָרניט. זאָל מען פון דאָרט טאַקע הערן, פון דאָרט, און ניט מוסיף זיין יסורים, אַל תפתח פה לשטן, ניט מוסיף זיין...

וואָס גיכער זעט ר׳ מיכל צו פאַרלאָזן די פּאַלאַטע. די ליפּן ביי די מענטשן קוקן אים אויס שטאַרק פאַרקוועטשט און די אויגן זייערע — געלאָדן מיט שאַרפן חוזק און גליען פון פאַרזיכטיקן איבערוווּנק. שטעקט דאָ ניט אין דעם קומען זיינעם אַהער עפּעס אַ מעשה־שטן, אָט מכשיל צו זיין אים אין אַ מושב־לצים ?..

פאַרביטערט לאָזט זיך ר׳ מיכל פון די טרעפּ, און מיט יעדן טראָט־ אַרונטער שטייגט אין אים די פּליאה. שווער אים צו משלים זיין מיטן געדאַנק, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל האָבן פאַרגעסן דעם „ואל תאמין בעצמך עד יום מותך״, — גלייב ניט אין זיך ביז אין טויט אַריין. טאָ ווי איז עס אַ מענטש דאָ אַזוי זאָרגלאָז ? קיין פּחד גאָר ניט צו מערקן ביי אים, אַ וועלכן איבערציטער. פון אַזאַ צופרידנקייט און לייכטן צוגאַנג איז נאָר אַ טראָט, — און גאָר חס ושלום הפקרות ; איז ער אַזוי ווייט אַוועק, בונים, און ער, ר׳ מיכל, זאָל האָבן אין אים געהאַט אַזאַ טעות ?..

ד

אַ בליק צו דער דרויסן־טיר פון קאָרידאָר האָקט איבער פּלוצעם די אַלע טראַכטענישן ר׳ מיכלס. די אַלטע פרוי בונים, דעם פּראָפעסאָרס מאַ־ מע, איז אַריין. מיט איר שטראָמען גאַנג נענטערט זי זיך אים אַנטקעגן. אַ באַזוך ביי איר זון, דעם חולה, וויל זי נאָך היינט אַריינכאַפּן. מאָרגן איז שבת ; און אַז ניט פאָרן, איז איר דאָס קומען אַהער ניט לייכט. ר׳ מיכל נעמט זי באַלד מוטיקן, פאַרזיכערן וועגן דעם געזונטן אויסזען אירן און זאָגן באַרואיקונגס־ווערטער וועגן דעם חולה דאָ. ער ווינטשט איר אַ גוטן עלטער און עצהט ניט צו פאַרלירן דעם עיקר — ביטחון !.. ניין, די פרוי בונים וויל עס ניט הערן. מיט ביידע הענט דערלאָזט זי ניט די ווערטער צו אירע אויערן און טרייבט זיי פון זיך. נאָר ניט איבעררייידן !

— ברוך השם !.. אַז נעכטן ניט געבוירן, דאַרף איך דאָך ניט דער־ ציילן. און די זיבעציק שוין אויך אַריבער ; לעבט מען דאָך געשענקטע יאָרן... און די קינדער ! דער עלטערער זון, ער זאָל שוין אַרויס געזונט, זיצט אין אוניווערסיטעט און פירט מיט אַ וועלט. מיין צווייטער זון, דער

דאָקטאָר, זיצט אין קריה, ביי דער ממשלה, און שפּיטאָלן און אַזוי פיל דאָקטוירים און אַפּטייקן זיינען אונטער זיין האַנט. אַן איינִיקל, ווידער, דער עלטערער טאָכטערס אַ זון, זיצט אין כנסת. און דער שווער, זיי אַלע־מען צו לאַנגע יאָר, זיצט ביים רוזשינער...

— אַליין מוז מען זיך אָבער אויך באַזאָרגן אויפן וועג... — פאַרטראַגט פשוט ניט ר׳ מיכל אָט די צופרידנקייט, וואָס גרענעצט זיך שוין ביי אים מיט גאווה.

— מ׳וועט דאַרט אויך ניט פאַרלאָזן, האָף איך... דער עיקר פחד ביי אַן אונדזעריקן איז דאָך דאָס אַריבערשפּרינגען; אָט עס קומט אָן דער טאָג און מ׳איז שוין אין דער פינצטערניש, און עס הייבט זיך אָן דער חיבוט־הקבר מיט די אַלע שטרויכלונגען... איז דאָ ווער זאָל געבן אַ האַנט!

אַ רחמנות דערוועקט זיך ביי ר׳ מיכלן אויף דעם זון און מוטער צוזאַ־מען. די זיכערקייט אירע איז שוין גאָר מסוכן! לענגער טאָקע ווי ער איז מסופק אין דער באַשיידנקייט פון אָט דער פרוי. איר אויסרעכענונג אָבער דאָ איז אַפילו ניט קיין קרעמערישע, וואָס נעמט דאָך אין חשבון אויך פּסולת און אַנדערע מעגלעכע אָנווערן. פּרוי בונים בויט ווי אויף אַ לאָ־טעריי־געווינס... ר׳ מיכלן קומען אויף די מישפּחות, וואָס איינעם פון זייערע עלטערן האָט ווען אַמאָל געהאַט אָפּגעגליקט מיט אַן אוצר. גייען שוין אַרום דורות גאַנצע פון די פאַרוויגטע נגידים מיט פאַרמאַכטע אויגן און צעעפנטע הענט אַקעגן דער זון פון הצלחה. קיין ווילן ניט ביי די צו אָנשטרענגונג, אַ טראַכט טאָן מכוח אַ וויטערן טאָג. זיי זיינען גוט באַקאַנט אָט די יורדים...

זיינען שוין ר׳ מיכלן ניט קלאָר די מחשבותן, וואָס האָבן עס אים געבראַכט אַהער. אַ פּליאה טאַקע אויף זיך אַליין וואַקסט אין אים. דאָך אַ לעבן ווי דער פּחד איז זיין טעגלעך ברויט און דאָס נישטערן אין זיך שטאַרקט אים די יידישקייט. נאָר די אומצופרידענע מיט זיך, ווייס ער, האָבן עס דעם אמתן טריב צו מעשים־טובים, און די ניט־זיכערקייט פון אַ מענטשן קען אים דווקא פירן אויף אַ וועג אַ זיכערן. טאָ וואָס איז געווען דער דרך פון זיין גיין היינט אַהער?.. גאָר מסופקדיק ווערט אים אויך זיין התנהגות דאָ. וואָס די מענטשן אין פּאַלאַטע האָבן ניט געטאָן, האָט ער זיי אַלץ חושד געווען אין בייזן און דן געווען לכף חובה. ניט ווייניק קינאה

האָבן ביי אים אַרויסגערופן די רייד פון דער פרוי בונים. אַפילו דאָס גיין מבקר חולה זיין איז גאָר ניט אַזוי געווען לשמה!..

דער אָפּנייג פון דעם איינגעשטעלטן סדר ביי אים יעדן ערב־שבת זאָגט אויך אונטער ר׳ מיכלען און וואָרנט, אַז ער זאָל זיין ניט אויף דעם ריכ־טיקן וועג. אין מיקווה האָט ער שוין געדאַרפט לאַנג זיין. מאַסף זיין די צדקה־געלטער, וואָס ער קריגט אַרויס יעדן פרייטיק אין אַזוי פיל ערטער, האָט ער שוין ניט כמעט ווען. און ליידן וועלן די ניצרכים, וואָס קוקן אויס אויף זיין האַנט. אַז בכלל האָט ער נאָך צו טאָן און צו טאָן ביז ליכטבענטשן, און די שקיעה איז שוין אָט־אָט. ער קען נאָך, חלילה, קומען צו חילול־שבת. טאַקע ממש — עברה גוררת עברה, איין עברה שלעפּט נאָך אַ צווייטע.

מיט אַ געדריקט געמיט לאָזט זיך ר׳ מיכל פון קליניק און דער פחד אין אים שטייגט. ער איילט, און נאָך אַ לאַסט וואַרפט זיך שוין אויף אים — מתקן זיין אויך וואָס ער האָט היינט פוגם געווען.

א לייבעלע פון ירושלים

א.

ווי נאָר דער נייער פּאַסאַזשיר האָט זיך באַוויזן אויף די טרעפּלעך, האָט שוין האַפּטיק געשאָסן פון זיין זייט מיט פייערדיקע בליקן צום גאַנצן עולם אין אויטאָבוס. פון אונטער דעם ברייטן ראַנד פון זיין רבנישן פּליושענעם קאַפּעליוש האָבן פאַרשעריש זיך געוואָרפן די אויגן צו יעדן איינעם, וואָס איז דאָ געזעסן נאָך ביי אַ ליידיקן פּלאַץ. מאָגער און הויך, יאָגט דאָ פון אים אין גאַלאָפּ איבער די מענטשן זיין קוק, וואָס איז געזאָטלט אויף אַ האָריקער אוגערקע־נאָז און באַפּליגלט מיט געדיכט אַרונטערהענגענדיקע פּאות, וואָס באָמבלען זיך און וואַקסן אַריין אין אַ צעפּאַטלטער באָרד. דעם יידנס קוק האָט זיך געשפּיזט אין פּנימער אַריין, ניט אַדורכגעלאָזט אויך דעם אָנטו פון די פּאַסאַזשירן, — און יעדע סעקונדע געוואָרן אַלץ מער שאַרף און קרום. ניין, ניט זיינע מענטשן זעט ער דאָ פאַר זיך, ווייט ניט זיינע. אַן אויטאָבוס יידן אָן עין־הרע, און ניט קיין באָרד און פּאות אָדער כאָטש וואָס אויפן קאָפּ, אָדער אַזוי אַ יידיש הילוך. ניטאָ אויך קיין פרוי, וואָס זאָל זיין מענטשיש פאַרדעקט, ווי דער דין. אַ סך זיינען דאָ אַריינגעטאָן אין די מאָרגן־צייטונגען, וואָס עס גיבן אַרויס די פרייע, און אַנדערע האַלטן פאַר זיך צעעפנט די פאַרביקע זשורנאַלן מיט אַזוינע זינדיקע בילדער... דעם יידנס בליקן האָבן נישטערדיק זיך געטראָגן און זיינען אַרומגעפּאָרן אויף זיין לאַנגן, דאַרן האַלדז, פלעגן נאָך יעדן רונד בלייבן שטיין אומגעדרייט אויף הינטן און פאַלן דאָרט אויף אַ בינטל קינדער מיט פּעקלעך און כלים אין די הענט, וואָס זיינען אַריינגעקומען מיט אים און האַלטן זיך צוזאַמען ביי דער טיר. פון זיי פלעגן די בליקן יעדער מאָל אַ נעם טאָן וועמען און מיט אַ ווייטערדיקן האַלדזדריי, ווי אַ הייבקראַן, אים פירן מיטן ווונק און אַוועקזעצן ווו אויף אַ פּלאַץ.

דער מאָרגן־אויטאָבוס, וואָס גייט פון תל־אביב קיין ירושלים, איז דער עיקר באַזעצט מיט באַאַמטע און געשעפטסלייט, וואָס פאָרן וועגן די

פאַרשיידנסטע ענינים אין די צענטראַלע רעגירונגס־אַמטן אַריין פון דער הויפּטשטאָט. זעלטן ווער איז דאָ איינער מיטן צווייטן באַקאַנט. די אַלע ווערן אַרומגעכאַפּט מיט אַ לעבעדיקן אינטערעס. פון די צייטונגען און זשורנאַלן אַרויס נעמען די מענטשן מיט אַן אייגעלע נאָכקוקן דעם יידן אין זיינע אַלע באַוועגונגען און העוויות, ווי ער זוכט עס די ערטער פאַר זיינע קינדער און ווי ער פּאַסט עס צו פאַר יעדן איינעם פון זיי. אַ קאַפּשאָקל טראָגט זיך דורך איראָניש צו דער זייט פון דעם מענטשן, וואָס אים בשכנות ווערט עס איינער פון דעם געזינדל אָפּגעזעצט... זוכט דער ייד שוין, וויל ווי עס איז פאַרשטעקן דאָ די קינדער און שוין וואָס גיכער אַריבערקומען דעם וועג. די מגיפה פון כפירה איז דאָך היינט אַזוי גרויס, אַז אין דער לופט אַליין ליגט שוין די סכנה. די פרייע וועלט קוקט דאָך נאָר אויס אויף דעם יונגן קינד, לויערט, צופּט און רייסט אַוועק, — איין גאָט זאָל נאָר שומר ומציל זיין!

צו ערשט איז געגאַנגען פאַרנעמען איר אָרט אַ מיידל, אַ יאָר זעכצן, אין טונקעלע זאָקן און לאַנגע אַרבל, ניט געקוקט וואָס דער תמוז־טאָג האָט זיך שוין געהאַט פאַרנומען ברייט איבערן מיזרח־האָריזאָנט. איר האָט דער טאַטע אָנגעוויזן צו זיצן לעבן אַן עלטערער פרוי, און באַלד האָט ער פאַר זיך אַליין אָפּגעלייגט אַן אָרט פונקט הינטער דער טאָכטער, אַוועק־שטעלנדיק דאָרט אויף אַ ברעג באַנק זיין טשעמאָדאַנטשיק. איצט איז זיין אויפמערק געפאַלן אויף אַ בחורל פון אַ יאָר זיבעצן מיט אַרונטער־הענגענדיקע פלעכטלדיקע פאות און אויך מיט אַ קאַפּעליוש און קאַפּאָטע. דער איז געשטאַנען ווי אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע קינדער און זיינע לאַנגע דורכזיכטיקע פינגער האָבן זיך אים מיושבדיק געצויגן איבערן פנים און פלעגן זיך כסדר אַרונטערלאָזן מיט אַ צופּ אין דער שפּיציקער מאָרדע, וואָס האָט שוין געבלאָנדלט מיט סימנים באָרד. ער האָט זיך אַלץ אונטערגעשאָקלט, און די ברייטע, שוואַרצע אויגן זיינען געווען אַרונטערגעלאָזן און געפינקלט משמעות אין אַ טיף אַריינגעטראַכטער סו־גיה. אים האָט דער טאַטע נאָך אַ לענגערן איבערקלער געוויזן צו זעצן זיך אויף אַ פרייען פּלאַץ, וואָס איז געווען גאַנץ ווייטלעך פון זיין אייגענעם אָרט. ווי מיט אַ לייכטן האַרצן האָט ער גלייך נאָך דעם צעוואָרפן איבערן אויטאָ אַ מיידל און אַ יינגל אין עלטער פון אַן ערך עלף און ניין.

צווישן די בענק איז נאָך געבליבן שטיין אַ ייִנגל פון אַ יאָר פופצן, וואָס איז אין פּנים און הילוך געווען ענלעך אויף זיין עלטערן ברודער. ביים אַריינקומען האָט זיך אָט דער שוין געהאַט געלאָזן אַליין מיט אַ שפּרונג איבערן אויטאָ צו פאַרנעמען פאַר זיך דאָ אַן אָרט. האָט אים באַלד דער טאַטע מיט אַ שטרענגן ווונק באַפוילן צו האָבן געדולד. בלייבן אָבער שטיין און וואַרטן איז דעם יאַטל אַפּנים ניט אָנגעקומען לייכט. ער האָט ביי דער טיר ניט איינגערוט, זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן, און דאָס מויל האָט זיך אים ניט פאַרמאַכט. דער ברייטער גלאַנציקער שטערן פלעגט אים אַלץ פאַרגיין אין קנייטשלעך, און מיט ברייטע זשעסטיקולאַציעס האָט ער היציק וואָס געוואָלט דאָרט אויפווייזן די ברידער און שוועסטער; האָט מיט זיינע שוואַרץ־פלאַמיקע אויגן פלינק נאָכגעפאָלגט דעם טאַטנס אַלע באַוועגונגען און געפּרוווט אים געבן עצות. אויך דעם שאָפער דערביי פלעגט ער צוואַרפן אַ וואָרט. דער טאַטע האָט אים שוין געהאַט עטלעכע מאָל באַלד ווו אָוועקגעזעצט, און מיטן אויגנבליק חרטה געקראָגן און אָנגעוויזן אַן אַנדערן פון די קינדער צו גיין זיך זעצן. אַז די אַלע זיינען שוין איצט געווען איינגעאָרדנט, האָט ער געהייסן דעם ייִנגל זיך אקאָרשט זעצן אויפן אָרט, וואָס ער האָט געהאַט פאַרנומען פאַר זיך, און אַליין זיך געוואָרפן ווידער איבערן אויטאָ און פון דאָס ניי גענומען באַטראַכטן די פּאַסאַזשירן. טיפע זאָרג איז געווען אויסגעגאָסן איבער זיין פּנים און טאָפּלט אָנגעשטרענגט איז געווען זיין בליק. דורכנעמענדיק די מענטשן, האָט זיין אויסדרוק געשפּריצט מיט הוילן חשד, און דער קוק זיינער, וואָס האָט זיך כסדר געצויגן צום ייִנגל, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט איבערציטער. די אַ לעצטע פיגור האָט דאָ אַפּנים פון אים געפאָדערט אַ שאַרפן גאַנג מיט גרויס מייסטערשאַפט!

צור, דער אַלטער גימנאַזיע־דירעקטאָר, וואָס איז געזעסן אויף די פאָדערשטע בענק אין אויטאָ — האָט מיט אַ מאָל אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ האַסטיק צום פענצטער. אויף זיין זייט האָט לאַנגזאַם זיך גענומען נענטערן דער ייִד. באַלד האָט ער פון פלייצע געשפּירט דעם קוק, וואָס שניידט זיך אין אים, נעמט אים אַדורך, גריבלט זיך אין זיין גאַנצן יש, אין זיין נשמה. מיט וואָס אַזוינס האָט ער עס דווקא צוגעצויגן דעם יידנס אויפמערקזאַמקייט האָט דער אַלטער פּעדאַגאָג ניט געקאָנט תופס זיין. די גרויע צעשוי־

בערטע שעוועליורע זיינע, דער הויכער רבנישער שטערן און די גאָלדענע פּענסנע ביים לייענען גיבן אים אפשר אַרויס אַלס אַזאַ, וואָס דאַרף זיין באַהאַוונט אין די שוואַרצע פינטעלעך, ווי בכלל אין יידישע זאַכן. דאַרף דאָך דער ייד געוויס פון אים ווייכן. פאַר אַ „משכיל" היטן זיך דאָך אָט די ווי פאַר פייער... די מינוטן האָבן זיך געצויגן. צור האָט זיך געמיט צו האַלטן דאָס פּנים וואָס מער אומגעדרייט, און זיינע אויגן זיינען געווען פאַרגראָבן אין מאָרגן־צייטונג, וואָס ער האָט ברייט צעעפנט פאַר זיך. אָבער ער שפּירט ווי דער ייד בייגט זיך נאָך טיפער איבער אים, אָט־אָט באַטאַפּט ער אים מיט זיינע ברעמען די געדיכטע און שפּיזט זיינע אויגן אין די אותיות אַריין. אויך די צייטונג האָט אים געוויס אונטערגעזאָגט, אַז דאָ זיצט אַזאַ וואָס איז ווייט ניט פון די אנשי שלומנו.

— ביי דעם אָדון, אָט לעבן דעם אָדון זיץ, — פאַלט דער פסק־דין זילבנוויץ און אַפּגעהאַקט אין אַ יידיש מיט אַ ליטווישן אַקצענט, ווי עס ווערט גערעדט אין אַלטן ארץ־ישראלדיקן יישוב.

אויך אָן דעם באַטאַנטן „אָדון" האָט צור שוין געוווסט, אַז ער גייט דאָ אָן דעם יידן ניט ווייניק. נאַריש איז אים איצט שוין אויסגעקומען דאָס זיצן אומגעדרייט און האַלטן פאַרשטעקט דעם קאָפּ. ביים אויסגלייכן זיך, האָט באַלד פאַרכאַפּט זיין אויג דעם טאַטנס ברייט צעעפנטע האַנטדלאָ־ניעס, ווי זיי גייען מיט אַ גלעט איבער דעם יינגלס שמאָלע פּלייצעס. אַרונטערלאָזנדיק זיך, ווערן די פינגער אַלץ לענגער, ביז זיי באַטאַפּן מיט זייערע ציטערדיקע שפּיצן אַזש דעם באַנק, אויף וואָס דער לופּטיקער קערפּער זעצט זיך אָפּ, ווי זיי וואָלטן דאָ אַוועקגעלייגט אַ זעלטענע קריש־טאָלענע כלי, וואָס ניט אויפן פּאַסיקן אופן ברעכט זי זיך. איין האַנט וואַרפט זיך באַלד אַריין אין קעשענע פון זיין קאַפּאָטע און ציט פון דער־טיף אַרויס א ספרל, וואָס ער רוקט עס אונטער דעם יינגל:

— האָסט נאָך היינט ניט אַריינגעקוקט אין קיין יידישן אות, בטל ניט די צייט!

דעם יידנס טראָט איז שוין מער געזעצט. ער נענטערט זיך צום שאָפער און נעמט מיט אים פירן אויפן קול אונטערהאַנדלונגען, ער זאָל אים אין ירושלים באַלד ביים אַריינפאָרן אָפּשטעלן דעם אויטאָבוס ביי אַ געסל. דאָרט האָט ער זיין גערער שטיבל, און ער מיט זיינע זין האָבן נאָך

ניט געדאַוונט. די טעכטער, ווידער, זאָל דער שאַפער אַרונטערלאָזן עטוואָס ווייטער. אויף אַ חתונה פאָרן זיי און האָבן מיט זיך אַ סך זאַכן. פון זיין שטוב אין בני־ברק קומען זיי דאָס היינט, און די קינדער זיינען פרי אויפגעשטאַנען און זיינען מיד. לאַנג וועט אָבער דער אויטאָבוס ניט דאַרפן שטיין; עס וועלן די קינדער אין ירושלים דאָרט אָפּוואַרטן זיין פרוי מ־ט צוויי עלטערע טעכטער, וואָס העלפן גרייטן די חתונה שוין פון נעכטן.

מיטן זעצן זיך ענדלעך אויף זיין אָרט איז נאָך ניט פאַרגאַנגען דער אומרו, וואָס דער ייד האָט דאָ פאַרטראָגן. איבערן גרויסן אויטאָבוס איז אַוועק אַן איבעררוף פון טאַטן מיט די קינדער וועגן די פּעקלעך און כלים, וואָס יעדער פון זיי האָט לעבן זיך, און צי זיי האָבן ניט פאַרגעסן וואָס מיטצונעמען. ווען דער דורכפרעג האָט זיך איינגעשטילט, איז ערשט געוועזן צו שפּירן דעם נאָך האַרבערן קאָנטראָל וואָס דאָ גייט אָן. דעם טאַ־טנס בליקן זיינען געווען געלאָדן און פון ווייטן שאַרף געצילט אויף דער זייט פון דעם ציטעריקן אוצר — און צורן ניט געלאָזט צו רו. יעדע באַ־וועגונג זיינע ווערט אים פון הינטן נאָכגעשפּירט; יעדער שטריך פון זיין פּנים און הילוך ווערט געבויערט און דורכגעברענט. דער אַלטער דירעק־טאָר איז מיט אַ מאָל אַריין אין דער הויט פון אַ תּלמיד ביי שרייב־עקזאַ־מענס, ווען מ׳קוקט אים נאָך דווקא פון הינטן... זיך גראָבנדיק ווידער אין צייטונג, שפּירט צור ווי דעם מענטשן גיט דאָרט אַ הייב פון אָרט. יאָ, ער שטייט טאַקע לעבן אים. דער ייד האָט נאָך משמעות ניט פאַרענדיקט מיט זיין קאָנטראָל, ווייט ניט פאַרענדיקט. בשכנות פון זיין טייערן קינד, די אמתע כלי זיינע, זיצט דאָ ווער ווייס...

— תּפילת־הדרך, מיין קינד, שטעל זיך, און זאָל זיין געזאָגט מיט כוונה!

דער טאַטע האָט אַרויסגעכאַפּט אַ פלעשל וואַסער פון קאַפּאָטע, די הענט זיינע אויסגעשטרעקט דורכן פענצטער פון לויפנדיקן אויטאָ און זיי אָפּגעגאָסן דאָס זעלבע געהייסן מאַכן דעם ייִנגל, אָפּגעשווענקט פון טומאה, האָבן זיך די ביידע פרום צעשאָקלט:

— ...שתוליכנו לשלום, ותצעידנו לשלום, ותדריכנו לשלום, — זאָלסט אונדז פירן בשלום, און זאָלסט אונדז מאַכן שפּרייזן בשלום, און זאָלסט אונדז מדריך זיין בשלום... — ותצילנו מכף כל אויב ואורב בדרך ומכל

מיני פורעניות, — און זאָלסט אונדז אונטערוועגס מציל זיין פון דער האַנט פון יעדן פיינד און לויערער — —

ב

— אדוני, וויפל קאָן איצט זיין דער זייגער?

להיפוך צו דעם ייִנגלס פּלוצלינגדיקן קער און האַסטיקן טאָן איז צורן די צוריקגעהאַלטנקייט נאָך מער געשטיגן. לאַנגזאַם האָט זיך באַוויגן זיין לינקער אָרעם, און דאָס האַנטזייגערל האָט זיך אויסגעדרייט צו דער זייט פון יונגן שכן.

— מיר האָבן, דאַכט זיך, נאָך אַ רעכטע שטיק וועג ביז ירושלים? — רוקט ער זיך צו נענטער. זיין לאַנגווייליקייט לאָזט זיך מערקן גאָר גוט. שוין עטלעכע מאָל האָט ער דאָס ספרל געהאַט פאַרמאַכט און געעפנט און ווידער פאַרמאַכט. דאָ ברומט ער גאָר אונטער אַ ניגונדל, און אָט זוכט ער טאַקע צו אַנציען אַ רייד מיט צורן. קאַרג איז נאָך אָבער זיין ענטפער:

— ביז ירושלים איז נאָך לאַנג דער וועג.

— אַ מיאוסע מעשה! — טוט ער אַ שפּרונג פון אומגעדולד.

דעם ייִנגלס האַלטונג גיט צורן שוין די זיכערקייט אויף ניט צו לייגן קיין אַכט אויפן טאַטנס נאָכשפּיר, וואָס טראָגט זיך צו אים פון פליצע־זייט. ער דערוועגט זיך אַפילו צו נעמען אַ מוסר־טאָן; און כדי צו געווינען זיין צוטרוי, רעדט ער צו אים יידיש:

— דיך לאַנגווייליקט... אַזאַ שיינער וועג, זע די הערלעכע יידישע פעלדער, קוק נאָר וואָס פאַר אַ זון עס שפּאַרט פון די הרי־יהודה, און אָט דער עמק אילון!..

— דער אדון איז מסתמא נאָכן דאַוונען... איך האָב נאָך היינט ניט געזאָגט די ברכה פון יוצר המאורות, און אויך ניט „מה רבו מעשיך"... — פאַלט צורן באַלד צוריק אַ האַפּטיקער אַנוווּנק, אַז וויכטיקער פאַר אַלץ איז דער לויב און דער שבח צום בורא עולם פאַרן באַשאַף פון דער וועלט מיט די אורים גדולים...

נאָכן שפּאָטערישן שמייכעלע, וואָס האָט זיך צעשליפן איבערן בחורלס

פּנים זעט צור שוין, אַז ער איז דאָ דורכגעפאַלן. פאַנאַטיש פרום און שאַרפזיניק איז דאָס יינגל און ווייס אויף זיין שטייגער וואָס צו ענטפערן. יעדן פאַלס פאַר דער שעה צייט, וואָס איז נאָך געבליבן צו פאָרן דאָ מיט אים בשכנות, וועט אים אויך דער גרעסטער משכיל שוין ניט „עפענען די אויגן"... דאָס שווייגן צורס העלפט שוין אָבער ניט. ער בליצט אויף מיט אַ צוריק־פראַגע, דער יאַט:

— אילון? דער עמק אילון דאָ דערביי, ט'איר געזאָגט... יהושע האָט דאָך אָפּגעשטעלט דאָרט די לבנה!.. שמש בגבעון דום וירח בעמק אילון... איז גראָד דאָ אַנטקעגן, ביי אָט די בערג... וואָס עפּעס?

— געוויס זיינען דאָ דאָקומענטן אויף דעם. ביי די אַראַבער הייסן דאָ אַ סך ערטער אויך מיט ענלעכע נעמען ווי אין תנ"ך.

— דאָקומענטן, כאַ־כאַ! מ'קאָן טאַקע מיינען, אַז דאָס זיינען געווען די ערטער, הלכה למשה מסיני!.. „דאָקומענטן"... און די אַראַבער, זיי לערנען דען תורה, טאָ וואָס קאָנען זיי וויסן אין ארץ־ישראל פון יענע צייטן?...

ניין, דאָ האָט ער ניט צו טאָן מיט קיין יינגל, זעט שוין צור. פאַר אים זיצט דאָ אַן איינגעשפּאַרטער בעל־דבר, עילוייש שאַרף און פול מיט ביטול קעגן נאָר אַ „היינטוועלטיקן". אַזאַ גייט מיטן „האָרן"; ער וועט זיך מיען נאָר צו אַריבערשפּאַרן, אויסגעפינען סתירות אין צווייטנס רייד און מאַכן יענעם צו גאָרניט... בלייבט צור נאָך שטיל לאַנג, און אַ רחמנות אַפילו באַנעמט אים אויף אָט דעם אָפּגעשטאַנענעם עלעמענט, וואָס זיין גאַנצע וועלט איז פון די נטורי קרתא אין ירושלים ביז צו די אַלטשטייגע־רישע שכונות פון בני־ברק. צורן כאַפּט אָבער אויך ערגערן דער שמייכל, וואָס שוועבט דאָ אויף די פּנימער פון די פּאַסאַזשירן אַרום. ניט וויסנדיק מכוח וואָס דאָ רעדט זיך, ברענגט זיי דעם בחורלס האָפערדיקייט און זיי־כערער טאָן צום איינדרוק, אַז ער איז עפּעס באַזיגט, אויסגעלאַכט... כאַפּט זיך צור אָן דער נייער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך גענומען אַנטפּלעקן אויף דרום־מיזרח, רעכטס פון וועג:

— זעסט פון וויטן דעם הויכן קוימען מיטן געדיכטן רויך? דאָרט איז הרטוב, און דאָס איז די גרויסע צעמענט־פאַבריק „שמשון".

— וואָס שמשון? וועלכער שמשון? — האָקט ער צורן באַלד איבער פאַרוואונדערט און, נאָך מער, מיט חשד.

— אין די ערטער איז געבוירן געוואָרן און געלעבט שמשון הגיבור. אָט פאָרן מיר באַלד פאַרביי אשתאול; ניט ווייט פון דער פאַבריק געפינט זיך צרעה; דערביי גייט דורך אויך דער נחל שורק; אַלץ ערטער וואָס זיינען פארבונדן מיט שמשונען.

— צרעה, אשתאול, נחל שורק... „דאָקומענטן"! — שמייכלט ער צורן אַריין — בקבלה ערגעץ פון אַ ספר־פּראַלניק, אָט די „געאָגראַפיעס"...

דעם חברה־מאַן איז אָבער וויניק, וואָס ער הערט שוין ניט פון צורן קיין ענטפער און זיין ניצחון איז דאָך אַזוי אָנזעעוודיק. ער וויל נאָך אָפּפרעגן די זאַך דורך און דורך. שפּרינגט ער באַלד אַרויס מיט אַ נייער קשיה:

— און וואָס עפּעס אַ צעמענט־פאַבריק אויף אַ נאָמען פון אַ נביא?

— אַ שופט איז געווען שמשון און ניט קיין נביא — כאַפּט זיך צור אָן באַלד אויף דעם ייִנגלס טעות און פּרוווט שוין אויך צושטעקן — ס׳קאָן גאָרניט שאַטן אַריינצוקוקן ווען אין אַ קאַפּיטל תנ״ך...

— עס איז, ווו געשריבן, אַז שמשון איז געווען אַ נביא אויך... — פּרוווט ניט נאָכלאָזן דאָס בחורל. באַלד אָבער שיסט ער שוין מיט אַ צוריקשלאָג: — שאַט, און אַ שופט איז דען ניט קיין נביא?.. קאָן גאָר געמאָלט זיין אַ שופט אַ טיפּש? אַ דיין אין אונדזערע טעג אַפילו מוז דאָך זיין אַ חכם, אַפּשיטא שוין די שופטים פון תנ״ך!.. און עס איז דאָך אַ בפירושע גמרא, אַז אַ חכם שטייגט אַריבער אַ נביא, חכם עדיף מנביא. ווייל אין פּסוק שטייט: ונביא לבב חכמה, אין אַ נביא שטעקט חכמה; אָבער אַ חכם, — איז דאָך די חכמה אַליין!.. אַ המצאה, גאָר אָפּפּסקענען, אַז שמשון ווי באַלד ער איז געווען אַ שופט, איז ער ניט געווען קיין נביא!

וועגט בערג שטיינערנע, געשלייערט אין גאָלדענעם ווייַרעך פון מאָרגן־נעפּל, האָבן אָפּגעהאַקט דעם וועג דעם שלענגלדיקן און אים אין גאַנצן צעשפּאָלטן. וועגווייזערס האָבן געוויזן אויף רעכטס: צרעה, בית־שמש, לכיש־געביט, און אויף לינקס — ירושלים. אויף די שטיינערנע הייזלעך, צעוואָרפענע איבער די באַרג־טעראַסעס ניט ווייט פון שייד־

וועג, האָט ווידער אַ שילדל אָנגעזאָגט: אשתאול. אַ ריי אויטאָבוסן אָנגעפּאַקט מיט חסידים, וואָס זיינען נאָכגעפאָרן אַ רבין, איז אָנגעקומען אַנטקעגן מיט אַ התלהבותדיקן געזאַנג. דער אויטאָבוס פון תל־אביב איז אַריין אין די הרי־יהודה און זיך אַלץ גענענטערט צו דער הייליקער שטאָט. דאָס בחורל איז אַזוי צעשטראַלט, ווי אַ נייער כוח האָט זיך דאָ אין אים דערוועקט. מיט פרישן קוראַזש טוט ער זיך אַ נעם צו צורן:

— אָט דאָ איז געווען שמשון?... שמשון האָט דאָך אויסגעריסן בערג און זיי געשליידערט אויף די פּלישתים; טאָ ווי קומען זיי דאָ ווידער די בערג?..

— זיינען זיי טאַקע צעשפּאָלטן — פּרווט צור פאַרענטפערן — זעסט דאָך, ווי זיי זיינען צעקריפּלט, די בערג, אנדערע אויך צעברעקלט. אָט הענגט אַרונטער אַזאַ שטיק פעלדז...

— כאַ־כאַ! — שיסט ער דעם אַלטן אין פּנים אַריין יונגאַטשיש מיט אויפרייציקן חוזק — אַז שמשון האָט גענומען אין זיינע הענט אַריין אַ באַרג און נאָך אַ שליידער געטאָן, האָט שוין געקאָנט פון אים וואָס בלייבן, און אַ זכר?.. קיין זעמדעלע וואָלט פון זיי ניט געבליבן, אָט פון די בערג, קיין סימן ניט!.. הער, אויסגעפונען, אַז גראַד דאָ איז עס געווען שמשון, און אשתאול, און עמק אילון... וואָס דער מדרש זאָגט וויל מען דאָך ניט וויסן, און אויך ניט וואָס די אַגדה און אַנדערע הייליקע ספרים... אַז די געאָגראַפיעס, און דאָקומענטן!

צור פאַרלירט נאָך ניט זיין געדולד און שטרענגט זיך אַלץ אָן צו באַהערשן זיך. אָפּהאַלטן זיך אָבער פון צו ענטפערן קאָן ער שוין ניט. גאָר משונהדיק איז ער דאָ אויסגעשייגעצט, און אויף די מענטשן קאָן ער אַפילו מאכן דעם איינדרוק פון אַ פּוסטער כלי... זעט ער, אַז זיין טאָן זאָל לכל הפחות אַרויסקומען רואיק. געלאַסן וועט ער נאָך אַ פּרווו טאָן צו אויפקלערן וואָס דעם בחורל דעם מופלג:

— וואָס חוזקסטו אַזוי פון דאָקומענטן?.. אָט פאָרן מיר קיין ירושלים. ווייסט דאָך אָבער געוויס, אַז די שטאָט האָבן אַמאָל די רומאים חרוב געמאַכט. זיי האָבן ניט נאָר פאַריאָגט פון דאָרט די יידן, נאָר אויך צעשטערט אַלע בנינים, אויסגעגליכן זיי מיט דער ערד, און דעם באָדן פאַראַקערט. אַפילו אַן אַנדער נאָמען האָבן זיי געגעבן דעם אָרט, אַז קיין זכר זאָל ניט

בלייבן פון ירושלים.... נו, ווען ניט די „געאָגראַפיעס און דאָקומענטן",
ווי וואָלט מען נאָך דעם געוווּסט ווו די שטאָט איז?

— ירושלים?! — שפּרינגט אויף צורס בעל־פּלוגתא אַ צעפלאַמטער:
— לעולם אין השכינה זזה מכותל מערבי של בית־המקדש, די שכינה רירט
זיך ניט אַוועק אויף אַ רגע פון כותל־מערבי, אַ בפירושער מאמר חז"ל...
און אַז מיליאָן מאָל צעאָקערן, מיט מענטשלעכע הענט פאַרשיטן... די שכינה
כביכול דאַרף שוין אויך דאָקומענטן?..

ג

דער אויטאָבוס איז אריין אין שער־הגיא און מיט פארשטאַרקטן אימ־
פּעט גענומען שטייגן באַרג־אַרויף. שווער גייט די מאַשין און פּויזעט קוים
מיט דעם וועג. פון ביידע זייטן קוקן דאָ אַרויס אויפגעריסענע וואַסער־
רערן און שטיקער אויטאָס באַשאָסענע און פאַרברענטע. צום צעניאָריקן
פייער אויף זיי זיינען די סקעלעטן איבערגעפאַרבט און שטומען מיט פרי־
שער רויטקייט. דאָס סאָפּען פון מאַשין הילכט טרויעריק און דערציילט
פון אַ מלחמה און פון קרבנות אַ סך דאָ, וואָס דאָס געביין פון זיי איז ניט
געבליבן... ענג איז דער וועג צווישן די הויכע באַרגראַנדן, באַדעקט מיט
סאָסנעס, וואָס טאַנצן דאָ אַרויס אַזוי האָפערדיק פון די פעלדזן און באַלעבן
דאָס אויג פון דעם שטיינערנעם אַרום. די שלאַנקע וואַלד־משפחה האָט
באַפרישט און באַהויכט דעם מאָרגן, מיט גרינעם אָטעם געלאָשן און גע־
לינדערט דעם כאַמסין, וואָס האָט זיך געטראָגן פון מיזרח איבער די בערג.
פון אויבן האָט געפּרעסט א צעקראָכענער נידעריקער הימל מיט שטויביקע
וואָלקנס און אַ זון אַן אָפּגעבליאַקעטע האָט געזשמורעט אַזוי ניט־פריינד־
לעך...

פייערדיקע לופט האָט אַ שטראָם געטאָן אין אויטאָבוס אַריין, האָט
גענומען סמאַליען אויגן און פנים און צינדן דעם אָטעם ביים נאָז און
ליפּן. מענטשן האָבן זיך אין דער שטיקעניש געכאַפּט צו פאַרמאַכן פענצ־
טער און זיך שיצן פון ווילדן באַרג־כאַמסין. פּרויען האָבן זיך צעפּאַכעט
איבער די פּנימער, אַ סך האָבן געזוכט צו געפינען אַ באַקוועמען אָנלען פאַר
דעם קערפּער מיט די גלידער.

— וואָסער, ווער וויל וואָסער? — האָט דער חסידישער ייד מיט זיינע קינדער זיך אַ לאָז געטאָן איבערן אויטאָבוס מיט פולער גרייטקייט יעדערן צו העלפן. די שטימונג דאָ האָט זיי געמאַכט גאָר רירעוודיק און זיי קוקן אויס מונטער, גלייך דער כאַמסין האָט גאָר אויף זיי קיין שליטה ניט. אויך דער עלטערער זון האָט מפסיק געווען פון זיין לערנען. שווער האָט זיך ביי אים געהויבן דער קאָפּ פון ספר, און נאָך אריינגעטאָן אין זיינע סוגיות, האָט ער זיך געלאָזט נאָכן טאַטן מיטן זוכן צו מקיים זיין דאָ גלייך אַ מיצווה.

— דער אדון וויל אפשר אַ ציטרין? — איז צו צורן אויפמערקזאַם זיין יונגער שכן. — נעמט. איר וועט מיר ממש גומל טובה זיין.

זיין טאָן קלינגט איצט גאָר ווייך און איבערבעטעריש. ער איז אַזוי צוגעלאָזט און קוקט צורן שוין לענגער אין פּנים אַריין ווי עפּעס אַ פאַר־זינדיקטער. ניט אַנדערש זיין האַסטיקער ניצחון איבער אַט דעם עלטערן מאַן טרייבט עס אים איצט אין מחשבות, אַז ער האָט דאָ אַ מענטשן מבייש געווען. ווי אַ ראיה דערצו דינט אים, משמעות, צורס אויפגעפלאַמט פּנים. זוכט דאָס בחורל אַלץ ווי צו מפייס זיין... דאָס אַפּזאָגן זיך צורס צו נעמען דעם ציטרין באַשאַטנט מיט ערגערניש זיין שטראַליקן פּנים. הכנעהדיק טוט ער זיך ווידער אַ ווענד צו אים:

— מיט ירושלים איז דער אדון גוט באַקאַנט?

זיין שאלה רייסט זיך אַרויס אַזוי האַרציק, ווי ער זוכט דאָ פּאַרט צו קומען מיט עפּעס אַנטקעגן. איז צור גרייט צו לאָזן זיך מדריך זיין און זיצן געהאָרכזאַם. אדרבא, לאָמיר נאָר הערן... דאָך באַוואָרנט ער זיך מיט אַ באַמערקונג:

— אַליין ביסטו אָבער פון בני־ברק.

— חלילה! אַ ירושלימער בין איך, אַ געבוירענער. אין גאַנצן אַ דריי חדשים ווי מיר זיינען פון דער עיר הקודש... דער אָדון ווייס דען וואָס פאַר אַ שטאָט דאָס איז? — גייט ער אַריין אין התלהבות און נעמט ריידן מיט אַ לשון פון אַ מיושבדיקן יידן. — וועגן דער קדושה איז דאָך ניט שייך... אָבער דאָס איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז די בעסטע לופט אויף דער וועלט איז אין ירושלים, און ווו זיינען די שטאַרקסטע מענטשן, די אמתע געזונטע? און אריכות ימים! ירושלים איז דאָך ברוך השם פול מיט זקנים

מופלגים, כן ירבו, און זאָלן זיי נאָך מער מאריך ימים זיין... היינט די פּיק־חות פון די ילדי ירושלים! אין גמרא ווערט דאָך דערציילט פון די אַמאָ־ליקע; אָבער אויך די היינטיקע. עס קומען דאָך אָנקוקן די ילדי ירושלים און זיי אויספרעגן אַזוי פיל מלומדים, די גרעסטע פּראָפעסאָרן, און זיי מאַכן וועגן זיי, ווי מען דערציילט, גאַנצע ביכער, סטאַטיסטיקעס. שאַט, וועגן דעם דאַרף דאָך דער אָדון זיכער וויסן...

— טאָ פאַר וואָס האָט אייער פאַמיליע פאַרלאָזן די שטאָט? — שפּרינגט שוין ביי צורן אַרויס אַ פראַגע.

— וואָס פאַרלאָזן? חלילה וחס! מיר זיינען ירושלימער פון דורות. קיין חוץ־לארץ פאָרט מען בכלל ניט פון אונדזער משפחה, אַפילו אַלס משולח. געווען נאָר אַ מעשה, גאָר אַמאָל־אַמאָל, מיט אַן עלטער־זיידן, מצד דער מאַמען. איז דאָס אַ יוצא מן הכלל און טאַקע אַ יחיד במינו... דעם טאַטן מיינעם האָט לעצטנס דער רבי געשיקט קיין בני־ברק מיט אַ באַ־זונדער שליחות אין דער ישיבה דאָרט. אָבער נאָר אויף צוויי יאָר אם ירצה השם. אויף מער האָט דער רבי אַליין אויך ניט פאַרלאַנגט. דריי יאָר — קאָן זיך שוין רעכענען חלילה ווי אַן עקירה פון דער עיר הקודש... אָבער חוץ־לעיר איז ניט חוץ־לארץ, און בפירוש דאָך אויף אַ זמן קבוע. פון אונדזער משפחה איז ניטאָ, חס ושלום, קיין ירידות!..

— און דער עלטער־זיידע?

— איז דאָך גאָר אַ באַזונדער מעשה. דאָס איז געווען מיין מאַמעס זיידע, און ער איז שוין לאַנג נסתלק געוואָרן... געווען איז דעמאָלט אין ארץ־ישראל אַ שנת בצורת, עס האָט ניט אָנגעהויבן צו רעגענען. אין ירושלים זיינען מענטשן ממש געפאַלן פון הונגער. און אַ מגיפה איז אויס־געבראָכן, אַ מוראדיקע, אַ משונהדיקע... איז ביי די גדולי התורה גע־בליבן, אַז איינער פון די יקירי קרתא מוז פאָרן קיין חוץ־לארץ, פשוט ראַטעווען די שומרי החומה. און די בחירה איז געפאַלן אויף דעם זיידן. פיקוח נפש, און ער איז נאָר ער!.. דער זיידע האָט אָנגעגעבן מעשים, גע־טענהט און געוויינט און זיך געבעטן רחמים. האָט זיך געזעצט בית־דין און פשוט גוזר געווען אויף אים!.. דער זיידע האָט נאָר אויסגעפועלט, אַז זיין נסיעה זאָל זיין ניט מער ווי אויף דריי יאָר; פשוט, עס זאָל ניט חל זיין אויף אים שיעבוד גלות און זיך אָפּטאָן, חלילה, די אווירא דארץ־ישראל.

אויך האָט ער אויסגעפונען, אַז פון אָט די יאָרן זאָל לאחר מאה ועשרים ביים בית־דין־של־מעלה ניט אַרונטערגערעכנט ווערן פון דעם זכות פון ישיבת הארץ; אַפילו א טאָג זאָל אים ניט געמינערט זיין! אויף דעם האָט אים בפירוש געגעבן אַ הבטחה דער בית־דין. וואָס דען, אָן אַזאַ הסכם וואָלט ער זיך געריִרט?.. און טאַקע פונקט אַ טאָג פאַר די פולע דריי יאָר איז דער זיידע צוריק געקומען בשלום קיין ירושלים. אַזאַ זכות! און די נסיעה אויף צוריק איז געווען פול מיט סכנות, אַז גאָר ניט אַרויפצוברענגען אויפן מוח וואָס פאַר א פגעים משונהדיקע, — יענע צייטן, עפּעס א שפּיל־כל!.. טאַקע דער גרויסער צדיק, זכותו יגן עלינו!

דער כאַמסין האָט זיך אַלץ געשטאַרקט מיט דעם שטייגן אין די בערג. פון דעם אָנגעשטרענגטן גאַנג האָט זיך דאָס בענזין פון די מאַשינעס אויסגעמישט מיט דער שטיין־טרוקענער לופט און זיך אכזריותדיק אַריינגעגאָסן אין די פאַרשלאָפטע מענטשן; האָט זיי געטריקנט און געוואָרגן, געקערט די געדערעם, געמאַכט גליען די שיין פאַר די אויגן. ביים בחור האָט יעדעס וואָרט געפלאַקערט מיט פרישקייט, ווי אַלץ איז אָט אָקאָרשט געשען פאַר זיינע אויגן, טאַקע בפועל ממש. נאָר פון אינטערעס וועגן האָט ער אים צור איבער קורץ:

— און דו ווייסט עס אַלץ אַזוי גענוי?

— און ווער ווייס עס ניט? — קוקט ער אָן צורן. — גאַנצע שכונות אין שטאָט, פרעגט נאָר ביי די אמתע ירושלימער! ביז זיינע לעצטע טעג האָט ער אַלץ דערציילט פון זיין נסיעה, דער זיידע. איבער הונדערט צוויי יאָר האָט ער געלעבט... אַ וועלט איז ער דאָך אויסגעפאָרן; און אין וועלכע מרחקים איז ער ניט אויסגעווען? ער איז אַפילו געווען אין אַן אָרט אַזאַ, ווו דער הימל גייט זיך שוין באַלד צונויף מיט דער ערד, טאַקע ביים סאַמע עק וועלט. אָט דאָרט איז זיך דער זיידע איין מאָל אַזוי געזעסן איבער אַ ספר, און פון מידקייט איינגעדרעמלט, ערשט אַ געזאַנג וועקט אים, און אַזאַ זיסער, אַזאַ וווּנדערלעכער, אָט ווי אַ חזן מיט אַ כאָר. און די ווערטער וואָס ווערן געזונגען — לשון־קודש! הייבט ער אויף די אויגן, דער זיידע, ערשט איבערן קאָפּ איז אים די רגע דורכגעגאַנגען דער גלגל־חמה, און די זון האָט עס געזאָגט מיט געזאַנג דעם פּסוק אירן פון פּרק שירה, און דער

גאַנצער צבא השמים האָט אונטערגעזונגען; אַלע שטערן און מזלות זיינען דאָ געווען די משוררים... אַז דער זיידע איז צוריקגעקומען, האָט ער שוין אין ירושלים געהערט דעם געזאַנג פון דער זון, שטענדיק געגוי אין דער זעלבער צייט פון טאָג, און נאָך הילכיקער און קלערער. אויך די אַלערליי ריחות די שמעקעוודיקע, וואָס ער האָט זיך אָנגעזאַפּט איבער דער וועלט, און די מחיהדיקע ווינטעלעך, און די פיינע טעמים פון די בעסטע מאכלים; אַלץ האָט ער שוין געשפּירט דאָ. דער מקור פון די אַלע טייערע און וווּנ־דערלעכע זאַכן אויף דער וועלט — איז דאָך טאַקע ירושלים... דער זיידע האָט אָבער זוכה געווען צו אַ מדרגה! צו אים פלעגן אַ סך קומען נאָכפרעגן זיך און דערגיין פון אים. אויך זיי זיינען געווען אין מרחקים, און ווייסן ניט פון קיין וווּנדערלעכע זעונגען, און פון די אַלע גוטע און טייערע זאַכן אין חוץ־לארץ שפּירן זיי דאָ ניט אין ירושלים אַוועלכע השארת הנאה. דער זיידע פלעגט נאָר ענטפערן, אַז במחשבה איז ער קיין מאָל ניט אוועק פון ירושלים, אַפילו ניט אויף אַ רגע...

פון דער באַוועגונג אַרום און פון טאַטנס רייד צום זון האָט זיך צור געכאַפּט, אַז דער אויטאָבוס איז שוין אַריינגעפאָרן אין שטאָט. דער ייִד האָט אונטערגעאיילט דעם בחורל, ער זאָל זיין גרייט אָט באַלד צום אַרונ־טערשטייגן. ווי מיט אַ טענצל האָבן זיך די פּעקלעך פון דער פאַמיליע געטראָגן צו דער טיר, און יעדער פון די קינדער איז געווען האָפּערדיק.

— עיר הקודש, עיר הקודש!.. — האָט דער טאַטע אונטערגע־זונגען. — אָט זיינען מיר דאָ ווידער ברוך השם, און אָן אַ הפסקה אַפילו פון דריי חדשים...

— ירושלים תיבנה ותכונן במהרה בימינו, אָמן! — איז גאָר אויפגע־לייגט דער עלטערער זון. אין התפעלות איז ער, גלייך ער זעט דעם מקום צום ערשטן מאָל. זיין פאַרטראַכט פּנים איז איצט וואָך און לויטער, און די אַרונטערגעלאָזטע אויגן — פאַרריסן און זעטיקן זיך. אין אָנבליק פון דער שטאָט זיינען פון אים פאַרפלויגן די אַלע האַרבע סוגיות און אַלץ איז אַזוי קלאָר און פשוט.

אַ ירושלימער מאָרגן איז אָנגעשוומען. יידן בערדיקע מיט טריפנדיקע פּאות זיינען געגאַנגען איילנדיק פון מיקווה. אַ ים קאַפּאָטעס גאַרטלדיקע,

כאַלאַטן, קאַפּטאַנען, זאָקן ווייסע און טונקעלע ביז די קני, שטיוול, קאַפּע־ליושן, שטריימעלעך, קאַפּעלעך אַלערליי. און אונטער די אָרעמס פול אָנגעשטאָפּט דאָס טלית־זעקל. אַ פריינדלעכער פּאַטש אין פּלייצע האָט פאַרריסן צורס אויגן צו אַ שמייכלדיקן פּנים. דער ייד איז שוין געשטאַנען גרייט צו אַרויסגיין. מיט אַ ברייטער האַנט שטעקט ער אים אַריין אַ שלום־עליכם, און גלייך באַלד איראָניש:

— גורו לכם מפני גורי גור... — קומט אין אַ מליצהדיקן לשון־קודש אַ וואָרענונג צו די משכילים און היינטוועלטיקע, אַז זיי זאָלן נאָר ניט נעמען צו לייכט די יונגע לייבעלעך פון דעם אַלטן יישוב, און בפרט פון די גערער חסידים.

דער טאַטע מיט די זין האָבן זיך צוזאַמענגעגאַסן מיט דער גאַס. שטאָלץ און חשיבותדיק קוקט דאָ אויס דער גאַנג פון די מענטשן. וואָרצל־דיק פּאַלט דער טראָט אויפן אַלטן באָדן, און הערשעריש — דער בליק. אונטערטעניק איז אויך דער שווערער כאַמסין און ווערט ווי אויסגעלאַכט פון די דיקע בגדים. דער אַלגעמיינער קלימאַט גייט, משמעות, ניט אָן אָט די יידן, ווי עס ליגט זיי ניט אין דער לינקער פּאה די אַלע געאָגראַפישע מעשיות פון די היינטוועלטיקע מיט די מושגים זייערע וועגן די מקומות און די קדמונים פון תנ״ך... זיי גייען זייער וועג. מאַיעסטעטיש איז דער טראָט און מאַכט פאַרזען אַלע אַנדערע. ווי שאָטנס שלייכן זיך פאַרביי די הונדערטער פּקידים, וואָס ציען זיך איצט צו דער אַרבעט אין די מאָדערנע אַמטן אַריין. אין שיין פון זייערע צעקאָרטשעטע הייזלעך, די צעוואָרפענע איבער די גרויע שכונות, שטייען פאַרבלענדט די ניי געבויטע פּאַלאַצן אַרום. זיכערקייט און אַ שלימות באַנעמט דאָ די אָ יידן, און מיט אַ גאַנץ אַנדער ירושלים שטראַלן זיי — מיט ירושלים של מעלה.

אינהאַלט

אָפּהילך 7
קאַץ און מויז 16
אויפן טראַקט 22
נאָכוווקס 35
אויף באַראַט 44
קינדער 55
אויסשטייג 63
פאַרבן 87
טאַטע דו לאַכסט 105
מייסטער און געזעל 120
אויף שטעטלשן שליאַך 149
קרדום לחפור 162
נאַקעטע מענטשן 201
אין קראַנקן־בודע 260
ניט־זיכער 290
אַ לייבעלע פון ירושלים 304

ביכער, דערשינען אין י.ל. פרץ־פארלאג אינעם יאר 1963

אפרים אויערבאַך	וואַך איז דער סטעפּ (לידער און פּאָעמעס)
יוסף ארליך	וואָלבראָס (יידיש־העברעיש)
חיים בעז	אונדזער דור מוז אָנטשיידן (עסייען, רעפּאָרטאַזשן, באַטראַכטונגען)
י. גויכבערג	מיט לייב און לעבן (לידער)
י. גויכבערג	מיט אַ שמייכל (לידער)
יעקב גלאַטשטיין	מיט מיינע פאַרטאָג ביכער (עסייען)
דוד גלילי־גלאַצער	ביים קוואַל (לידער)
מאַטעס דייטש	יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד (עסיי)
יחיאל האָפּער	אַמאָל... (דערציילונגען)
שלמה וואַרזאַגער	זאַמד (ראָמאַן)
שפרה ווערבער	דמעתו של איציק (באַלאַדעס פאַר יוגנט)
ישעיה זאַנדבערג	דער שונא אין די מויערן (פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין בעלגיע)
דניאל טשאַרני	די וועלט איז קיילעכדיק — מיינע דאָקטוירים — טאָגבוך פון אָקופּירטן פּאַריז (בשותפות מיטן ציקאָ־פאַרלאַג)
ל. כאַנוקאָוו	קריזיס (ראָמאַן)
מאַני לייב	שירים ובלדות — לידער און באַלאַדן (יידיש־עברית)
מאַלאַשאַ מאַלי	צוויי וועלטן (דערציילונגען)
שמחה פּאָלאַקעוויטש	טעג אָן ליכט
משה פולאַווער	געווען איז אַ געטאָ (פון לאָדזשער געטאָ־לעבן)
פּעטערזייל־בוך	זיין לעבן — אָפּשאַצונגען און זכרונות. רעדאַגירט פון י. זרובבל
יעקב פרידמאַן	נפילים (דראַמאַטישע פּאָעמע)
איטה קאַליש	אַ רבישע היים אין אַמאָליקן פּוילן
מאיר קוטשינסקי	נוסח בראַזיל (דערציילונגען)
יאָסל צוקער	שריפטן (דערציילונגען)
י. ראַפּאָפּאָרט	מהות פון דיכטונג (עסייען, נאָטיצן, רעצענזיעס וועגן דיכטער און דיכטונג)
ישעיהו שפיגל	די בריק (ישראל־נאָוועלן)
ברוך שפינאָזאָ	ע ט י ק (איבערגעזעצט: ש. ווינער)

1964

רחל אויערבאַך	אין לאַנד ישראל (רעפּאָרטאַזשן, עסייען, דערציילונגען)
יצחק פאַנער	זון און שאָטן (ישראל־מאָטיוון)
י. פּאַפּיערניקאָוו	פון צוויטן בראשית (ישראל־לידער)
י. זרבבל	ביקור בבריה״מ המועצות (רשמים ופגישות)
ישראל קאַפּלאַן	שליאַך און אומוועג (דערציילונגען)